STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03634

# ERETS YISROEL

Sholem Asch

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום אש

# געקליבענע שריפטן

זיבעטער באנד

פארלאג „קולטור-ליגע“, ווארשע

שלום אַש

# ארץ ישראל

פֿאַרלאַג „קולטור-ליגע“, וואַרשע

Printed in Poland

קויפֿן און פֿאַרקויפֿן אין אַמעריקע פֿאַרבאָטן.

געדרוקט פֿון פֿריִער = צוגעגרייטע מאַטריצן

װאַרשע 1927 אין 1000 עקזעמפּלאַרן

Coprigth by Sholem Asch
NEW YORK 1921

SZ. ASZ — SZRIFTEN

Wyd. „Kultur-Liga", Warszawa 1927

Druk. „Di Welt", Warsz. Nowolipie 7

# ארץ ישראל

## אויפ'ן וועג קיין בית לחם.

אויף דעם וועג קיין בית־לחם איז געגאנגען א יונגע מיידעל. עס איז געוועזען שבת ביי־נאכט. פון א ווייט שטעדטעל אין גליל איז זי אנגעקומען און צו איהר קרובה קיין בית־לחם האט זי זיך געאיילט. אין ירושלים האט זי שבת געהאלטען. און גלייך מיט דער נאכט, ווי עס האבען זיך נאר די ערשטע ליכט אין די פענסטער פון די ירושלים'ער הייזער געוויזען, איז זי אליין אויפ'ן וועג ארויסגעגאנגען. דער וועג פון ירושלים קיין בית־לחם איז ניט ווייט, און זי האט גערעכענט אין איינעם מיט'ן מארגענשטערען, ווען דער ערשטער פאסטוך וועט זיין סטאדע שאף אין פעלד ארויספיהרען, וועט זי איהר קרובה'ס הויז דערגרייכען.

פאר גזלנים אויפ'ן וועג האט זי ניט געהאט וואס צו שרעקען זיך; דער וועג פון ירושלים קיין בית־לחם איז זעהר בעלעבט. דארט פיהרען די סוחרים אויף די קעמלען זייער תבואה פון דער רייכער בית־לחם'ער געגענד, פון די פעטע חברונ'ער גערטנער קיין ירושלים אויף דעם מארק, וואס געפינט זיך הינטער דעם בית־המקדש־מויער.

אויף דעם וועג קומען אלע גליל'ער און יריחו'ער זייערע קרבנות אין בית־המקדש צו ברענגען. אלע שלוחים, וואס דער ירושלים'ער סנהדרין שיקט ארויס איבער ארץ־ישראל און אין די גליל־פראווינצען, געהען איבער דיעזען וועג, און נאך הורדוס'ען, וועלכער האט די וועג־גזלנים אויסגעפאנגען, זיינען אין גאנץ יהודה די וועגען געוועזען רוהיג. איבריגענס, איז איהר גאנג געוועזען זעהר א וויכטיגער. אין ירושלים האט זי ניט געקענט בלייבען; זי האט ניט געהאט דארט קיין קרובים.

זי האט ניט געהאט קיינע גוטע פריינד. שבת האט זי זיך אויפגע־האלטען אין הויף פון בית־המקדש, האט זי דערזעהן א רייכע פרוי און האט זי צו קידוש השבת מיט זיך אהיים גענומען. זי האט זי אויך געוואלט פערהאלטען איבער נאכט, זי האט אבער ניט געוואלט. זי האט געפיהלט, אז די צייט קומט אן... און איהר קינד מוז דאך אין בית־לחם געבארען ווערען.

און דער וועג איז בעלויכטען געווען. עס איז געווען דער מולד פון חודש: צוויי שלוחים זיינען אנגעקומען פון א נאהענטען דארף און האבען עדות געזאגט, אז די לבנה האט זיך בעוויזען. און טאקע די זעלבע נאכט האט זיך די לבנה געזעהן אין דעם בית־המקדש הויף. האבען די סנהדרין שלוחים איבער די פראווינצען געשיקט, און מען האט טונען מיט סמאלע איבער די וועגען אויף די בערגער אנגעצונדען; פון איין בערג צום צווייטען האבען די ליכטיגע פלאמען איבער'ן וועג געלויכטען און צו וויסען געגעבען די אידען אין די דערפער און אין די שטעדט פון גאנץ יהודה, גליל און יריחו. און גאנץ ארץ ישראל האט נאך געוואוסט אין די זעלבע נאכט, אז אין ירושלים האבען די סנהדרין אנגענומען קידוש־החודש.

דאס מיידעל איז געגאנגען אונטער דיזער בעלייכטונג און א שטילע ערנסטע פרייד האט אנגעפילט איהר הארץ. זי איז געווען ווי אן איינגעשלאפענע בת־מלכה, וואס געהט אין חלום. זי האט ניט גע־וואוסט, אויב איהר קרובה אין בית־לחם, צו וועמען זי געהט יעצט, און וועמען זי האט נאך קיינמאל ניט געזעהן, צי זי וועט זי מקרב זיין אדער ניט; זי האט וועגען דעם ווי אין חלום געטראכט. די פלאמען פייער, וואס האבען געברענט אויף די בערג, און די גרויסע ליכטיגע שטערן, וואס האבען בעשאטען דעם גאנצען גרויסען ליכטיגען הימעל און האבען זיך געריבען איינער אן צווייטען, און זיינען גע־האנגען נאר אזוי ווי אראבצופאלען, אז עס האט זיך געדאכט, אז עס גיסט א רעגען פון שטערען פון הימעל אראב; און די יונגע לבנה, וואס האט זיך געבאדען און געשוואומען צווישען ליכטיגע בייטען, האט אלעס בעגאסען מיט אזוי פיעל ליכט און ברכה, אז די גאנצע וועלט, האט זיך געדאכט, באדט זיך אין ליכט און שטערען — דאס אלעס האט זעהר לייכט געמאכט איהר הארץ, און איהר איז גוט געווען, נאר דאס מיידעל, ווען עס פיהלט אין זיך די פרוכט, נאר די ערד,

ווען זי ציהט פון זיך דאס בליהעכץ ארויס, קען אזוי שטיל און רוהיג גליקליך זיין....

די גאנצע וועלט האט ווי מיטגעפיהלט איהר גליק. עס איז געווען סוף ווינטער אין ארץ־ישראל, אלע גריבער זיינען פול געווען מיט וואסער, די ערד האט זיך אנגעזאפט מיט וואסער און געהאט אין זיך דעם קארן פון גאט, און ווי א יונג, יונג ווייבעל, וואס פיהלט, אז זי וועט פון דעם זוימען א מוטער ווערען, האבען די פעלדער פון יהודה געהילט זיך אין די ליכטיגע וואלקען, און די לייכטע לעבעדיגע ערד־לייבען האבען ארייגעטרונקען אין זיך דאס ליכט פון די שטערען. די ערד האט זיך געשפאלטען און פון די שפאלטען זיינען פארעס ארויסגעגאנגען און די פארעס האבען זיך געוויקעלט ארום דער ערד. פון הימעל איז א ליכטיגער וואלקען־טוי געפאלען און האט זיך שווער געלעגט איבער בארג און טהאל, געקייקעלט זיך פון איין פלעק ערד צום צווייטען און די גאנצע ארץ־ישראל־ערד האט זיך אויסגעלעגט געגען דעם בעשטערענטען הימעל און האט געטרונקען מיט אן אפענעם מויל דאס שטערען־ליכט און דאס וואלקען־ליכט אין זיך אריין, און זי איז טראגעדיג געווארען פון דעם ליכט...

פון דערווייטענס האט זיך געהערט דאס קלינגען פון גלעקלאך, דאס האט א סוחר קעמלען, אנגעלאדען מיט סחורה, געפיהרט אויפ'ן וועג. און דער שווערער טריט פון די קעמלען, און דער קלאנג פון די גלעקלעך אויף די קעמלען־העלזער האבען דער ליכטיגער נאכט און דעם שטילען וועג אנגעזאגט: „מיר פיהרען סחורה, מיר פיהרען סחורה“. עס האט אויך געפינקעלט דאס ליכט פון די לאנטערנעס פון צוויי סנהדרין־שלוחים, וואס זיינען געגאנגען מיט א גט פון א מאן צו א ווייב למדינות הים.

עס האט זיך געהערט א פלינקער עזעל־טראט, בעגלייט מיט א דין תהלים־געזאנג; דאס האט א בית־לחם'ער בחור, וואס האט זיך שבת ביי זיין כלה אין ירושלים געהאלטען, צו זיין סטאדע שאף געאיילט, זיי אויף די בית־לחם'ער פעלדער צו פיהרען.

דאס מיידעל איז זיי אין דער שטיל נאכגעגאנגען, און האט פאר גליק יעדען פון זיי אין הארצען געבענשט. דער שווערער קעמלען־טראט, דאס לאנטערן־ליכט פון די גט־שלוחים, און דעם בחור'ס דינער קול האט זי צום לאכען געררייצט. איהר האט זיך געדאכט, אז די שטע־

דען פון הימעל שמייכלען צו זיי, און ווינשען זיי, ווי זי, א „גאט־בעד־גליק“ צו.

נאר באלד האט זי בעמערקט פון דערווייטען, ווי דאס ליכט פון די גט־שלוחים האט זיך אין מיטען וועג אבגעשטעלט, עס איז אויך דארט פערשטומט געווארען דאס שווערע קעמלען־טראט, און דעם בחור׳ס געזאנג. זי האט געוואוסט, אז דאס האבען זיי זיך אבגעשטעלט ביי דער מוטער רחל׳ס קבר, וואס איז דארטען אויפ׳ן וועג, א תחום־שבת פון בית־לחם, וואו יעדער פערבייגעהער שטעלט זיך אב. און א ציטערענדע פרייד האט דאס מיידעל אין גאנצען ארומגענומען. זי האט זיך געפיהלט, ווי זי וואלט היינטער א מאמע׳ס שוועל געשטאנען, וועלכע וועט זי ארייננעהמען צו זיך, בעהאלטען זי אונטער איהרע הענד, און וועט זיך אזוי־אזוי מיטפרעהען מיט איהר גליק. זי איז פון דערווייטענס אונטער א בוים שטעהן געבליבען, אבגעווארט ביז די אנדערע וועלען פערלאזען דער מאמע׳ס קבר, און זי וועט קענען מיט רחל׳ען אליין זיין. און באלד טאקע אין דער נאכט האבען זיך געהערט די טריט פון די קעמלען, דאס קלינגען פון די גלעקלעך, און דאס לאנטערן־ליכט האט ווידער אנגעהויבען צו פינקלען. דאן איז זי מיט שטילע טריט און מיט גרויס פרייד־ציטערניש צוגעלאפען, און איהרע הענד האבען א קאלטען שטיין געהאלזט און איהרע ליפען קאלטע ערד געקושט:

— מאמע! מאמע! מאמע!

זי האט דעם שטיין גארנישט גערארפט זאגען, זי האט געפיהלט, אז די מאמע רחל וויים פון אלעם; איהר האט זיך געראכט, ווי דער שטיין שטרעקט אויס זיינע הענד און דריקט זי צו זיך.

און זי האט איהרע ליפען און ברוסט אין שטיין איינגעגראבען און געמורמעלט:

„איך בין גליקליך, מאמע, איך בין גליקליך!“

זי האט געפיהלט, אז דער שטיין ליעבט זי, אז דער שטיין פרעהט זיך מיט איהר גליק. עס איז דאך דער מאמע רחל׳ס קבר. אויפ׳ן וועג האט מען זי בעגראבען, ניט מיט׳ן מאן אין דער מערת־המכפלה ליעגט זי; די איהריגע האבען זי אליין אויפ׳ן וועג געלאזט, שטעהט איהר שטיין פריי פאר אלע פערבייגעהענדע; צו אלע איז זי ווי די זון, ווי די ערד, ווי די וואסער; צו אלעמען געהערט זי, זי פרעהט זיך

מיט אלע מיט, זי טרויערט מיט אלע; זי איז דאך אונזער אלע־מענס מאמע.

און דאס מיידעל האט זיך בעהאלטען הינטער'ן שטיין, און האט פאר איהם איהר סוד פערטרויט, און האט צו איהם אזוי געזאגט:

— זעה, מאמע, דו פיהלסט דאך מיך, ביזט דאך אויך א מאמע געוועזן.... פון דער היים בין איך אוועק... ער האט געוואלט נעהמען אויף זיך אלעס... דעם וואגען האט ער פערקויפט, מיטגעגעבען מיר דאס געלד, נאכגעגאנגען מיר ביז כפר־נחום, און מיטגעוויינט, און זאגט אזוי: „א, זאל דיר גאט העלפען, און ווי עס וועט ניט זיין, קום צו מיר", און איז צוריק אהיים געגאנגען. געה איך קיין בית־לחם, צו דער מאמעס א שוועסטער. איך וויים נישט, ווי זי וועט מיר אויפנעהמען. איך האב זי נאך קיינמאל ניט געזעהען, נאר, מאמע, איך בין גליקליך.

און זי איז דארט ביים שטיין געזעסען א לאנגע צייט, ביז זי האט דעם שטיין אלעס פערטרויט

זי איז אויפגעשטאנען פון דארט מיט א גרינג הארץ און אריינ־געגאנגען קיין בית־לחם. דער וועג פיהרט דורך א לאנגען טהאל. און זעה, די שטערען פון הימעל, דאכט זיך, ווי זיי וואלטען זיך אראב־געלאזט און געלעגט זיך לאנג און ברייט איבער דער אויבערפלעך פון דער ערד. די טיעפע לאנגע פעלדער, וואס לאזען זיך טהאל־אראב פון ביידע זייטען וועג זיינען בעגאסען מיט אזא לייכט, אז דער מיידעל האט זיך געדאכט, אז זי געהט איבער א ברייטען לאנגען הימעל־וועג, וואו עס ציהען זיך ליכטיגע מילך־וועגען. און עס קומען צופליסען אהין און אהער ליכטיגע וואלקען־שטיקער. אויף די מילך־וועגען איבער די ליכטיגע פעלדער זיינען מלאכים געגאנגען

פון אלע פיער זייטען וועלט זיינען זיי אנגעקומען, אין גאלדענע קליידער זיינען זיי געגאנגען אנגעטהאן, און זייערע גאלדענע קרוינען האבען זיי אין זייערע הענד געהאלטען, און געגאנגען זיינען זיי איבער די ליכטיגע פעלדער און געבויגען זייערע קעפ פאר איהר, און גענייגט זייערע קרוינען צו איהרע פיס, און בעגלייט זי פון דערווייטענס מיט א שטיל געבעט קיין בית־לחם אריין. און אזוי פיעל מלאכים זיינען עס געוועזן! אויף אלע פעלדער, אין גאנצען טהאל האבען זיך די וועגען געצויגען; און אויף אלע וועגען זיינען די מלאכים געגאנגען, און נאך זיי זיינען אנדערע מלאכים אנגעקומען, און אלעם האט זיך אויסגעמישט

אין איינעם: די גאלדענע מלאכים־קליידער מיט די ליכטיגע הימעל־פעלדער און האבען זי מיטבעגלייט מיט פערשלאסענע ליפען און אפענע אויגען קיין בית־לחם אריין.

און די מאמע רחל איז פון איהר קבר ארויסגעגאנגען, אין ווייסע תכריכים אנגעטהאן און אין א ווייסען שלייער אויף איהר קאפ, און האט פון דערווייטען נאך איהר איהרע לאנגע בלייכע הענד נאכ־געשטרעקט: גאט זאל דיר ביישטעהן, מיין קינד! און דוד'ס שטאדט איז אין גאנצען בעגאסען געווארען מיט שטערן־ליכט ביי איהר אריינ־קומען. זעה, די הייזער ווי אלטע בכבוד'ע אורחים אין ווייסען זיינען געקומען אויף דער סעודה, וואס זי האט אנגעגרייט פאר זיי פאר איהר גליק. ארום און ארום האבען זיך אויסגעצויגען די טהאלען, אין וועלכע דוד האט זיינע שאף געפאשעט. און דאס יונגע מיידעל האט געזעהען דוד'ס מאמע, ווי זי שטעהט אויף דער שוועל פאר איהר טהיר. שמואל הנביא קומט אין שטאדט אריין מיט א קריגעל עהל און שופר און זוכט דעם משיח פון גאט, און אלע בכבוד'יגע געסט זיינען אין שטאדט געקומען עפעס צו א גרויסע, גרויסע חתונה... אברהם מיט שרה'ן קומען אן פון חרבון... און יעקב מיט רחל'ען זיינען אויך דא, און אזוי פיעל אידען, אלע נביאים... און משה רבינו שטעהט דארט אויפ'ן בארג סיני און האלט די תורה אין דער האנד, און דוד המלך מיט די מלאכים געהען איהר אנטקעגען און דאס פאלק ארום און ארום.... און ליכטיג איז אזוי, און די מלאכים, וואס זיינען איהר נאכגעגאנגען איבער די וועגען, האבען זי ענג ארומגערינגעלט און געגייגט זייערע קרוינען פאר איהר און ווייסע ליילעכער אויסגעשפרייט צו איהרע פיס.

---

ווי א גרויסער יום־טוב איז אויפגעגאנגען יענעם טאג דער מארגען־שטערען אין מזרח־זייט אין דעם טהאל פון בית־לחם, און האט גע־מאכט ציטערען זיין בלייך ליכט איבער די פעלדער פון דוד'ס שטאדט. פון דערווייטענס ווי א שטיל געבעט צום מארגענשטערען, האט זיך געהערט א קול פון א פאסטוך־פייפעל. דאס קול איז געקומען צו שווימען פון טוי־וואלקען און איז פערפאלען געווארען אין טוי־וואלקען, וואס האט ארום און ארום איבער די בית־לחמ'ער פעלדער געשוועבט. עס זיינען געווען די ערשטע פאסטוכער פון בית־לחם, וואס האבע

ארויסגעפיהרט זייערע סטאדעס אין די לאנקעס. מיט דעם שלאף אין די אויגען האבען זיי, ווי זייערע שעפסען, געקוקט תמ'עוואטע אין דער וועלט אריין, וואס, ווי ניי־געבוירען אבגעצוואגען אין טוי און וואלקען, האט זי זיך ארויסגעהילט פון דעם נאכט־שלייער און געווארעמט זיך געגען איבער דעם רויטען אויפגעהענדען מארגענשטערען. די פאס־טוכער, וואס האבען געפיהרט זייערע שעפסען פון טוי־וואלקען ארויס אין טוי־וואלקען אריין, האבען געהערט די שטילע פריידען־קרעכצען פון דער יונגער מיידעל, וואס איז געלעגען צווישען די גרעזער פאר דעם פערמאכטען הייזעל פון איהר קרובה. גאר ניט פרעגענדיג זי, האבען די גוטע פאסטוכער די יונגע מאמע אויפגעהויבען און אריינ־געטראגען אין דעם נאהענטסטען פאסטוך־ביידעל, וואס איז דארט געווען, האבען צו איהר אין ביידעל אריינגעלאזט א פאר שעפסען און קעלבער, אז זיי זאלען מיט זייער וואל און לעבענס־אטהעם דער־ווארעמען די יונגע מאמע פון נאכט־קעלט. אט האט איינער טרוקענע צווייגען צוזאמענגענומען, און א פייערל האט געברענט: אט מעלקט א צווייטער א יונגע ציעג, דאס הארץ פון דער יונגער מאמע צו דער־קוויקען, און צווישען די שעפסען און קעלבער שפרייט די יונגע ווערענדע מאמע — איהר פנים איינגעהילט אין וואלקען פון פרייד און צער — איהרע הענד און בריסטען אויס, ברייט איבערצוגעבען איהר גליק א מתנה דער וועלט....

און זעה, איבער די פעלדער פון בית־לחם האבען זיך די מלאכים אין זייערע גאלדענע קליידער, ווי די זאנגען אויף דער ערד אויסגעלעגט, און קלאפען זייערע שטערענס אן דער ערד, און נייגען זייערע קרוינען צום פאסטוך־ביידעל, און דער יונגער, נייער געבוירענער מארגענ־שטערען, וואס באדט זיך וואלקען־איין, וואלקען־אויס, מאכט ציטערען זיין ליכט איבער די מלאכים קרוינען. און די שטערען פאלען פון הימעל אראב. און גאט איז אריינגעגאנגען אין זיין בעהאלטענעם ווינ־קעל, האט זיך דאס פנים אין די הענד בעהאלטען, און טהוט אויס זיין רחמים קלייד און ווארפט עס איבער דער ערד. די ווינטען זיינען איבער דער ערד שטיל געווארען, די גרויסע וועלען האבען זיך אין די ברייטע ימים אבגעשטעלט. די שיפען זיינען אין מיטען ים שטעהן גע־בליבען, און א גרויס, גרוים שטילקייט איז געווארען איבער דער טרי־קעניש און איבער'ן וואסער.

.1

# אין טבריא.

עס זיינען געזעסען די ווייבער אין א פארנאכט אין דעם שטילען מארק פון שטעדטעל טבריא, וואס איז אין גליל, פאר די טהירען פון זייערע ערדישע הייזלאך און האבען אין די קליינע פייערלעך, וואס האבען זיך אונטער ערדישע טעפ געברענט, טרוקענע שטיקלעך צווייגלעך אונטערגעלעגט, און האבען די וועטשערע אבגעקאכט פאר זייערע מענער. פאר יעדע טהיר זיינען אזעלכע קליינע, אבער געדיכטע וואלקענדלעך רויך אויפגעגאנגען פון די ברענענדע פייערלעך, און די ווייבער האבען צווישען זיך גערעדט וועגען די צוויי נשמות, וואס מען הערט יעדע נאכט צווישען זיך רעדען צווישען צוויי מצבות אויפ'ן בית־עולם. די זון איז אונטערגעגאנגען ווייט הינטער'ן שטעדטעל אויפ'ן וועג קיין צפת, און איבער'ן מארק האט זיך דער הימעל איבערגעצויגען א מאטער, אנ'אבגעקיהלטער פון א גאנצען טאג פארימען און ווארימען, נאר דא און דארט בעשוואומען און פערפלייצט מיט שטיקער אבגעריסענע ליכטיגע וואלקענדלאך. דער פאר־נאכט, וואס איז אנגעקומען אין שטעדטיל אריין, ווי א ליעבער אלטער בעקאנטער „אורח", ווי א מנחה־דאווענען, האט אין זיינע פאלעם נאכט־רוה און ווינדיגע קיהלהייט מיט זיך אין שטעדטעל מיטגעבראכט. און נאך צוליעב איהם זיינען די איינוואהנער פון שטעדטעל, וואס האבען זיך פאר זונס־שטראהלען אין די שטיבער אונטער די לייוועגדע געצעלטען בעהאלטען, אויף די וועלט־שיין ארויסגעקומען אבקיהלען זיך. די ערד פון נצרת, וואס האט געשמאכט שוין זייט איניגע וואכען נאך א טראפען רעגען, האט זיך, ווי א קראנקע, אויסגעצויגען געגען דעם אבגעקיהלטען זונען־אונטערגאנג, אביסעל איינצודרעמלען פון שוואכקייט.

ווארום קיין רעגען איז נישט געווען אין די געגענד פון טבריא. די פעלדער זיינען געווען אויסגעטריקענט, קיין טוי־וואלקען האט זיי ביי־נאכט נישט אנגעטרענקט און קיין ראסע האט זיי פון שלאף געוועקט. נאר אזוי ווי זיי זיינען פערשמאכטערהייד ביי זונען־אונטערגאנג איינגעדרעמעלט געווארען, אזוי האבען זיי זיך פערשמאכטערהייד

צו זונען־אויפגאנג געוועקט. די גרעזער זיינען פערברענט געווען, די איילבירטען בוימער פערדארט, אויפגעגעסען פון קארזש, און די גאנצע געגענד האט געשמאכט נאך א נאסען טראפּ. די פּאָאר ברינען, וואס האבען זיך געפונען אין רשות־היחיד ביי איינצעלנע נדיבים, זיינען שוין לאנג געווארען א רשות הכלל און פון די סנהדרין זיינען צוויי ממונים געווארען געזעצט, אז מען זאל מעסטען דאס וואסער און אויס־טיילען לויט נפש. צוויי מאל גוזר תענית געווען, און די זקני עדה פון טבריא האבען צוויי שלוחים געשיקט צום תנא, וואס איז געווען א בועל אין בן־אליעזר'ס פעלדער, אז ער זאל מתפלל זיין אויף רעגען. נאר יעדעס מאל, ווען די שלוחים זיינען צו איהם געקומען, איז ער אנ־טלאפען פון זיי און בעהאלטען זיך אין א הייל, כדי אידען זאלען בע־סער ווערען, און מען האט איהם נישט געקענט געפינען.

זיינען געזעסען די ווייבער פאר די טהירען פון זייערע שטיבלאך און צורעכט געמאכט דאס עסען פאר זייערע מענער. די לומדי־תורה זיינען אין בית־הכנסת געווען פערזאמעלט, וואו זיי האבען גע־הערט דעם תנא, וואס איז געקומען פון די פומבדיתא'ר ישיבה, און האט נאך־געזאגט א הלכה פון זיין רבי'ן אין דער בבל'ער ישיבה. די פועלים זיינען פון די פעלדער אהיים געקומען מיט די קריגלאך און בינדלאך האלץ אויף די אקסלען. א אורח מיט זיין ווייב, און קעמלען און אייזלען איז אין שטאדט אנגעקומען, קומט אן פון צפת, וואו ער האט זיך זיין ווייב מקדש געווען, און פיהרט זי זיך אהיים צו זיין מאמעס שטוב אין כפור־נחום. אבגעשטעלט זיך אין מיטען מארק איבער נאכט אונטער זיין לייוועגד־געצעלט, איז באלד אנגעקומען א נדיב און האט איהם געבעטען, אז ער זאל איהם אנטהאן דעם כבוד, און קומען אונטער דעם באלקען פון זיין שטוב און זיך די הענד און פיס וואשען, און עסען פון זיין ברויט, און טרינקען פון זיין וואסער, אונטער זיין באלקען נעכטיגען, און ביי זונען־אויפגאנג ווייטער זיין וועג געהן. די טעכטער פון לאנד זיינען מיט די קריגען אויף די אקסלען צו די ברינען פון די נדיבים געגאנגען אהיים צו ברענגען דאס מאס וואסער, וואס די ממונים האבען צוטיילט לויט נפש.

צווישען די ווייבער, אין דעם שטילען פאר־נאכט אין מארק פון שטערטעל טבריא, איז אויך געזעסען בת־שבע מיט איחר שכנת'טע אלישבע און האבען טרוקענע צווייגלאך אונטער זייערע פייערלאך

אונטערגעלעגט, און געשמועסט מכוח דעם. וואס די בהמות לעבצען נאך א טראפ וואסער און עס איז גרויס רחמנות אויסצוהערען זייער ברומען, וואס איז, נעבאך, ווי א מענשענ׳ס טרעהרען. הלל בת־שבע׳ס מאן איז נישט געווען, דער וואגען, אין מיטען ארבייטען, מיט זיין האס און בייל איז נאך געלעגען פאר דער טהיר, אליין איז ער געגאנגען אין תלמוד־תורה אריין, וואו די שטאדט׳ס קינדער האבען געלערענט, ווי דער מנהג איז ביי אידען אין חדר צו טראגען און פון חדר איהם צו ברענגען אין א טלית געהילט דעם זעקס־יעהריגען ישמעאל, וואס האט געלערענט אין איינעם מיט אנדערע קינדער אין דער שטאדט׳ס תלמוד־תורה.

דערווייל האט זיך די נאכט וואס מעהר צוגערוקט. שוין דא און דארט האבען זיך געוויזען ליכטלאך פון די פענסטער. מיט אמאל איז אנגעקומען א געלויף פון קינדער, וואס האבען ארומגערינגעלט א הויכען, דארען, אלטען מאן מיט לאנגע גרויע האר און גרויע בארד, וועלכער איז אנגעקומען פון פעלד מיט א פאר שפענער אויף די פלייצעס און אן אייזען אין האנד. די קינדער האבען דעם מאן ארומגערינגעלט, אויסגעשטרעקט צו איהם זייערע דינע לאנגע הענטלאך, אנגעכאפט איהם ביים זאק, ביים טלית, וואס ער האט געטראגען, און געבעטען זיך: „טאטע, טאטע, גיב אונז רעגען“ — „אבא, אבא, הב לנו מיטרא“ — דאס איז טאקע געווען דער תנא, וועלכע די זקני עדה האבען געשיקט צו איהם, ער זאל בעטען אויף רעגען. די קינדער, אהיים געהענדיג פון חדר, האבען איהם דערזעהען — האבען זיי איהם פאר זייערע עלטערען רעגען געבעטען. אנגעקומען איז אויך הלל, דער מאן פון בת־שבע מיט דעם קליינעם ישמעאל. איינגעוויקעלט אין טלית, האט ער איהם געטראגען פון חדר אהיים אויף די פלייצעס. דער קליינער ישמעאל האט נאך די קינדער זיינע צוויי דינע הענטלאך צו תנא אויסגעשטרעקט, און זיין לענגליך שוואך פנים׳על, וואס האט גלייך ארויסגעקוקט פון טלית און זיינע צוויי גרויסע שווארצע אויגען, וואס האבען זיך געדאכט, אז זיי קאליטשען זיך צווישען די ביינער, וואס זיינען מיט א טונקעלע דינע הויט געווען בעצויגען — האבען אויסגעדריקט אזא בקשה, אז דער תנא האט בעמערקט, דאס אינגעל איז צו איהם צוגעגאנגען אין דער נאהנט, און האט זיך אנגערופען צו איהם:

— אינגעל, אינגעל, זאג מיר דיין פסוק, וואס דו האסט היינט געלערענט אין חדר?

— עשה למען תנוקות של בית־רבן, — האט איהם דער אינגעל אבגעענטפערט.

באלד דערויף האט דער אלטער תנא זיינע בלייכע ביינענדיגע הענד צום הימעל אויפגעהויבען, זיין הויכען שטערן געקנייטשט, זיינע אויגען צום הימעל געווענדעט. און ווייזענדיג אויף די קליינע קינדער, וואס האבען איהם ארומגערינגעלט, האבען זיינע ליפען א קליינע תפילה געבעטען:

— טאטע, טאטע, אז דו ווילסט עס נישט טהאן פאר די גרויסע, טהו עס פאר זיי, פאר דיינע הייליגע שעפסעלאך — וואס ריהמען דיין נאמען מיט די מוטער'ס מילך, — פאר זייערט וועגען טהו עס, פאטער, און זעה. טאקע באלד אויף דעם האט זיך דער הימעל אין א וואלקען פערכמארעט. אנגעלאדענטע מיט הימעל־שפע, זיינען זיי ווי גוטע ליעבע אורחים אויפ'ן הימעל איבער'ן שטעדטעל אנגעקומען. אין דעם שטח האט זיך געטראגען א פייכטע לופט, וואס האט געשמעקט פון גרעזער און בליעכטס, און א שטילע, ליעבע שרעק איז געפאלען איבער'ן שטעדטעל. די הייזלאך האבען זיך אנגעהויבען צו טוליען און טוקען זיך אין גרעזער, אין גרינס. א ווינד האט געבלאזען צווישען די בוימער, און די בלעטער האבען געציטערט, געקלאפט איינס אין צווייטע און אדורך געבאדען זיך אין ווינד, גרייט צו זיין דעם רעגען־טראפען אין זיך איינצוטרינקען. די ערד האט זיך געשפאלטען, ברייטע מיילער געעפענט, און לאנג זיך אויפגעצויגען, — בעהאלטען זיך אין די ווינקלען און טונקעלהייט. די פויגלעך האבען זיך צווישען די צווייגען בעהאלטען, און א ווינד איז איינמאל און נאך אמאל איבער דער וועלט דורכגעגאנ־גען, ווי עפעס אנזאגענדיג, האט די וועלט צוערשט דורכגעבלאזען. טובל געווען, אז זי זאל ריין זיין גאט'ס שפע מקבל צו זיין... די מאמע האט די קינדער אין שטוב איינגעזאמעלט, דאס פית האט מען אונטער'ן דאך געבראכט. און די בארות און די גראבען אויפגעדעקט, דאס רעגען־וואסער, גאט'ס שפע איינצוזאמלען, די כלים הינטער די רינעם גע־שטעלט. און אנגעגרייט זיך מיט א דאנק און לויב פאר א השם־יתברך, וואס ער האט זיין נס בעוויזען און שיקט זיך א רעגען אין צייט פון זונען און היטץ. אויף מזרח־זייט האט זיך דער הימעל געחמארעט. מיט א שווארצע וואלקען געווארען בעדעקט — און דער מענש און די

בהמה, ווי דאס געוואקסענע האט מיט האפנונג און ליעב — צו דעם טריפענדיגען וואלפען געקוקט, ווי ער נעהנט זיך צו זיי...

---

.2

## די בכורים.

אין דער שטוב ביים טיש צו נאכט־עסען, זיינען געזעסען הלל, די שכנת'ע אלישבע מיט איהר אלטע מוטער, און בת־שבע האט זיי בעדיענט און דערלאנגט צום טיש. דער קליינער ישמעאל מיט זיין עלטערען חבר חנן זיינען ביידע געזעסען פערטהאן, אין א ווינקעל האבען זיי דעם פאטער'ס האק און בייל דערפאקט און האבען זיך א וואגען געמאכט. אין דרויסען האט נאך דער רעגען געגאסען און די טראפען האבען גערונען אויף די שויבען. אין דער שטוב האט זיך געלויכטען דאס בוימאייל־לעמפעל און נאר בעלויכטען דאס ווינקעל טיש, אויף וועלכען דאס עסען איז געשטאנען. די עלטערע פון שטוב זיינען געווען עפעס פערטהאן אין א ערנסט געשפרעך. די מוטער האט געקוקט אויף איהר קינד און געזאגט:

— עס זעהט אויס, ווי דאס שפעלע, וואס וועט פאר איהם א קרבן ווערען.

די אלטע באבע, קוקענדיג אויף דעם שפיעלענדען קינד, האט צוגעלעגט:

— א רחמנות נעבעך דערויף, אין א זעלכע היטצען אזא לאנגע נסיעה צו מאכען.

נאר הלל האט געמיינט:

— צו א מצוה־זאך ווערט מען ניט ניזוק.

נאכ'ן עסען איז דער פאטער ארויף אויפ'ן בוידעם, אראבגענומען די קערב מיט די פירות, וועלכע זיינען אנגעגרייט געווען אויף בכורים. יעדע פרי, יעדע מילגרוים, יעדעם הייגנעל וויינטרויבען איז געווען ארומגעדרעהט מיט גראז, וואס נאך ביים פארטיג ווערען אויפ'ן בוים, אז דער בעל־הבית האט דערזעהען א שעהנע פרי, האט ער זי בעשטימט פאר בכורים. פאר גאט צו ברענגען קיין ירושלים און ווייזען פאר איהם

אין בית־המקדש, וואס פאר א פירות ער האט איהם געשאנקען.
אלישבע האט זיך גענומען די פירות אין די קערב, און גראד גלייך צו לעגען, אז זיי זאלען אויפ׳ן וועג נישט צוהאקט ווערען. הלל, וויי־זענדיג די שטוב־מענשען, האט זיך געפרעהט:
— אזעלכע פירות, ווי היי־יאהר, האט נאך אונזער גארטען נישט ארויסגעגעבען. אין גאנץ ירושלים וועט מען זיך פערוואונדערען.
די אלטע באבע האט נישט פערגעסען דערביי גאט צו לויבען:
— געלויבט זאל זיין נאמען זיין און געבענשט. ווינטער נישט דארפען צו זארגען.
די בעל־הבית׳טע איז ביים שטוב־קאסטען געווען פערנומען.
די קינדער האבען פון דערוויטענס געהערט, אז דא רעדט מען פון קיין ירושלים געהען, און ווי א בליץ האבען זיי דעם וואגען געלאזט שטעהען און צום שמועס איינגעהארכט זיך.
נישט איינמאל זיינען זיי געשטאנען פאר א חברותא און געקוקט מיט גרויס קנאה אויף זייערע קליינע חברים, די בכורים, וואס אנ־האלטענדיג זיך ביי די שעפסעלאך, וואס מען פיהרט פיר זיי מקריב צו זיין, האבען זיך געפרעהט, אז זיי געהען מיט קיין ירושלים. נישט איינמאל האבען זיי אויסגעהערט מיט אפענע אויגען און אויערען די מעשיות פון זייערע חברים אין חדר, וואס זיינען מיט זייערע מוטערס מיטגעווען עולת־רגל זיין, פון ירושלים, פון בית־המקדש.
ישמעאל איז געווען א בכור. ער האט געוואוסט, נישט איינמאל האט ער געהערט, אז מען וועט מיט איהם געהען קיין ירושלים, אויס־לעזען איהם פאר גאט און מקריב זיין א כפרה פאר איהם דאס קליינע שעפסעל, וואס איז ביי זיי אין שטאל. און ער האט מיט קינדערשע זעהנזוכט געווארט אויף דעם גרויסען יום־טוב, ווען ער וועט שטעהען אנגעטהאן אין זיין נייע העמדעל, ביי זיין שעפסעל אין א חברותא פאר זייער הויז, געהענדיג קיין ירושלים.
און חנן מאכט צו איהם אזוי:
— דו הערסט, מארגען וויל די מאמע מיט דיך נאך ירושלים געהען.
ווי א בליץ איז דער קליינער ישמעאל שוין געווען ביי די מוטער, אנגעכאפט זי פאר די הענד, פאר׳ן שירץ און מיט קינדישע פרייד

האט ער מעהר מיט'ן ליכטיגען פנים'ל, מיט די שווארץ־שטראהלענדע אויגען, מיט די אויסגעשטרעקטע הענטלעך געזאגט, איידער מיט די ליפען:

— א יא מאמע, מארגען, מארגען, וואו איז מיין העמדעל? מיין העמדעל! און האט דערפאקט פון קאסטען ארויס זיין שבת־העמדעל.

— נא, מאמע, טהו אן, קום, לאז מען שוין געהען — האט ער די מוטער געצופט פאר'ן ארבעל.

די יונגע מאמע האט געשמייכעלט, קוים דעם קינד דאס העמדעל פון האנד ארויסגענומען, עס אין קאסטען צוריק אריינגעלעגט.

— נאריש קינד, מען געהט נאך נישט יעצט.

דערווייל איז דער יונג חנן ארויס אין שטאהל, וואס איז געווען טהיר אין טהיר מיט דער שטוב, און אריינגעבראכט א יונג שעפסעלע, וואס איינגעוויקעלט אין רעגען, האט עס, ווי א יונג קינד, געציטערט און ווי זיין הערה, וואס ער געהט פאר איהם א כפרה ווערען. האט עס זיך נאאיוו אין שטוב ארומגעקוקט און זיך, זעהט אויס, מיטגעפרעהט, וואס ער געהט מיט מארגען קיין ירושלים. דאס קליינע אינגעל האט זיין פנים'ל אין די נאסע וואל פון זיין כפרה אריינגעלעגט, עס ביי זיין האלז ארומגענומען, און דערמיט זיך, ווי מיט א חבר געפרעהט, וואס וועלען אינאיינעם נאך ירושלים צום בית־המקדש געהען.

אין שטוב האט די אויל־לאמפ טונקעל געלויכטען; דער רעגען האט אין די פענסטער געקלאפט און שווארץ און נאס אין שטיב'ל אריינגעקוקט; דאס שעפסעל, וואס האט אין זיין וואל געהאט דעם סוד פון נאכט־רעגען אין דרויסען, האט זיך א'ינגעקארטשעט און שטיל געשטאנען און אין זיך דעם קינד'ס פנים'ל מיט שטיל־שווייגען אריינ־גענומען; דער פאטער מיט חנן זיינען פון שטוב ארויס דעם קארב פון בוידעם אראבצונעהמען; די מאמע האט דעם אינגעל דאס העמדעל ארויסגענומען, צו רעכט געמאכט, אין בית־המקדש אריין, פאר גאט אין ריינע וועש צו קומען; אלישבע האט פון בלומען און בלעטער א קראנץ געפלאכטען, דאס קרבן צו בעפוצען, ווען דאס וועט קיין ירושלים אריינקומען. אזוי זיינען אלע מיט די רייזע געווען פערנומען און איבערגעלאזט דעם קליינעם ישמעאל מיט זיין קרבן אין א טונקעל ווינקעל שטוב, שפיעלענדיג זיך אין חברים.

און דעם קליינעם אינגעל איז טרויעריג געווארען. ער האט אויף זיין חבר געקוקט, אנגעטאפט איהם דעם האלז, און א טרויעריג געפיהל האט זיין הערצעל אין דער שטיל ארומגענומען. יעדער בכור געהערט צו גאט, און ער געהערט אויך צו גאט. נאר פאר איהם פערברענט מען פאר גאט א שעפסעל. און דאס איז זיין קרבן, דאס שעפסעלע דאס, ער איז עס, פאר גאט, פאר איהם וועט ער פערברענט ווערען. און עס שווייגט דאס שעפסעלע און לעקט איהם אין דער שטיל די הענד. זיין קרבן איז עס... און נישט געוואוסט אליין פאר וואס, האט ער צו וויינען אנגעהויבען. שטיל האט דאס אידישע אינגעל אריינגעוויינט אויף דעם האלז פון זיין קרבן, קיינער זאל נישט זעהען, קיינער זאל נישט וויסען.

און עס איז שוין שפעט געווען. נאס האט די נאכט דורך די קליינע לעכעל אין שטיבעל אריינגעקוקט. די מוטער אליין האט נאך די לעצטע זאכען צוזאמען אין קארב איינגעפאקט צו די נסיעה, אז זי האט אין ווינקעל אויף איהר קינד געקוקט און האט איהם געזעהן, ווי ער מיט'ן שעפסעל, זיין קרבן, ארומגענומען ביים האלז ליגען ביידע אויס־געצויגען אויף דער ערד און שלאפען ביידע אין דער שטיל, ווי זיי וואל־טען ביידע אין איין סוד געווען פערטרויעט. ער ווי זיין קרבן דאס שעפסעל, אויסגעצויגען די הענטלאך און די פיסלאך ליעגט עס דא ברייט און גרייט. און נישט וויסענדיג אליין פאר וואס און פאר ווען, איז איהר זעהר טרויעריג אויפ'ן הארץ געווארען, אבער דאך האט א שטילע רוהיגע פרייד איהר ברוסט ערפילט: ער ווי דאס שעפסעל א קרבן פאר גאט.

## 3.

## עולי־רגל זיין.

צו מארגענס מיט בעגינען האט זיך די משפחה פערטיג געמאכט אין וועג אריין. דער פאטער האט די לעצטע קארב פון בוידעם אראב־גענומען, די מוטער האט דעם קליינעם ישמעאל טיכער אויף די פיס ארומגעבונדען, אז זיי זאלען זיך אן שטיינער נישט צוקלאפען. פאר די

זון איהם א טוך אויפ'ן קאפּ אנגטהאן. אלישבע האט די לעצטע זאכען איינצופּאקען. דער יונג הנן האט אין דאס בלומען בעפּוצטע קאלב אויף די גאס ארויסגעפיהרט, אלעס איז צום וועג פערטיג געווען. און אז די שכנים האבען אין די פענסטער אריינגעקלאפּט: „זייט איהר גרייט?“ האבען זיי די שטוב פערלאזט, אויף דער גאס ארויסגעקומען.

אין קלייגעם מארק פון דער שטאדט טבריא זיינען שויז געווען פערזאמעלט די אלע אידען, וואס האבען דאס יאהר עולי־רגל געווען. ביי יעדער משפחה, וואס האט געהאט נעבען זיך אין בלומען און קרענץ איהר פערפּוצטען קרבן שטעהען, האבען זיך די איניגע צונויפגענומען זיי צו בעגלייטען. אויפגעמישט קינדער מיט שטראהלען פרעהליכע פּנים'לעך מיט בעפּוצטע קעלבער, שעפּסען האבען די פאטערס זייערע בכורים אין גרין בעפּוצטע קערב געטראגען אויף די אקסלען.

פעט איז געווען די גליל'שע ערד און פרוכטבארער פון אלע אנדערע טהיילען אין ארץ־ישראל. מעהרסטען אין טהאל גרינע פעלדער, בערייכט אין פיעלע קוואלען וואסער, בעשאטען אין גרינע געדיכטע וועלדער האט זיך דאס אין האניג און אין מילך געבאדענע לאנד אויסגעצויגען פון הינטער דעם לבנון־בארג אן אזש וויט נאך די ברעגען פון ירדן. ביי נאכט זיינען די געדיכטע טוי־וואלקען פון די טייכען אויפגעגאנגען און ווי א חתן־דעק צוגעדעקט און אין זיך בעהאלטען די פעטע פעלדער און האבען זיי אנגעטרונקען מיט לעבען צום מארגענדיגען זונען־אויפגאנג.

און פראסט איז געווען דער איד, וואס האט געוואהנט אויף די גליל'שע ערד ווי די פאלמע און דער ציפּרים־בוים, וואס אויף זיין פעלד. געלעבט פון זיין אקער און שניט האט ער נאר גאט געקענט פון פעלד, אין וועלכען ער האט געארבייט. האט ער זיך בעצויגען צו איהם פראסט און אפענהארציג, ווי צו עפּעס אזעלכעס, וואס מען קען דערצו צוקומען: איז ער גוט און פרום—טהוט איהם גאט גוטס, היט איהם זיין הויזגעזינד אב, זיין פיה אב פון יעדע פלאג, בענשט די פעלדער מיט רעגען און השפעה! איז ער שלעכט צו גאט—טהוט איהם גאט שלעכטס.

יעדע מינוט קען ער צוקומען צו גאט און אין אלעס זעהט מען

גאָטס האַנד, גאָטס וואונדער. אַז דער הימעל איז בעלעגט און אַ וואָלקען רוקט זיך אָן, בעגיסט די ערד מיט רעגען, דאָס איז גאָט'ס ברכה, פון זיין האַנד געשיקט.

פאַר ירושלים האָבען זיי מורא געהאַט. נאָר דאָרט איז דאָס בית־המקדש, דאָרט איז גאָט'ס טויער, וואו אַלע תפילות קומען אָן, און אַלע קרבנות ווערען דאָרט פאַר גאָט פערברענט. דאָרט זיצט דאָס סנהדרין, דער כהן־גדול, וואָס שטעהען זעהר נאָהענט צו גאָט. פון דאָרט, פון ירושלים, גיט מען זיי וויסען, דורך צוויי שלוחים אָדער דורך פאַקעלען פייער, ווען עס איז ראש־חדש, ווען זיי זאָלען יום־טוב מאַכען.

נאָר אין ירושלים צו גאָט צו צוקומען איז זעהר שווער, אַזוי פיעל כהנים און גבאים און נגידים און סנהדרין זיינען דאָ, וואָס שטעהען נאָהענט נעבען גאָט, נאָהענטע צום בית־המקדש, און נאָך נעהנטערע, און נאָך נעהנטער—און ווי קומען זיי, גליל'ער, וואָס זיינען אַזוי ווייט פון ירושלים, און וואָס קומען איינמאָל אין יאָהר צו קרבן־פסח, אָדער צוויי מאָל אין יאָהר בכורים צו ברענגען, צו גאָט צו צוקומען.

אין ירושלים האָט מען זיך מיט זיי געשעמט, מען האָט זיי געהאַלטען פאַר נידריגע בעלי־בתים, פאַר גראָבע יונגען, וואָס קענען נישט גוט לייענען אין די הייליגע ספרים, און וואָס מען טאָר פאַר זיי קיין טאָכטער נישט געבען צום מאַן. גראָב און אונבעוועגליך אין אויפנאַהם אין געזעלשאַפט — האָט מען זיי צו קיין בעסערע געזעלשאַפט נישט צוגעלאָזט, פאַר דעם גלאַנץ פון פראַכט פון בית־המקדש בעוואָרפען מיט פעראַכטעטע בליקען פון די פיינע איידעלע ירושלים'ער געזעלשאַפט, וואָס אַריינקומענדיג אין הויף פון בית־המקדש אין זייערע טהייערע זיידענע העמדער, געזאַלבט דאָס לייב מיט בשמים און געווירצען, אויסגעהאַנגען מיט ציערונג און פראַכט, בעגעגנענדיג אַ גליל'ער, האָבען זיי זיך אָבגערוקט פאַר זיינע גראָבע קליידער, האָבען זיי זיך די מיילער, די נעזער פערשטעלט, נישט צו פערנעהמען דעם גערוך פון זייערע צוהיצטע לייבער. אויסגעלאַכט פון די ירושלים'ער דורך זייער גראָבער פערגרייזטער שפּראַך, פערפּרעמדעט פון די כהנים, האָבען זיך די גליל'ער אין איינעם געהאַלטען אין די גרויסע שטאָדט, מורא געהאַט ווי זיך אָבצושיידען איינער פון צווייטען אין דער גרויסער פרעמדער שטאָדט, האָבען זיי זיך אין איינעם געהאַלטען

פון דעם ערשטען ארויסטריט פון דער היים ביז זייער צוריקקומען, אין איינעם געגעכטיגט אין די שלמה'שע קעלערען, וואס זיינען הינטערען בית־המקדש אין איינעם זייערע קרבנות געבראכט.

נאר טהייל מאל, ווען די נאכט האט זיך אויסגעשפרייט איבער די ברייט און לענג פון דעם גליל'שען הימעל און געדיכטע וואלקען זיינען פון די וואסערען אויסגעשטיגען און האבען בעלעגט די פעלדער — האט זיך טהייל מאל א גליל'ער געדאכט, אז גאט איז דאך נאהענט צו אלע און צו יעדען, וואס וויל צו איהם צוקומען. זיי האט זיך גע־דאכט, אז גאט האט זיך פון דעם פראכטיגען און שעהנעם בית־המקדש, וואס אין ירושלים, ארויסגע'גנב'עט, איבערגעלאזט די כהנים מיט די גבאים און שומרים, און אויסגעטהאן זיין מאנטעל האט ער זיך איבער די גליל'שע ערד אויסגעצויגען...

---

און ווען די קינדער, וואס זיינען אין איינעם מיט די עלטערען קיין ירושלים אויפגעגאנגען, האבען זיך מיט אנאנדער געפרעהט, מיט קינדישע, פון פרייד שטראהלענדע פנים'לעך האט איינס צום צווייטען זייערע קעלבלעך און שעפסלעך געוויזען, וועלכע געהען מיט אויף קרבנות מקריב צו זיין, האבען די עלטערע צווישען זיך מכח זייערע בכורים גערעדט, וועגען דעם היי־יאהריגען שניט, געוויזען די פירות, וואס זיי ברענגען אויף. די ווייבער האבען צווישען זיך קופקעלעך געמאכט, וועלכע זאלען אין איינעם אויפגעהען. די משאות האט מען אויף די קעמלען אנגעלאדען — די פיה האט מען צו צוויי פון דער עדה איבערגעגעבען, אז זיי זאלען זיי אין איינעם טרייבען. און עס האבען זיך אויפגעזוכט בעקאנטע מיט בעקאנטע, קרובים מיט קרובים — אבגעשמועסט, אז זיי זאלען זיך אויפ'ן וועג האלטען. דא און דארט האט מען זיך מיט די איבערגע־בליבענע געזעגענט אנגעזאגט און אנגעזאגט, די טהירען צו פער־מאכען, דאס פיה צו היטען, די שייערען צו פערשליסען. קוה, אקסען האבען געשריהען, קינדער האבען געלאכט, מענער־שטימען האבען אין מארק צום הימעל גערופען. און דער גאנצער מארק, באדענדיג זיך אין דער פרישער קיהלער פריהמארגענדיגער זון, האט זיך געגרינט פון די עהלבירטען־קרענץ, וואס זיינען אויף די הערנער פון די קרבנות, געווייסט פון די ווייסע מאנטלען, וואס זיינען אויף די

אירען, דערפרעהט מיט קינדישע, לאכענדע קולות, און בעהיימישט פון די מענליכע קולות און ווייבערישע געשמועסען — האט זיך דאס אין איינעם אין איין פרעהליכער, הארמאנישער מארגען־מוזיק אויסגע־מישט און געשיינט, און געשטראהלט, ווי די מארגענדיגע זון.

באלד זענען אנגעקומען די זקנים פון דער שטאדט, קינדער זיינען פאראויס פאר זיי געגאנגען און מיט לולבים פאר זיי געשא־קעלט און געזונגען פסוקים פון תהלים... די זקנים האבען די עולי־רגל'דיגע געבענשט, און אזוי מיט די זינגענדיגע קינדער פאראויס פאר זיי האבען זיי די עדה אויפ'ן וועג ארויסגעפיהרט.

דער וועג איז געווען פריש פון נעכטיגען רעגען. די פייכטע ערד האט ערשט אנגעהויבען צו טריקענען הינטער די שטראהלענדיגע זון, און די נאסע, אין טוי בעטרערענדע בלעטער, צווייגען, האבען גע־טריקענט אין די שטראהלען, איז די לופט געווען פריש און געשמעקט פון רעגען און זון. טייל רעק פון די עלי־רגל'דיגע נאך דורכגעווייקט און צוקנייטשט פון נעכטיגען רעגען האבען זיך אין די זון געטריקענט, און די עולי־רגל'דיגע האבען זיך געפיהלט מונטער, גוט און פרעהליך — די קינדער האבען זיך פון די מוטער'ס הענד געריסען, געכאפט זיך אין איינעם און פאר די שעפסעלעך פאראויס געלאפען. די ווייבער האבען זיך אין קופקעלעך געקליבען, געגאנגען בעזונדער און גע־מאטעלט צווישען זיך, און די מאנספערשוינען, אך, די מאנספערשוינען האבען זיך פון צייט צו צייט דערמאנט, אז זיי געהען עולי־רגל זיין, מוז מען גאט לויבען. האט אן אלטער אנגעהויבען מיט זיין אלט אויסגעוועבט קול צו זינגען א קאפיטעל תהלים, צוערשט האבען איהם נאך א פאר קולות אונטערגעהאלפען, נאר וואס אמאל האבען זיי דאס קאפיטעל געלאזט פאלען, און די שטימען זיינען פערשטומט געווארען. האט ער זיך מישב געווען און אויך אויפגעהערט גאט צו לויבען און מיט זיינעם א שכן וועגען היימישע זאכען אנגעהויבען צו רעדען. הלל איז אויך געגאנגען מיט זיין משפחה. ער האט זיך עפעס אריינ־געלאזט אין א שמועס מיט זיינס א שכן, און בת־שבע האט געפיהרט איהר זעקס־יעהריגען זוהן ישמעאל. דאס קינד איז עפעס געווען טרויעריג. איינינע מאל האט די מוטער געפרואווט איהם צו צופיה־רען צו די פרעהליכע שפילענדע קינדער, וואס זיינען געווען אין דער קאמפאניע, נאר דאס קינד ישמעאל, אזוי ווי ער איז געווען

שפּילענדיג און פרעהליך צווישען די זייניגע, אזוי איז ער געווען שע־מעוודיג און נישט דרייסט צווישען פרעמדע. וויפיעל מאָל די מוטער האָט איהם נישט געפּרואווט צו צופיהרען צו די קאָמפּאניע קינדער, וואָס האָבען זיך געשפּיעלט מיט די קרבנות, איז ער אַלץ געבליבען פון דערוויטענס. האַלטענדיג מיט איין האַנד דעם האָרן פון זיין קרבן, האָט ער זיך אָן די מוטער פעסט געהאַלטען, און נאָר געקוקט מיט גלענצענדע אויגען אַהין צו די שפּילענדע קינדער, נאָר קוים איז ער נאָהענט צו זיי געקומען, האָט ער זיך געפיהלט אונהיימיש, נישט דרייסט אויך אין שפּיעל אַנטהייל צו נעהמען, און האָט זיך שעמעוודיג צו די מוטער צוריק געדרעהט. די מוטער האָט איהם צו־געפיהרט צו א אינגעל, וועלכעס איז געגאַנגען מיט זיי אין שכנות. די קינדער האָבען זיך צוערשט אָנגעקוקט — געשוויגען, אָבגעדרעהט זיך יעדער בעזונדער צו זיין מוטער, און ווידער אָוועקגעלאָפען, גע־קוקט איינער אויף דעם צווייטען. צום סוף זיינען זיי זיך איינער מיט'ן צווייטען צונויפגעגאַנגען און אָנגעהויבען צווישען זיך שמו־עסען:

— דו געהסט אויך קיין ירושלים?

— איך געה אויך — האָט איהם ישמעאל אָבגעענטפערט.

— אָבער א בכור ביזט דו אודאי נישט? — האָט יענער גע־זאָגט.

— איך בין א בכור — האָט געענטפערט ישמעאל, און האָט געוויזען אויף זיין שעפּסעל, וואָס ער האָט געהאַלטען אין זיינע הערנער.

— אזוי, און מיין טאַטע פיהרט אָן אָקס, — האָט דער צווייטער יונג געשריען.

און אין א מינוט אַרום:

— און א פעטער האָסטו אין ירושלים? איך האָב א פעטער אין ירושלים — האָט דאָס אינגעל געזאָגט.

די עדה, כדי אויסצומיידען די שומרונים, וואָס זיינען בייז גע־ווען מיט די אידען און האָבען די עולי־רגל'דיגע נישט געלאָזט אין זייערע שטעדט אויפהאַלטען, האָבען געבויגען זייער וועג צום ירדן צו, אום מיט'ן ברעג ביז יריחו צו געהן, און פון דאָרט דורך בית־לחם נאָך ירושלים.

אין מיטען וועג, נאך האלבען טאג, ווען די זון האט אין מיטען הימעל דערגרייכט, האבען זיי זיך געזעצט אונטער די בוימער, וואס זיינען דארט אויפ'ן וועג געוועזן געפלאנצט. זייערע פיס און הענד האבען זיי זיך אין נאהענטסטען קוואל־וואסער געוואשען, און פון ברויט, וואס זיי האבען אויף זייערע אקסלען מיט געהאט, געגעסען. געלויבט גאט, האבען זיי זייער רוה פערלאזט און ווייטער אין וועג געגאנגען, און מיט דער נאכט האבען זיי צום ברעג ירדן דערגרייכט. און זיי זיינען דארט געבליבען נעכטיגען.

און די נאכט איז אנגעקומען און געפאלען איבער דעם וויסטען לאנד, וואס האט זיך פון ביידע זייטען אויסגעצויגען צו דעם ברעג פון ירדן. פון קרמונים אן איז דער ברעג פון ירדן נישט געוועזן געדיכט בעוואהנט, נאר דא און דארט האט זיך זיין נעסט, אויס ברעט און לעהם, א פישער אויפגעשטעלט. — די וויסקייט פון ברעג איז דא און דארט צושטערט געווארען מיט אן ארימען בוים, וועלכער, ווילד וואקסענדיג, האט צווייגען לעבעדיגע און צווייגען טויטע אויף זיך געהאט. און אזוי זיינען זיי געשטאנען מיט אבגעלעבטע פערדארטע קעפ, אויסשפרייטענדיג זייערע בעוואקסענע צווייגען. אין די ברייטקייט פון די וויסקייט האט דער בויש, ווי א מענש א פוסטעלניק, אויפ'ן ברעג זיך אויפגעהאלטען. דא און דארט האט זיך די ערד געשפאלטען, גרויסע גריבער האבען זיך פון מיטען דער ערד אויסגעבראכען, און געוויזען איהר צושניטענע הארץ דעם ווילדען אויסגעצויגענעם הימעל איבער זיך. די נאכט האט זיך געצויגען איבער די וויסקייט, ווי זי וואלט נישט פון הימעל אויף דער ערד אראבגעפאלען, נאר ווי א מעכטיגע אונהיימליכע האנד וואלט שמאטעס נאכט, שטיקער נאכט פון אלע עקען וועלט געצויגען, אין די לופטען געשלעפט, איבער'ן הימעל פערשפרייט, פערפלאנטערט און אוועקגעווארפען, — אזוי אז אן אונהיימליכע שטילקייט האט פערשטומט דאס הימעל, נאכט, ערד און אלעס ארום.

די עולי־רגל'דיגע האבען זיך צום ברעג פון ירדן אויסגעצויגען און האבען דארט גענעכטיגט. די משפחה הלל'ס, וועלכע האט זיך אונטער א בוים פערקליבען, האט איהר ליילעך איבער זיך געצויגען. דאס קינד ישמעאל האט נישט געשלאפען. מיט שטראהלענדע שרעקענדיגע אויגען האט ער פון ליילעך אין די נאכט ארייגעקוקט. עה

האט פאר'ן פאטער מורא געהאט, נאר אין די מוטער האט ער זיך בע־ האפטען. און ער איז צו דער מוטער צוגעגאנגען, זיין קאפ צווישען איהרע ברוסטען בעהאלטען, האט ער זי ארומגענומען און מיט שרעק געוויזען אויף אין דרויסען. די נאכט האט זיך, ווי א ליוב, איינגע־ ביסען אין דער ערד, און דאס קינד האט אין דער שטיל די מוטער געפרעגט, אז דער פאטער זאל נישט הערען:

— מאמע, מאמע, וואו איז גאט?

— שווייג, קינד — האט די מוטער עס איינגענומען: — גאט איז איבער אונז, גאט וואכט איבער אונז.

— מאמע, מאמע, וואו איז גאט? — האט דאס קינד ווי אין געוויין געפרעגט.

— שווייג, קינד, שווייג. גאט איז אויפ'ן הימעל און אויף דער ערד, און וואכט, ווי א ליוב, איבער אונזער געצעלט.

— אומעטום, אומעטום, מיין קינד, איז גאט.

— שווייג, קינד, שווייג, מיר געהען צו גאט אין בית־המקדש, אין ירושלים.

— מאמע, מאמע — האט דאס קינד זיך געבעטען, ליגענדיג צווישען די מוטער'ס ברוסטען, און בענעצענדיג זיי מיט טרעהרען.

— שווייג, קינד, שווייג. און שפעטער, אז די מוטער האט זיך מיט שרעק אויפגעכאפט, געזוכט איהר קינד, האט זי איהם געפונען, ווי ער איז געלעגען מיט ביידע הענד אין דער נאכט אריין, אויסער'ן געצעלט, אויסגעצויגען, און אנלעהענדיג זיין קאפ אויף דער ברוסט פון דער ערד, איז ער ווי אויף גאט'ס האנד איינגעשלאפען.

---

4.

## דער לעצטער „מעמד".

דער לעצטער „מעמד" פאר ירושלים איז געווען בית־לחם. דארט האבען זיך צונויפגעקליבען די עולי־רגל'דיגע פון דער גאנצער גליל־ פראווינץ, פון גאנצען ירדן־ברעג, פון חברון און יריחו, פון אפרים־ בארג און פון יהודה־פראווינץ.

אין קיין הייזער איז מען נישט אריינגעגאנגען נעכטיגען, טאמער וועט מען חלילה טמא ווערען אין אהל אדער אונטער א דאך. אין די גאסען, אויף די פעלדער, אין די טהאלען, אויף די בערגער האט די גאנצע מחנה גענעכטיגט, מיט זייערע ווייבער, מיט זייערע קינדער, און די קרבנות מיט די הערנער בעפוצט, סיי די פרעמדע, סיי די היימישע. און אז דער ערשטער מארגען־בלאסק וועט זיך איבער דעם בית־לחם׳ער הימעל ווייזען, און עס וועט זיך אנהויבען גרויען פעלד און פלאץ, און שטיל וועט אלעס ווערען אין מארגען־זון, וועט דער גבאי, וואס איז איבער די עולי־רגל׳דיגע געזעצט, רופען:

— שטעהט אויף, שטעהט אויף! קומט, לאזען מיר אויפגעהן נאך ציון אין גאט׳ס הויז אריין.

און ווי אזוי איז מען אריינגעגאנגען קיין ירושלים? מען איז אזוי אריינגעגאנגען קיין ירושלים. דאס פייפעל האט פאראויס געפייפט, די בעמבע האט געפויקט, און דער אקס איז פאראויס געגאנגען, די הערנער מיט גאלד בעפוצט און מיט לולבים בעקרענצט, און דערנאך איז די משפחה געגאנגען מיט די קערב בכורים אויף די אקסלען, אריינצוגעהן צו גאט׳ס הויז.

נור נישט געשלאפען איז מען די לעצטע נאכט. אלע וועגען האבען קיין בית־לחם נייע מחנות עולי־רגל׳דיגע געפיהרט. מיט מוזיק פאראויס און מיט געזאנג און טענץ בעגלייט, יעדע געגענד האט אנדערע שירי־תהלים געזונגען, און אנדערע מנהגים געהאט. מען האט זיי געקענט דערקענען שוין לויט די קערב, וואס זיי האבען אויף זייערע אקסלען געטראגען: געפלאכטען זיינען זיי אין יעדע פראווינץ אנדערש געווען. מען האט זיי שוין געקענט דערקענען לויט די טליתים, וואס זיי האבען געטראגען. אלעס האט געדרונגען אין מארק אריין פון דוד׳ס שטאדט, די לופט איז פערטויבט געווארען פון די ברומערייען און געשרייען פון די אקסען און שעפסען, וואס מען האט פאר קרבנות געפיהרט. נייע אנגעקומענע האבען זיך אין דער מחנה געלאזט זוכען זייערע קרובים און גאולים, וואס וואהנען ערגעץ אין א ווייטע פראווינץ, האבען געטראפען נאהענטע, בעקאנטע, געפרעהט זיך און אויסגעפרעגט זיך אויף זייעריגע. דא האט א גרויסער עולם תלמידי־חכמים ארומגערינגעלט א תלמיד פון פומבדיתא׳ער ישיבה, וואס האט נאך דערצעהלט א נייעם דין, וואס מען האט דארט

מחרש געווען אין דעם נייען בית־מדרש, אדער פערטייטשט א פסוק, וואס מען האט ביז יעצט נישט געוואוסט דעם פשט.

דא און דארט האט א יונגער־מאן א בתולה, וואס איז איהם געפעלען, אין פעלד פערפיהרט און אנגערעדט, זי זאל זיין ווייב ווערען, ביי א פייער־פלאם זיינען אלע אלטע אידען געזעסען און האבען די יונגע אגדות דערצעהלט... נאר אין מיטען דערינען איז א רעש געווארען צווישען די מענגע, מען האט נישט געהערט, וואס און ווען, נאר לעבעדיגע אויסגעשרייען און מאכען מיט די הענד פון די אנוועזענדע. דאס האט מען אין דער מחנה זיך דערוואוסט, אז דער קיסר פון רוים האט הורדוס'עס זוהן אלכילום פון דעם טראהן אראב־געזעצט, יהודה פאר א רוימישע פראווינץ ערקלעהרט, און אין הורדוס־פאלאץ א רוימישען שטאדט'ס־האלטער אריינגעזעצט. אין דער מחנה איז געווארען א גרויסע אויפרעגונג. דא און דארט האט מען געזעהן מענשען מיט צוהיצטע פנים'ער, צופלאשעטע האהר, האבען מיט די הענד געמאכט, און גע'טענה'ט צום ארומיגען עולם, און פון די גוואלדען האט מען גאר נישט געקענט פערנעמען. אנדערע ווייטער האבען זיך ווידער אין די קופקעלעך אין די ווינקעל־גאסען גע־קליבען, אויף א שוועל פון א פערמאכט הויז, עפעס אין דער שטיל דערצעהלט, איינגערעדט, און מיט די הענד אויסגעצויגען, געוויזען אויף ערגעץ וואו גאנץ ווייט.

און די נאכט האט אלעמען מיט פינסטערניש געשלאגען, און אין טונקעלהייט פערהוילען. יוסף'ס משפחה האט זיך ווייטער אונטער דער שטאדט פערקליבען, ביי א ראוו אונטער א ציפרים א פייער פון געטריקענטע צווייגען געברענט. די מוטער איז געזעסען מיט'ן זעקס־יאהריגען קינד און דאס קאלב האט געהויערט ביי זיי. שוין לאנג איז די נצרת'ער מחנה פערטרונקען געווארען צווישען די מענגע עולי־רגל'דיגע, וואס האבען זיך געהאפטען צו זיי פון דארף אין דארף, פון שטאדט אין שטאדט. נאר דאך נישט צוגעוואהנט צו פרעמדע מענשען, און שעמעוודיג זיך פאר פרעמדע, האבען זיי זיך געשטארקט צו האלטען היימישע מיט היימישע און איין נצרת'ער האט זיך ביים צווייטען געריבען.

נאר אריינגעהענדיג קיין בית־לחם, זיינען זיי פערלוירען געווארען אין אזא מענגע. זיי זיינען פערטויבט געווארען אין דער געברומערייי

פון די בהמות, וואָס מען האָט געפיהרט מקריב זיין, זייערע גרינגע קערב, אין וועלכע זיי האָבען געפיהרט זייערע פרוכטען פאַר גאָט, זיינען פערשעהמט געוואָרען פאַר די גאָלדענע און זילבערנע כלים, אין וועלכע די עולי־רגל'דיגע פון דער יהודה־פּראָווינץ האָבען זייערע קרבנות געבראַכט. און זיי האָט זיך געדאַכט, אַז וואָס קענען זיי דאָ בעדייטען מיט זייערע אָרימע גרינגע קערב, אַז אויף זיי וועט זיך גאָט אפילו גאָר נישט אומקוקען, — און אַזוי האָבען זיי זיך אייגער מיט'ן צווייטען פערלאָרען. יעדער מיט זיין משפּחה און קרבן האָט זיך פערשטעקט אין אַן אַנדער ווינקעל, און מיט גרויס דרך־ארץ איינגעהערט זיך, וועגען וואָס מען רעדט, כאָטש זיי האָבען נישט געוואוסט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך.

זיי האָבען פערשטאַנען, אַז דאָ האָט עפּעס געמוזט געשעהען, נאָר וואָס — האָבען זיי נישט געוואוסט. די גליל'ער, וואָס זיינען געוועזען וייט פון ירושלים, זעלטען ווער עס האָט געקענט לייענען, און זייענדיג אָבגעריסען פון ירושלים, האָבען זיי זעלטען געוואוסט, וואָס אין ירושלים טהוט זיך. פון יום־טוב צו יום־טוב, וואָס זיי זיינען קיין ירושלים געגאַנגען און אויפגעהאַלטען זיך אין בית־המקדש־הויף און אויסגעהערט די דרשות פון די פרושים, האָבען זיי נאָר געוואוסט, אַז עס איז אַ גרויסער שונא אויפגעשטאַנען געגען דעם אידישען פאָלק. דאָס איז עפּעס יענעם פאָלק, וואָס וואָהנט וייט אויף יענער זייט ים און וואָס איז דער שר פון שטן, וואָס גאָט האָט אַנגעשיקט, ווייל אידען זיינען שלעכט. נאָר זיי האָבען זיך פערלאָזט אויף די חכמים און די סנהדרין פון ירושלים, מן הסתם ווייסען זיי שוין, וואָס זיי האָבען צו טהאָן, — און וועלען שוין עפּעס געפינען אַ עצה, וואָס האָבען מיר דאָ אַריינצוריידען?

קיין מלך פון דוד'ס הויז איז שוין לאַנג ביי אידען נישט געוועזען. די כהנים־גדולים פון די חשמונאים האָבען זיך שוין לאַנג אויסגעלאָזט. און הורדוס־הויז איז געוועזען אַנגענומען ביי אידען פאַר אַ שונא פון אידישען פאָלק, וואָס האָט אויסגעראָט די חשמונאים, און וויל מאַכען אונטערטהעניג די אידען פאַר די רוימער. איז קיין זאַך נישט געוועזען אַזוי הייליג, ווי דאָס בית־המקדש. און גאָר נישט האָט אויף די גליל'ער געקענט ווירקען, ווי דאָס וואָרט בית־המקדש. און אַז אַ קול האָט זיך אין גליל געלאָזט הערען, מען וויל דעם בית־

המדרש בערויבען, האבען זיך דא און דארט זיהן פון די פאטערס ארוים־געגנב'עט, מענער פון די ווייבער, און קיין ירושלים געאיילט, דאס בית־המקדש צו בעשיצען.

יעצט אויך, אזוי ווי די גליל'ער זיינען געווארען צוואווארפען צווישער די מחנה און געהערט דאס געדרודער, וואס עס האט זיך גע־מאכט צווישען די מחנה, האבען זיי מעהרסטען נישט פערשטאנען, ווע־גען וואס עס האנדעלט זיך, נאר זיי האבען געפיהלט, אז עס איז עפעס געשעהען מיט'ן בית־המקדש. ביי זיי האט זיך אין דער שטיל דאס בלוט צוקאכט, די אדערען זיינען זיי געווארען אנגעשטרענגט. זיי זיינען גרייט געוועזען אלע, ווי איין מאן, אויפצושטעהן און אריינ־צוגעהן קיין ירושלים און צו בעפאלען די רוימער. נאר זיי האבען מורא געהאט זיך אבצורופען, זיי האבען נישט געוואגט פאר די בעלי־מיוחסים פון יהודה, וואס זיינען געוועזען אזוי נאהענט ירושלים, אז זיי זאלען דא עפעס אריינרעדען. האבען זיי נאר שטיל געשוויגען, און בערייט געוועזען אויף דער צייט, ווען מען וועט זיי דארפען.

הלל'ס משפחה, פערלירענדיג זיך מיט די אנדערע עולי־רגל'־דיגע פון נצרת, האבען זיך אונטער דער שטאדט פערקליבען. צו איהר משפחה וואס זי האט געהאט אין בית־לחם וואהנען, וואו זי האט איהר עלטעסטען זוהן געבוירען, האט זי נישט געקענט אריינ־געהן, ווייל אויפגעהענדיג קיין ירושלים, טאר מען זיך נישט אויפ־האלטען אין קיין שטוב. זיי האבען זיך פערקליבען אויף א בערגעל אונטער א ציפרים, יוסף האט טרוקענע צווייגען צוזאמענגענומען און א פייער אונטערגעצונדען. איז געזעסען די מוטער מיט איהר זוהן און דאס קאלב האט געהארט נעבען זיי. יוסף האט זיי אויך באלד פערלאזט און איז אין די מחנה געגאנגען, געוואהר ווערען, וואס עס איז פארגעפאלען.

דאס איינגעל ישמעאל האט נישט געשלאפען. דאס ערשטע מאל האט ער אזא מענגע געזעהען, פייערלעך האט ער געזעהען פון דער־ווייטענס ברענען, און מענשען לויפען אהין און אהער, און קולות האט ער געהערט. עס רופען מענשען איינער צום צווייטען, און אקסען שרייען, בעמבעס פויקען, און אזוי פיעל מענשען קומען אן, און אלע געהען אין איינעם קיין ירושלים צו גאט, און ער געהט אויך

צו גאָט, און די מאַמע גערעט, און אַלע געהען, און מיט קינדישע פרייד האָט ער די מוטער'ס האַלז אַרומגענומען:

— ס'וואָהר, מאַמע, אַלע געהען קיין ירושלים?

— יאָ, קינד, אַלע געהען מיר קיין ירושלים.

— צו גאָט אין בית־המקדש אריין, און מען וועט גאָלדענע טישען אויסשטעלען אין בית־המקדש, מיט זילבערנע טישען, און מנורות וועלען זיי אָנצינדען, אַזוי פיעל מנורות, און גאָט וועט זיך פרעהען מיט אונז און מיר אַלע, אַלע וועלען מיר זיך פרעהען. ס'וואָהר, מאַמע? און פעהנער וועלען מיר אויפהענגען, און עס וועלען קומען אַלע פון דער גאַנצער וועלט, און די חתנים וועלען קומען, און די פייפלער וועלען פייפען, און אַלע אַלטעטשקע פון דער גאַנצער וועלט וועלען קומען, און נאָך גאָלדענע שטוהלען וועט מען אויסשטעלען, און נאָך, און דאָס בית־המקדש וועט אַזוי גרויס זיין, און גוים, מאַמעשי, וועלען אויך קומען, נישט וואָהר?

— אז זיי וועלען אידען ווערען, קינד לעבען.

— און פאַר וואָס זיינען זיי נישט קיין אידען — די גוים, מאַמעשי, פאַר וואָס מאַכט נישט גאָט, אַז אַלע זאָלען זיין אידען, אַלע, די גאַנצעטשקע וועלט זאָלען זיין אידען, און אַלע, אַלע, די גאַנצעטשקע וועלט זאָלען זיצען אַרום די גאָלדענע טישען? ער קען דאָך אַלעמען מאַכען פאַר אידען, ס'וואָהר, מאַמע?

די זון איז שוין אויפגעגאַנגען איבער דעם בית־לחם־הימעל; ווייט אין מזרח זייט האָט זיך דער הימעל גערויטעלט, און דאָס גראָז און די בוימער זיינען פערהעלט געוואָרען, און עס האָבען זיך דאָ און דאָרט איינצעלנע, אָבגעטהיילטע מחנות ארויסגעוויזען, די פייערלעך האָבען זיך אָנגעהויבען צו פערלעשען, און דער עולם האָט זיך אָנגעהויבען צוזאַמענצוקומען. פון דערווייטענס האָט מען געהערט ווי די פויקען קלאַפּען און קולות רופען די מחנה:

— שטעהט אויף, שטעהט אויף, קומט, לאָז'ן מיר אויפגעהן נאָך ציון אין גאָט'ס הויז.

און דאָ און דאָרט האָט מען זיך צוזאַמענגענומען, יעדע משפחה מיט איהר קארב בכורים אויף די אַקסלען, און דער אָקס פאַראויס פאַר זיי.

צוערשט זיינען געגאנגען די יהודה'דיגע בעלי־מיוחסים מיט זייערע גאָלדענע און זילבערנע קערב, מיט זייערע בעפוצטע בהמות, מיט זייערע פלייטען און טראָמפּעטען, וועלכע האָבען דעם וועג אויס־געשפּילט פאר זיי, און ווייט־ווייט דערנאָך דער איבריגער עולם.

הלל האָט צוזאמענגענומען זיין משפחה. די מוטער האָט דער־וויל איהר קינד אין דעם גאָהענטסטען טייכעל טובל געווען, אָנגע־טהאָן איהם דאָס נייע העמדעל, וואָס זי האָט געהאָט אויפגענעהט פאר איהם, אַז זי זאָל איהם ריין פאר גאָט שטעלען, און האָט אָנגע־נומען איהר קינד ביי דער האַנד און איז נאָכגעגאנגען נאָך איהר מאַן, וועלכער האָט געטראָגען די בכורים אין גרינעם קאָרב אויפ'ן אַק־סעל, און דאָס אָרימע קעלבעל פאר זיי. אין די הערנער אַ קרוין פון עהלבירטען־בלעטער, זיינען זיי ווייט־ווייט נאָך די מחנה נאָכגע־גאַנגען אין אַ זייט, און איין שאַלענד געזאַנג, ווי אַ ליכטיגע זון, האָט פון דאָרט פאַרענט ארויסגעדרונגען און ארומגענומען די גאַנצע מחנה איבער די קעפּ.

אזוי זיינען די אידען אריינגעגאַנגען קיין ירושלים. אויפ'ן וועג קיין בית־לחם, פאַר קבר־רחל פאַרבייגעגאַנגען. די זון איז אויפ'ן הי־מעל ארויס און ליכטיג איז געוואָרען טהאָל און באַרג. און דאָס גע־זאַנג פון טויזענדער־טויזענדער מענער, ווייבער און קינדער האָט אין דער לופט געשאַלט: קומה ונעלה אל בית ד' אלהינו!

ת־שבע איז מיט איהר זעקס־יעהריגען זוהן פאר דער מאַמע רחל'ס קבר פאַרבייגעגאַנגען, האָט זיך אַ מינוט אויפגעהאַלטען, עפּעס דאָרטען אין קבר אריינגערעדט, אַז קיינער זאָל נישט הערען, און אויף איהר קינד געוויזען. הלל האָט זיך אומגעקוקט און געוויזען, אַז זי זאָל פלינק נאָך דער מחנה נאָכגעהן, האָט זי דאָס קבר פערלאָזט, און געשווינד נאָך דער מחנה נאָכגעאיילט.

און דאָס קינד ישמעאל איז יעצט גאָר אַנדערש געווען ווי פריהער. אַ אונגעהויערע קינדישע שמחה האָט זיין האַרץ דערפרעהט, אַז ער געהט נאָך ירושלים אויף. האָט ער זיך פון די מוטער'ס האַנד ארויס־געריסען, פאַראויס געלאָפען, און געוואָלט מיטזינגען מיט'ן גאַנצען עולם, נאָר ער האָט נישט געוואוסט, וואָס צו זינגען. דעם פסוק האָט ער נאָך נישט אין חדר געלערענט. די מוטער האָט איהם נאָכגע־איילט, מורא געהאַט, אַז ער זאָל נישט פערבלאָנדזשען. אָבער באַלד

האט זי איהם געזעהען אין מיטען א גאנצע שרעננגע קינדער. אלע האבען זיי זיך אנגענומען ביי די הענד, און עפעס אלע אויף איין קול געזונגען. נאר וואס — האט קיינער נישט געקענט פערשטעהן, און נישט זיי אליין האבען פערשטאנען.

פאר ירושלים איז דער עולם שטעהן געבליבען און האט, ווי דער דין איז, אריינגעשיקט צוויי שלוחים קיין ירושלים אין בית־המקדש אריין, אז זיי קומען אן, כאטש דארט האט מען זיך געריכט אויף זיי, און מען האט געוואוסט, אז זיי קומען אן.

דער עולם האט די פירות פון די קערב ארויסגענומען, אויף די הענד געהאלטען, און בערייט געווען די פרוכטען אין גאט'ס הויז צו ברענגען און פאר גאט צו ווייזען.

אין דעם זיינען אנגעקומען די גבאים און די סגנונים פון דעם בית־המקדש, און מיט זיי די רייכע, חשוב'ע בעלי־בתים פון ירושלים, אין טהייערע זיידענע טיכער אויף די קעפ, דער צייכען פון זייער חשיבות. די לייבער אין עהלען געשמירט, זיינען זיי אין זיידענע טהייערע טליתים געווען געהילט, מיט גאלדענע קייטען בעפוצט. אין זייערע מלבושים איז געלעגען א בעהאלטענער סוד פון טהייערע שמעקענדע עהלען. אין זייערע הענד האבען זיי געהאלטען די פרוכטען פון זייערע פעטע גערטנער אויף טהייערע דיניטשקע גאלדענע בלא־כען, אויף וועלכע עס זיינען געווען מייסטערהאפט אויסגעקלאפטע וויינטרויבען־שטאנגען און עהלבירטען־בוימען. דער עולט האט פאר זיי א וועג געמאכט. אין דער שפיץ פון דער מחנה האבען זיי דעם עולם קיין ירושלים אריינגעפיהרט. פאראוים פאר זיי זיינען געגאנ־גען די לויים, אכטצעהן־יעהריגע בחורים, וואס זיינען מיט זיי די מחנה אנטקעגען געקומען, אין בלאהע פורפורנע העמדער אנגעטהאן, מיט גאלדענע פראנצעלען. אין טהייערע זיידענע טליתים אויף זיך פערוווארפען, האבען זיי אויף לאנגע דינע פישטשאלקעס, אויף אכט־זייטענדיגע פידלען, אויף גערדרעהטע, פיעלפאכיגע, פיעלזייטיגע האר־פען, אויף זילבער־בלעכען זייערע ניגונים געשפיעלט. נאך זיי זיי־נען געגאנגען די קרבנות פון די חשובי־ירושלים, די הערנער אין גאלדען בעפוצט און עהלבירט־קרענץ, און דאס פאלק נאך זיי.

בערייט האט זיך געעפענט ציון'ס טויער פון די ירושלים־מויערען. און לאנג און שמאל איז געווען די גאס, און האט געפיהרט צום הר־

הבית, און געגען איבער דעם ירושלים־מויער איז אפען געווען דאס טויער פון דעם בית־המקדש־מויער; אין זונען־שיין האבען זיך גע־ וויסט די מארמאר־טרעפען, וואס פיהרען פון בית־המקדש־הויף צו די ערשטע „עזרה" ארויף, און אין זונען־בלאסק האט זיך געברענט מארמאר און גאלד.

ווי איין מענש, איז דאס פאלק אויף די קניהען געפאלען און די קעפ געבויגען און שטיל געשוויגען.

נאר באלד האט פלייטען־מוזיק געטענט, און דאס פאלק מיט די צו דער ערד געבויגענע קעפ האט די פרוכטען פון זייער ערד אין גאט'ס הויז אריינגעטראגען.

אין צוויי רייהען נעבען די שמאלע, קליינע הייזעלעך זיינען די בעלי־מלאכות פון ירושלים געשטאנען. די, וואס האבען נישט קיין אייל ערד געהאט, און האבען קיין פירות נישט געהאט פאר גאט צו ברענגען, האבען טיכער און טאפיכען אויף די גאס, וואס פיהרט אין בית־המקדש אריין, פאר'ן עולם אויסגעשפרייט, האבען זיך אין די רייהען געשטעלט, און האבען די אנקומענדע בעגריסט:

— אונזערע ברידער פון דעם און דעם ארט — קומט אריין מיט שלום.

און א גרויס בענקעניש און זעהנזוכט האט ארומגענומען די נייע אנקומענדע, צו זעהען דאס בית־המקדש. א סך, דערזעהענדיג פון דערווייטענס דעם ליכטיגען מארמאר אין דער זון, האבען זיך אויף דער ערד געווארפען און די ערד געקושט, געוויינט, און די הענד געהויבען. עלטערען האבען זייערע קינדער אויף די הענד גענומען, געהויבען זיי און אהין געוויזען, צום בית־המקדש. טהייל פלעגען לאנג אויף דער ערד ליגען און נישט ריהרען זיך, אנדערע ווידער מיט א ענטוזיאסטיש געזאנג, וואס איז מעהר עהנליך געווען צו א ווילד געשריי, האבען זיך געלאזט לויפען אין דער מחנה, בויגענדיג די קעפ צו דער ערד.

נאר דערווייל זיינען די מיוחסים פון ירושלים אריינגעקומען אין הויף פון בית־המקדש. פאר זיי האבען אין ליכטיגער זון גע־ ברענט די ווייסע שניי־מארמארנע זיילען, וואס שטיין ליגענדיג אויף שטיין, פון קיין מייסטער'ס האמער געקלאפט, פון קיין מאהלער'ס פענזעל בעמאהלט, נאר אזוי שטארק און רויה, ווי די ערד האט זיי

ארויסגעגעבען, זיינען זיי געשטאנען בעפעסטיגט אין זייערע גאָל־דענע שוועלען, וואס לויכטענדיג אין דער זון, האבען זיי אויסגע־זעהען, ווי שניי־זיילען, ארויסגעוואקסען פון גאָלדענע טייכלעך. מיט שטאָלצקייט האבען זיי ארומגערינגעלט גאָט'ס הויז, ווי שלמה המלך'ס העלדען, וואס האבען זיין שלאָף־בעט מיט די שווערדען אין די הענד ארומגערינגעלט. א פיערצהען־שטופיגע מארמאָרנע טרעפ האט ארויפ־געפיהרט צו א צווייטע רייהע זיילען, צווישען וועלכע די כהנים אין פורפור־קליידונג האבען זיי עמפפאנגען. אזוי איז געשטאנען גאָט'ס הויז פריי און אָפען, ווי דער הימעל, ווי די לופט. נאר מארמאָר־זייל אין זונען־ליכט האט זיך געלויכטען, ווי שניי פערברענט אין ליכט, ווי דער חרמון־שפיץ אין זונען אונטערגאנג, וואס דאכט זיך אז שווי־מענדע, קאלטעוואטע קאלטע ים־וועלען וויים און שימערענדיג, ווי טהייערע זיידענע שפיצען, פאלען און גיסען זיך און יאָגען זיך פון געבירג אראָב, און דאס צוברעכט זיך אין טויזענדער שפריצען און די גאָלדענע שוועלען זיינען צוגאנגען געוואָרען אין דער זון, ווי רויטע ברענענדיגע שפּראָצענדע קוואָלען. און דאס פימסען־האָלץ, און די זיידענע טהייערע פורפור־פאָרהאנגען צווישען די זיילען זיינען גע־ווען, ווי געגליווערטע וואסער־וועלען וואס הענגען צווישען ים־ברעג און שניי־בערג.

---

5.

## דאס בית המקדש.

פאר די ירושלים'דיגע בעלי־מיוחסים איז דאס בית־המקדש נישט געווען קיין נייעס. זיי האבען עמפפאנגען די כהנים, אין די ווייסע טליתים אנגעטהאן, וואס זיינען געשטאנען אויף די טרעפען, האבען פון זיי גענומען די פירות אין די גאָלדענע כלים, האבען זיי אין ווינקעל מזבח אוועקגעלעגט, זייער פסוק געלייענט און ארויסגעגאנגען, געלאָזט זייער ארט פאר אנדערע.

די גליל'ער זיינען ווייט־ווייט פון הינטען געשטאנען. האלטענדיג אין די הענד די בכורים פון זייער ערד אין די גרינע געפלאָכטענע

קערב — זיינען זיי ווי פערשעהמט געווארען פאר די גרויסע רייכע גאלדענע כלים, וואס די ירושלים'ער ברענגען פאר גאט. לייענען האבען זיי נישט געקענט, האבען זיי נישט געוואוסט, וואס מען זאגט פאר גאט. האבען זיי זיך נאר אויף דער ערד געווארפען, ווי א ליגענדיגער וואלד פון ווינד געלעגט, די פירות אין דער הויך געהויבען. זייער הארץ איז געווען צו גאט, און זייערע ליפען האבען א קינדישע תפילה געבעטען:

— אבא, אבא, הב לנו מטרא.

טאטע, טאטע, גיב אונז רעגען.

און אז עס איז געקומען די צייט פון הלל פון טבריא, ער זאל די ערשטע פרוכטען פון זיין גארטען פאר גאט ברענגען, האט ער דעם קארב אויף דעם אקסעל אויפגעהויבען, און די מוטער בת־שבע האט איהר ערשט־געבוירענעם זוהן ביי דער האנד אנגענומען, און אזוי זיינען זיי פאר'ן כהן און פאר גאט'ס מזבח געטראטען.

הלל האט נישט געקענט לייענען, האט ער נישט געוואוסט, וואס פאר גאט צו זאגען, נאר ער האט דעם כהן זיין קארב איבערגעגעבען און פאר גאט אויף זיינע ערשטע פרוכטען געוויזען.

און די מוטער האט אויך נישט געוואוסט, וואס צו זאגען. האט זי נאר פאר גאט אויף איהר ערשט־געבוירענעם זוהן געוויזען, און האט געשוויגען.

לאנג האבען זיי פאר'ן מזבח נישט געקענט שטעהן, אויף זייער ארט האט געווארט דאס פאלק...

## 6.

# סכות.

עס איז אנגעקומען דער יום־טוב סכות. הלל מיט זיין משפחה זיינען איבערגעבליבען אין ירושלים.

איבער די צייט פון יום־טוב זיינען די הייזער אין ירושלים געווען אפען פאר אורחים. פרעמדע מענשען האבען זיך געפונען אין פרעמדע שטובען און קיינער האט קיינעם נישט געפרעגט: וואס טהוסטו דא?

נאר מעהרסטענס האבען זיך דא די גליל'ער און די פרעמדע אורחים אויפגעהאלטען אין דעם הויף פון בית־המקדש, וויפיעל מיט שוועריג־קייטען עס איז נישט געווען פערבונדען דאס אויפהאלטען זיך אין בית־המקדש, ווי זיין אבגעהיט מיט ריינקייט, אבגעשיידט פון פרויען, נישט קיין ווין צו טרינקען, האבען זיי דאך ליעב געהאט צו פערבליי־בען איבער יום־טוב אין הויף פון בית־המקדש. און דער ליכטיגער ברייטער פלאץ, וואס האט אויסגעזעהען, ווי א מארמאר־פעלד, איז דורך די צייט פון יום־טוב געגליכען געווען צו א גרויסען גרויסען יאהר־מארק, אויף וועלכען דאס גאנצע פאלק איז זיך צוזאמענגעקומען. גע־נעכטיגט אין דעם ברייטען לאנגען קעלער, וואס האט זיך געפונען אי־בער די גאנצע לענג און ברייט פון דעם הויף, אויף וועלכען דער בית־המקדש־פלאץ, אונטערגעשטיצט אויף די דריי טויזענד זיילען, וועלכע שלמה האט אנגעהויבען צו שטעלען און איז אין יעדער דור געווארען צוגעמויערט — איז געווען אונטערגעשטיצט — האט זיך דאס פאלק אין דעם בית־המקדש־הויף געפונען אזוי היימיש, ווי ביי זיך אין שטוב. ווי הייליג און געטליך דאס בית־המקדש איז נישט געווען ביי אידען, דאך איז ביי אידען געווען דאס בית־המקדש א הויז, וועלכעס געהערט צום פאלק. יעדער איד האט דערינען א טהייל גע־האט, פון וועלכען מען קען נישט ארויסטרייבען, ווי ביי זיך אין דער היים.

עס האט נישט געהאלפען דאס שטרענגקייט פון די בית־המקדש שומרים, פון די כהנים, לויים, גבאים און קאסיר'ס — וואס לעבענ־דיג פון בית־המקדש, האבען זיי דעראוים געוואלט מאכען זייערע א פריוואטע זאך, צו געוועלטיגען דעריבער, ארויסצוטרייבען די ארימע און מכבד זיין די פיינע מיוחסים, פון וועלכע זיי האבען א סך מעשרות און נדבות אויף בדק־הבית. עס האט נישט געהאלפען דאס, וואס הורדוס, אויפמויערענדיג זיך זיין פאלאץ אין א ווינקעל הארט אין די בית־המקדש מויער, איז דאס ווינקעל שטענדיג פול געווען מיט רוי־מישעם מיליטער, און הורדוס צוערשט, און דער רוימישער פראטאקא־ראטאר דערנאך האבען פון זייערע פאלאצען געקענט אלץ זעהען, וואס עס טהוט זיך אין בית־המקדש־הויף. קוים איז זיך דאס פאלק צוזאמענ־געקומען אויף א יום־טוב קיין ירושלים, פלעגען זיי ירושלים און דעם בית־המקדש־הויף צוריק איינגעהמען. די אידען, וועלכע האבען זיך

אליין ביים צעזאר אויגוסט געמיהט, אז ער זאל פערטרייבען דעם הור־דוס'טישען שומרון'שען ארכעלוס, און זאל יהודה צוזאמענהעפטען מיט סוריה און מאכען דערויס א רוימישע פראווינץ, — וויסענדיג, אז יעצט אין דעם קעניגליכען הויף וואהנט און בעטראכט זיי א רוימישער פראטאקאראטאר, זיינען די נערוועז געווארען זעהר אויפגערעגט, און אן אויפשטאנד האט זיך אין דער לופטען געטראגען. הורדוס און זיין הויז, ווי זיי זיינען נישט פערפיינדעט געוועזן צווישען די אידען, דאך איז עס געוועזן א אידישער קעניג און ער האט געהאט געוויסע בעציהונגען צום חשמונאים־הויז. און דא ביי זיי אונטער דעם בית־המקדש מויער וואהנט א רוימישער הערשער איבער זיי. און נאר דאס קלוגשאפט פון דעם רוימישען פראטאקאראטאר קאפאניוס, וועלכער האט גאנץ גוט געוואוסט דאס פריימוטהיגקייט פון די אידען, איבערהויפט פון די פראווינץ־אידען, וואס זיינען מיט דער אונטערטהעניגקייט נישט געוואהנט און בערייט פאר זייער בית־המקדש, ווי איין מאן, אויסצושטארבען — האט געהאלטען איבער יום־טוב די רוימישע לעגיאנען אין זייערע קאזארמעס, אליין געוועזן זעהר פארזיכטיג, האט געזעהן נישט צו צולאזען צו א בעגעגנונג צווישען אידען מיט רוימער. דאס האט פערמינערט דעם יום־טוב אין הויף פון בית־המקדש פון א גרויס בלוט־פערגיסונג, וואס האט זיך געטראגען אין דער לופט.

האט זיך דאס פאלק, ווי געזאגט, אין דעם בית־המקדש אויפגעהאלטען, דארט האבען זיך געטראפען בעקאנטע און גואלים, ביידעלעך זיינען געוועזן אויסגעשטעלט, אין וועלכע מען האט עסענווארג אורחים פערקויפט. דא איז א משפחה געגאנגען צו די אקסען־סוחרים, וואס זיינען געוועזן הינטער דעם מויער אויפ'ן שוק הכבשים, א קרבן פאר גאט צו קויפען. אנדערע ווייטער האבען בוימעהל געקויפט, אויפ'ן מזבח צו גיסען. אין א ווינקעל־הויף האט זיך א גרויסער עולם פערזאמעלט ארום א תלמיד פון הלל'ס הויז, וועלכער, קומענדיג פון בבל, האט מיטגעבראכט זיין רבינ'ס תורה און פערשפרייט. ער איז געגאנגען אנגעטהאן אין א פראסטען ארימען טלית, מיט א טוך אויפ'ן קאפ, בארפיסע פיס, און האט זיך געהאלטען זעהר שטיל. אבגעענטפערט יעדען קליינעם קינד, פון די וואס האבען איהם ארומגערינגעלט, אויסגעהערט יעדערען, און מיט אלע גוט און ווייך זיך אומגעגאנגען. מיט איהם האט מחלק געוועזן א תלמיד פון שמאי'ס הויז, א איד מיט א

פאַר גרויסע ברעמען און אַ פול בעוואַקסען פּנים, מיט שטאַרקע שוואַר־צע האָהר, אַנגעטהאָן אין אַ ווייסען טלית. ער האָט מלחמה געהאַלטען מיט זיין געגנער זעהר ענערגיש, מאַכענדיג פערשיעדענע בעוועגונגען מיט זיינע הענד און מיט זיין גאַנצען קערפּער. ער האָט נישט געשפּאָרט קיין שאַרפע אויסדריקע געגען זיין געגנער. דער תלמיד פון הלל׳ס הויז האָט אויסגעהערט זיין שאַנד און האָט זי פערשוויגען, ווייך יעדעס מאָל איהם צוריק געענטפערט. דאָס האָט זעהר פערוואונדערט דעם אַרומיגען עולם, זיין שפל׳קייט איז געפעלען געוואָרען, אַזש צום סוף האָט עס אויך געריהרט דעם תלמיד פון שמאי׳ס הויז, וועלכער האָט גענומען זיין חבר איבערצובעטען. אין אַ צווייטען ווינקעל האָט אַ פרוש מיט אַ צדוקי געפיהרט אַ גרויסע מחלוקה איבער דעם דין פון מאָרגענדיגען וואַסער־גיסען אויפ׳ן מזבח, אין שמחת בית־השואבה. נאָר די מחלוקה איז געווען זעהר אַ לאַנגווייליגע, האָט זיי דער עולם פערלאָזט און איבערגעלאָזט זיי אַליין, זיך די העלזער אויסשרייען. פון צייט צו צייט איז דורכגעגאַנגען איינער פון די סנהדרין, נאָך וועלכען עס איז אַ גרויסער עולם נאָכגעגאַנגען. דאָ האָט זיך פּלוצים איינער געפונען, וואָס האָט געהאַלטען אין האַנד אַ זילבערן פּאַסעק און האָט אויסגערופען, ווער עס וויל אַ שעהנע מתנה קויפען זיין יונג ווייבעל, וואָס ער האָט זי ערשט נישט לאַנג מקדש געווען. און טהייל־מאָל איז צוגעגאַנגען אַ איד בעטראַכטען דעם פּאַסעק צו ברענגען אַ מתנה זיין יונג ווייבעל, וואָס ער האָט ערשט ניט לאַנג מקדש געווען. (איינער ווייטער אין אַ זיידען טוך אויפ׳ן קאָפּ, אַ סימן פון אַ חשוב׳ן מאַן, נאָך וועלכען עס איז אַן עולם נאָכגעגאַנגען — צווישען די ווייבער, וואָס זיינען אין אַן אַנדער ווינקעל הויף פון בית־המקדש — און האָט אויסגערופען: ווער פון די פריילעדיגע ווייבער וויל זיין זיין ווייב איבער די צייט, וואָס ער וועט זיין אין ירושלים. וועט ער זי מקדש זיין און פאַר׳ן אַוועקגעהן וועט ער זיך אָב׳גט׳ען. און נישט איינע האָט זיך אָבגערופען אויף זיין פאָרשלאָג...).

אַזוי האָט דאָס פאָלק געלעבט, געלערענט און געהאַנדעלט אין בית־המקדש הויף וועלכער איז געווען אַ גרויסע פאָלקס־שטוב, אין מי־טען פון וועלכע עס שטעהט דער קדשי־קדשים, אין וועלכען עס וואָהנט גאָט צווישען זיי...

הלל מיט זיין פאַמיליע האָבען זיך ווי אַנדערע זיינע לאַנדס־

לייט אויפגעהאלטען אין בית־המקדש הויף. דער פאטער און מוטער זענען געקומען מיט איהם פאר'ן כהן מקריב זיין זיין קרבן. דער פאטער האט גענומען זיין זוהן און זיין קרבן אין דער צווייטער האנד פינף סלעים איינגעבונדען אין א טיכעל.

— מיין הער כהן, איך בין געקומען מיין זוהן אויסלייזען.

— און וואס ווילסט דו מיר געבען, דיין זוהן פון דיר אדער די פינף סלעים?

דער פאטער האט די פינף סלעים בעצאהלט.

און דערנאך האט דער כהן דאס קעלבעל מקריב געווען פאר גאט.

דאס אינגעל ישמעאל איז געשטאנען דערביי, און האט מיט גרויסע אויגען, און מיט א שרעקענדיג הארץ טיעף אין בית־המקדש אריינגעקוקט. דארט אינעווייניג איז טונקעל געווען, נאר עפעס גאלד און פורפור־שטאף האט זיך געבלישטשעט, און א לאמפ האט געברענט, און חלות זיינען געלעגען, און שטיל איז געווען. איהם האט ארומגענומען א גרויסע שרעק און א גרויסע פרייד. ער האט דערפיהלט דעם סוד, וואס וועהעט ארוים פון אינעווייניג דארט, און געוואוסט, אז גאט איז דארט אויף יענער זייט פרוכת אין קדשי־קדשים. ער האט געוואלט דארט אהין אריינגעהן. נאר ער האט זיך געשעהמט עס צו זאגען דעם כהן. ער איז געווען אזוי פערטהאן אריינקוקענדיג דארט אהין, אז ער האט גאר נישט געזעהען, וואס דער כהן טהוט מיט זיין שעפסעל. נאר פלוצים האט ער זיך אומגעקוקט און דערזעהען ווי זיין שעפסעל ליגט א גע'שחט'ענס אויפ'ן מזבח, און א פייער ברענט זיך אונטער איהם. א פרייד און א טרויער האט איהם ארומגענומען, וואס זיין שעפסעל ווערט פערברענט אויפ'ן מזבח פאר גאט. דער רויך געהט אויף, ווי א זייל אין הימעל אריין, און גאט שטעהט דארט, אויף דער צווייטער זייט פארהאנג, און זעהט, ווי זיין שעפסעל ברענט פאר איהם. ער האט אליין נישט געוואוסט, אויב ער זאל בעדויערען זיין שעפסעל אדער נים. באלד אבער האט ער ווייטער פערגעסען דערינען. ער האט דערזעהן, ווי אינעווייניג אין טונקעלהייט שטעהט א גאלדענער טיש, אויף וועלכען עס ליגען צוויי חלות. ער האט זיך פארגעשטעלט, ווי גאט זיצט פאר דעם טיש און אלע אידען זיצען ארום דעם טיש, און ער זיצט אויך, און אלע שווייגען שטיל, נאר ער זינגט דארט מיט א שטילען טאן...

און גאט גלעט איהם איבער די האָהר, איבער די באקען, און זאגט צו איהם: אינגעלע, אינגעלע, וואס לערנסט דו? — נאר באלד האט איהם די מוטער אנגענומען ביי דער האנד, האט איהם פאר'ן כהן גע־פיהרט. דער כהן האט אויף איהם זיינע צוויי הענד ארויפגעלעגט. ער האט גאר נישט געזעהען. ער האט נאר געזעהען דעם גאלדענעם טיש מיט די חלות, וואס ליגען אויף איהם, און די מנורה, וואס ברענט פאר איהם, און אזוי שטיל איז ארום... נאר באלד האט איהם ווידער די מוטער אנגענומען ביי דער האנד און האט איהם מיט פער־וויינטע אויגען פון די עזרה ארויסגעפיהרט... און דאס שעפסעל איז שוין נישט געווען — עס איז אינוועניג געבליבען, ביי דעם גאלדענעם טיש, אויף וועלכען די חלות ליגען און די מנורה ברענט, נאר ער מיט דער מוטער זיינען פון דרויסען געבליבען. און די מאמע וויינט אזוי, וויינט אזוי...

הלל האט געפונען א קרוב אין שטאדט, וועלכער האט איהם, מיט'ן קינד, מיט בת־שבע'ן אויף יום־טוב פערבעטען. מיט איהם איז אויך מיטגעקומען דער קרוב מיט א שכן פון טבריא, וועלכען זיי האבען אויך בעגעגענט. זיי האבען אלע אין איינעם זיך צוזאמענגע־קליבען ביי הלל'ס קרוב, אין איינעם יום־טוב צו האלטען. בת־שבע איז פרעהליך געווארען. נאכ'ן קרבן ברענגען און נאך די תפילה, וואס זי האט פאר גאט געבעטען אויף איהר זוהן, איז איהר זעהר גרינג אויפ'ן הארצען געווארען. זי האט געפיהלט אז גאט האט איהר תפילה דערהערט און האט איהר קינד געבענשט. זיינען זיי אלע מיט פרעהליכע הערצער אין שטאדט געגאנגען אויפ'ן יום־טוב, וואס גאט האט די אידען געגעבען זיך צו פרעהען. נאר דאס קינד ישמעאל האט אלץ מיט די אויגען ווייט־ווייט געקוקט, נאר גע־זעהען דעם גאלדענעם טיש, וואס שטעהט דארט ווייט אינוועניג, וואו עס איז טונקעל און שטיל, און וואו זיין קעלבעל איז יעצט...

די גאסען פון ירושלים, וועלכע זיינען געווען שמאל, זיינען בע־שטאנען פון קליינע איינצעלנע ליימענע הייזלאך, מיט פערמאכטע ארומגערינגעלטע הויפען, וועלכע זיינען אינעווייניג געווען פערזייט אין גערטענדלעך, נאר דא און דארט האט שוין ארויסגעשטארט פון צווישען די קליינע הייזלאך א פרעכטיגע אויס מארמאר־זיילען אויסגע־

מויערטע ווילע אין גריכישען סטיל פון א רייכען צדוקי, דער איינפלוס פון הורדוס'שען העלעניזם, וואס ער האט איינגעפלאנצט אין ירושלים.

זיי זיינען געגאנגען איבער די גאסען פון ירושלים. די גאסען זיינען צוליעב ערב יום־טוב זעהר בעלעבט געווען. אומעטום האט מען געזעהען פרעמדע, וואס זיינען ארומגעגאנגען אין די געוועלבלאך, אויף יום־טוב זיך איינקויפען. דארט און דא האבען די בעלי־מלאכות פון ירושלים, וואס זיינען געווען זעהר גאסטפריינדליך צו די אורחים, זיי אין שטוב אריינגעבראכט, אז זיי זאלען ביי זיי יום־טוב האלטען. מענער און חתנים זיינען ארום די שטעלען פון די גאלד־שמוקער געשטאנען, האבען פאר זייערע ווייבער און כלות ציער־רונג, גאלדשמוקערייען איינגעקויפט, אויף מתנות פאר יום־טוב.

## 7.

# דער יום-טוב אין ירושלים.

הלל מיט דער משפחה זיינען איבער די זומערדיגע היצען אין ירושלים געבליבען. דער מנהג איז געווען, אז די גליל'ער, וועלכע האבען די רייזע קיין ירושלים מיט גרויסע שוועריגקייטען דורכגע־מאכט, אז קוים האבען זיי געהאט א קרוב, א גואל, פלעגען זיי איבער־בלייבען אין ירושלים פון איין רגל צום צווייטען. הלל'ס משפחה, וועלכע האט זיך מעהרסטען דערנעהרט פון האנד־ארבייט און נישט פון דער ערד, האט זיך נישט געהאט וואס אהיים צו איילען. זיי האבען געוואהנט אויסער דער שטאדט, אין דעם גארטען פון זייער קרוב, און האבען איהם געהאלפען דערוויל דאס פעלד בעארבייטען. דער קליינער ישמעאל פלעגט מיט די אנדערע קינדער פון זיין קרוב אפט אויפגעהען אין דעם בית־המקדש הויף, אריינקוקען מיט פחד פון דער עזרה אין דעם בית־המקדש אריין, פלעגט אדער אפט זיך אוועק־זעצען אין דער לשכה, וואס איז געווען אין בית־המקדש הויף, וואו די סנהדרין זיינען געזעסען, אדער ער האט זיך איינגעהארכט צו דעם לערנען פון די תלמידי־חכמים, וואס זיינען דארט געזעסען, און נישט איינמאל האט איהם א סנהדרין־מאן אין בעקעל געקניפט און געזאגט צו איהם: אינגעל, אינגעל, זאג מיר דיין פסוק.

דאס קינד איז געווען בעטויבט פון ירושלים. — דאס לעבען פון דעם בית־המקדש הויף, די מענגע אידען, וואס ער האט דארט געזעהען, דאס בית־המקדש, די גאלדענע טישען מיט דעם געזאנג פון די לויים פלעגען אויף איהם אזא איינדרוק מאכען, אז ער פלעגט בלייבען זיצען אין בית־המקדש הויף אויף גאנצענע טעג און נישט וויסען, וואס עס טהוט זיך מיט איהם. איהם האט זיך אויסגע־דאכט, אז דא איז נישט מעהר די ערד, אז דא איז דער הימעל, דער פלאץ, אין וועלכען גאט וואהנט, — און טיעף דערינען אין בית־המקדש, דארט אין קדשי־קדשים, איז ער אליין און אלע אידען פון גאנץ־ארץ־ישראל קומען צו גאט אין בית־המקדש אריין און האלטען זיך מיט איהם אויף. און נישט איינמאל פלעגט ער זיך שטילערהייט

אריינשלייכען אין בית־המקדש אריין אין די פארטאכטען ביי די קרבנות־מנחה. ארום און ארום איז שוין טונקעל געווען. נאר פון אינוועניג האט דאס ליכט פון דער מנורה ארויסגעשימערט — און ער האט גע־ווארט אין א ווינקעל, אז קיינער, קיינער וועט נישט זיין, וועט ער אין דער שטיל פון זיין ווינקעל ארויסגעהן און אריינגעהן צו גאט דערינען — נאך דעם פרוכת, און וועט זיין מיט גאט.

און איהם האט זיך געדאכט, אז גאט ווארט אויף איהם אויך אזוי, ווי ער אויף גאט — אז גאט ווייסט, אז ער איז דא, און רופט צו איהם אין דער שטיל, און וויל זיין מיט איהם, און ארומנעהמען איהם אונטער זיין מאנטעל, און בעהאלטען איהם ביי זיך...

און נישט איינמאל האט מרים געקלאפט אויף דעם טויער פון בית־המקדש און גערופען די שומרים, אז מען האט דאס טויער פערשלאסען הינטער איהר קינד און דער שומר האט געזוכט אין די ווינקלען פון בית־המקדש הויף און געפונען דעם קליינעם ישמעאל מיט זיינע גרויסע צווי שווארצע אויגען, וועלכע האבען, ווי א גע־פענדער שטראם, געצויגען זייער בליק אין איין ציל...

נור דאס איז גאר נישט געווען געגען דעם, וואס עס איז געשעהן, ווען עס איז געקומען דער גרויסער טאג, דער הייליגער טאג, דער יום־הכפורים.

מיט דעם כהן־גדול איז ער אויף געווען א גאנצע נאכט אין בית־המקדש הויף. און דער בית־המקדש הויף איז פול געווען מיט אידען אין ווייסע טליתים. — און ער האט געזעהען, ווי די יונגע כהנים׳לאך די פרחי־כהונה, שפיעלען זיך מיט׳ן כהן־גדול, טאנצען פאר איהם, זינגען פאר איהם, און קנאקען מיט די פינגער פאר איהם — און א כהן־גדול איז דאן געווען א יונגער, א אינגעל כמעט, אין א זיידען העמדעל איז ער געגאנגען אנגעטהאן, און אלע אידען האבען זיך גע־פרעהט מיט איהם, און געשפיעלט זיך מיט איהם, אז ער זאל נישט איינשלאפען — און דערנאך, דערנאך, צו מארגענס, — ווי מען האט דאס שעפסעל אוועקגעשיקט מיט׳ן שומר צום בארג, און דער כהן־גדול, אין דעם ציץ אויפ׳ן שטערן, מיט׳ן חשן־ואפוד, די בריליאנטען בלישצען, די גאלדענע בראטפאן ברענט, און א רויך געהט אויף, און אלע אידען, ווי איין מאסע, ליגען מיט די פנים׳ער צו דער ערד, פער־דעקט די קעפ מיט די טליתים און א שווייגען איז, א שרעקליכע שרעק

נעהמט אן, און דער כהן גדול איינער אליין מיט רוהיגע טריט געהט, דער רויך פון דער גאלדענער בראטפאן פאראויס, און א גאלדען קלינגלען הערט זיך אין דער שטילקייט פון די גלעקלעך און דאס קלינגעל'ן שרעקט נאך מעהר — אט האט ער שוין די פארהאנג אבגע־רוקט — די אידען האלטען דעם אטעם איין — אט שוין איז ער דער־רינען, ביי גאט, — א טויטע, שרעקליכע שטילקייט איז ארום...

און ער, דאס אינגעל ישמעאל, איז מיט דערינען געווען, — ער זעהט, ווי גאט נעהמט איהם צו, דעם כהן, — און נעהמט פון איהם די בראטפאן צו און רעדט מיט איהם עפעס אין דער שטיל. נאר ווי זעהט עס גאט אויס,—דאס האט ער זיך באין אופן ניט געקענט פארשטעלען. ער האט נאר געזעהן א פלאם פייער און הערליכעס ליכט, — נישט ווי די זון — נאר ווי זיין מוטער'ס אויגען טיילמאל אין א פארנאכט — און שוייג, זעה, גאט פרעגט אויף איהם, — פרעגט איהם דעם קליינעם ישי — יא, ער הערט גאט'ס שטים, — און זי רופט איהם — איהם — קום מיט אריין... קום מיט אריין...

יוסף האט געמוזט דעם קליינעם ישי פעסט ביי דער האנד האלטען

דערנאך, אז דער פאטער און מוטער האבען די עזרות פערלאזט, און האבען זיך אין בית־המקדש־הויף צוזאמענגעטראפען, מאכט דער מאן צו דער פרוי אזוי, איבערגעבענדיג איהר דאס קינד:

— ווילד זיינען די וועגען פון דעם קליינעם יונג, און זיינע מעשים זיינען מיר אונפערשטענדליך. איך האב מורא, אז נישט קיין גוטער גייסט האט דעם יונג בעזעסען — מען מוז מיט איהם צום כהן גדול געהן, אן עצה פרעגען.

— דער יונג וויל צו גאט!

די מוטער האט דאס איהריגע אין זיך איינגענומען — און בעהאלטען זיך דערמיט אין דעם פערלעגענסטען ווינקעל פון בית־המקדש הויף, אז זי זאל דא גאר נישט אויסמאכען.

---

דערווייל איז אנגעקומען ערב יום־טוב, ערב סוכות, ערב שמחת־בית השואבה.

מען איז צום טעפער געגאנגען, געקויפט קליינע עהל־לעמפלאך, און ביים שפינער געקויפט וואלענע, לאנגע טיכער, און ביים בוימעל־

הענדלער בוימעל געקויפט, אויף מארגען די טיכער אין עהל צו טונקען און אין פייער צו ברענען

און די קליינע און שווארצע בנות־ציון, געהילט אין זייערע זויי־דענע שווארצע טיכער, זיינען צו די ווירץ־הענדלער געגאנגען, צו די וואס קענען די בלעטער און געווירצען, פון זיי די פיין־שמעקענדע עהלען אוים בשמים און ווייווך צו קויפען, די לייבער זיך דערמיט צו שמירען און די האאר זיך דערמיט צו שמירען צו דעם מארגענדיגען יום־טוב

הלל'ם קרוב האט געוואהנט אין עק שטאדט, אין א ליימענעם הייזעל, מיט א ניעדריגען דאך, און א ברייטער רשות־היחיד האט ארומגערינגעלט דאס הייזעל. די הויז־געזינדען האבען זייערע פעק־לאך, וואס זיי האבען אויף יום־טוב איינגעקויפט, צונויפגעלעגט, און די ווייבער האבען דאס עסען אנגעהויבען אבצוקאכען אויף יום־טוב אין ערדענע טעפ, האבן וואסער פון די „מערות" געבראכט, די לעמפלאך צורעכט געמאכט אויף יום־טוב. די מענער האבען זיך גענומען די סוכה צו שטעלען, זיינען אין גארטען געגאנגען, די אתרוגים און לולבים אבשניידען. מרים האט איהר מאן זיין ווייס ליילאך אויסגעוואשען אויף יום־טוב. די מיידלאך האבען קרענץ געפלאכטען, די סוכה צו בעפוצען. די אינגלאך האבען זיך אלע צוזאמענגענומען, מיטגענומען די נייע כלים אין וואסער צו טובל'ען, און אזוי האבען אלע דעם יום־טוב אין שטיבעל אריינגעבראכט

די זון האט זיך געזעצט אויף דעם גאלדענעם שפיץ פון בית־המקדש, האט העל בעלויכטען די גאלדענע קופאלען, וואס זיינען אויף די טורעמס ארום די מויערען, וואס הורדוס האט געשטעלט. דאס גרינס אין ירושלים, וואס פלעגט אין תמוז־צייט פון די היץ פער־ברענט ווערען און דער עהל־בוימען, וואס זיינען פערלעכצט פון דורשט, פערברענט פון זון און פערשאטען מיט שטויב, פלעגען אין די לעצטע חדשים פון זומער, פאר סוכות־צייט, אזוי ווי אין פריהלינג צוריק אנ־הויבען צו בליהען. דאס גרינס אויף דער ערד, די בלעטלאך אויף די עהלבירט־בוימלעך פלעגען צוריק ערפרישט, בעלעבט און טונקעל ווערען — ביז צו רעגען צייט. נאר דאך האט זיך נאך דא און דארט ארויסגעוויזען גאלע, ווייסע בערג, פערברענט בליהעכטס, וואס פלעגט פון שטויב און היץ ווייס ווערען. די ווייסע פלעקען זיינען אין די

לעצטע זונען־שטראהלען זעהר העל בענגאלדעט געווארען, ווי נאלדענע קופאלען האבען זיך איין זון געברענט.

און שטיל ווערט ירושלים ביי זונען־אונטערגאנג, שטיל און ליכטיג־העל, ווי א לויה פון א גרויסען מת, ווי דאס שטילקייט און העלקייט, וואס ווערט פאר א געוויטער. און פרום ווערט די וועלט, א ווינטעל קומט פלוצלינג אן, ווי פון הינטערען פרוכת ארויסגעגאנגען און געהט דורך איבער אלעס, און טובל׳ט, און ווארפט א שטילע, פרומע, ליעב־שרעקענדיגקייט איבער דער שטאדט.

דער יום־טוב האט אנגעהויבען מיט רוהיגע טריט אין שטאדט אריינצוקומען.

מען האט זיך די לייבער געבאדען, געוואשענע ליילעכער אנגע־טהאן, אין בוימעל זיך געשמירט, די בעטען אויפגעבעט, די שטובען אויסגעקעהרט, און די מענער האבען אין די סכות די טישען געגרייט, מיט געהאפטענע טעפּיכען די ווענד בעהאנגען, די נידריגע טישען מיט ווייסע ליילעכער בעדעקט. און דא און דארט האבען שוין עהל־ליכט ארויסגעשיינט פון צווישען די טונקעלע גראז, וואס האט די סכות בעהאנגען. און דא און דארט האט מען זינגען געהערט, וואס האט זיך געטראגען פון די נידריגע, אונטער די ציפּריסען פערטרונקענע סכות. און דא און דארט זיינען אידען געגאנגען, אין ווייסע לייל־עכער צום בית־המקדש הויף אויפגעגאנגען. און דער בית־המקדש שפּיץ און די טורעמס אויף די מויערס האבען געשימערט אין די לעצטע זונען־שטראהלען, און טונקעל איז געווארען, וואו אין די גע־דיכטע ציפּריסען זיינען די הייזער געווען בעהאלטען.

אז בת־שבע האט איהרע עהל־ליכטלאך אין די סכה אנגעצונדען און איבער זיי געבענשט, האט זיך דאס אינגעל ישמעאל געהאלטען אין איהר שירץ.

און די ווייבער זיינען געקומען, האבען די לעמפּעלאך אנגעצונדען. די מענער, אין די ווייסע ליילעכלאך געהילט, האבען זיך ארום טיש געזעצט. די קינדער האבען לויב־ליעדער און קאפּיטלאך תהלים גע־זונגען, און ביים עסען איז פרעהליך געווארען. נאר דאס אינגעל ישמעאל איז געזעסען בעזונדער, האט מיט די קינדער נישט מיט־געזונגען און איז טרויעריג געווען. און דער שכן, וועלכער האט איהם געוואלט ערפרעהליכען, מאכט צו איהם אזוי:

— ווארט, ווארט, בחור, מארגען אויף דער נאכט, ביי שמחת־בית־השואבה, וועל איך דיר א גאנצען שאל געבען איינטונקען אין עהל, אז דו זאלסט איהם אונטערצינדען. נאר דו מוזט פרעהליכער ווערען, נו, זאג מיר דיין פסוק.

דאס אינגעל האט געשוויגען.

— לאז איהם אב, עס איז א טרויעריגע קינד — האט הלל געזאגט צום שכן.

און די מוטער האט גענומען איהר קינד, איז מיט איהם אין דער שטיל ארויס, האט איהם אין זיך ארייגענומען, צוגענומען איהם מיט ביידע הענד, און איהרע לאנגע האהר, וואס האבען זיך ארויסגעפלאכטען פון איהר טיכעל, זיינען געפאלען איבער דעם קינד און האבען איהם צוגעדעקט, און איהרע הייסע טרערען זיינען אויף זיינע באקען געפאלען, און זי האט איהם געהאלזט:

— מיין קינד! מיין איינציג, איינציג קינד!

און די נאכט איז געקומען, ווי אויס א פרעמד אונבעקאנט לאנד, און האט די שטאדט צוגעדעקט. און פון די טונקעלע סכות אונטער די ציפריסען זיינען איינצעלנע געזאנגען געקומען אהער צו בלאנדזשען פון דער שטעדט.

8.

## שמחת בית השואבה אין ירושלים.

און צום מארגענס איז געווען שמחת בית השואבה.

גאנץ ארץ ישראל איז אויף דער הר־הבית געווען פערזאמעלט. טונקעל איז נאך געווען צווישען עולם. מען האט געווארט מיט דעם ערשטען פלאם פייער אויפ'ן ערשטען שטערען. און אין דער טונקעלקייט האט ארויסגעשימערט גאלד־בלעך און זילבער־בלעך, אויף מענער־ברוסט און ווייבער־האהר. און געטראגען האט זיך א טונקעלער סוד אויסגעמישט אינאיינעם מיט א בשמים־געשמאק פון דעם טונקעלען עולם, וואס האט זיך געהערט פון איהם א רוישען, ווי א רוישען פון א טונקעלען ים, וואס ווארפט פון צייט צו צייט א וואל און די שווי־

מענדע וואל ווארפט א ליכטיגקייט איבער דער טונקעלער אויבער־פלער... און א שטיל ליידענשאפטליך געזאנג האט זיך געלאזט הערען אין עולם, ווי א ווינד וואלט געבלאזען איבער הארפען און צופעליג אויף זייטען געשפיעלט. און א שטיל בענקעניש איז געלעגען אין דעם טונקעלען עולם, וואס איז געקומען אינאיינעם אהער וועהען מיט בשמים־געשמאק, און מיט שטיל־געזאנג...

די ווייבער זיינען אין עזרת־נשים געווען פערזאמעלט. און א גרויסע זאך האט מען דענסטמאל געמאכט. זיי זיינען געווען ארומגע־צוימט מיט א גאלערעע, אז זיי זאלען קענען זעהן דעם יום־טוב... און נישט מיט מאנספערשוינען קענען צוזאמענקומען.

און אז דער ערשטער שטערען האט זיך אויפ'ן הימעל געוויזען, האט זיך געלאזט הערען א שופר בלאזען, און די טויערען פון בית־המקדש האבען זיך געעפענט, און איבער די ברייטע מארמארנע פונפצעהן־שטופענדיגע טרעפ האבען זיך אלע לויים, וואס האבען זיך אין ירושלים געפונען, געשטעלט. זייערע לייכטע, דינע, איידעלע קערפערס זיינען געהילט געווען אין זיידענע לייכטע ווייסע העמדער מיט גאלד־פאסען, און תכלת־פאסען און הארפען־שפיעל און טענצער־געזאנג האט איבער'ן גאנצען הר־הבית געציטערט.

שיר המעלות בשוב ד' את שיבת ציון היינו כחולמים. אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רנה. אז יאמרו בגוים הגדיל ד' לעשות עם אלה הגדיל ד' לעשות עמנו היינו שמחים...

און א בענקעניש האט געבלאזען מיט מיט'ן געזאנג איבער די קעפ פון עולם, און האט געציטערט צווישען זיי.

און לאנגזאם זיינען די לויים געגאנגען איבער די שטופען. פון שטופע צו שטופע, און אויף יעדער שטופע האבען די שופרות גע־בלאזען און הארפען־קלאנג האט געציטערט און די לויים האבען א צווייטען שיר המעלות געזונגען:

שיר המעלות לדוד, שמחתי באומרים לי בית ד' נלך. עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים.

און ווי זייער געזאנג, אזוי איז זייער גאנג מיט בענקעניש געווען פול און מיט א שטיל ציטעריג לוסטיגקייט...

אזוי האבען די לויים געטראטען פון שטופע צו שטופע, פון מענער־„עזרה“ צו ווייבער־„עזרה“.

און די פיער כהנים־בחורים, ווי פיער ציפּריסען־בוימער, זיינען געגאַנגען פאַראויס פאַר זיי, די פאַרנעהמסטע קינדער פון ארץ ישראל. העמדלעך האבען זיי זייערע מוטערס געמאַכט צו דעם יום־טוב, זיידענע העמדלעך מיט גאָלד געוועבט, און דאָך אַזוי דין און דורכזיכטיג, אַז מען זאָל זייערע דינע ביינערדיגע לייבער אַרויסזעהן. און גאָלדענע גרויסע קריג מיט דעם טייערסטען בוימאויל, וואָס האָט זיין געשמאַק, ווי אַ געזאַנג פאַראויס געשיקט פאַר זיך, האָבען זיי געהאַלטען אין זייערע הענד, און אַז דאָס פאָלק האָט זיי דערזעהן, האָבען זיי פאַר פרייד צו וויינען אַנגעהויבען, צו שרייען פאַר גדולה, און זייערע אתרוגים, וואָס זיי האָבען אין די הענד געהאַלטען, אין דער הויך געוואָרפען.

אַזוי זיינען די פיער כהנים מיט די קריג בוימאויל געגאַנגען פון מענער־עזרה צו דער ווייבער־עזרה.

און פול איז געווען די ווייבער־עזרה מיט די שעהנסטע און איידעלסטע טעכטער פון ירושלים. שוואַרצע זיידענע דינע הילעס האָבען זייער איידעל־ווייבער־קערפּער געהילט, און גאָלד־בלעך האָט פון צווישען זייערע שוואַרצע האָהר אַראָבגעשוועבט, און טהייערע פּערלען האָבען ווי שטערען פון צווישען זייערע שוואַרצע האָהר אַרויס־געשימערט. און שטילע בעטענדיג־שימערענדע ברילּיאַנטען־שטיינער האָבען זייערע שטערענס בעפּוצט. און געוועבט איז זייער שוואַרץ זיידען שטאָף מיט גאָלדענע פעדים און פּערל־שנירען געווען.

און טונקעל איז נאָך געווען אין דער עזרה, נאָר פון אויבען האָבען אַראָבגעשטראַהלט די פיער גרויסע גאָלדענע הענג־לייכטער, וואָס זיינען דאָרט געהאַנגען, און פון דער טונקעלקייט האָט אַרויסגע־שימערט פּערל און ברילּיאַנט פון ווייבער־ברוסט און ווייבער־האָהר, ווי אַ ים, וואָס שיקט שוימענדע וועלען אויף זיין אויבערפלעך.

און לאַנגזאַם מיט בענקעניש זיינען די פיער כהנים־בחורים אין די ווייבער־עזרה געשטיגען, ווי דאָס געזאַנג האָט זיי בעגלייט.

און טייערער אַלטער פּורפּור־שטאָף און זיידען־פעדים, און וואָלען־פעדים אַרויסגעצויגען פון די אַלטע כהנים־קליידער, זיינען דאָרט געלעגען, און זיי זיינען די כהנים־בחורים אין די עזרה געקומען, האָבען מיט בחור'שקייט אויף די פּנים'ער, אַרויסגעפּיעשטשעט אויף זייערע באַקען פון ווייבער־בליק און מיידעל־בליק, פון זייערע גאָלדענע

קריגען בוימעהל אין די גאָלדענע הענג־לאַמפּען געגאָסען און דעם פּורפּור־שטאָף און די זיידען־פּעדעם און די וואָלען־פּעדעם דאָרט אין די הענג־לאַמפּען אריינגעשטעקט און אָנגעצונדען. און דער גאנצער הר־הבית איז אין פלאַמען ליכט צוגאָסען געוואָרען.

און געקומען איז דאָס ליכט און ווי ימים־וועלען געגאָסען אויף די קעפּ פון דעם אָנגעשטאָפּטען רעש'ענדען עולם. און האָט דאָ און דאָרט בעלויכטען פּנים'ער, שטיקלעך גאָלד־בלעך, שמאַראַגדען אויף קעפּ און אויערען, און שטילע פריידען־יאַכצען האָבען זיך ארויסגע־ריסען פון די הערצער אין איינעם מיט'ן ליכט

און געוועקט איז געוואָרען דאָס ליכט פון די האַרפען־טענער און פון די כאָהר געזאַנגען, און האָט זיך שוין געגאָסען איבער קעפּ, ווי ים־וועלען, ווי עס וואָלט געדעגענט מיט זונען־שטראַהלען, און ווייסער מאַרמאָר האָט געברענט אין פייער. און די גאָלדענע טרעפּען זיינען צוגאָסען געוואָרען און זיינען צו גאָלדענע טייכען געוואָרען. און איי־דעל און העל איז געווען דאָס ליכט, און געקנאַקט האָט עס אין פייער, אויסגעגאַנגען איז עס מיט אַ פריידען־יאַכצען געשריי.

און דאַך, אַ טונקעלער סוד האָט ארויסגעוועהט פון ליכט, און האָט מיט אַ בענקעניש געוועהעט, דאָ בעלויכטען, און דאָ פערטונקעלט.

און דאָס פאָלק איז ווי שכור געוואָרען פון ליכט, האָט זייערע שאַלען און וואָלען־שטאָף אין עהל געטונקט, אין פייער געצונדען, אין דער לופט געוואָרפען.

און געגאָסען האָבען זיי דאָס ליכט איבער זייערע קעפּ מיט פריי־דען־געזאַנג, וואָס האָט זיך נישט אויסגעדריקט אין קיין שיר המעלות און קיין תפלה־געבעט, נאָר אין אַ מעכטיג אונבעגרענעצט הארץ־געשריי, אין איינעם געפלאַקערט מיט דעם וואָלען־שטאָף אין פייער.

ווארים אַ גרויס בענקעניש האָט זיי ארומגענומען נאָך ירושלים, נאָכ'ן בית־המקדש, נאָך גאָט. קיין מלך פון דוד'ס הויז איז נישטאָ דאָ, אַ גוי, וואָס דיענט צו האַלץ און שטיין, הערשט איבער דער היי־ליגער שטאָדט, וואו גאָט האָט זיין נאָמען געלאָזט רוהען. דער כהן־גדול ווערט געזעצט פון גוי, אָבער ער קויפט זיין כהונה פאַר געלד — איז זיי מעהר נישט איינגעבליבען נאָר דאָס איינציגע בית־המקדש, וואו גאָט אַליין רוהט, און וואו די שכינה רוהט הינטער דעם פּרוכת, און פון וואַנען עס געהען אַלע תפלות אין הימעל אויף. און גאָט איז

דער אל אחד ומיוחד, וואס קען אלעס און האט אלעס, און ער איז מיט זיי, צווישען זיי, פרעהט זיך מיט זיי און הערט זייער געזאנג און לויב — און ער איז דער איינציגער גאט איבער אלעס.

זיינען זיי פאר שכרות און התלהבות אויף דער ערד געפאלען, איינגעגראבען די פנים'ער אין די קאלטע שטיינער און געלעגען שעה'ן לאנג. די עלטעסטע פון פאלק, די פארזיצענדע פון די סנהדרין מיט וויס־געגרויטע האהר, מיט טהייערע זיידענע טיכער אויף די קעפ, וואס דאס פאלק שטעהט אויף פאר זיי, איילען פון דערווייטענס, ווען עס דערזעהט זיי — ארומגערינגעלט מיט קליינע קינדער, לאכען ווילד, ווי קליינע קינדערלעך, כאפען פייער אין די הענד, ווארפען פייער פון די הענד. דארט האבען מענער ארומגערינגעלט א פלאם פייער, געטאנצט, ווי משוגעים, ארום דעם פייער. געשפרונגען אין פייער, די לייליכער פון די לייבער אראבגענומען, און איינגעטונקט און אונטער־געצונדען. דארט האבען אנדערע די קליינע כהנים אין זייערע ווייסע טליתים אויף זייערע הענד געכאפט און מיט זיי זיך ארומגעטראגען. אין די ווינקעלעך האבען קופקעלעך אלטע גרייז־גרויע אידען ארומגע־רינגעלט, וועלכע מיט פלאמענדע אויגען און מיט הענד־ווייזונגען האָ־בען דערצעהלט פון אידישע גבורות, פון די חשמונאים, פון בית־המקדש, און געוויזען ערגעץ־וואו ווייט. און געברומעריי איז געהערט געווארען צווישען דעם עולם, ווי פון א ים... אין אן אנדער ווינקעל איז א מיי־דעל אין א זיידען־לייווענד געהילט געשטאנען, פאר איהר האט א צווייטע אויס א גאלדענעם בעקען אייל געגאסען, קליינע וועלען געטוקט און פאר איהר געברענט. דאס מיידעל האט ארום דעם בעקען פייער געטאנצט, פאמעליך, אהנע צו בעוועגען מיט איהרע אברים, וועלכע זיינען אין דער הילע געווען געהילט, האט זי איהרע פיס געשטעלט, אין דער שטיל, אין דער שטיל האט זיך איהר קערפער, ווי א געבעט איינציגווייז אנגעהויבען מיט צו בעוועגען. ווי א קינד אויס דעם שלאף געוועקט, נאר איינציגווייז, איינציגווייז, לויט דעם פייער פלאם, האט זי מיט איהר גאנצער נשמה ארום דעם פייער אנגעהויבען צו טאנצען, האט פון זיך איהר טונקעלע הילע פאלען געלאזט, און איהרע ביינער האבען ארויסגעקוקט זיך פון איהר זיידען ברוסט־טוך, וואס איז אויף איהר, — האבען זיך מיטבעוועגען מיט איהר, ווי א געזאנג. ארום איהר האבען זיך בחורים געקליבען... פייערלעך האבען זיך אין

די אויגען געוויזען... און דאס פארבען=שפּיעל פון די לוויים האט פון רערוויטענס דורך דער מחנה אהער געדרונגען. און די מחנה האט געברומט, ווי דאס ברומען פון א ים, און פלאמען פייער האבען זיך געבּרענט צווישען זיי און זיי... און דא און דארט, מען האט ניט געוואוסט פון וואנען, האבען זיך צווישען עולם, אין טונקעל זיידענעם געהילט, אין פּערל געשימערט. קליינע, דינינקע בנות=ציון געוויזען. האבען זייערע בלוט=פער'שכור'טע נאקעטע העגד פון די שווארצע זיידענע הילעם געוויזען. און ברענענדע פון תאוה, פערדארשטעטע שווארצע אויגען אין בלייכע שטראהלענדע פּנים'ער איינגעזעצט. האבען די בחורים, די מענער אין די אויגען געקוקט. אין דעם בליק איז פרומקייט, פערברענט אין תאוה, געלעגען, צניעות און שעמעוודיגקייט מיט א שמילע, טיעפע, פון יאהרען לאנג דורכגעדעקטע גלוסטונג אין דעם געשמאק פון זייערע אויסגעזאלבטע לייבער האט זיך אין בלוט איינגעגעסען, און זיי זיינען פערשוואונדען געווארען, און פער'שכור'ט זיינען די מענער געלאפען נאך זיי... אנדערע האבען זיך ארום דעם בית=המקדש אויף דער ערד געווארפען, און די הענד געהויבען אין דער הויך, הויך געשריען, נישט קיין ווערטער, נישט קיין לויב, נאר האבען ווי ווילד=משוגענע געשריען, די האהר זיך געריסען, דאס פּנים אין די ערד געגראבען. און די לוויים מיט די הארפּעס אויף די ברייטע פערצעהן=שטאפּעלדיגע טרעפּ, די שופרות האבען געבלאזען, די הארפּעס האבען געשפּיעלט, די לוויים האבען געזונגען, דאס פאלק האט געשריען, און די קולות האבען זיך אין דער הויך געטראגען, ווי די פלאמען פייער, וואס האבען זיך אויס דער עזרה געגאסען, וואס פון דעם פאלק אין פלאמענדע עהל=טיכער געווארפען, און עס איז געווארען איין שרייענדיג הארץ=געשריי, וואס פער'שכור'ט און פערבענקט, ערפילט מיט תאוה, שרייט עס נאך גאט!

און די נאכט איבער זיי, די ירושלים=נאכט, וואס שטערן און שטערן, מיילך=וועג און מילך=וועג רייבען זיך אין איינעם און בערעגענען די קעפּ מיט שטערן=ליכט.

און ווייט און ברייט האט זיך געטראגען דאס ברענענדע געשריי פון ציון'ס בארג אין דער לופטען ארום, און עס איז נישט געווען איין הויף אין ירושלים, וואס איז נישט בעלויכטען געווארען פון דעם ליכט, וואס האט זיך געברענט אויף'ן הר=הבית. און דאס ברומען פון

פאַלק, און דאָס געזאַנג און געשריי האָט זיך אויף מײלען ווייט גע־טראָגען. און דער פּרעמדער, וואָס זוכט דאָרט נאָך ישורון־טהאָל, האָט דערזעהן דאָס ליכט, וואָס געהט אויף פון יהודה־בערג, האָט ער זיך נעפרעגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ געשריי, וואָס געהט אויף צו אונז פון די יהודה־בערג? און וואָס איז דאָס פאַר אַ געשריי, וואָס געהט אויף צו אונז פון ציון'ס באַרג? האָט מען איהם געענטפערט: אַ גרויסער, גרויסער יום־טוב איז היינט אין יהודה!

---

צוזאַמען איז מען אין ירושלים אריינגעגאַנגען, און איינציגוויין איז מען פון ירושלים ארויסגעגאַנגען.

אַלע וועגען האָבען פון ירושלים די עולי־רגל'דיגע געפיהרט מיט פרעהליך־שטראַהלענדע פנים'ער, און מיט האָפנונג, מיט אַ פול האַרץ. און שטאָלץ איז מען געווען אויף ירושלים, אויף דעם בית־המקדש.

— ירושלים, גאָטס שטאָדט, פון וואַנען ליכט און גערעכטיגקייט געהט ארויס, דיך זאָל בעזיעגען אַ פרעמדער, דיך זאָלען בעשמוצען פרעמדע הענד — ניין, ניין, גאָט וועט נישט דערלאָזען.

— מיר זיינען זינדיג, זינדיג פאַר גאָט, — האָט אַ צווייטער פון דער מחנה אָבגעענטפערט און פערשוויגען געוואָרען.

— און ווי נישט זינדיג מיר זאָלען זיין, מיט אַלעם וועט גאָט אונז שטראָפען, אונזער ערד וועט ער פערדורשטען פון זון, די געבורט פון אונזערע ווייבער וועט ער שלאָגען מיט פריהען טויט, אָבער ירושלים, אונזער ציערונג און שטאָלץ, דאָרט, וואו ער האָט זיין נאָמען געלאָזט אָנרופען, דאָס בית־המקדש שעהנקייט און האָפנונג, ניין, חלילה.

— און אַ פרעמדער רעגיערט איבער אונז. אין הורדוס פּאַלאַץ וואָהנט אַ רוימישער פּראָטעקטאָראַטאָר, צעהלט אונזערע קעפּ, ווי מיר וואָלטען שקלאַפען געווען, און נעהמט פון אונז קעפּ־מס. ער האָט ארומגערינגעלט ירושלים מיט זיינע חילות; דער כהן־גדול האָט ביי איהם זיין כהונה־גדולה געקויפט פאַר דרייסיג טויזענד שטיק זילבער.

— מיט די אתרוגים איהם צו פערוואַרפען האָט מען געדאַרפט, טויטען איהם ביים מזבח.

— ער האט זיך דורך'ן גאנצן יום־טוב נישט געוויזען. די עבודה האבען די כהנים פון „משמר" אבגעטהאן.

— די דינים פון סנהדרין זיינען נישט גילטיג, ביז דער ראש־החייל בעשטעטיגט זיי נישט.

— א עת־צרה אויף אידען.

— און אונטער וועמעס הענד גיט ער אונז אונטער, אונטער א פאלק, וואס דיענט צו האלץ און שטיין.

— אז אידען זיינען גוט, קען קיין ממשלה איבער זיי קיין שליטה נישט האבען, און אז אידען זיינען שלעכט, איז אפילו א פאלק פון קנעכט רעגיערט איבער זיי.

און זיי האבען זיך אומגעדרעהט צו ירושלים צו, און האבען דער־זעהען די שפיץ הייזער און די גאלדענע טורעמס פון די פעסטונגען, וועלכע שטארען ארויס פון הינטער דעם מויער. און הויך אויפ'ן הר־הבית, ווי א פליסענדער, אין דער לופט הענגענדער ים האט זיך אין דער זון געגלאנצט דער ווייסער מארמאר פון בית־המקדש, און מיט זיינע גאלדענע נאדלען אין דער הויך האט גאט'ס הויז אויפ'ן הר־הבית אויסגעזעהן, ווי אן אדלער, וואס פערשפרייט זיינע פליעגלען איבער דער הייליגער שטאדט. און דער הימעל, וועלכער האט זיך געצויגען פון הינטער דעם הר־הבית אן ביז ווייט־ווייט ארונטער הינטער די הרי־אפרים, האט בערג און טהאל, פעלד און הויז בעגאסען מיט ליכט, לעבען און פרעהליכקייט.

און די ארויסגעהענדע פון ירושלים האבען זיך צו דער ערד גע־ווארפען, זייערע הענד און זייערע טיכער קיין ירושלים אהין געשווינ־קען און האבען אזוי געזאגט:

— ירושלים, ירושלים, ליכט און קרוין פון אונזער קאפ, זיי בע־גריסט, זיי בעגריסט. זיי זיכער און פעסט, גאט איז דיין בעשיצער. קיין פיינד וועט אויף דיר זיין פאהן נישט הויבען, קיי צווינגער וועט זיך איבער דיר נישט ריהמען קענען. גאט וואכט איבער דיר טאג און נאכט. דיינע קינדער הארען ארום דיינע מויערען, ווי די שעפסען ארום דעם פאסטוך. זיי געגריסט, ירושלים, ירושלים, אונזער בע־שיצונג און שטאלצקייט!

JEWISH ... LA BIB... 

# אין א חתונה נאכט.

איבער דעם מאדק פון דעם קליינעם שטעדטעל צפת איז א שמחה, א פיעדעל־שפיעלען, א פליטען־פייפען, א ווייבער־מענער געזאנג. אויסגעמישטע פריידען־קולות פערטויבען דאס געסעל. די קינדער מיט הדסים אין די הענד טאנצען פאר דעם חתן, און די כלות, שטאדט־מיידלער, רינגלען איהם ארום, זינגען פאר איהם: „דיין חלק האסטו גוט אויסגעוועהלט. עס איז צו ריהמען, עס איז צו ריהמען!"
די בחורים טאנצען ארום דער כלה:

א שעהנע כלה און א פרומע,
איהר האאר נישט געפארבט,
נישט געפארבט, נישט געשמירט
און דאך פיעל חן...

צו דער חתונה האט דער פועל איבערגעלאזט זיין אקעראייזען אויף דעם פעלד, און איז געגאנגען מקיים זיין א מצוה, משמח זיין חתן־כלה. דער שטאדט־בעל־מלאכה האט זיין ארבייט פערלאזט, דער למדן זיין ספר, און דער שרייבער זיין פעדער, און טאנצען פאר חתן־כלה, צו פערשעהנערען די שמחה. אלע הייזלעך אויסגעקעהרט, אלע שטיבלעך אויפגערוימט. און אלע שטאדטס־לייט אנגעטהאן אין יום־טוב'דיגען, זיינען געקומען מקיים זיין די מצוה פון משמח זיין חתן־כלה...

פאראוים דאס טענען־בוימעל מיט דעם לינדען־בוימעל, וועלכע די עלטערען פון חתן־כלה האבען איינגעפלאנצט ביי זייער געבוירען ווערען, און צו זייער חתונה אבגעשניטען, און געמאכט דערויס חופה־שטאנגען פאר דער יונגער פאר, דערנאך מיט דעם האהן, מיט דער הוהן טאנצט מען פאר חתן־כלה אנטקעגען: „מעהרט אייך, ווי די היהנער". אין דער עדה אויסגעמישט איז דער עולם, — יונג און אלט, מענער און ווייבער. די יונגע־לייט קוקען די כלה אין פנים אריין, און ריהמען איהר שעהנקייט הויך, כדי די קנאה צו ערוועקען ביי דעם חתן, אז ער זאל זי מעהר ליעבען. צווישען דעם עולם דער אלטער תנא.

זעה, געוועהנליכע קליידער געהט ער אנגעטהאן, נאר דאס העמדעל אויף זיך ארומגעוויקעלט, אין א ווייס לײלעך, דאך דער חשוב'סטער

און אנגעזועהענסטער פון דער גאנצער ערד. זעה דעם כבוד, וואס מען טהיילט איהם אב, אלע רוקען זיך אב פאר איהם, האבען דרך־ארץ פאר איהם. א געוועהנליכער פועל איז ער, א יגיע־כפים, וואס ארבייט א גאנצען טאג אין פעלד, און וועט נישט אבענטפערען קיין שלום אויף קיין גרוס, כדי נישט צו בעלמוטשען די צייט, וואס ער האט פערקויפט זיין בעל־הבית. דאך איז ער דער פרומסטער פון שטאדט, וואס קען צום מייסטען אין די הייליגע ביכער. און אלע ווייסען, ווי נאהענט ער איז צום הימעל. מלאכים קומען פרייטאג צו נאכט צו זיין טיש הערען זיין קידוש, און ער רעכענט זיך פאר איינעם פון די עלטעסטע פון די תנאים. נאר פאר צניעות, פאר עניוות וויל ער נישט אננעהמען די שטעל, וואס די סנהדרין האבען איהם אנגעבאטען צווישען זיך. זעה, אויך דער אלטער ר' תנחום האט איבערגעלאזט זיין אקער־אייזען אין פעלד און איז געקומען משמח זיין חתן־כלה. נישט אזוי ווי עס שטעהט איהם אן, לויט זיין כבוד, טאנצט ער פאר דער כלה, ווארפט פייערדיגע העלצער פון האנד צו האנד און פרעהט זיך מיט איהר. און פיהרט די קינדער ביי די הענד, זינגט מיט זיי, און פרעהט זיך מיט זיי. גאר נישט פערלירט ער פון זיין כבוד דורך זיין אפענער פרייד. אלע ווייסען, אז נאר פאר די מצוה וועגען, וואס איז אזוי גרויס, משמח זיין חתן־כלה־פאר, איז ר' תנחום ארויסגעגאנגען פון זיין פרומען, שטילען, טרויעריגען טאג־לעבען, צו פרעהען זיך מיט דעם חתן־כלה־פאר.

און ווי א מלך געהט דער חתן. אנגעטהאן אין זיינע יום־טוב־קליידער מיט דער חתן־קרוין אויף זיין קאפ, פיהרט ער די כלה ביי זיין האנד פון איהר פאטער־הויז, צו זיין מוטער־שטוב ברענגט ער זי זיך אהיים. אראבגעלאזט די אויגען צו דר'ערד, ווי עס פאסט פאר א כשר'ע אידישע קעניג־טאכטער, געהט די כלה צו זיין זייט, בע־פוצט איהר קאפ מיט די כלה־קרוין, געשמירט איהר לייב מיט טייערע בשמים, וואס איהר מוטער האט זי צו איהר חופה־נאכט אויסגע־שמירט—פערשפרייט זי איהר כלה־געשמאק ארום זיך. און איינ־געשלאסען אין שטילע פרייד, טיעף אין זיך הויבט זי פון צייט צו צייט איהר שעהנעם בליק צו איהר חתן ארויף, ווי זי וואלט איהם אין דער שטיל געזאגט: „דו האסט מיך געפונען, דו האסט מיך גענומען, איך בין בערייט דיך צו געהארכען, ווי דו וועסט בעפעהלען. מיין הערד און

מיין מאן". — דענסטמאל ווייזט זיך ארויס איהר האלז טונקעל און פול. עס ווייזט זיך אויס איהר פערל־שנור, ווי א טוי־בעדעקטע וויינטרויבען־שטאקען. וואס וואקסט ביי איהר פאטער אין גארטען, אזוי שטיל און פול, ווי איינגעשלאפען וואלט איהר מיידעל־בלוט אין איהר. א פערשלאסענער שטילער קוואל איז דאס מיידעל וואס נעהט יעצט נעבען איהר חתן־הער און קוקט אויף איהם מיט הכנעה און טיעפע פריידליכע אונטערטעניגקייט: וועק מיך, הערר! וועק מיך, מאן. ווי א שטיל געזאנג וואלט אין איהר געזונגען און נאך אזוי אונשולדיג, גאנץ, מיט טוי בעהויכט, אין איהר בתולה'קייט פערשלאפען, ווי עס זאגט עדות אויף איהר דאס פער'חתמ'עטע, ארום פערשלאסענע וויין־טונדעלע, וואס מען וועט זי דערויף ארויפזעצען. ווען זי וועט צו איהר שווינגער־שטוב קומען, צו ווייזען, אז זי איז אזוי פערשלאסען און פער'חתמ'עט, און קיינער האט נאך פון איהר וויין נישט געטרונקען. ווי פון דעם טונדעלע וויין, אויף וועלכען זי זיצט...

און דער עולם קומט וואס אמאל מעהר צו, אלץ פערלאזט זיין ארבייט און טהאן, און קומט משמח זיין חתן־כלה. נישט תורה זאל מען לערנען—און צו דער חתונה קומען. א קעניג מוז זיך אבשטעלען, אז מען פיהרט פאר איהם א כלה פארביי; אפילו א מת, אז מען פיהרט בעגראבען, מוז מען די לויה אבשטעלען, און די כלה אדורכ־לאזען.

האט דער חתן זיין כלה אין זיין מוטערס שטוב געבראכט. די שטוב אויסגעקעהרט, דאס בעט אויפגעבעט, דאס ליכט אנגעצונדען. און דער טיש איז געגרייט. האבען זיך די מחותנים און די אורחים ארום די טישען אויסגעזעצט. און דער חתן מיט דער כלה צווישען זיי. די קרובים זיינען געשטאנען נעבען זיי און האבען זיי בעדיענט. און די חשוב'סטע פון דער עדה זיינען געשטאנען פאר זיי, און האבען זיי משמח געווען. די בעלי־מנגנים האבען געזונגען, די טענצער האבען געטאנצט און די פייער־ווארפער האבען פאר זיי פייער־פלאַ־מען געווארפען. און די שווינער האט זיך געפרעהט מיט איהר כלה, און דער שווער מיט זיין איידעם. דער, וואס האט געקויפט, איז געווען פרעהליך, און דער וואס האט פערקויפט איז געווען פרעה־ליך... נאר די בעלי־תורה, וואס זיינען דארט געווען, האבען נאט'ס ווארט גע'דרשנ'ט, איז גאט'ס ווארט געווען צווישען זיי.

נאך פרעהען זיך מחותנים מיט חתן־כלה. און א קול הערט זיך הינטער'ן פענסטער דין און קלינגענדיג, ווי דאס קול פון א טויב ברומט הינטער'ן פענסטער:

— צו וואס פיהרט איהר אייער טאכטער אונטער דער חופה? פאר ווען מען געווינט איהר קינדער? — און גאט האט דאך אבגע־טהאן זיין האנד פון דער שטאדט ירושלים, זיין הויז גיט ער איבער דעם שונא...

א מינוט זיינען אלע שטיל געווארען, כאטש זיי האבען גאנץ גוט געוואוסט, וועמעס קול דאס איז—און אז ער האט זיך אין דער טהיר געוויזען, זיין טלית צוריסען אויף איהם, און דאס נאקעטע פלייש האט זיך ארויסגעוויזען; פון זיינע בארפוסע פיס האט זיך בלוט געריזעלט. די האאר פון זיין בארד און פון זיין קאפ, וואס זיינען ווילד בעוואקסען געווען, האבען זיין פנים פערשטעלט, נאר זיינע נאקעטע שווארץ־פערברענטע מאגערע הענד האט ער אין דער הויך דערהויבען, און כאטש ער האט געטראגען אויף זיך זיין צוריסענעם קעמעל־פעל, וואס דאס האט געוויזען, אז ער איז א עזעל־טרייבער, דאך האבען אלע ציטערענדיג אויסגעהערט זיינע רייד, וואס האבען געברומט, ווי מיט א מעסער געשניטען:

— צו פאר דעם שונא געווינט איהר דען נישט אייערע קינדער, אז ער זאל זיי פאר זיינע קנעכט־לויפער מאכען, אייערע טעכטער צו זיינע וועשערין און קעכינס. און די ערדלע פון אייערע טעכטער צו די בעדיענטע פון זיין בעט. און אייערע בחורים — צו זיינע רייט־וועגען וועט ער זיך שפאנען, און די ערדלע פון אייערע בחורים, אז זיי זאלען איהם קנעכט געווינען. און זיי וועלען בעהעפטען אייערע קינדער, א בחור מיט א בתולה, א ברודער מיט א שוועסטער, אז זיי זאלען איהם קנעכט געווינען. און ווי אויף דעם קלייד—וועלען זיי אויף אייערע קינדער גורל ווארפען, ווער עס זאל וועמען געהערען.

א דערציטערטקייט האט אלע ארומגענומען. שווארץ האט די נאכט ארייגעקוקט דורך די פענסטער־לעכער. טונקעל האט זיך געברענט דאס ליכט פון די אויל־לאמפען, די אורחים מיט די געבעטענע זיינען שטיל געבליבען זיצען, די טענער און די געזאנגען זיינען אין מיטען איבערגעהאקט געווארען. און די טענצער האבען זיך אין

די ווינקעלעך בעהאלטען. די כלה בעהאלט זיך הינטער דעם חתנ'ס ארים און וויינט אין דער שטיל...

נור דאן האט זיך אויפגעהויבען דער אלטער תנא ר' תנחום, וואס איז דארט געווען צווישען די געבעטענע, און האט זיך אנגע־רופען צו איהם מיט זיין מילד קול:

— פאר וואס ביזטו געקומען אויף דער חתונה אין וואכענדיגע קליידער? ביזטו געקומען אויף דער חתונה, וואש דיינע הענד און פיס, טהו אב דאס אש פון דיין קאפ און ווארף אראב דיין מאנטעל און זעץ דיך צווישען די געבעטענע. דיין כוס שטעהט פאר דיר, און דער טיש איז אנגעגרייט פאר דיר. ווארום מען דארף נישט זיצען צווישען חתן־כלה אין וואכענדיגע קליידער, און מען דארף נישט קלאגען, ווען דער חתן זיצט צווישען אונז...

— אייערע חתונות זיינען לויות, ווארום צום טויט געווינט איהר קינדער. אין די קולות פון אייערע שמחה־געזאנגען הערט זיך דאס פון די שווערדען־שארפען, וואס דער שונא שארפט אויף אייך.

— די מצוה משמח צו זיין חתן־כלה איז א גרויסע זאך, און ווער עס שטערט זי, דער שטערט א גרויסע זאך. דערפאר בעט איך פון דיר, אז דו זאלסט נישט שטערען די שמחה פון חתן־כלה — רעדט ר' תנחום ווייטער.

— פון די היילען הערען זיך קולות, פון די בערגער נידערען שטימען: אין יעדער חורבה ברומט עס און וויינט — מיין הויז וועל איך צושטערען איבער די זינד פון יעקב, וואס זיינען פיעל.

— מען הערט נישט צו קיין קול, וואס קומט פון היילען און בערגער. און אויף דיר בין איך גוזר, קענסט דו נישט טהיילען דיין פרייד מיט אונז, שטער אונז נישט, צו פרעהען זיך און מקיים צו זיין א מצוה.

— פאר וואס פערטרייבסט דו מיך פון דער חתונה, און איך וויל זיך דאך אויך משמח זיין מיט אייך. אבער וואס זאל איך טהאן, גאט לעגט אריין א קלאג־ליעד אין מיין מויל. און וויל איך א חתונה־ליעד זינגען, זינג איך אייך א לויה־ליעד. גאט האט מיך געשטראפט.

— מען קומט נישט מיט לויה־ליעדער אויף קיין חתונה צו געהן — האט דער תנא געזאגט.

דער נביא האט די חתונה־שטוב פערלאזט.

דער עולם איז געווארען שטיל. אלע האבען געוואוסט, ווער דאס איז. א משוגענער נביא האט זיך ארומגעדרעהט אין שטעדטעל, אין די היילען, אין די חורבות האט ער זיך אויפגעהאלטען, שטענדיג אין מדבריות ארומגעגאנגען. פלעגט פון צייט צו צייט קומען אין שטאדט אריין און נביאות זאגען, א שרעקליך נביאות. ער פלעגט הערען קולות פון טהאלען און חורבות צו איהם אויפגעהן, וואס האבען אנגעזאגט שלעכטע בשורות. האט ער געטראגען א זאק אויף זיין ליב, מיט אש זיין קאפ בעשטרויערט און פלעגט פייניגען זיין ליב. די קלוגע-לייט, די צדוקים, וואס האבען נישט געגלויבט אין קיין רוחות, אין קיין קולות, האבען זיך פון זיין נביאות גארנישט געמאכט. אבער דאס פאלק האט זיך זעהר געשראקען פאר זיין נביאות און מורא געהאט פאר איהם, און זיין בעגעגענונג יעדעס מאל אנגענומען פאר א שלעכטען צייכען.

נאך זיין פערלאזען די חתונה, האט דער תנא געוואלט וויטער משמח זיין חתן־כלה און די געסט—עס איז איהם אבער נישט געלונגען.

אין א צוויטען ווינקעל ביי דער טהיר איז א קופקעלע געזעסען. טונקעל איז דארט געווען ביי זיי, שוואך האט אהער געשיינט דאס ליכט פון דעם חתן־כלה־ווינקעל, ווי דאס געשטיקטע געזאנג פון דארט אהער. ווארום עס זיינען דא מעהר געווען פערזאמעלט פון אזעלכע, וואס האבען נישט די זכיה געהאט צו זיצען ארום דעם חתן־טיש. עס זיינען מעהרסטען בעלי־מלכות געווען, וואס האבען נישט געקענט די הייליגע שריפט. און זיי זיינען מיט די ווייבער אין איינעם געזעסען.

קפדותא דער קליידער פארבער, וואס האט נאך געהאט די גע־פארבטע שנירלעך איבער זיין אויער דורכגעצויגען, וואס אויף דעם האבען איהם שוין איניגע פארזיכטיג געמאכט, אז עס איז נישט פאסענד אויף קיין חתונה צו קומען מיט די צייכען פון זיין מלאכה— ער אבער, ער האט געהערט די נגונים אין גאס זינגען, האט ער גע־לאזט שטעהן זיין ארבייט אין מיטען, און אויף דער חתונה געקומען. האט ער מיט מורא צוגעהערט דעם נביא'ס רייד. האט ער זיך צווישען דעם עולם אנגערופען:

— די הערדען פון דער וועלט פיהרען צווישען זיך א קריעג, און אויף אונז וועט דער צארן ווערען אויסגעגאסען...

דער עולם האט איהם אנגעקוקט, ווארום קיינער האט נישט פערשטאנען וואס ער מיינט. און ווי עס זעהט זיך אויס, האט ער אויך נישט געוואוסט, וואס ער זאגט. נאר עס איז אויף איהם א גרויסע שרעק אנגעפאלען פון נביא'ס רייד, וואס ער האט געהערט. ער האט געוואוסט, ווי עס טהוען זיך ערגעץ וואו אב גרויסע זאכען, און עס וועלען קומען שרעקליכע צייטען, ווארום פון אומעטום, וואו ער איז געקומען, האט ער געהערט עפעס שרעקליך קלאנגען. אין ירושלים ווען ער איז געווען צום לעצטען מאל, האט ער געהערט עפעס וועגען קאפ־מס. דער עולם האט זיך אין בית־המקדש הויף צוזאמענגענומען, האט מען געזאגט, מען דארף מלחמה האלטען, וואס ווען—האט ער נישט געוואוסט. און פון דעם אלעם, פון די אלע קלאנגען, שרעק אין די שוהלען אויסרופען—איז ער אזוי דערשראקען געווארען, אז ער האט געזאגט, ווי אין דעם טאן פון א גרויזאמען נביא,—דאס, וואס ער האט געזאגט, נישט געוואוסט און נישט פערשטאנען די ווערטער; און ווען ער האט געזעהען די דערשראקענע, נייגיעריגע געזיכטער, וואס האבען געקוקט אויף איהם, געווארט צו בעקומען א ערקלערונג, וואס ער האט געמיינט, איז ער גאר דערשראקען געווארען, און ער האט אנגעהויבען צו ריידען, צו מאכען מיט די הענד און צו שרעקען:

— הערען פון דער וועלט קומען און וועלען מלחמות פיהרען צווישען זיך — און זייער גרימצארען וועט ווערען ערפלאמט, וועה צו אונז, אויף אונזער קלייד האבען זיי גורל געווארפען. יא, איך האב עס געהערט. די שטיינער אין די גאסען רעדען דערפון. קולות געהען פון די וויסטען, פון די חורבות ארוים...

די ווערטער האבען אנגעשטעקט די אנדערע, וואס זיינען דארט געזעסען. איינער האט געקוקט אויף דעם צווייטען. דער טעפ־קלעפער, וואס איז דארט געזעסען, האט דערצעהלט, אז ער איז געווען אויף דעם מארק אין כפר־נחום, האט ער געהערט אויסרופען: „ווער עס וויל זיך מקנא זיין גאט'ס נקמה און געהן אויף קיין ירושלים, מלחמה האלטען מיט'ן שונא, איהם צו פערטרייבען פון גאט'ס ערד, זאל זיך צוזאמענעמען צו יהודה הקנאי, וועלכער נעהמט צונויף זיין מחנה".

און עס איז דארט געווען א חתן, וואס איז געקומען מיט זיי

כלה פון דער חופה, האט אניעדערגעלעגט זיין שווערד צווישען זיך און זיין כלה און האט געשווארען, אז זי זאל נישט פריהער ווערען זיין ווייב, בעפאר דער שונא וועט נישט ווערען ארויסגעטריבען פון דער הייליגער שטאדט, ירושלים. און נאך די זעלבע נאכט האט ער פערלאזט זיין כלה און איז געגאנגען מיט דער מחנה אב קיין ירושלים.

— עס איז געגעבן דער דין פון דער תורה — האט זיך אנגערופען א איד, א תלמיד חכם, וואס איז געזעסען אין א ווינקעל. — אין דער תורה שטעהט געשריבען, אז א חתן, וואס האט זיך גענומען א כלה, דארף פאר דעם ערשטען יאהר נישט פערלאזען זיין ווייב אין די מלחמה צו געהן.

ווען איז דאס געערדט געווארען — ביי א געוועהנליכע מלחמה; ביי מלחמת־מצוה איז אנדערש, והראיה ביי די חשמונאים, א מלחמת־מצוה איז אפילו דוחה שבת — האט זיך א צווייטער תלמיד־חכם אריינגעמישט.

די תלמידי־חכמים האבען געפונען איינער דעם צווייטען — האבען זיי זיך אבגעשיידט אין א ווינקעל און דארט ווייטער געפיהרט זייער ויכוח. דער איבריגער עולם האט ארומגערינגעלט דעם סגי־נהור, רבי תנחום, און געווארט אויף איהם, וואס ער וועט זאגען.

דער סגי־נהור, רבי תנחום, ארום וועלכען דער עולם האט זיך ארומגעקליבען, איז אליין נישט געווען פון שטעדטעל נצרת. ער האט זיך ארומגעדרעהט אין דער געגענד פון גליל. כאטש א פרוש, א נזיר, אזוי גאר, מיט געוואקסענע האאר, און נישט קיין פלייש געגעסען, און נישט קיין וויין געטרונקען, דאך האט ער זיך נישט ווי אנדערע נזירים אויפגעהאלטען אין די העהלען, בעהאלטען זיך פון מענשען אין די מדבריות. ער האט זיך געפונען צווישען פאלק, געגאנגען פון שטעדטעל צו שטעדטעל, און נישט קוקענדיג אויף טהרות, איז ער שטענדיג אריינגעגאנגען אין מענשען־געצעלטען איבערנעכטיגען, וואָרום ער האט געזאגט — אז דאס אויפהאלטען צווישען מענשען איז פיעל וויכטיגער, ווי דאָס אבשיידען און רייניגען זיך, וואָס ברענגט צום ערווייטערען זיך פון מענשען. און כאטש ער האט אויף זיך אנגעווענדעט אלע חומרות, ווי ער וואלט געווען פון בית־שמאי, אבער צו מענשען איז ער געווען צולאזענדיג און ענוה'דיג ווי איינער פון בית־הלל. ער פלעגט מיט די חסידים ראשונים אויפכאפען זיך

פריהמארגענס אין פעלד געהן און זיין קריאת־שמע זאגען. אין די דינים פון דער תורה אבהיטען איז ער געווען צו זיך אזוי שטרענג, ווי א פרוש פון בית־שמאי קען נאר זיין. און פיינד גע־האט הורדוס־הויז און אדום, וואס איז אין ירושלים געזעסען, ווי דער פערביסענסטער קנאי, און צו דעם אלעם פלעגט ער זיין צוגעלאזען צו מענשען.

און ווייך ווי א קינד, און קיינמאל נישט ענטפערען אויף קיין בעליידיגונג און יעדען פון וועג אויסטרעטען, ווי איינער פון בית־הלל. ווארום זיין שפריך־ווארט איז געווען: „נעהם פון יענעם דאס גוטע, נישט קוקענדיג, ווער ער איז, און דאס שלעכטע לאז איבער". דורך דעם האט איהם דאס פאלק זעהר ליעב געהאט. ווארום כאטש ער האט געקענט אין די הייליגע שריפט און איז געווען א גרויסער תלמוד־חכם, דאך האט ער זיך מיט די תלמידי חכמים נישט גע'חבר'ט, נאר שטענדיג געווען צווישען המון און געפיהרט זיך ווי איינער פון זיי. און קיינמאל נישט אין זייער געגענווארט גערעדט פון תורה, אדער פון די הייליגע שריפט מיט וועמען עס איז, כדי נישט צו פערשעמען די, וואס קענען נישט, אז עס זאל נישט אויסזעהן, ווי ער לאכט אוים דעם ארימאן. און גע'חבר'ט האט ער זיך מיט'ן פאלק, און געזאגט האט ער: „איך קום נישט אייך צו לערנען, נאר איך קום זיך פון אייך לערנען".

דער עולם האט געווארט, אז רבי תנחום זאל זיך עפעס אנ־רופען. נאר רבי תנחום האט געשוויגען, איז ווי אנדערע געזעסען און אויסגעהערט דעם טעפער'ס מעשה, און די בארד אויסגעצויגען, און זיינע אפענע גלעזערנע אויגען האבען אין די שטילע חתונה־נאכט אריינ־געגלאנצט. געשוויגען האט דער עולם לאנג, ווארום עס איז נישט שעהן צו רעדען פאר אן עלטערען און קליגערען פאר דיר.

איינע א אידענע האט זיך אנגערופען, נישט דרייסט האט זי גע־רעדט, האלב־פערשטענדליכע ווערטער, מעהר מיט די הענד, ווי מיט דעם מויל:

— און ביי אונז, אין אונזערע מקומות דערצעהלט מען, אז ערגעץ וואו אויף יענער זייט ירדן האט זיך אויפגעהויבען א מענש, א נביא זאגט מען, איך וויים עס נישט.. אין א קעמעל־פעל געהט ער אנגע־טהאן... היישעריקען עסט ער... און רופט, און רופט אז מען זאל קומען

ערגעץ וואו... אין ירדן זיך טובל זיין... ער איז טובל... און גרייט אז צו משיח'ס קומען, פון דוד'ס הויז זאל אויפשטעהן משיח... דארף מען זיך טובל זיין... — און זיין גרייט צו זיין קומען — האט די אידענע פערשעהמט אבגעהאקט איהרע ווערטער, אז זי האט די דרייסקייט גע־האט אריינצורעדען צווישען עולם.

דער עולם האט א מינוט אויסגעהערט דער ווייבעל'ס רייד מיט ערנסט. באלד איז איינעם פון זיי נישט געפעלען, וואס ווייבער מישען זיך אריין אין געשפרעך ביי די מאנספערשוינען — האט ער זיך אנ־גערופען:

— וואס, צו ווייבער איז שוין געקומען די נבואה, און ווייבער רע־דען שוין פון אזעלכע זאכען. עס וועט באלד קומען א צייט, און די ראבען אויף די דעכער וועלען אנהויבען צו פלאפערן דערפון, וועט מען דען אויף זיי קוקען?

— ווייבעריש גערעדעכטס — האט א צווייטער געלאכט — איהר חכמה איז נאר דער טאפ...

— און צו קינדער געווינען — האט דער ערשטער צוגעלעגט.

די ווייבער האבען זיך פערשעהמט אבגערוקט, ווארום עס האט זיך א שטיל קיבערן געהערט.

— לאכט נישט אוים דעם, ווארום אז עס וועט זיך דערנעהנטער־רען דער טאג פון גאט, וועט גאט זיין גייסט אויסגיסען אויף אלט און יונג, אויף ווייבער און קינדער, און אלעם וועט נביאות זאגען, אזוי ווי אין פסוק שטעהט: „ויהי ביום ההוא...“ — האט דער סגי־נהור גע־זאגט, איינשטילענדיג די שפאטער און כדי צו הויבען דעם הויך פון די ווייבער, האט ער צוגעגעבען:

— לאך נישט אוים די ווייב, ווארום כאטש דו לויבסט יעדען טאג, אז גאט האט דיך נישט צום ווייב געמאכט, איז עס נאר דערפאר, ווייל דער מאנספערשוין האט מעהר מצוות פון דער ווייב, אבער פערגעס נישט, אז פון ווייב קומסט דו ארוים. און וואהל איז צום קינד, וואס האט א געניטע מוטער, — האט ער צוגעגעבען.

דער עולם איז רוהיגער געווארען. די ווייבער האבען זיך גע־פונען געטרייסט. איינער, וואס זעהט זיך אוים, ער האט געקענט די שריפט, האט זיך אנגערופען:

— די קינדער פון דוד'ס הויז האבען זיך אויסגעלאזט, ווארום

עס איז ידוע, אז דער „רויטער" איז געקומען. הורדוס הרשע האט אויסגעראמט דאס גאנצע הויז חשמונאים, וואס זיי זיינען ארויסגע־קומען פון דוד'ס הויז און האט צופיהרט, אויסגעמישט די יחסנים, כדי מען זאל איהם נישט פארווארפען אז ער קומט נישט ארויס פון קיין יחסנים, נאר פון אדום.

— רויטער, רויטער! עס וועט דיר גארנישט העלפען, מיר אלע ווייסען, פון וועמען דו קומסט ארויס. מען דערקענט דעם אקס נאך זיין קאפיטע נאך — האט ווער דארט צווישען עולם געלאכט.

— איך בין געווען, ווי ער האט פערלענדט די לעצטע פרוכט פון דעם פראכטפולען גארטען — וועה איז מיר, אז מיינע אויגען זיינען נישט בלינד געווארען, נאר איך האב געמוזט נאך דאס זעהן — האט דער סגי־נהור אזוי ווי פאר זיך געזאגט.

דער עולם האט געשוויגען, געבויגען די קעפ צו דער ערד.

— אין יום־כפור איז ער צום ערשטען מאל נעגאנגען די עבודה טהאן. א קינד איז עס נאך געווען, א אייניקעל פון די חשמונאים. די קרוין האט ער, דער רשע, פון זיין פאטער אראבגענומען, איהם האט ער געוואלט אונטערברענגען. האט זיך אויף איהם מרחם געווען דער הער פון רוים, צו וועלכען דער פאטער האט געדיענט, ווארום ער איז געווען א מלך־בן־מלך, האט די שכינה אויף איהם גערוהט. און זיין פנים האט געלויכטען, ווי א זון, ווארום פון דוד המלך'ס הויז איז ער ארויסגעקומען. און עס איז געווען, אז דער אדומי האט איהם גע־וואלט שלעכטס טהאן, איז געגאנגען די מוטער און האט געשיקט זיין בילד צום שר פון רוים, און אז דער שר פון רוים האט געזעהן זיין שעהנקייט אויפ'ן בילד, האט איהם א גרויס רחמנות ארומגענומען, ווארום ער איז אויך געווען א מלך, האט ער געשיקט און געהייסען, אז מען זאל איהם פאר א כהן־גדול מאכען, ווארום די מלוכה האט געהערט צו איהם, ווארום יוחנן כהן־גדול איז זיין זיידע געווען...

דער עולם איז שטיל געווארען, האט געקוקט אויף דעם סגי־נהור. זיינע אונבעוועגטע אויגען האבען ערגעץ־וואו געשטארט און זיינען טויט און נישט ריהרענדיג געווען. נאר א טיעפער קנייטש האט זיך ארום זיין מויל געבויגען — און דאס פנים זיינס איז בעלויכטען גע־ווארען פון דעם טונקעלען שיין, וואס האט פון דעם חתונה־ווינקעלע ארויסגעשיינט, און פון דארט האט זיך א שטיל געזאנג געהערט.

ווי די נגונים וואלטען זיך איין וואסער געטוקט און טובל געווען זיך. בעפאר זיי זיינען אהער געקומען צושווימען אין דעם ווינקעל, און דער עולם האט איהם מיט קלאפענדיגע הערצער אויסגעהערט. און צווישען די ווייבער האט זיך א שטיל כליפען געהערט.

— א קינד איז ער נאך געווען, ווען ער איז צום ערשטען מאל געגאנגען די עבודה אין בית־המקדש טהאן. א טאכטער פון חשובי־ישראל האט מען איהם פאר א ווייב גענומען, כדי ער זאל א הויז האבען — ווארום א כהן גדול מוז אויף זיין אייגען הויזגעזינד אין יום־כפור אויף שלום בעטען. און א גאנצע נאכט זיינען די חכמים מיט איהם אויף געווען און האבען איהם געלערענט די עבודה, וואס ער האט מארגען צו טהאן. און די פרחי־כהונה האבען געטאנצט פאר איהם און האבען זיך געפרעהט מיט איהם, כדי ער זאל נישט איינשלאפען. און א זיידען העמדעל האט איהם די מוטער געמאכט, וואס עס האט געקאסט אכטצעהן־הונדערט מאל אכטצעהן־הונדערט גילדען. און טייל זאגען אכטצעהן־טויזענד מאל אכטצעהן־טויזענד גילדען. און דאך איז עס נישט געווען פון גאלד, נאר פון זייד, כדי עס זאל נישט זיין שווער אויף איהם. און פארוואס האט ער אזוי פיעל געקאסט? אי־בער די שעהנע ארבייט, כאטש עס איז געווען דיק געוועבט, דאך איז עס געווען דורכזיכטיג, ווי וואסער, כדי מען זאל אלע זיינע גליעדער ארויסזעהן. און דאס פאלק איז געווען פערזאמעלט אין דער עזרה. און איך בין אויך געווען דארט מיט זיי. און אז מיר האבען געזעהן דאס קינד פון דוד'ס הויז געהט אריין מאכען זיין עבודה אין קדשי־קדשים און בעטען פאר אונז, איז אויף אונז א גרויסע שמחה אנגע־פאלען, און מיר האבען געוואוסט, אז ער איז א גוטער שליח־צבור. און אז עס איז געווען אז דאס קינד איז ארויסגעקומען פון קדשי־קדשים בשלום און האט אויפגעהויבען די הענד צו בענשען דאס פאלק, מיט גאט'ס ברכה, האט די שכינה אויף איהם גערוהט, ווארום גאט'ס ברכה איז געווען אויף איהם און ער האט אויסגעזעהן ווי א חתן אונטער זיין חופה. איז א גרויסע שמחה אויפ'ן פאלק געפאלען און א גרויס געוויין איז דארט געווארען אין דער עזרה. ווארום זיי האבען זיך דערמאהנט זיין פעטער'ס הויז, ווען זיי האבען רעגיערט איבער די אידען, און האבען בעפרייט די אידען פון זייערע שונאים — איז א גרויס געוויין דארט געווארען און א גרויסע שמחה איז דארט געווען

און זיי זיינען געפאלען פאר איהם און האבען אויפגעהויבען די הענד צו איהם און האבען געשריען און האבען געזאגט: „קינד פון דוד׳ס הויז, רעגיער איבער אונז! קינד פון דוד׳ס הויז, רעגיער איבער אונז!“ און זיי האבען זיך געווענדעט צו הורדוס׳ן, וואס איז דארט געזעסען אין דער עזרה מיט זיין הויזגעזינד און נעבען איהם דאס קינד פון דוד׳ס הויז, מרים די שעהנע און איהר מוטער. האט דאס פאלק גערופען: „אדומי, אדומי, געה ארויס, געה ארויס“. און האבען געווארפען צו איהם די טליתים — האט ער זיך אויפגעהויבען און האט פערלאזט די עזרה און האט געקלעהרט א שלעכטע מחשבה. און וועה איז צו די אויגען, וואס האבען געזעהן, ווי דער רשע האט געמאכט זיין מחשבה צו א מעשה...

און דער עולם איז געווארען נאך שטילער. אין א ווינקעל האט זיך בעהאלטען די חתונה מיט חתן־כלה־פאר. די ליכטלאך האבען שוין אנגעהויבען צו צאנקען, ווארום עס איז שוין שפעט געווען, נאר דאך האט קיינער פון עולם נישט אויף קיין מינוט די טרויעריגע שטילקייט געשטערט. אלע האבען די ליפען פערביסען, די ווייבער דאבען אויפגעהערט צו כליפען, מען האט נאר געפיהלט, ווי עפעס א שווערע נאכט פאלט צווישען די ארומגערינגעלטע ארום סגי־נהור. דער סגי־נהור האט זיך א מינוט אבגערוהט און האט ווייטער זיין מעשה געצויגען:

— און א מנהג איז דארט געווען, אז דער כהן־גדול איז בשלום ארויסגעקומען פון קדשי־קדשים, האט מען אויף דער נאכט געמאכט א גרויסען יום־טוב מיט געזאנג און ליוב. וואס טהוט דער אדומי — האט ער געקלעהרט און האט געפונען, אז ער וועט מאכען די שמחה אין זיין פאלאץ, וואס איז אין יריחו, ביים ברעג פון ירדן. האט ער איינגעלאדען די חשוב׳סטע פון ירושלים און האט די רייטוועגען גע־שפאנט און ארויסגעפאהרען נאך יריחו צו מאכען די שמחה פאר׳ן כהן גדול, דעם ברודער פון זיין ווייב, די שעהנע מרים, און פיעל פאלק איז מיט ארויסגעגאנגען צו זעהן די שמחה. און איך בין אויך געווען צווישען די, וואס זיינען קיין יריחו אויפגעגאנגען, ווארום אונזערע הערצער האבען אונז שלעכטס אנגעזאגט. זיינען די לויפער געלאפען פאר דעם מלך׳ס רייטוועגען, און די שטולקאצען האבען גע־

ליכטען, — און אז זיי זיינען אנגעקומען קיין יריחו, האט דער מלך געמאכט א גרויסע שמחה — ווארום גרויס איז געווען די פרייד פון יונגען כהן־גדול. די חשובי־ירושלים ארום די טישען און דער מלך און דער כהן־גדול צווישען זיי. די פלייטערס האבען געשפיעלט און די טענצערס האבען געטאנצט. די פייער־ווארפער האבען די פלאמען געווארפען און די האמערן־קלעפערלאך האבען צוגעקלאפט. און דאס גאנצע פאלק איז געווען אויסגעצויגען ארום די פעלדער פון יריחו, ארום דעם פאלאץ און האבען געקוקט אויף דעם יונגען כהן־גדול. און אז עס איז געווען, די זון האט זיך צוהיצט, האט ער אנגעשיקט די בחורים, אז זיי זאלען געהן מיט דעם כהן־גדול באדען זיך אין וואסער פון ירדן, ווארום די היץ איז זעהר גרויס געווען. האט ער מיטגעשיקט זיינע שלוחים־רשעים, איהם צו בעדיענען. און אז עס איז געווען, אז דאס קינד פון די חשמונאים איז געווען אין וואסער, און קיינער איז נישט געווען נעבען איהם — האבען איהם אנגענומען די שלוחים פון הורדוס און איהם דערטרונקען. און נאכדעם האבען זיי איהם ארויסגעצויגען א טויטען פון וואסער. איך האב אליין געזעהן, ווי זיי האבען איהם אויף זייערע הענד צוגעטראגען זיין מוטער, וואס איז דארט געזעסען מיט זיין שוועסטער ארום דעם מלך'ס טיש. א קינד, א קליין קינד איז עס נאך געווען, אונשולדיג פון זינד, האבען זיי איהם, הורדוס'עס שלוחים, צוגעטראגען צו זיין מוטער און האבען זי געפרעגט: דאס האבען מיר געפונען — דערקען, צי עס איז דיין? זי האט גארנישט גערעדט, ווארום זי איז געווען א בת־נדיבים. און אויך זיין שוועסטער, די שעהנע מרים, דאס ווייב פון הורדוס, האט אויך גארנישט געזאגט. קיין טרעהר האט זיך נישט געוויזען אין זייער אויג, און די פארב פון זייער פנים איז נישט געווארען פערענדערט, נאר זייערע הערצער זיינען פערשטיינט געווארען און האבען געקוקט אויף דעם רשע: זעה, וואס דו האסט געטהאן? האט ער זיך אויפגעהויבען און איז אוועקגעגאנגען פון דער סעודה. און אז דאס פאלק האט דערזעהן דאס טויטע קינד אויף די הענד פון הורדות'עס שלוחים, איז א גרויס געוויין דארט געווארען און א גרויס געשריי האבען זיי געשריען, אז די ערד איז צושפאלטען געווארען פאר זייערע געשרייען. און זיי האבען געוויינט און געזאגט: „וואס האט דאס קינד געזינדיגט? וואס האט דאס קינד שלעכטס געטהאן?" און אז הורדוס האט געהערט

וייער געוויין און געשריי, האט ער ארויסגעשיקט זיינע שופטים און שוטרים, און זיי האבן דאס פאלק צוטריבען.

דער סגי־נהור האט געענדיגט צו דערצעהלען, האט אראבגעלאזט דעם קאפ אויף זיין ברוסט, אזוי ווי ער וואלט אויף זיינע הענד גע־קוקט און געשוויגען, לאנג געשוויגען. און דאס פאלק האט אויך שטיל געשוויגען און געקוקט אויף איהם, און געקלעהרט, וואס קען זיך טהאן אין זיין קאפ. די ווייבער, וואס האבען גבליפעט האבען אויפגעהערט און מיט שרעק געקוקט זייערע מענער אין די פנים'ער אריין און האבען אויף עפעס געווארט. און צו ווארטען איז געווען אויף וואס. ווארום מען האט באלד בעמערקט, אז דאס שווייגען איז געווען א ווארטען אויף עפעס, ווארום דאס פאלק האט געהאט עפעס וואס צו זאגען, מען האט בעמערקט, ווי ביי יעדען האבען זיך די אויגען ארויסגעשלאגען פון די אויגען־לעכער, אין די גארגלען האט עפעס געדריקט... און טאקי באלד האט זיך איינער פון זיי, וואס איז דארט געווען, ברוך כפר־נהר, דער קאוועל פון שטעדטעל, זיך אנגערופען מיט זיין גראב קול. מען האט געזעהען, ווי ער האט זיך לאנג געקליבען עפעס צו זאגען — געשראקען, צוריקגעהאלטען, מיט אמאל האט ער עפעס מאדנע די הענד אין זיין גארטעל אריינגעשטעקט און געפרעגט אזוי פון הארץ אוועק:

— רבי, לערן מיך — הויבט ער אן צו זאגען צום סגי־נהור, — איך בין א פראסטער ערד־ארבייטער, און א קאוועל. קיין תורה געלערנט. אין די ספרים קען איך נישט. איך ווייס, אז איך בין אן עם־הארץ. מיט מיר משדך זיין טאר מען זיך נישט. און דער רבי זאגט דארט, אז מיין ברויט איז אפילו טרפה, ווייל איך ווייס דעם דין נישט און ווייס נישט ווי אזוי מעשרות פון מיין תבואה אראבצונעהמען. אבער א איד בין איך, מיין קרבן ברענג איך צום כהן, און אויף יום טוב געה איך קיין ירושלים. אז איך ווייס נישט צו דאווענען — ווייס איך נישט. אבער אז מען רופט אוים אין שוהל ראש־חדש, איז ראש חדש, און שבת אויך, און יום טוב אויך. פרעג איך דעם רבי'ן איין זאך. לערן מיך — דעם לעבעדיגען גאט דיענען מיר — צו דעם וואס אונזערע עלטערען האבען געדיענט — און צו איהם ברענגען מיר אונזערע קרבנות קיין ירושלים — וואס ער רוהט אין הייליגען בית־המקדש, נישט וואהר? — און פאר וואס שווייגט ער, פאר וואס נעהמט ער זיך

נישט אונזער עולה אן? — פאר וואס לאזט ער דעם שונא גוואלטי־גען איבער זיין היילינער שטאָדט? ווער איז דער שונא? פאר וואָס איז ער שטאַרקער פאר אונז? צו וועלכען גאט דיענט ער? אויך צום איינציגען לעבעדיגען גאט? רבי, לערן מיך!

— לאז דיר דאס מויל פערדרעהט ווערען, עם־הארץ — ווארום אַ שלעכטער גייסט רעדט פון דיר, דו לעסטערסט גאט, און אויף אלעמען וועט דער צארען אויסגעגאסען ווערען — האט א איד פון די תלמידי־חכמים איבערגעהאקט דעם קאוועל זיינע לעצטע ווערטער.

— דאס איז וואס עס שטעהט אין פסוק: „במושב לצים לא ישב“, מיינט מען עם הארצים. צווישען עמי־הארצים זאלסטו נישט זיצען, ווארום זיי ווייסען נישט ווי צו רעדען — האט זיך דער צוויי־טער אנגערופען.

— שטילט אייך, שטילט אייך — מאכט דער סגי־נהור מיט די הענד, וואס האט זיך ערשט יעצט אויפגעכאפט פון זיינע מחשבות — די גאט׳ס שעפסעלעך, וואס דארפט איהר — מאכט דער סגי־נהור צו די תלמידי־חכמים.

— דו הערסט, ער טהוט לעסטערן, און ער שוויינט — שרייען שוין הויך די תלמידי־חכמים, וואס האבען געהערט צו בית־שמאי.

— די ווערטער פון תלמידי־חכמים הערט מען נאר אין דער שטיל און רוהיגקייט — זאגט ער צו די תלמידי־חכמים — געלעהרטע דאר־פען פיהרען זייערע ווערטער אין סדר און רוהיגקייט — זאגט ער ווייטער — און צו דער זייט פון דעם קאוועל טאפט ער מיט דער האנד — מיין זוהן, דו האסט גוט געדענקט, האסט אבער נישט גוט געפרעגט. מיר דיענען צו דעם איינציגען לעבעדיגען גאט, און קיין צווייטער איז נישט דאַ נעבען איהם. האלץ און שטיין איז דער גאט פון שונא — דאס, וואס ער האט זיך אליין מיט זיינע אייגענע הענד געמאכט. נאר ווען יעקב איז זינדיג, שטארקט זיך אויף איהם אדום. זינדיג זיינען מיר צו גאט. אין זיינע וועגען זיינען מיר נישט געגאנגען, זיינע גע־באָטען האבען מיר נישט געטהאן, וועה איז צו אונז!

— און צו איז דען דער שונא בעסער פאר אונז? צו ברענגען מיר איהם נישט אונזערע קרבנות, צו געהן מיר נישט קיין ירושלים אויף? צו גיט מען דען דעם כהן די מעשרות נישט אב? האט א צווייטער פון דער מחנה געזאגט.

— גאט דארף דאס הארץ — זאגט דער סגי־נהור — נישט קיין קרבנות.

— און טהוט ער עס ניט פאר אונז, זאל ער עס פאר זיין גרויסען נאמען טהאן, וואס הערט ער דאס לעסטערן פון שונא טאג אויף טאג און שווייגט? — האט א דריטער א ווארט אריינגעווארפען.

— וועה איז צו די אויערען, וואס הערען די רעד — קרעכצט א תלמיד־חכם.

נאר די קופע, וואס איז געשטאנען ארום סגי־נהור, האט שוין נישט געקוקט אויף קיינעם. די פראסטע ווערטער פון קאוועל האבען געהאקט אין זייערע הערצער, אין זייערע מוחות, ווי א קלאפ פון זיין האמער אין דער קוזשניע. עס האט זיי ארומגענומען א גרויס בע־געהרען פון פערשטעהן גאט, דעם גאט, וואס זיי דיענען צו איהם, און וואס קען אלעס און טהוט אלעס. און נישט קיין בלויז בעגעהרען איז עס געווען. עס איז א פערלאנגען געווען, א פערלאנגען, וואס זיי האבען געפאדערט און געדארפט וויסען — ווארום פערשטעהן האבען זיי געוואלט, פאר וואס זיי ליידען. וואו איז דער לעבעדיגער גאט, אין וועלכען זיי האבען זייער גאנץ לעבען געקניפט זייער האפנונג אין איהם, וואס זיי האבען גערופען צו איהם און צו איהם זייערע תפילות און וידוים געזאגט.

און צו פראסט איז ער געווען, דער איד פון גליל, אז מען זאל איהם מיט ווערטער קענען בערוהיגען. וואהר איז — ער האט נישט פערשטאנען די הייליגע שריפט. לעזען און לערנען האט ער נישט גע־קענט — אבער קלאר האט ער געוואלט וויסען גאט'ס דרכים, גאט, זיין גאט.

האבען זיך די קולות געהערט פון אלע ווינקלאך, ביי יעדען האט זיך אנגערופען דאס, וועגען וועלכען ער האט געקלעהרט — און ער האט מורא געהאט צו קלערען — נאר קוים האבען זיי געהערט די פראסטע ווערטער פון קאוועל, האט זיך ביי זיי פון די הערצער געריסען:

— פאר וואס לאכט אוים אונז דער שונא, ווי מיר וואלטען, חלילה צו האלץ און שטיין גערופען? — פרעגט זיך ווער אין עולם.

— פאר וואס ווייזט זיך נישט קיין נס? פאר וואס זעהט ער אלץ און שווייגט? — האט עס געשריען פון עולם.

די איינינגע תלמידי־חכמים, וואס זיינען דארט געווען, האבען זיך אבגערוקט, די אויערען זיך פערשטאפט, אז זיי זאלען דאס לעסטערען נישט הערען — נאר דער סגי־נהור איז געזעסען ווי פריהער, אונריהר רענדיג אויסגעהערט די טענות, דערנאך, אז דער עולם האט זיך אביסעל בערוהיגט, האט ער זיך אנגערופען:

— פערשיעדען זיינען די וועגען פון גאט, און קיין מענש קען זיי נישט פערשטעהן, ווייל עס זיינען גאט'ס דרכים נישט קיין מענשען'ס. נאר מיינט נישט, אז גאט ווארפט זיינע נסים פון הימעל אראב. גאט פיהרט די וועלט אין דעם דרך פון דער וועלט. דער מענש זאל נישט זאגען, איך וועל זיצען אין דער היים, איך וועל גאר־נישט טהאן, און ער וועט מיר עסען פון הימעל אראבווארפען — ניין, דער מענש מוז טהאן — וועט איהם גאט העלפען, אז ער זאל מצליח זיין, ווארום אהן גאט וועט ער גארנישט מאכען — אזוי דא אויך. מיינט נישט, אז איהר וועט דא זיצען רוהיג און זאגען: גאט וועט אליין שוין מלחמה האלטען פאר אונז מיט'ן שונא — ניין, איהר דארפט מלחמה האלטען מיט'ן שונא און גאט וועט אייך העלפען, ווארים גאט איז מיט אייך.

דער סגי־נהור איז געווען א געהיימער שליח פון יהודה הקנאי.

— אויב אזוי, צו וואס זיצען מיר דא, און מיר פרעהען זיך אויף חתונות? צו איז דען יעצט די צייט פון חתונות? — האט דער קאוועל אנגעהויבען צו שרייען הויך אויפ'ן קול צו די חתונה־געסט: וואס זיצט איהר דא, און בעהאלט אייך אין די ווינקלען און לאזט דעם גוי טהאן, וואס איהם געפעלט. בעהאלט אייערע חתונות אויף בעסערע צייטען. הויבען מיר זיך ווי איין מענש און געהען מיר אויף קיין ירושלים, פערטרייבען דעם שונא. וואס זיצען מיר דא? האקט דער קאוואל מיט זיינע הענד און קול אין דעם קליינעם ליימענעם שטיבעל.

— די שלוחים פון יהודה־הקנאי, וואס טהוען דא? — פרעגט א שטימע פון דעם חתן־כלה־טיש.

זיי זיינען געקומען זעהען, אויב אין צפת געפינען זיך הערצער, וואס זיינען זיך מקנא זיין גאט'ס קנאה—ענטפערט ווער אב פון עולם.

— וואס? צו שוין שוסטערס און קאוועלס איז געגעבען געווארען די נבואה? אייער חכמה בעשטעהט אין האמער — האט ווער גע־רופען פון חתן־כלה־טיש.

— פערשעהם נישט דעם האמער, וואס גיט דיר עסען — און דו האסט דיר געמאכט דיין תורה פאר א האמער, ווארום דו פערקויפסט דיין תורה — האט ווער איהם אבגעענטפערט.

— נישט יעצט איז די צייט פון ווערטלען זיך — שרייט דער קאוועל — טאקע מיר זיינען האמער־לייט, אבער די קנאה פאר גאט ברענט נישט אין אונזערע הערצער ווענינער, ווי ביי אייך. מיר פרעגען צו געפינען זיך דא אידען פון בני ישראל, נישט געמישטע פון שומרונים, און נישט אויסגעמישטע מיט אדום און מואב, וואס די קנאה פון גאט ברענט אין זייערע הערצער — הויבט אייך אויף פון דער חתונה, און זאלען מיר געהן קיין ירושלים.

— ווער וועט אונז פיהרען? — פרעגט ווער אין דער טונקעל־הייט.

— יהודה־הקנאי'ס מחנהווארט אין טבריה, פון כפר־נחום געהט אב די ערשטע פארטיע.

– ווער רעדט? — פרעגט מען צווישען דער מחנה

– א שליח פון יהודה־הקנאי איז צו אייך געשיקט.

זאל ער זיין נאמען רופען, זאל ער זיך ווייזען, כדי מיר זאלען איהם זעהען.

— בוגדים זיינען דא צווישען אונז, הורדוס, אנטיפס, די פער־שאלטענע שומרון'ס זיהן האבען אויף אונז בוגדים אנגעשטעלט.

— רעד נישט שלעכטס אויף גאט'ס מחנה, קיינער פון די בני־ישראל וועט אזוי נישט אונווירדיג זיין. עס איז נישט דא קיין בוגדים.

— האט איהר די אייקער־אייזענס צו שטאנגען געמאכט, האט איהר די שנייד־מעסערס צו שווערדען געשליפען? — רופט ווער דארט אין דער פינסטער.

— נאך ירושלים, נאך ירושלים, מיט יהודה־הקנאי דעם שונא פערטרייבען.

— הע, חתן פערלאז דיין חופה־בעט, געה מיט אונז נאך ירושלים אויף!

— עס איז א מלחמה־מצוה, א מלחמה־מצוה!

דער עולם האט זיך שוין יעצט אויסגעמישט. אויפגעהויבען זיך די מחותנים מיט די געסט פון דער חתונה און האבען אנגעהויבען אויף

איין קול הויך צו שרייען: קיין ירושלים! קיין ירושלים! דאס ליכט האט אין די טונקעלהייט געברענט. חתן־כלה זיינען אין ווינקעל געזעסען. דארט טאנצט ווער פאר זיי, דארט זינגט ווער פאר זיי און דא איז דער עולם, און איין גרויסע זאך איז געווען צווישען זיי. זיי האבען גערעדט איינער מיט'ן אנדערען און הויך געשריען. נאר אין א ווינקעלע אין שטוב, ביים חתן־כלה־טיש, האבען זיך צוזאמען געקופיעט איניגע תלמידי־חכמים — מיט תנא ר' תנחום בראש, זיי אליין האבען קיין אנטהייל נישט גענומען אין דער בעראטונג, האבען זיי טרויעריגע בע־טראכט דעם עולם און מיט די קעפ צוגעשאקעלט, זיי בעדויערט, און איינער האט צום צווייטען געזאגט:

— ווער איז די שעפסען, וואס האבען קיין פאסטוכער נישט.

— ווי אין פסוק שטעהט: „און א קינד וועט געוועלטיגען מיט זיי", האט א צווייטער צוגענגעבען.

נאר באלד האט זיך אויפגעהויבען דער ר' תנחום. דער עולם האט זיך אביסעל איינגעשטילט צו זיינע רייד. דער תנא האט אזוי געזאגט:

— מיט וואס געהט איהר נקמה נעהמען, גאט'ס נקמה, מיט אייזען און שטאהל? צו פעהלט דען, חלילה, גאט אונזער גאט, כח און מאכט, אז איהר קומט איהם העלפען מיט אייערע צובראכענע אייזענס און שניידמעסערס? צי איז ער דען נישט דער גאט, וואס ער האט די וועלט בעשאפען? צו הערט דען דער ים נישט זיין שטימע? צו זיינען איהם די ווינדען פון דער וועלט נישט אונטערטעניג?

— און פאר וואס פערלאזט ער אונז? — שרייט ווער פון דער מחנה.

— ווייל איהר זייט אין זיינע וועגען נישט געגאנגען. זינדיג זייט איהר געווען, שלעכטס געטהאן, רופט איהם, און ער וועט אייך הערען — פערלאנגט נאך איהם, בעט צו איהם — און ער וועט אייך שיקען דעם אויסגעוועהלטען, דעם „געזאלבטען" פון גאט, וואס נישט מיט שווערד און אייזען וועט ער געהן מלחמה האלטען, נאר מיט גאט'ס ווארט, וואס איז מיט איהם.

אבער דער עולם האט שוין יעצט נישט געקוקט אויף איהם, דא און דארט האבען זיך געהערט אבגעריסענע קולות, פערשטיקטע פריידע

געשרייען, ארויסגעריסען זיך מיט בעהאלטענע פערשטיקטע טרעהרען פון גרויס האפנונג און אויפאפפערונג פאר גאט'ס זאך:

— וואס זיצט איהר דא!

— מענער פון ישראל, שטעהט אויף, שטעהט אויף!

— פאר גאט'ס נקמה, פאר גאט'ס נקמה!

— קיין ירושלים! קיין ירושלים!

— מענער פון ישראל, ווי די לייבען, ווי די לעמפערטען וואכט אויף! וואכט אויף, מקנא זיין זיך גאט'ס נקמה.

— הע, איהר מענער פון ישראל, וואס שטעהט איהר און הערט צו די רייד פון אן אלטען? מיט אונז, מיט אונז — רופט מען צו זיי.

— א נויטיגערע זאך, א נויטיגערע זאך, גאט'ס זאך איז גישט אבצולעגען.

זיי האבען איינציגווייז דעם חתן פערלאזט. די היימישע האַבען זיך פערשעהמט: גאט'ס זאך, און דא שטעהען זיי און הארכען דעם אלטענ'ס ווערטער אויס.

---

אין א פאר מינוט ארום איז שוין געווען פול דער מארק מיט אידען פון גאנצען שטעדטעל. ווער עס האט זיין שניידמעסער געהאלטען, ווער א פערראסטעטען פייל־און־בויגען, ווער עס האט פון ערגעץ וואו א האק געפאקט נעבען זיי. און די ווייבער מיט די קינדער זיינען געשטאנען נעבען זיי, מיט זיי זיך צו געזעגענען. זיינען זיי אלע געשטאנען אין מארק אויפגעשטעלט. און דער בלינדער סגי־נהור שטעהט פאר זיי און רופט:

— ווער עס האט א ווייב גענומען און נישט געווען מיט איהר אוים דאס יאהר, דער זאל אהיים געהן.

— נישט קיין איינער, נישט קיין איינער — האבען געענטפערט קולות.

— דער חתן פון דער חופה אוועק: עס איז א מלחמה־מצוה, עס איז א מלחמה חוב!

— ווער עס האט מורא, ווער עס שרעקט זיך פאר מלחמה — רופט ווייטער דער סגי־נהור — דער זאל אהיים געהן.

— קיין איינציגער, קיין איינציגער — רופט די מחנה — ווי די לעמפערטען, ווי די לייבען, פאר גאט'ס נקמה! פאר גאט'ס נקמה!

די תתונה האט מיט רעש דעם שטאדט'ס־מארקעט פערלאזט. דער אלטער תנא רבי תנחום, געבען איהם איינינע תלמידי־חכמים פון שטעד־טעל, זיינען געשטאנען אין מארק און נאכגעקוקט די ארויסגעהענדע. דער תנא האט געקרעכצט:

— ווען גיט מען איהר העלפען, דעם, וואס האט געזאגט, און די וועלט איז געווארען? דעם, וואס אלעס געהערט צו איהם, דאס לע־בען און דער טויט, וואס וויס פון אלעס, איהם ווילט איהר העלפען? און מיט וואס? מיט אייער אייזען און שטאל? צו נויטיגט ער זיך דען אין אייער הילף? צו פעהלט איהם דונערען? צו האט ער נישט קיין בליץ? צו דינען איהם נישט די חיות פון וואלד? צו געהארכט איהם נישט דער ים! וועה איז צו אונז! וועה איז צו אונז!

אבער קיינער האט זיין ווארט נישט געהערט, מיט געזאנג און געשרייען האט דער עולם דעם מארק פערלאזט.

---

דער מארגען האט זיך קוים־קוים געבלייכט, און פון די טונקעלע נאכט האט דאס גרינס, די צווייגען אין די טרויבען זייערע נאסע אין טוי בעהויכטע קעפ ארויסגעוויזען — און קאלט און נאס איז געווען ארום און ארום, און א קאלטער טוי איז געפאלען פון די בוימער און גרינס האט צוגעדעקט מוטער און זוהן...

דער גרינער מארגען האט געגרויעט און צו זיין שיין האבען זיך געבלייכט די נידריגע לעהמענע קופאלען פון די נצרת'ער שטיינערנע און לעהמענע הייזלאך — די פעלדער ווייט ארום שטעדטיל האבען זיך בעהאלטען אין א טוי־וואלקען, וועלכער האט אין זיך ארייננענומען די גאנצע וועלט ארום זיך. די לופט איז נאס געווען, שווער. און מעהרסטענס שטיקער און פלעקען זיינען ענטפלעקט געווארען אין דער גראהליכער שלאפענקייט. אין קליינעם מארק פון דעם שטעדטיל איז שוין יעצט קיינער נישט געווען. דא און דארט האבען זיך נאך געגליהט אויסגעהענדע פייערלעך, וואס די נצרת־לייט האבען אנגע־צונדען, בעפאר זיי האבען דעם מארק פערלאזט. וויעדער האבען זיך די ווייבער און קינדער, וואס זיינען געגאנגען די זייעריגע בעג־לייטען אין די מלחמה ארויס, דערמאהנט זיך אן זייערע הייזלעך און שליסעל און לארען, אזוי ווי די נאכט וואלט נאך ברעה געהאט נאך אמאל ארויסצוגעהן. נאר פון ערגעץ וואו א הויפעל האט א

יונגער פאסטוך זיין סטאדע שעפסען אין פעלד געפיהרט, פערהילט ער ווי זיינע שעפסען אין פייכטען טהוי — ווי ער וואלט גארנישט געוואוסט, וואס דא איז אין דער נאכט פארגעקומען.

אין דעם מארק פון דעם שטעדטעל האט זיך יעצט די כלה פון די חתונה־נאכט אליין אין מארק געדרעהט. איהרע האהר, וואס זיינען אויף דער נאכט געווען פערבונדען, בעהאלטען, זיינען יעצט צולאזען געווען און האבען בעדעקט איהר פולען נידריגען האלז און רוקען. דער מארגען־וואלקען איז געפאלען אויף זיי און האט זיי נאס געמאכט. און זיי האבען זיך נאס געקלעפט אויף איהר לייכט זיידען כלה־העמדעל, וואס זי האט געהאט אויף זיך. די ליניע פון איהר פולען עדעלען קערפער האט זיך ארויסגעקוקט פון דעם העמדעל, און עס האבען זיך געוויזען איהר לאנגע עדעלע געטאקטע פיס פון איהר העמדעל. וואַרום בארפוס איז די כלה געווען. און די כלה־קרוין האט זי געהאט אויף איהר קאפ. האט זי איינע אליין געבלאנדזשעט איבער די גאסען פון שטעדטעל נצרת און די נאכט־טוי איז געפאלען איבער איהר, און האט זי בעהויכט און בעקושט מיט פייכטקייט, און די כלה האט פאר זיך געקלאגט:

— איך בין רייף צו דער חתונה געווארען, מיין מאמע האט מיין לייב מיט בוימהעל געשמירט. די שוועסטער האבען מיינע האאר צו מיין חתונה געזאלבט, מיין טענען־בוימעל האט מען מיר צום חופה־שטאנג געהאקט, און דער חתן האט מיר אין דער חופה־נאכט פערלאזט.

וועה איז מיר, וועה איז מיר!

# משה

(ביבלישע ערצעהלונג).

---

איז גרויסע לאגערען זיינען אויסגעלעגט געווען די שבטים פון ישראל. ווי ווייט דאס אויג האט דערגרייכט, האבען זיך איבער דער ווייטער, ברייטער, רויהער, פערשטויבטער ערד פון מדבר געצויגען די שווארץ־ווייסע געצעלטען פון גראב־געוועבטע געוואנדען, און עס האט זיך געהערט אן אונהיימליך הירזשען פון קעמלען, געשרייען פון אייזלען. אבער דאס אויג האט נישט ווייט געקענט דערגרייכען. די לאנגע רייהען קעמלען, וואס זיינען מיט זייערע פאמיליעס געווען אויסגעזעצט ארום די געצעלטען האבען געקאפעט מיט זייערע קאפי־טעס, וועלכע זיי האבען געהאלטען אונטער די בייכער, די רויהע שטויביגע ערד, און פון דעם האט זיך אויפגעהויבען אזא שטויב, אז עס האט פערשטעלט די שיין פון דער זון. מען האט נור געזעהען א שטויב ווי א פאלענדען וואלקען און אין וואלקען האבען זיך גע־דרעהט ווי רויך פון א קעסעל, מענשען, קעמלען און געצעלטען. אין מיטען פון די לאגערען איז געווען א ברייטער, גרויסער פלאץ.. דארט האט מען ניט געהערט דאס הירזשען פון די קעמלען, ווארים דארט האבען זיך געפונען די ברייטערע און גרעסערע געצעלטען. אויפגע־שלאגען מיט א סדר, איינס נאכ'ן אנדערען. דארט האט זיך ניט בעוויזען קיין בהמה, קיין אייזעל און קיין קעמעל, די לופט איז געווען ריינער, פרישער און מען האט געקענט זעהען דעם בלויען קלאהרען הימעל פון מדבר. דארט האבען זיך געפונען דער אוהל מועד, די גע־צעלטען פון משה מיט אהרן און די ראשי העדה.

עס איז געווען אין א מיטאג־שעה. ווען די היץ צוואווארימט דעם זאמד פון מדבר און מאכט איהם בריהענדיג, און די אייזלען שפרינגען

אונטער פאר וועהטאג, ווייל דער זאמד בריהט אב זייערע קאפיטעם.

פאר'ן אוהל מועד איז שטיל געווען. קיין בעוועגונג און קיין שטימע. די פאר לויים, וואס האבען בעגלייט דעם אוהל מועד, זיינען אין זייערע ווייסע קיטלען געזעסען פאר'ן געצעלט, אין וועלכען דער הילצערנער וואגען איז געשטאנען, און האבען געדרעמעלט. פאר משה'ס געצעלט, וואו עס פלעגט אין די פריה־מארגענס און אין די פארנאכטען זיך ו ישען פון די מענגעס מענשען, איז יעצט אויך קיי־נער ניט געווען, און די צוויי בני־נביאים, וואס פלעגען אויסהערען די אידען בעפאר זיי לאזען זיי אריין צו משה'ן, זיינען אויך פאר מיעד־קייט און היץ איינגעדרעמעלט. נור פאר אהרן הכהן'ס געצעלט, וועלכער איז געווען אין שכנות מיט משה'ס, זיינען א פאר יונגע כהנים געזעסען און האבען געשארט מיט דעם זאמד אין א פאר זיל־בערנע און גאלדענע בלאכען. אן אגדערער, ווידער, א הויכער און א יונגער, מיט א יונג, שווארץ־בעוואקסען בערדעל, און א פאר ברע־נענדיגע שווארצע אויגען וואס האבען ווי א בעהאלטען ליכט ארויס־געקוקט פון זיין ווייסען קיטעל, וואס ער האט געהאט איבער'ן קאפ, האט פון אן איידעלען, אויסגעטאקטען גאלדענעם קרוג געגאסען אויל אין א כלי אריין און פעררוכט דאס וואלענע קנויטעל אין די כלי. עס איז געווען פנחס בן אליעזר, אהרן'ס אינגסטער אייניקעל, וואס האט די איידעלע עבודה געטהאן פאר'ן אוהל מועד. נור פלוצים איז א קעמעל אנגעקומען צולויפען מיט ברייט־געשפרייזטע טריט. דאס קעמעל וואס איז געלאפען שפרינגענדיג איבער דעם הייסען זאמד, צוליעב די וועהטאגדיגע שמיץ, וואס דער רייטער האט עס דערלאנגט מיט א באמבאס פון אן אויסגעטריקענטען צוקער־שטאנג, האט ארויסגערופען גרויס פערוואונדערונג פון די האלב־פערשלא־פענע לויים און כהנים, וואס זיינען געזעסען פאר די בכבוד'ע, רייך־בעפוצטע געצעלטען. און מורא האבענדיג, אז דער רייטער זאל זיך נישט פערגעסען און מיט זיין בהמה אריינרייטען אין דעם תחום אריין פון אוהל (וואס דאס וואלט געווען א בעליידיגונג פאר דעם הייליגען ארט, וואו עס געפינט זיך דער אוהל) זיינען זיי אנטקעגען געגאנגען דעם רייטער איינהאלטען זיין קעמעל. נור עס זעהט זיך אויס, אז דער רייטער האט געוואוסט ווי אבצוהיטען דעם הייליגען ארט, און בעפאר ער איז אריין אין דעם תחום פון אוהל, איז ער אראב־

געשפרונגען פון זיין אויסגעמאטערטען קעמעל, און אויפהויבענדיג זיין לאנגען וואלענעם קיטעל, וואס האט זיך איהם נאכגעפלאנטערט צווישען די פיס, איז ער געלאפען איבער דעם זאמד צו די כהנים צו, און באלד אין מען געוואהר געווארען דאס וויכטיגסטע געשעהעניש, אז די מרגלים, וועלכע מען האט געשיקט קיין כנען, אויסצושפירען דאס לאנד און צו ברענגען פון די פרוכטען פון לאנד, זיינען שוין אונטער די געצעלטען פון דער עדה, און קומען באלד זיך וויזען פאר משה׳ן און אהרן.

ווי די שטראהלען פון דער זון וואלטען עס איבעראל אנגעזאגט, אזוי איז עס באלד געווארען פערשפרייט איבער די גרויסע, ברייטע לאגערען פון מדבר: פון אלע זייטען האבען מיט אמאל אנגעהויבען צו שטראמען מאסען אידען פון אלע געצעלטען און פון אלע פיער ריכטונגען, וואו די געצעלטען און די לאגערען זיינען נאר געווען פערשפרייט. טהייל זיינען געקומען צו לויפען אויף זייערע אייזלען און אויף זייערע קעמלען, איבערלאזענדיג זייערע בהמות פון אויסער דעם תחום; אנדערע זיינען צו־פוס געלאפען אויפהויבענדיג זייערע קיטלען. אנדערע, אלטע און בלינדע, האבען זיך געלאזט פיהרען פון זייערע קינדער, און יונגע האבען זיך געשטופט צו די געצעלטען. מיט אמאל איז דער גרויסער פלאץ פאר׳ן אוהל געווארען פול און א שטויב האט זיך געשמעלט און א רעש איז געווארען פון די טריט און פון דער אויפרעגונג און פון די צורופען, וואס איינער האט דעם אנדערען צוגעשריען. די לויים האבען ארויסגענומען דעם וואגען פון אוהל מועד. עס איז געווען א וויים הילצערנער וואגען, נייע, אויף הילצערנע רעדער. אויפ׳ן וואגען איז געשטאנען א פיער עקעדיגער קאסטען, נאר דעם קאסטען האט מען נישט געזעהען, ער איז געווען צוגעדעקט מיט א דיקען בלויליך געוועבטען געוועב, פון וועלכען עס האבען פיער שטאנגען צום טראגען ארויסגעשטארט. פאר דעם וואגען האבען זיך צונויפגעקליבען די כהנים און די לויים אין זייערע פאראדנע ווייסע העמדלעך, מיט די כלים אין זייערע הענד. טהייל האבען געהאלטען זילבערנע פאנען, וועלכע האבען זיך געבלישטשעט אין דער זון. פון די פאנען האט אויפגעשלאגען געדעמפטער ווייה־רויך פון די בשמים, וואס האבען זיך געטליעט אויף די פאנען. אנ־דערע ווידער האבען געהאלטען אין די הענד גאלדענע קרוגען. נאך

גאר יונגע האבען געהאלטען אין די הענד שווארצע, לאנגע, געדרעהטע הערנער פון הירשען און שעפסען, אין וועלכע זיי האבען געבלאזען. אנדערע לויים האבען געבלאזען אין די זילבערנע רעהרען, וועלכע האבען געשאלט איבער דער ווייטקייט פון מדבר. נאר אלע — די גאנצע עדה — האבען געווארט אויף משה'ן און אהרן'ען, אז זיי זאלען ארויסקומען פון זייערע געצעלטען.

אהרן האט זיך טאקע באלד געוויזען. עס איז געווען א הויכער אלטער זקן מיט א ווייסע לאנגע בארד, וועלכער האט געטראגען אויף זיין שטערן ווי א קרוין א גאלדענע בלאך, אין וועלכער עס האט זיך געבלישטשעט דער נאמען פון יהוה אין טהייערע שטיינער אויסגעזעצט. פון דער ברוסט אויף דעם ווייסען העמד האבען אראבגעשיינט די טהייערע איידעל שטיינער, מיט וועלכע די נעמען פון די שבטים זיינען געווען אויסגעזעצט. נאר באלד האט דער גאנצער עולם ארויסגעלאזט אן אונערהערטען יובעל-געשריי, וועלכער האט זיך צוגאסען ווי דאס שטילע ציטערען פון א דונער איבער דעם ווייסען וויסטען מדבר — פון געצעלט האט זיך געוויזען משה.

ער איז קלענער געווען פון אהרן'ען און אויך עלטער פון איהם. קיין בעזונדערע בעציערונג איז אויף זיינע קליידער נישט געווען צו זעהען. ער האט געטראגען דעם זעלבען לאנגען ווייסען קיטעל וואס אלע האבען געטראגען, וועלכער האט פערדעקט זיינע נאקעטע פיס, און א ווייס לאנג טוך אויפ'ן קאפ, וועלכער איז געווען בעהאפטען אויף זיינע האהר מיט א שנור, און דאס טוך האט זיך אראבגעלאזט איבער זיין קלייד. נאר זיין קלייד איז ווייסער און ריינער געווען פון אלע אנדערע, און האט זיך אויסגענומען מיט זיין קלאהרער ווייסקייט פון אלע אנדערע קליידער. פון דעם ווייסען טוך איבער'ן קאפ האט זיך ארויסגעוויזען זיין פנים, ארומגענומען מיט א קורץ ווייס בערדעל, וועלכעס האט זיך געהויבען פון זיין שטארקען אטהעמען. דאס טוך אויפ'ן קאפ האט זיך ארויפגעגליטשט אנז עס האבען זיך ארויסגעוויזען איינצעלנע ווייסע האהר וואס האבען זיך געלעגט איבער זיין הויכען שטערען. דאס פנים זיינס איז געווען אבגעברענט, פערעלטערט, און א טרויעריגער קנייטש האט זיך געשניטען ארום זיינע ווייכע קינדישע ליפען. נאר אויגען האט ער געהאט יונגע — שווארצע גלאנצענדיגע פונקטען און גרויסע, בולט'ע

מיט אַדערען דורכגעצויגענע ווייס־אַפּלען. די אויגען האָבען זיך געוואַשען תמיד אין נאַסע בעטרעהרטע טיכעלער, וואָס האָבען ארויסגעקוואָלען פון די טיעפע אַראָבהענגענדיגע אויגעד־טאָרבעלעך. ער האָט געקוקט פריי, אָפען אַנטקעגען זיך און דאָס פרייקייט פון אויג האָט פעריאָגט יעדען בליק וואָס האָט געוואָגט ארייגצוקוקען אין דעם הייליגטהום פון זיין פנים. ער איז געגאַנגען שטאַרק, פלינק, און די ערדה האָט זיך צוזאַמענגעשטופּט, געמאַכט פאַר איהם אַ וועג, כדי נים אַנצוריהרען זיין קלייד. ער איז געוועזן שווייגענדיג און טרויעריג, האָט זיך געשטעלט נעבען זיין ברודער אהרן.

די ערדה האָט זיך מיט אַמאָל איינגעשטילט, ווען משה האָט זיך געוויזען. מען האָט גערעדט מיט געדעמפּטע שטימען אָדער מען האָט געשוויגען און געקוקט מיט אַנגעצויגענע בליקען אויף זיין ווייס קלייד... אַלע האָבען געוואַרט, דורכגענומען מיט הייליגער שטילקייט, אויף דער וויכטיגקייט דערפון וואָס דאָ וועט פאַרקומען. באַלד האָט זיך פון דערווייטענס אויפגעהויבען אַ שטויב פון פוס־געהער. דער שטויב איז פאַראויס געלאָפען און מיט אַמאָל איז ער צוריסען געוואָרען און פון זיינע שטיקער זיינען ארויס צוועלף מענער, יונגע און שטאַרקע, מיט בעשטויבטע לייבער און פיס. געגאַנגען אין אַ שרענגע איינער נאָכן אַנדערען. דער ערשטער, אַ יונגער און אַ הויכער, פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר מיט אַ שטאַרק שוואַרצע באָרד אויף אַן אָבגעברענט געזיכט און גרויסע פייערדיגע אויגען, האָט געטראָגען אויף זיין אַקסעל אוננאַטירליכע פרוכט אין געשטאַלט פון אַ טייטעל. נאָך איהם האָבען אויך אַזעלכע צוויי שטאַרקע יונגע לייט און אויך מיט שוואַרצע בערד און ברענענדיגע אויגען געטראָגען אויף אַ שטאַנג אויף זייער אַקסעל אַן אוננאַטירליך גרויסען הענגעל וויינטרויבען, וועלכער האָט מיט זיין געוויכט געבויגען די שטאַלצע שטאַרקע קערפּערס פון די מענער. אַזוי האָבען די צוועלף איינער נאָכ'ן אַנדערען אַ פרוכט געטראָגען. זיי האָבען די פרוכטען ארומגעטראָגען אַרום דעם אַנגעשטאָפּטען עולם, וועלכער האָט מיט געוואַלד זיך צוריקגעדרענגט און געמאַכט אַ פּלאַץ פאַר זיי. דער גרויסער ים קעפּ האָט מיט אַ הייליגען שווייגען בעטראַכט די גרויסע אוננאַטירליכע פרוכטען. אַן ערנסט איז געלעגען אין זייערע אויגען, און דער ערנסט האָט פערשלאָסען זייערע מיילער — פאַר דעם גרויסען וואונדער, וואָס ווייזט זיך פאַר זייערע אויגען.

די מענער האָבען ארומגעטראָגען די פרוכטען ארום דעם פאָלק ביז זיי זיינען אָנגעקומען פאר משה'ן און אוועקגעלעגט די פרוכטען צו זיינע פיס. איינער פון די צוועלף, דער עלטסטער פון זיי, א מאַן פון א יאָהר פערציג, מיט שטארקע מוסקולען און א שטאַרקען גרויסען קאָפּ, האָט זיך אָנגערופען מיט אַן ערנסטער הויכער שטימע, וועלכע האָט אָבגעשאַלט אין דער שטילקייט איבער די קעפּ פון דעם פאָלק, ווי די שטימע פון א דונער:

— משה, מיין האַר, דאָס זיינען די פרוכטען פון דאָס לאַנד כנען, וואוהין דו האָסט אונז געשיקט אויסזעהן דאָס לאַנד.

משה האָט שטיל געניוגט מיט'ן קאָפּ און געווענדעט זיין בליק צו אהרן'ען:

— לעג אוועק די פרוכטען פאר דעם אָרון פון גאָט.

אהרן האָט געגעבען א שטילען בליק צו זיינע יונגע כהנים, און צוועלף יונגע כהנים האָבען גענומען די פרוכטען אין דעם זעלבען סדר, ווי די מענער האָבען זיי געטראָגען. און אהרן איז געגאַנגען פאָראויס זיי און זיי האָבען אַהין געטראָגען די פרוכטען פאר דעם אָרון, פאר וועלכען אהרן האָט זיך געשטעלט און געזאָגט א שטילע תפילה.

דורך דער צייט וואָס אהרן האָט געזאָגט די תפילה, האָט זיך דער עולם נישט בעוועגט... אַלע האָבען געהאַלטען די קעפּ געבויגען צו דער ערד און זיך פערטיעפט אין א שטילער פרומקייט.

אַז אהרן איז צוריקגעקומען פון אוהל האָט משה געפרעגט די צוועלף מענער, וואָס זיינען אַלע געשטאַנען פאר איהם:

— האָט איהר די מענער פון לאַנד כנען אויך געזעהען? ווי זעהען זיי אויס?

— אַזוי ווי זייערע פרוכטען, אַזוי זיינען די מענער פון לאַנד כנען, — ריעזען זיינען זיי.

צווישען דעם ים קעפּ איז אַדורך א רעש און ער האָט אויפגע־הויבען, ווי אַ ווינד די כוואַליעס, די קעפּ פון די מאַסען. אָבער נאָך האָט אַלעס געשוויגען און איינגעהערט זיך מיט צוגעהאַלטענעם אָטהעם.

— אונזער גאָט איז שטאַרק און אמת איז זיין וואָרט, אמת'ער פון די געזעצען פון דער נאַטור. און ערפילען וועט ער דעם צוזאָג

וואָס ער האָט געגעבען צו אברהם, יצחק און יעקב, און זיינען די פעלקער פון כנען ריעזען, וועלען זיי ווי שטרוי פאַר'ן פייער זיין געגען דעם ווילען פון יהוה. און אַזוי ווי דער ים האָט מלחמה געהאַלטען פאַר אונז מיט די מצריים, אַזוי וועט דער שטורם־ווינד מלחמה האַלטען פאַר אונז מיט די כנענים, ווען גאָט וועט וועלען, — האָט משה געזאָגט שטיל און ערנסט.

— ווי די מילבען געגען די העלפאַנטען האָבען מיר אויסגעזעהן געגען זיי, צו די קניהען האָבען מיר זיי ניט דערגרייכט, — האָט זיך אַ צווייטער שליח, פּלטי דער זוהן פון רפוא, וואָס איז געווען געשיקט פון שבט בנימין, אָנגערופען זיך מיט אַ געדעמפּטער שטימע.

— עמלק זיצט אין בעפעסטיגטע שטעדט, און די פעלקער חיתי און אמורי זיצען אויף די הויכע בערג, און ערשט נאָך זיי זיינען די כנענים. זיי בעוואָהנען די ברעגעס פון ירדן ביז צום ים. קיינער קען נישט צוקומען צו זיי, — רופט זיך אָן יגאל דער זוהן פון יוסף, דער שליח פון שבט יששכר.

— ווער וועט וואגען מיט די כנענים מלחמה צו האַלטען? עס איז אַ פאָלק פון ריעזען, — האָבען זיך די איבריגע שלוחים אָבגערופען.

דער ים פון די מענשען־קעפּ האָט שוין געברומט מיט דעם שטילען, אומרוהיגען רעש וואָס דער ים ברומט פאַר'ן שטורם. דאָ און דאָרט האָבען זיך פּנים'ער אויפגעהויבען איבער די קעפּ פון די מאַסען און געדרעדט צום עולם, געמאַכט מיט די הענד און געקאַכט זיך. עס איז שוין אַוועק די הייליגע שטילקייט פון פרומען ערנסט, וואָס האָט די עדה אַרומגענומען ביי משה'ס אַרויסקומען פון אוהל. דער עולם איז אַרויס פון די רייהען, זיך געדרוקט נעהענטער צו די שלוחים. דאָ און דאָרט האָבען זיך שוין געבילדעט בעזונדערע גרופּעס, און צערהיצטע געזיכטער, ברענענדיגע אויגען, שוואַרצע צופלאַשעטע האָר און בערד, אויפגעפלאַמטע ציטערדיגע הענד האָבען געפלאַטערט איבער די קעפּ פון דער עדה, און פון איבעראַל האָט זיך געהערט אַ שטיל מורמלען ווי דער געזאַנג פון די וועלען, ווען דער ווינד וויעגט זיי איידער ער גיסט זיי אויס...

משה איז שטיל געווען און ערנסט. ער האָט אַוועקגענומען זיין

בליק פון די שלוחים און געקוקט אויף דער ערה, ווי זיי הויבען זיך אן צו בעוועגען, און ער האט עפעס געקלעהרט.

אבער פלוצלונג זיינען ארויסגעשפרונגען די צוויי יונגע לייט, וואס האבען געטראגען אויף זייערע אקסלען דעם הענגעל וויינטרויבען. עס זיינען געווען כלב בן יפונה און ישוע בן נון. זיי זיינען ביידע געווען פון די יחוס'דיגע שטאמען פון שבט יהודה און שבט אפרים. זיי זיינען אבער נאך יונג געווען. כלב איז בלייך געווארען, ווען ער האט געהערט די מרגלים'ס רייד. ער איז געווען דער ערשטער, וואס איז נאהענט צוגעגאנגען צו משה'ן, אנגעקוקט די מרגלים און געזאגט:

— מיין האר משה, די מענשען רעדען נישט דעם אמת. נישט קיין ריעזען זיינען די מענער פון כנען, נאר אזעלכע מענשען ווי מיר; מיר האבען אויסגעזעהן אין זייערע אויגען ווי ריעזען און ווען זיי האבען געהערט, דאס מיר זיינען די קינדער פון ישראל, וואס גאט פיהרט פון מצרים איבער'ן מדבר, איז אן אימה און א שרעק זיי בעפאלען.

— גאט'ס רוהם געהט ווי דער עמוד אש פאראויס אונז און מאכט דערציטערען די הערצער פון די פעלקער פאר אונז, — רופט זיך אן ישוע בן נון, דער איינגערער. משה, פיהר אונז געגען די פעלקער פון כנען; עס איז זיי בעפאלען אן אנגסט פאר גאט, און מיר וועלען זיי לייכט קענען מנצח זיין.

אבער משה איז שטיל געבליבען. ער האט ניט געהערט די רייד פון די צוויי שלוחים. ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און ארומגענומען די גאנצע ערה אידען, וואס זיינען געווען פערזאמעלט קאפ איבער קאפ. ער האט געהערט דעם שטילען ברום, וואס פערנעהמט זיך פון דארט, און ער האט פערשטאנען די בעדייטונג פון דעם ברום. ער האט געקענט זיין פאלק און געוואוסט, אז די רייד פון די שלוחים האבען א שרעק אנגעווארפען אויף די ערשט בעפרייטע קנעכט, און זיי הערען שוין נישט וואס די שלוחים כלב בן יפונה און ישוע בן נון דערצעהלען. דאס שטילער רוישען פון ברומען געהט וואס אמאל שטארקער און זיי פערגעסען אין גאנצען, אז דער ארון שטעהט פאר זיי און משה איז ביי זיי...

ער האט אויפגעהויבען די אויגען און ארומגעקוקט זיך, ווי ער וואלט געוואלט עפעס זאגען. דער עולם איז שטיל געווארען, נאר ער

האט געשוויגען. אין זיינע אויגען איז געלעגען א שטילער טרויער און די האאר פון דער באָרד האבען זיך אויפגעהויבען פון דעם הויכען בעוועגען פון זיין ברוסט. דאס פאָלק האט נאך געווארט, געבויגען די קעפּ צו דער ערד און געוואָלט הערען פון איהם א ווארט. שטיל האט ער זיך אויסגעדרעהט פון פאָלק, קיין איין ווארט האט ער זיי נישט געזאגט, קיין בליק האט ער נישט געשאַנקען די מרגלים, נאר מיט דעם שטארקען פלינקען טריט און מיט א געבויגענעם קאָפּ צו דער ערד איז ער צוריקגעגאנגען אין זיין געצעלט אריין.

דאס פאָלק איז נאך געשטאַנען אויף זייערע פּלעצער און איהם נאָכגעקוקט.

---

אז משה האט זיך צוריקגעקעהרט אין זיין געצעלט אריין, איז די ערדה נאך אונרוהיגער געווארען. די מרגלים האבען זיך אויסגעמישט מיט'ן פאָלק און דערצעהלט איינצעלהייטען וועגען די לענדער, פון וועלכע זיי זיינען געקומען, און באלד האבען אנגעהויבען ארומצוגעהן לעגענדען ארום פאָלק. אין איין גרופּע האט מען דערצעהלט, אז די פרוכטען וואס די מרגלים האבען געבראכט, זיינען נישט קיין מענשליכע. זיי זיינען סם'עדיגע און נאר די ריעזען קענען זיי עסען און פראסטע מענשען שטארבען פון זיי. אין אן אנדער גרופּע האט עס געהייסען, אז די מורא'דיגע ריעזען, וועלכע דרעהען זיך ארום איבער די בערג פון מואב, זיינען אזוי הויך, אז זייער הויכקייט דערגרייכט ביז צו די וואָלקענס, און זיי געהען צו א מייל א טריט און זיי האלטען אין זייערע ארעמס די ווינדען און קענען פון הימעל אראב אראבשיסען מיט זייערע פיילען די שטערען. די מעשיות האבען א שרעק אנגעווארפען אויף דער עדה און די שרעק האט זיך ווי א געפעהרליכע קרענק אנגעשטעקט אן דער עדה. דא האט מען שוין געהערט ווי א הויכער איד איז געשטאַנען אין א גרופּע און האט געשריען, אז משה האט זיי ארויסגענומען פון מצרים, כדי זיי איבערצוגעבען אין די הענד פון די ריעזען. און א צווייטער האט פאר אן עולם דערצעהלט, אז משה איז אליין פון ריעזען — דערפאר האט ער זיי פון מצרים ארויסגענומען, און אז קיין אברהם, יצחק און יעקב זיינען גאר נישט אויף דער וועלט געווען, נאר דאס האט משה אויס-

געטראכט. בחנם זיינען כלב און ישוע ארומגעלאָפען פון איין גרופּע צו דער אַנדערער און בערוהיגט דאָס פאָלק — דערצעהלט זיי פון דעם גוטען לאנד, פון די וואסערען און די טייכען, און פון די שרעק וואָס גאָט'ס נסים האָבען אויף די פעלקער ארויפגעוואָרפען, פון משה'ס גאָטע, ווי גרויס ער איז. דאָס פאָלק האָט זיי נישט געהערט, פערטריבען פון זיך: „זיי ווילען אונז געגען ריעזען שיקען. זעהט, זעהט, וואָס פאר א חלק האָט משה אייך צוגעזאָגט דערפאר? איבער וועלכען שבט וועט ער אייך פאר אן עלטסטען מאכען?".

און דאָס געברום און די שרעק, וואָס איז בעפאַלען די עדה, איז וואָס אַמאָל גרעסער געוואָרען. קיינער איז נישט געווען אין זיין געצעלט. זיי האָבען זיך אויסגעלעגט אויף דער ערד פון מדבר און ארום זיך נאר געזעהען די וויסטע ערד, און קיין שטיקער גרינס און קיין האָפנונג. זיי האָבען מיט אַמאָל פערלוירען דעם גלויבען אין גאָט, אין משה'ן און געזעהען זיך פערפיהרטע אין א ווילדען מדבר, וואו מען האָט זיי אריינגעבראכט, אז זיי זאָלען מיט ווייב און קינדער פאר הונגער און דאָרשט אויסשטארבען. און פּלוצלונג האָט זיך א וויינען פערנומען פון א ווינקעל ארויס, און דאָס וויינען האָט זיך אנגעשטעקט. פון איבעראל האָט זיך שוין געהערט א קלאָגען און דאָ און דאָרט האָט מען שוין געהערט שטימען רופען:

— קומט צו משה'ן, קומט צו משה'ן, לאָז ער אונז קיין מצרים צוריקפיהרען. וואָס האָט ער אונז פון מצרים ארויסגענומען?

ביי דעם תחום, וועלכער איז געווען אבגעצאָמט פאר'ן אוהל מועד, זיינען ארום און געשטאַנען די שטארקסטע כהנים און לויים, די בני יהודה, און מיט באמבאס-שטעקלעך צוריקגעטריבען די מחנות צוהיצטע אידען, וועלכע האָבען זיך מיט געוואַלד געוואָלט אריינרייסען צו משה'ס געצעלט.

עס איז נאכט געוואָרען. די גרויסע און טיפע שטערן האָבען נאָהנט געהאַנגען איבער'ן בלויען קלאָהרען הימעל אין מדבר. משה איז פון זיין געצעלט ארויס און געקוקט אין די טיפע גרויסע שטערן אריין. פון דערווייטענס איז געקומען אבגעשלאָגען ווי א ווייטע עכאָ דער שטורם פון פאָלק, און פון די פייערען, וואָס זאָבען אויפגעפלאַקערט דאָ און דאָרט איבער'ן מדבר, האָט ער געזעהען, אז דאָס פאָלק איז נישט צוריק אריין אין זיינע געצעלטען, נאר איז וואך און

גרייט זיך צו עפּעס. אויף די ליפּען האָט ער דערפיהלט דעם זאַל־
ביגען טעם פון מדבר־טוי, וואָס דער ווינד האָט געבראַכט צו פיהרען
פון ים, וועלכעס האָט געזעטיגט דעם הונגער. גאָט'ס חסד איז נאָך
ניט אָבגעטהאָן. ער שיקט נאָך צו דעם שפּייז, — האָט ער זיך גע־
טראַכט מיט פרייד. אָבער די טרויעריגקייט האָט געדריקט זיין גע־
מיטה און ער האָט געקוקט אין די שטערען, ווי ער וואָלט פון דאָרט
געוואָלט פערנעהמען די אָנווייזונג, וואָס ער האָט צו טהאָן.

ער האָט זיך צוגעהערט. דאָס ווינד האָט געבראַכט אהער צו־
טראָגען דאָס קלאָגען פון פאָלק. די איינזאַמע וויינענדיגע שטימען
אין לעערען מדבר האָבען אַ שרעק אָנגעוואָרפען און אַ יאוש גע־
פּלאַנצט אין די הערצער. משה איז נאָך טרויעריגער געוואָרען. ער
האָט אָנגעהויבען צו פיהלען, אַז נישט מיט זיי וועט ער קענען אָב־
נעהמען די לענדער פון כנען, די לענדער פון די פאָטערס אברהם,
יצחק און יעקב, פאַר זייערע קינדער. ער האָט דערפיהלט צום ער־
שטען מאָל, אַז צו לאַנג זיינען די קינדער פון ישראל אין מצרים געווען
קנעכט. און עס האָט נישט געהאָלפען אַלעס וואָס עס האָט פּאַסירט
מיט זיי, די גרויסע זאַכען וואָס זיינען געשעהען — וואָס ער האָט
זיי פון אונטער פרעה'ס געוואַלד אַרויסגענומען, וואָס ער האָט זיי
מיט געוואַלד דורך אַ ים געפיהרט, אין דונערען און בליצען אַ תורה
געגעבען, וועלכע לערענט זיי געזעץ און אָרדנונג. עס האָט גאָר
נישט געהאָלפען. דער קנעכט איז קנעכט געבליבען. און ביים ראַנד
פון מדבר, וואו זיי שטעהען פאַר דעם צוגעזאַגטען לאַנד, וואָס זיי
בעדאַרפען עס ערעבערען מיט שווערד און אָרים — ערוועקט זיך אין
זיי דער איינגעשלאָפענער שקלאַף, די אימה פאַר'ן הערר, און זיי בענ־
קען צוריק נאָך מצרים. עס האָט נישט געהאָלפען די פרייע, מילדע
נעכט אין מדבר, ווען ער האָט זיי פון זייערע פרייע פאָטערס דער־
צעהלט, וואָס זיינען געווען מלכים־פּאַסטוכער. ביים ראַנד פון דער
אויסגעוועהטאָגטער זעהנזוכט, נאָך וועלכען זיי האָבען געשטרעבט
דורך הונדערטער יאָהרען פערשקלאַפונג — האָט זיך די אימה גע־
וועקט אין זיי, און זיי ווילען ווידער שקלאַפען ווערען איידער מיט די
אָרימס און שווערדען זייער לאַנד און פרייהייט זיך צו עראָבערען.
צום ערשטען מאָל האָט ער אָנגעהויבען צו צווייפלען אין דעם פאָלק,
וואָס ער האָט בעפרייט. נישט ביים גאָלדענעם קאַלב, און נישט ביים

נאַלדענעם שלאַנג, וואָס זיי האָבען זיך פאַר געטער געמאַכט, האָט ער פערצווייפעלט. ער האָט דאַן פערשטאַנען זייער שוואַכקייט. ער איז ניט געווען ביי זיי. זיי האָבען מורא אַליין צו פערבלייבען אין מדבר אָהן אַ גאָט און אָהן אַ פיהרער, און זיי מאַכען זיך אַליין אַ גאָט, אַ גלויבען, אַבי עפּעס צו האָבען וואָס זאָל אין זיי האָפנונג וועקען ארויס־צופיהרען זיי אין דער פרייהייט. ער האָט זיי פערשטאַנען דענסטמאָל, און ליעב געהאַט זיי — איינגעשטעלט זיך דאָס לעבען פאַר זיי, גע־נומען די שולד אויף זיך און ווייטער געגלויבט און געהאָפט. אָבער יעצט, ווען זיי זעהען מיט די אייגענע אויגען די פרוכטען פון לאַנד, די ווייטנטרויבען, די פייגען, די טייטלען, די מאַנדלען און מילגרוימען, די פרוכטען וואָס זיי האָבען קיינמאָל אין מצרים נישט געזעהען; זיי זעהען, אַז דאָס לאַנד איז דאָ, אַז מען האָט זיי נישט אָבגענאַרט, אַז ער האָט זיי געפיהרט אין דעם ריכטיגען וועג, און אָט שטעהען זיי ביי זיינע גרענעצען, זיי דאַרפען נאָר אריינטרעטען אָבנעהמען עס מיט דעם שרעק, וואָס זיי האָבען אָנגעוואָרפען אויף די שכנות'דיגע פעלקער; זיי זעהען אַ פאָלק געהט אין מדבר צוריקנעהמען אַ לאַנד פון פאָטערס — און אָט ביים לעצטען טריט, וואו מען פערלאַנגט פון זיי טהאַטען — מענער־קראַפט — ווערען זיי צוריק שקלאַפען און לאָדען די קעמלען צוריק צו רייטען קיין מצרים, קיין מצרים, וואו זיי האָ־בען, פערשקלאַפט ביי פרעה'ן, פּתום און רעמסס געבויט, וואו זייערע קינדער האָט מען אין די ווענד איינגעמויערט און אין דעם בלוט פון זייערע טעכטער האָט זיך פרעה געבאָדען; קיין מצרים צוריק קנעכט, אייביגע שקלאַפען ווערען אָהן אַ האָפנונג אויף משה'ן, אויף אַ בעפרייאונג, נאָר אויף אייביגער, אייביגער קנעכטשאַפט.

ער האָט געטראַכט, ער וועט אַנטלויפען פון זיי. ביינאַכט וועט ער אַוועק פון מדבר, מיטנעהמען מיט זיך די געזעצען וואָס ער האָט זיי געגעבען און זיי לאָזען אַליין. ער וועט צוריקגעהן צו יתרו'ן, זיין שווער, ער וועט ביי איהם פּיטערען די שאָף, און זיינע קינדער וועט ער לערנען די מענשליכע געזעצען וואָס גאָט האָט געגעבען דעם פאָלק, אַז זיי זאָלען זייערע קינדער לערנען, און אַזוי אַרום וועט אַ נייע פאָלק אויפוואַקסען. און די שקלאַפען, וואָס ער האָט פון מצרים ארויסגענומען, וועט ער אַליין אין מדבר איבערלאָזען. ער האָט זיי שוין געזעהען, ווי זיי באָפען זיך אויף צו מאָרגענס פון זייערע גע־

צעלטען און ווערען געוואהר: משה איז נישטא, משה האט זיי פער־לאזט. דער ארון איז נישטא, קיין געזעץ, קיין פיהרער, זיי בלייבען אבהענדיג, יעדע גרופע מאכט זיך אליין אן עלטסטען, די עלטסטע קריעגען זיך צווישען זיך, טהייל שלעפען קיין מצרים, אנדערע ווילען אין מדבר בלייבען — דאס לעצטע ביסעל עסען לאזט זיך אויס, זיי־ערע קעמלען שטארבען אויס און זייערע קינדער שטארבען אויס, און צו ביסלעך, איינציגווייז, ווערען זיי אויסגערונגען — יעדע אנדערע גרופע, יעדער איין אן אנדערען טהייל מדבר. זיי בלאנקען ארום, גע־פינען קיין וועג נישט, ווייסען נישט וואס צו טהאן. און וואס אמאל ווערען די זאמדען פון מדבר בעזעצט מיט טרוקענע ביינער פון מענ־שען־סקעלעטען, פון אייזלען, פון קעמלען. עס בלאזט דער ווינד, און דער זאמד פערדעקט די לעצטע שפורען פון די אבלים, וואס וואל־גערען זיך ארום אויף די מדבר־זאמדען, און קיינער ווייסט שוין נישט, אז אין מדבר ליעגט א פאלק בעגראבען. נאר פון צייט צו צייט קאַ־פעט א קעמעל אויף פון א פערבייציהענדער מחנה אן אויסגעטרי־קענטען סקעלעט, אויסגעטריקענט אין די ברענענדיגע זאמדען פון מדבר...

די לעפלען האבען זיך איבערגערוקט איבער זיינע אויגען און א וועהטאגדיגע גרימאסע האט זיך ארומגעשניטען ארום זיין מויל. די הענד האבען איהם געציטערט און די האהר פון זיין בארד האבען זיך אויפגעהויבען און אנידערגעלעגט. ער האט זיך אויפגעשטעלט און אריינגעקוקט מיט זיינע גרויסע אויגען אין הימעל אריין, און עס האט זיך גערדאכט, אז ער נעהמט ארום דעם ברייטען גרויסען מדבר־הימעל אין זיין בליק — ער האט געזוכט מיט זיין בליק טיעף אין די שטערען א וועג. ניין, אלעס יא, נאר דאס נישט. אז שטארבען אין מדבר, זאל ער שטארבען אין איינעם מיט זיי — זאל ער זיך ארומוואלגערען מיט זיי איבער דער ברייטער, וויסטער, ווילדער ערד, און נים זוכען קיין אויסוועג פאר זיך. ער האט נישט קיין רעכט אוועקצוגעהן פון זיי. ער וועט מיט זיי זיין אין דעם מדבר, ביז זיי אלע וועלען אויסשטארבען, און אפשר וועט זיך טרעפען א גליק, און ער וועט פריהער שטארבען פון זיי און נים זעהען דעם צער איבער די פערלארענע האפנונגען, וואס וועט פון זייערע אויגען ארויסשרייען.

אבער זאל דאס אלעס ווירקליך זיין? זאל זיך מיט דעם ענדיגען

דער ארויסגאנג פון מצרים? איז שוין נישטאָ קיין אנדער עצה? פאַר וואָס האָט ער אַזוי שלעכט געקלעהרט פון זיי? פאַר וואָס זיצט ער פאַר זיין געצעלט, ווען עס הערט זיך פון דאָרט דער יאוש און דער געוויין פון פאָלק? פאַרוואָס געהט ער נישט אהין צו זיי, רעדען מיט זיי און שטאַרקען זיי? פאַר וואָס האָט ער פערצווייפעלט? צו טהוט דאָס אַזוי אַ פיהרער, אַ משה, וועלכער נעהמט אַ פאָלק פון שקלאַפען אַרויס און פיהרט זיי אין אַ מדבר צו שטאַרבען?

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און מיט פלינקע טריט האָט ער אָנגעהויבען צו געהן צום פאָלק. ער האָט זיך געטראַכט, ער וועט אַריין צום פאָלק און וועט זיי טרייסטען. ער וועט רעדען אין נאָמען פון גאָט, ער וועט זיי דערמאָנען אַן די אַלע נסים וואָס גאָט האָט מיט זיי געטהאָן. ער וועט זיי דערמאָנען אַן ים, אַן באַרג סיני, און מיט אַ דערהויבענעם גייסט וועט ער זיי מאָרגען גלייך פיהרען אנטקעגען דעם פיינד. אָבער באַלד איז איהם פאַר די אויגען געשטאַנען דאָס פאָלק, ער האָט געהערט אין די אויערען דעם מורמעל און געקלעהרט: וואָס וועט זיין, אַז ער וועט זיי שוין שטאַרקען, ער וועט זיי דערהויבען און פיהרען געגען דעם פיינד, און קומענדיג מיט'ן פיינד פנים צו פנים וועלען זיי זיך דערשרעקען. ס'וועט זיך דערוועקען אין זיי דער שקלאַף, און זיי וועלען אַנטלויפען צוריק אין מדבר, אפשר קיין מצרים, אָדער זיך אונטערגעבען ווי קראַנקע הינד, און בעטען זיך ביי די נייע הערען, אַז זיי זאָלען זיי לאָזען לעבען און זיי צונעהמען פאַר שקלאַפען — און אַזוי ווי זיי האָבען געדיענט די מצריים, אַזוי וועלען זיי דיענען די כנענים און גאָט'ס נאָמען וועט נאָך מעהר ווערען צו שאַנד און צו שפּאָט פאַר די פעלקער פון דער וועלט, און ער, משה, וועט האָבען אַרויסגענומען אַ פאָלק פון שקלאַפעריי און זיי געבראַכט צו צווייטע הערען, אין אַן אַנדער שקלאַפעריי.

ער האָט זיך אָבגעשטעלט אין מיטען גאַנג און אַרומגעקוקט זיך אין דער נאַכט. פון דערווייטענס האָט זיך אַלץ געהערט דער טעמפּער אונהיימליכער ברום, וואָס דער ווינד האָט געבראַכט אַהער צו ברענגען פון פאָלק, און עס האָבען זיך געזעהן די פלאַמען פון די פייערען פאַר די לאַגערען. ער האָט געקוקט אין די שטערען אַריין און געזוכט צווישען זיי אַ וועג, אַן אַנווייז וואָס צו טהאָן, וואוהין צו געהן. ער האָט זיך דערמאָנט אַן זיין יוגענד, ווען ער האָט ביי נאַכט געפּאַשעט

יתרו׳ם שעפסען און פלוצלינג האט ער דערזעהן דעם ברענענדיגען דאָרן און דערפיהלט די גרויסע זאך וואס ער בעדארף טהאן. און יעצט איז אויך נאכט, און די זעלבע שטערען, און דאס פאלק האט ער שוין, עס איז ארום איהם, און ער ווייס נישט קיין וועג פאר איהם. דער ציעל איז איהם נישט קלאהר, עס האט איהם ארומגענומען א גרויסער וועהטאג נישט פאר׳ן פאלק, נאר פאר זיך, פאר זיין לעבען — ער איז פאמעליך צוריקגעגאנגען צום אוהל, דעם קאפ טיעף גע־בויגען צו דער ערד, ער איז אנגעקומען פאר׳ן אוהל־מועד. פון דעם שווארצען גרויסען געצעלט האט זיך געזעהן דער סודות׳דיגער, צנועה׳־דיגער פלאם פון נר תמיד. ער האט דערמאנט, אז דארט אינוועניג אין ארון ליעגען עס אויף שטיינערנע טאוולען אויפגעקריצט די גע־זעצען, ווי אזוי די מענשען זאלען לעבען, און ער בעדארף א פאלק דערצו, וועלכעס זאל די געזעצען אויפנעהמען אין זיין לעבען און זיי ווייטער פלאנצען מיט זיין נאכקומען און איבערגעבען די געזעצען דער גאנד־וועלט, כדי די מענשען זאלען דיענען דעם ריכטיגען ציעל, צו וואס זיי זיינען בעשטימט. און צוליעב זיי, צוליעב די שטיינערנע טאוולען האט ער א פאלק בעפרייט, און יעצט, ווען דאס פאלק וועט אין מדבר אונטערגעהן — ווער וועט טראגען די שטיינערנע טאוולען צו די מענשען און צו די שפעטערדיגע דורות? זיי, ווי דאס פאלק, וועלען פערטרונקען ווערען אין דעם ים פון זאמד אין מדבר, און די מענשען וועלען ארומלויפען ווי ווילדע חיות איבען זייער גאנצען לעבען און וועלען נישט וויסען צו וואס זיי לעבען, און זינד און אונרעכט וועט שטענדיג הערשען איבער דער ערד, אזוי לאנג ווי דער מענש וועט לעבען, און אין די זאמדען פון מדבר וועט זיין הילף זיין בע־גראבען און קיינער וועט נישט וויסען דערפון.

ער האט זיך אויסגעשפרייט פאר׳ן געצעלט פון ארון, און איינגע־גראבען דעם פנים אין זיינע הענד, און אין זיין הארץ האט א תפילה געגליהט, נישט צום ארון, נישט צו די לוחות—נאר א תפילה איבער זיי, זיי זיינען אויך אזוי הילפלאז ווי ער, און ער האט אויפגעהויבען די אויגען און די הענד צום הימעל און געזוכט רעטונג.

אזוי איז ער אבגעלעגען א שטיק צייט. פלוצלונג האט זיך ווער צוגע׳גנב׳עט צו איהם גאנץ אין דער שטיל און אוועקגעזעצט זיך נעבען איהם, געווארט. צום סוף האט ער געזאגט אין א שטילען טאן:

— אדוני משה!

משה האט זיך אויפגעכאפּט, אומגעקוקט זיך ווער עס רופט איהם. ער האט געזעהן ביי דעם ליכט פון די שטערען נעבען זיך א יונגען מאן מיט א שווארצער בארד.

— אדוני משה, היים און איך וועל טויטען די מרגלים, בעפעהל און איך פיהר דאס פאלק געגען כנען!

משה האט איהם אין געזיכט אריינגעקוקט — די אויגען פון דעם יונגען מאן האבען ארויסגעשטראהלט, ווי דער נר תמיד פון ארון, פון זיין ווייסען טוך איבער'ן קאפּ. אן געזיכט האט ער איהם דער־קענט: עס איז געוועזן ישוע בן נון.

— פון וואנען קומסט דו?

— איך קום פון זיי, — ווייזט ער מיט דער האנד אויף די פייערען. — זיי וויינען, די קנעכט פון מצרים.

— און ווער ביזטו?

— איך בין ישוע בן נון. איך און כלב בן יפונה, האבען מיר צוזאמענגענומען טויזענד יונגע לייט. יעדערער פון זיי קען האלטען א שווערד אין דער האנד. היים, אדוני משה, און איך געה מיט מיינע מענשען אין פאלק און טרעט צו דער ערד די פיהרער פון די מורדים, די מרגלים, און מיט ריטער טרייב איך זיי געגען כנען.

משה האט געשוויגען. ער האט די אויגען אויפגעהויבען צום הימעל. עפּעס וואס איז געבוירען אין זיין הארץ און קאפּ. און ער האט שטיל געענטפערט:

— ניט די האנד, וועלכע האט געזעצען געקריצט, וועט די שווערד ציהען!

— אבער, אדוני משה, דאס פאלק וויל קיין מצרים צוריקגעהן. זיי זאגען: „לאמיר זיך מאכען אן עלטסטען און צוריקגעהן קיין מצרים!“

משה האט געשוויגען.

— אדוני משה, קיין מצרים וועלען מיר נישט צוריקגעהן, — האט ישוע האסטיג ארויסגערעדט. — ליעבער אין מדבר שטארבען, איידער צוריק קנעכט ווערען. איך וועל מיינע לייט אנשטעלען און יעדען איינעם טויטען, וואס וועט וואגען אויף דעם וועג פון מצרים צוריק צו געהן.

— און ווען איך וועל מיך שטעלען אויף דער שפיצע און זיי קיין מצרים צוריק פיהרען? — האט משה געזאגט.

— מיין שווערד וועט דיר שטעהן אין וועג.

— אויף דיין רבין משה וועסטו די האנד אויפהויבען?

— אויף יעדען איינעם, וואס וועט וואגען דעם וועג פון מצרים צו בעטרעטען.

א בליץ האט אויפגעשטראהלט אין משה'ס אויגען, זיין פנים איז געווארען בעגאסען מיט א גרויס פרייד, דאס הארץ איז געווארען מיט עפעס וואס ערפילט. ער האט געכאפט דעם יונגען מאן'ס קאפ און זיינע אויגען געבויגען צו די שטערן־ליכט און געקוקט איהם אין די אויגען אריין.

— ווער ביזטו?

— ישוע בן נון פון שבט אפרים.

— זיינען אין דיין שבט דא א סך אזעלכע יונגע לייט ווי דו?

— דער גאנצער יונגער דור, וועלכער איז אויפגעוואקסען אונטער דיינע רייד, צייט דו ביזט אונז קיין מצרים געקומען בעפרייען — זיינען אזוי ווי איך.

— געה, ישוע, אין פאלק אריין. איך קום באלד ארויס צו זיי.

משה האט זיך אויפגעהויבען פון זיין ארט און איז געגאנגען מיט פלינקע טריט צו אהרן'ס געצעלט. א געדאנק האט איהם גע־בליצט אין קאפ — דער צווייטער דור! דער צווייטער דור, וואס איז אויפגעוואקסען מיט דער האפנונג אויף דער ישועה. זיי זיינען דאס פאלק, וואס ער האט בעפרייט. זיי וועלען קענען די לענדער פון כנען אבנעהמען און די פעלקער פון דארט פעריאגען. די קנעכט מוזען אין מדבר שטארבען. אזוי לאנג זיי אין מדבר ארומפיהרען, ביז עס וועט שוין קיין שריד ופליט פון אלטען דור נישט איבערבלייבען, פון דור, וועלכער האט אליין די ציגעל פון פיתום און רעמסס געשלעפט, זיי מיזען אין מדבר שטארבען — זאל עס אפילו צעהנדליגע יאהרען קאסטען.

ער האט זיך אבגעשטעלט. ער האט זיך דערמאהנט אן זיין עלטער, און א רחמנות האט איהם ארומגענומען אויף זיך אליין. און ער? וואס וועט מיט איהם זיין? האט ער נישט דאס גאנצע לעבען געהאפט, ווי ער וועט די אידען אריינפיהרען אין דעם צוגעזאגטען

לאנד, און דארט וועט ער זיינע אלטע טעג צווישען זיין פאלק אויס־לעבען, און אז ער וועט שטארבען, וועט מען איהם בעגראבען אין די קברים פון אברהם, יצחק און יעקב, — איז דאס נישט געווען זיין לעבען, זיין חלום? ווען ער האט נאך יתרו'ס שאף געפאשעט, האט ער זיך דען ניט געזעהן אויף דער שפיץ פון דעם בעפרייטען פאלק, ווי ער פיהרט זיי אין צוגעזאגטען לאנד אריין — און יעצט זעהט ער זיך, ווי ער ליגט אין איינעם מיט'ן פאלק בעהאלטען אין די זאמדען פון מדבר און אן אנדערער פיהרט זיי אין די לענדער אריין.

נאר איין מינוט האט געדויערט דאס איבערלעגען זיך, נאר איין מינוט דער רחמנות אויף זיך. ער האט זיך דערמאהנט אן די לוחות, וואס ליעגען אין ארון — אט פאר זיי דארף מען א פאלק, וואס זאל זיי אויספיהרען און זיינע קינדער איבערגעבען, און דאס איז געווען דער צוועק — און נישט דער מענש. געאיילט האט ער וויעדער זיינע טריט און איז פאר אהרן'ס אוהל צוגעקומען, איהם ארויסגערופען:

— קום צום פאלק!

— משה, וואס ווילסטו טהאן?

— דו וועסט הערען מיינע רייד.

באלד האבען די לויים אין די זילבערנע טראמפייטען געבלאזען, אנדערע אין די שופרות. די כהנים זיינען ארוים מיט די כלים און די לויים מיט דעם ארון. פון אלע זייטען איז זיך דאס פאלק געקומען צו לויפען הערען וואס משה האט צו זאגען. ביים ראנד פון הימעל איז דער מארגען־שטערן שוין אויפגעגאנגען אין א טייך פון בלוט און די ערשטע מארגען־שטראהלען האבען בעלייכט די זאמדען פון מדבר. וואס אמאל האבען זיך ענטפלעקט העלע שטיקער הימלען און ווייטע שטיקער מדבר; עס האבען זיך געזעהן די לאגערען מיט די קעמלען און די בערגלאך מיט די טהאלען. און דאס פאלק האט צוגעשטראמט פון אלע ווינקלען, פון אלע זייטען.

אז דער פלאץ ארום אוהל איז שוין געווען בעדעקט מיט אידען, איז משה ארוים. מיט א שטארקער שטימע און ברענענדיגע אויגען האט ער גערופען צו די עלטסטע פון דער עדה:

— קומט ארויף מיט מיר אויפ'ן בארג. איך וועל אייך ווייזען דאס לאנד וואס גאט האט צוגעזאגט אברהם, יצחק און יעקב!

עס זיינען ארוים מיט אראבגעלאזטע קעפ די עלטסטע און די

אַלטע פון די שבטים משה איז געגאַנגען פאַראויס, אהרן נאָך איהם און הינטער זיי די עלטסטע פון די שבטים און דאָס פאָלק נאָך זיי. באַלד איז דער באַרג בעשאָטען געוואָרען מיט מענער אין ווייסע קיטלען.

פון דערווייטענס פון א הענגענדען וואָלקען האָט זיך אַרויסגע־שניטען א גרין בעזעמטער ראַנד פון א לאַנד, אויף בערגלאַך און טהאַ־לען. ווי א חלום האָט זיך געצויגען א וואַסער דורך די גרינע בערג, און מען האָט גאַנץ דייטליך געקענט זעהן די משופע'דיגע בערג, וואָס זיינען בעשאָטען געוועזען מיט בוימער.

איהר זעהט עס דאָרט? דאָס איז דאָס לאַנד כנען, וואָס גאָט האָט אייערע עלטערען, אברהם, יצחק און יעקב, צוגעזאָגט. מיר שטעהען ביי זיין ראַנד, פינף טעג געהן און מיר זיינען ביי זיינע גרענעצען.

דאָס פאָלק האָט זיך צוגעקוקט מיט ערשטוינען.

— נאָר מיר וועלען נישט דאָרט אהין געהן, — האָט משה אויס־געשריען. — איהר אַלע, וואָס האָט אַליין פּרעה'ן געדיענט, וועלען אין דעם לאַנד נישט אַריינגעהן. אויך נישט צוריק קיין מצרים וועט איהר געהן. נישט צוליעב אייך, נאָר צוליעב גאָט, וואָס זיין נאָמען וועט צו שאַנד ווערען און צוליעב די געזעצען וואָס ער האָט אייך גע־געבען — ווער עס וועט וואַגען דאָרט צוריקגעהן, דעם וועט טרעפען דער טויט. אין מדבר וועט איהר בלייבען פערציג יאָהר, ביז עס וועט פון אייך קיין שריד ופליט נישט איבערבלייבען, ביז דער לעצטער קנעכט וועט אויסשטאַרבען. די קינדער אייערע וועלען דאָרט אהין קומען, זיי וועלען געגען כנען מלחמה האַלטען!

א טויטע שטילקייט האָט אַרומגעכאַפּט די אַלטע און די עלטסטע און דאָס גאַנצע פאָלק. אַלע זיינען זיי געבליבען שטעהן אויף זייערע ערטער מיט געבויגענע קעפּ צו דער ערד און אויסגעהערט משה'ס שטראָף. נאָר אהרן האָט זיך אין דער שטיל אָנגערופען:

— משה, און מיט אונז וואָס וועט זיין?

— שטאַרבען ווי זיי אין דעם מדבר; מיר געהערען צו דעם זעלבען דור. יהושע בן נון וועט די יונגע פיהרען אין כנען אַריין.

אהרן האָט אויך געבויגען דעם קאָפּ צו דער ערד און געשוויגען אין טיעפען נאָכקלעהרען.

נאָר באַלד האָט זיך געהערט א געוויין פון די אַלטע. זיי זיינען

צונעגאַנגען צו איהם און געוואָרפען זיך צו די פיס, און אויסגעשטרעקט די הענד צו איהם:

משה, משה, מיר האָבען געזינדיגט!

דאָס געוויין האָט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע עדה. פון איבעראַל האָט זיך געהערט דאָס געשריי:

—משה, משה, מיר האָבען געזינדיגט! פיהר אונז געגען פיינד. מיר ווילען איהם מנצח זיין!

— קנעכט קענען ניט מנצח זיין. שקלאַפען פיהרט מען נישט אין דער מלחמה — איהר וועט אַנטלויפען פון פיינד. מיר מוזען וואַרטען אויפ'ן יונגע דור. ישוע בן נון, כלב בן יפונה!

די צוויי יונגע לייט זיינען אַרויסגעשפּרונגען ווי ווילדע צוויי לייבען און געשטעלט זיך מיט אונטערטהעניגקייט פאַר משה'ן:

— אדוני משה!

— פיהרט די עדה אין טיעפען מדבר אַריין! — האָט משה בע־פוילען די יונגע לייט.

באַלד זיינען טויזענדער יונגע לייט מיט שווערדען און באַמבאַס־שטעקלעך אַרויסגעשפּרונגען פון פאָלק און געטריבען דאָס פאָלק פון באַרג אַראָב אין מדבר אַריין.

פון דערווייטענס האָט זיך שוין געהערט דער זילבערנער קלאַנג פון די זילבערנע רעהרען און שופרות. דער ארון האָט זיך גערירט פון אָרט.

מיט פאַרבענקטע בליקען האָט דאָס פאָלק זיך אומגעקוקט און געקוקט אויף דעם ראַנד פון הימעל, וואו עס האָט זיך גרינס געזעהען, ווי אַ ברעג ביים ים.

# חורבן ירושלים.

## ערשטער געזאנג.

(די כשדים ארום ירושלים'ס מויערען.—ירמיהו'ס געוויין לאזט ניט ירושלים חרוב מאכען.—די מלאכים ברעכען די מויערען איין.—דער בית־המקדש ברענט.—די לווים מיט זייער געזאנג.—די וועב־מיידלעך מיט זייערע פרוכת'ן.—דער אוצר פון די אוילען אין בית־המקדש.—די שטילע תפילות.—די זון וויל נישט איבער דער וועלט שיינען).

צוטראטען ליגט יהודה צו נבוכדנצר'ס פיס. שוין איינגעזאמעלט דעם גאנצען כשדים־חיל ארום ירושלים'ס מויערן האט דער פיינד. אלע וועגען אבגעשניטען, אלע וואסער'ן וואס פליסען קיין ירושלים פערשטאפט. הארט ביז צו מויערען געהען די כשדים שוין צו. שוין ווייזט זיך געגען זיי קיין העלד ניט מעהר, קיין פייל, קיין שפיז פון ירושלים'ס זייט ווערט נישט מעהר געווארפען צו זיי — אבער ירושלים נעהמט ער דאך ניט איין. עס האבען צייט די כשדים־העלדען צו לאקען זייערע בערד, זאפען זיך די האהר אין די אויל־געשירען און קנייפען און קארבען זייערע בערד און האהר. עס פיטערען זיך רוהיג נעבען זיי זייערע געפוצטע פערד. דער פיינד נעהמט ירושלים ניט איין.

יעדעס מאל, ווען נבוכדנצר קומט צו ירושלים צו, ווערט זי פערהוילען פון זיינע אויגען. עס פערשווינדט דער וועג, און אוועקגעווארפען ווערט ער פון די ירושלים'ס מויערען אויף מיילען ווייט. עס פאלען די שפיזען אויף זיינע אייגענע חילות צו. צי ווי מיט אשור שפיעלט יהוה מיט איהם א שפיעל? א, עס ציטערט דער ב־יגר

און דאך אויף דער צווייטער זייט מויער — אויסגעשטאָרבען ליגט ירושלים. ווי אַרויסגעוואָרפענע שמאַטעס, וואַלגערען זיך איבער די ווייסע גאַסען אַרום די שעהנסטע ווייס־לויכטענדע לייבער פון די טעכטער פון ירושלים. קיין פיינד'ס שווערד האָט זיי נאָך נישט אָנגע־ריהרט. דאָס זיינען זיי אַזוי דורך הונגער פון זייערע פּאַלאַצען אַרויס־געוואָרפען געוואָרען. עס ברענט די זון איבער זייערע נאַקעטע לייבער, און זיי פיהלען די ליכט נישט מעהר. אויסגעטריקענט, געלעכצט נאָכ'ן טרונק, איז זייער בלוט פערשלאָפען געוואָרען אין זיי. די ליפּען, ווי פערברענטע רויזען פון זומער־היצען — איינגעשרומפּען. עס דרימלען די קראַנקע יונגען.

עס בעוועגט טיילמאָל אַ פער'חלש'טע פרוי מיט איהר האַנד און זוכט נעבען זיך איהר איינציג קינד, וואָס ווי אין חלום שוועבט זיין געשטאַלט פאַר איהר. טהייל קינדער מתים האָבען זיי ליגען נע־בען זיך; טהייל קינדער, קריכענדיג אויף אַלע פיער, נויגען זייערע פּערלעכצטע מיילעכלעך, זוכען פערשמאַכט, ווי אין קראַנקהייט, נאָך דער מוטערס נאַהרונג. געפינט די אויסגעדאַרטע ברוסט, וואָס ווי אַ פערטריקענטע פרוכט, נאָגט דאָס קינד פון איהר הוילע לופט אין זיך אַריין. ווי דורך אַ שלייער פיהלט די פער'חלש'טע מוטער די שטילע גסיסה פון איהר קינד, און זי צאַפּעלט אויף צום לעצטען מאָל און טראָגט איהר פערטריקענטע צונג אין דעם שטאַרבענדען קינד'ס מיילעכעל אַריין.

שוויינענדיג רוקט זיך די נאַכט צו, ווי אַ שוואַרצע חופּה איבער אַ טויטער כלה. עס הילען זיך די גאַסען אין שאָטען איין. און אויף אַלע פּיער הויבען קראַנקע אָן פון זייערע לעכער אַרויסצוקריכען. צי זיינען עס יונגע, צי זיינען עס אַלטע? אַלע זעהען אויס גלייך. זיי נויגען זייערע מיילער צו דער ערד צו, לעקען מיט זייערע צונגען, ווילען פון דער ערד אָוועקרויבען דעם טוי, וואָס די נאַכט הויכט אָן אויף איהר. אָבער מיט שטויב דעקען זיך זייערע מיילער צו. טרוקען זיינען די נעכט און לעגען זיך שווער, ווי אַ גוף פון אַ בר־מנן, איבער דער ערד. אָנגעפילט מיט טויט איז די לופט, די נשמה ווערט גע־בונדען אין דעם גוף אין אַזאַ נאַכט, און פער'חלש'ט, מיט בענקענ־דיגע בליקען קוקט ישראל, ווי נאָך אַ ישועה אויס, נאָך דעם פיינד.

אָבער דער פיינד קאָן ירושלים נישט נעהמען. נאָך שטעהט

אויפ'ן הר־הבית ביים מזבח דער כהן אין זיין ווייסען געוואנד און ברענגט דעם קרבן צו גאָט אין דער ריכטיגער צייט. פערשוואַכט ווערט ער פון דעם גערוך פון פלייש, וואָס ברענט זיך אויפ'ן מזבח פאַר איהם. דער וויין געהט אין זיינע פערטריקענטע געדערים אריין. און שיכור און קראַנק פון דעם גערוך פון וויין און פלייש, וואָס זיינע הוילע געדערים ווערען אָנגעבלאָזען מיט איהם, שלעפּט ער זיין קראַנקע גוף פון מזבח אוועק. אויף אַלע פיער קריכט ער פון דער עזרה ארויס, בויגט זיין קאָפּ צו דער וואנט צו און ער הויכט זיין נשמה אויס. מיט דעם פער'חלש'טען שמייכעלע אויף זיינע ליפּען, אַז ער האָט מיט זיין נבלה די עזרה נישט טמא געמאַכט.

נור נישט איבער דעם קרבן, וואָס דער כהן ברענגט צו גאָט, קאָן ירושלים נישט פאַלען. פערזינדיגט האָט זיך ישראל, און גאָט איז אוועק פון איהם. פון מצרים האָט ער איהם ארויסגענומען, אין דעם לאַנד, וואָס צו זיינע עלטערען צוגעזאָגט, האָט ער איהם אריינגע־בראַכט. משה'ן האָט ער געשיקט צו זיי, אַ תורה זיי געגעבען, געמיינט, זיי וועלען זיין די לעהרער פון דער וועלט, זיינע געזעצען די פעלקער לערנען, דערצעהלען ווער יהוה איז. דורך דורות, דורות האָט ער זיי נביאים געשיקט און אָנגעזאָגט: „זייט די וועלט, זייט דאָס ליכט. נישט קיין אָקסען און נישט קיין קאַלב וויל איך פון אייך, נישט קיין געשרייען און נישט קיין געבעט. דעם שוואַכען העלפט, פאַר דעם אָרי־מאַן און פאַר די יתומים נעהמט אייך אָן". הינטער יעדען בוים זיך געצען געשטעלט און פון אונווירדיגע פעלקער זיך מדות געלערענט. אָ, עס האָט אויפגעברענט דער צאָרן אין גאָט אויף זיין אויסערוועהל־טען פאָלק.

געציטערט האָבען די יסודות פון דער ערד, געדונערט דער הי־מעל, און דער ים איז ווי אַ מויער געבליבען שטעהן. די שטערן און די זון האָבען זיך אין די לעכער בעהאַלטען, ניט געוואָלט געהן זייער שליחות אויספיהרען און שיינען איבער דער וועלט, ווען גאָט האָט גע־שוואָרען ירושלים אונטערצוברענגען, דעם בית־המקדש צו פערברע־נען. מיט אייזערנע ריטער האָבען זיי די מלאכים פון זייערע בע־העלטניסען ארויסגעשמיצט און מיט געוואַלד זיי גענויט איבער דער וועלט לויכטען צו געהן. אָבגעצווינגען האָט דאַן גאָט פון דער ערד, וואו מענשען האָבען איהם געשאַפען אַ היים, אין די הימלען איז ער

אוועק, צוריק געלאָזען האָט ער זי אַליין, פערשלאָסען די הימלען איבער איהר, דעם שער הרחמים צוגעמאַכט און בעשוואָרען האָט ער די מלאכים, פאַר איהם ניט צו ברענגען קיין געבעט און קיין געוויין. מלאכים מיט פייערדיגע ריטער האָט ער ביים שער הרחמים אוועקגעשטעלט — אָבצוטרייבען די תפילות, וואָס דרינגען פון דער וועלט אַרויף צו זיי, איבערגעלאָזט די וועלט צו איהר מזל אַליין. אַ, פינסטערע כוחות, געהט פון אייערע בעהאַלטענע לעבער ארויס און פיהרט אויס אייערע מעשים! עס פרעסט שוין דער שטאַרקער דעם שוואַכען, און קיין גערעכטיגקייט איז נישטאָ מעהר. עס רייסען די בליהטען איינע פון דער צווייטער דעם זונענשטראַהל ארויס. די וואָרצלען אין דער ערד קריגען זיך צווישען זיך און גנב'ען איינער פון דעם אַנדערען דעם חיות אָב. אַ, דער ווערימעל, אויף גאָט'ס חסד ביז אַהער געשיצט, צו שפייז דעם שטאַרקען איז ער געוואָרען, און גאַנצע מינים בעשעפענישען געהען שוין אונטער דער זון. אַ, עס נויגט איהר שוואַך קעפעל דאָס אָרימע גרעזעל צו דער זון צו און פרענט אויף גאָט. דאָס קליינע פעלד־פויגעלע, איבערגעלאָזט אין נעץ אַליין, קלאַפּט מיט איהרע יונגע פליגלען, פּישטשעט מיט איהר שנאָבעל, און איהרע אויגעלעך קוקען מיט אַנגסט דעם טויט אַנטקעגען — זוכענדיג גאָט. נור פערשלאָסען האָט גאָט זיינע הימלען איבער דער וועלט און איבערגעלאָזט זי צו איהר מזל אַליין.

אָבער ווי אַ שפּיז שטעכט דעם פערשלאָסענעם הימעל אַן איינזאַמער געוויין, ווי אַ שרייען פון אַ קינד, קלאַפּט אויפ'ן שער הרחמים אָן און דרינגט אַריין צו גאָט — עס איז ירמיהו'ס געבעט, וואָס שפּאַרט אַזוי אין די הימלען אַן. איינגעהילט אין זיין ווייסען געוואַנד, דרעהט זיך דער מאַן פון פיין צווישען די לעבעדיגע מתים אַרום. אין גרוב האָבען זיי איהם געהאַט אַראָבגעוואָרפען, געוואָרפען שטיינער אויף איהם, ווען ער האָט זיי אַן זייער שלעכטס דערמאָנט. יעצט, ווי אַ שאָטען דרעהט ער זיך צווישען זיי אַרום, און ווי דער רוף פון קינד וועקט די גוסס'דיגע מוטער פון טויט צוריק — אַזוי לאָזען ירמיהו'ס קרעכצען ירושלים נישט שטאַרבען. איינגעזאַפּט אין יעדען זיין טראָפּען בלוט די לייד פון זיין פאָלק, דריקט ער צו זיין פערדאַרטער ברוסט די קאַלטע קערפּערס פון די טויטע קינדער צו. און ווי אַ פערוואונדעטע חיה שרייט ער אויף מיט פערבלוטיגטע אויגען און רופט צום הימעל

צו: „גאָט, זעה די שאַנד, זעה!“ אין די ווינקעלער בעהאַלט ער זיך, זיצט אָב דאָרט טאָג און נאַכט, ווי אַ משוגע'נער בליקט ער אַרום זיך שטום און רעדט צו זיך אַליין. גאָט קוקט דאַך אין זיין הארץ אריין און ער ווייס ירמיהו'ס לייד. איינזאַם שלייכט זיך זיין געבעט אין דער בלייענער לופט אריין, שלאָגט זיך אדורך דעם וועג אין פערוואַל־קענטען הימעל. עס טרעטען צוריק פאַר ירמיהו'ס געשריי די שטרענגע מלאכים מיט זייערע ריטער, ווי אַ שטורם יאָגט זיי ירמיהו'ס געבעט פון פערשלאָסענעם טויער אָב. און עס ברעכט זיך אין דעם הימעל אריין און טרעט פאַר גאָט פאַר — און לאָזט ירושלים נישט שטאַרבען.

אָבער עס בענקט דער חולה נאָכן טויט, און פון נסיסה־בעט גע־נאַרט מען דאָס וויינענדיגע קינד אָב, עס זאָל לאָזען די מוטער שטאַר־בען רוהיג. אַזוי האָט גאָט ירמיהו'ן פון ירושלים ארויסגענאַרט. גע־זאָגט האָט ער איהם: „נאָך ענתות געה און קויף דאָרט אַ פעלד ביי דיין פעטער דיר אָב. און זעץ דיך רוהיג אויף דעם לאַנד — נאָך וועט דער פיינד ירושלים נישט נעהמען, — און רוהיג קאָנט איהר בלייבען דאָ נאָך אויפ'ן אָרט“.

און ווי ירמיהו האָט נור געטרייסט די טויערען פון ירושלים פער־לאָזט, זיינען פיער מלאכים פון הימעל אראָבגענידערט און האָבען זיך אויף די מויערען פון ירושלים געשטעלט, אַנגענומען ביי די ווענט און צובראָכען זיי. נישט נבוכדנצר, נישט נבוזרדן האָבען די הייליגע שטאָדט איינגענומען, נאָר ווי משה דורך גאָט'ס קוש געשטאָרבען — האָט גאָט אַליין זיין שטאָדט צובראָכען. אראָבגענידערט האָבען פיער מלאכים פון הימעל אראָב, פאַקעלען האָבען זיי געהאַלטען אין זייערע הענד, ביי די פיער ווינקלען פון בית־המקדש זיך אוועקגעשטעלט און גאָט'ס הויז אונטערגעצונדען.

געשטאַנען זיינען די כהנים ביי זייער עבודה און האָבען דעם קרבן אויפ'ן מזבח געבראַכט, און די לויים מיט זייערע האַרפען האָבען פאַר גאָט אַ ליעד געזונגען. דערזעהען האָבען זיי דעם פייער פון דער־ווייטען, ווי ער האָט ארומגעכאַפּט די פיער ווענט פון מקדש, זייער אָרט האָבען זיי נישט פערלאָזט און ווייטער זייער עבודה געטהאָן. שוין כאַפּט דער פייער די עזרה אָן, דאָס פּימפּסען־האַלז צווישען די מעשענע זיילען קנאַקט, און עס רויטעלט זיך דאָס בלאָס אין זיבען־פאַרביגען קאָליר, — רוהיג שטעהען ווייטער די כהנים ביי זייער דיענסט, און

העכער שאַלט דאָס ליעד פון די לויים. עס בריהט דער מאַרמאָר־שטיין אונטער זייערע פיס, דאָס גאָלד טוקט זיך אין פלאַם, און זיי פּיהלען נישט קיין לייד; דאָס פייער כאַפּט דעם פרוכת אָן, צינדט זייער ווייסען געוואַנד אונטער, שוין ברענען די פידלען אין זייערע הענד, עס קנאַקען די סטרונעס, עס ברומען די האַרפען זייער לעצטען קרעכץ, און העכער שאַלט דאָס ליעד פון די לויים. עס כאַפּט דער פייער דעם געזאַנג און ברענט עס אונטער אין זיין פלאַם, און עס טריפען דערפון טראָפּענס בלוט אין פייער אריין. הויך וואַרפען די כהנים די שליסלען פון בית־המקדש צום הימעל אַרויף, עס כאַפּען זיי מלאכים פון פייער אונטער און טראָגען זיי צום הימעל צוריק. און זיי געהען, די כהנים, צו זייער עבודה צוריק און, ווי זייער קרבן, ווערען זיי פערברענט פאר גאָט. עס קומען צו געהן די וועב־מיידלעך, די טעכטער פון די כהנים און לויים. געהאַט האָבען זיי אין א ווינקעל פון בית־המקדש זייערע וועב־שטוהלען שטעהן, געשטריקט האָבען זיי מיט גאָלדענע פעדים אויף פורפור־צייג די פרוכת'ער פאר'ן בית־המקדש. געהילט האָבען זיי זייערע יונגע לייבער מיט די האַלב־געוועבטע פרוכת'ער פון פורפור־שטאָף אין גאָלדענע פעדים, און ווי די לויים מיט זייער ליעד ווערען זיי מיט זייערע שטיקערייען אין דעם בית־המקדש־פייער פערברענט. עס שיסט דער פייער זיין פריידען־געשריי, — צי איבער דעם פרישען מיידעל־לייב, צי איבער דאָס גאָלד און פורפור־געוועב, ברומט ער זיין פריידען געזאַנג? עס פאַלען די ריזען, די יסודות פון דער וועלט, די קופערנע זיילען פון בית־המקדש, ווי געטליכע הרוגים לעגען זיי זיך אין פייער. עס רויטעלט זיך זייער גלאַנץ ווי מיט בלוט בענאָסען. און עס איז, ווי נישט ערדישער שטאָף וואָלט אין פייער פערצעהרט געוואָרען, נור שטיקער הימעל־וואָלקען טוקען זיך אין לעצטען רויטליכען זונען־ליכט. קלאָהר איז מיט אַמאָל געוואָרען דאָס ליכט, און פון דער לאַזור־שיין, וואָס מיט איהר בעשיינט די זון דעם הימעל אין מיטאָג־שעה, איז דער פייער בעהעלט געוואָרען, ווי אריינגעגאָסען וואָלטען זיך קוואַלען לבנה־ליכט אין דעם ים זונען־שיין — אזוי לויכט זיך ליכט אַדורך ליכט. און אַ גערוך האָט זיך איבער דער וועלט פערשפרייט, ווי דער ריח פון גן־עדן וואָלט אויף דער ערד אַראָבגענידערט. דאָס האָט דער פייער דערגרייכט צו די אוצרות איילען, וואָס זיינען אין אַ ווינקעל פון בית־המקדש בעהאַלטען געשטאַנען פון דוד המלך'ס

צייטען. יעדער כהן־גדול האט געהאט זיין אייל — געשטעלט איז געווארען דער געשמאק נאך דעם כהן'ס גוסט, לויט זיין יחוס און לויט זיין איידעלקייט. איבערגעגעבען איז געווארען דער סוד פון די איילען — רייבען די געווירצען, די געבליהטען און די קרייטעכצער — פון דור צו דור, צו שטעלען דעם געערוך לוים דעם משפחה־ריח. ווארים יעדע איידעלע משפחה אין ירושלים האט איהרע אייגענע איילען געהאט. און נאך דעם ריח פון דעם לייב האט מען דעם יחוס דערקענט. פיעל איילען זיינען דארט געווען, וואס ווען מען האט זייער ריח דערשפירט, האט מען צו זינדיגען אויפגעהערט און אן איידעלקייט איז אריין אין הארץ, און בעסער איז געווארען דער מענש. נור איין אייל איז דארט געווען, פון יענעם קריגעל, וואס שמואל הנביא האט דערפון דוד המלך געזאלבט, און קוים האט ער דערפיהלט זיין געערוך, האט די שכינה גערוהט אויף איהם, און ער האט געוואוסט, ווער עס איז גערעכט, און ווער אונגערעכט. דעם קריגעל האט א מלאך פון בית־המקדש צוגענומען און פאר'ן מלך המשיח אויפבעוואהרט.

אויפגעגאנגען זיינע די אלע איילען אין פלאם פון בית־המקדש, און צוטראגען זייער געשמאק האט דער ווינד איבער דער גאנצער גע־גענד ארום. און וואו עס איז נור געווען א שוואכער אויף צוויי טוי־זענד מייל, אז ער האט דעם געערוך דערפיהלט, איז ער באלד גענעזען געווארען. און וואו עס איז נור געוועזען איינער, וואס האט בדעת צו זינדיגען געהאט, אז ער האט נור דעם ריח דערפיהלט, איז אין איהם אן איידערלקייט אריין — גוט געווארען און תשובה געטהאן.

פון דעם פייער האבען זיך יונגע ווייסע מלאכים געטראגען, מחנות, מחנות, ווי די טויבען זיינען זיי פון דעם פייער געשטיגען און זיינען אין די וואלקענס אריין און פערלארען געווארען אין דער טיעפקייט פון הימעל. עס זיינען דאס געווען די סודות פון קדשי־קדשים, וואס האבען זיך מיט גאט אויפבעהאלטען. יעדע שטילע תפילה, יעדער שטילער נדר, בעהאלטענער קינדער־געוויין און שטומע לייד, וואס קיין מענש זעהט זיי נישט, נור גאט אליין וויים דערפון, — האט גאט זיי ווי א טהייערע פערעל־שנור צונויפגעקליבען און אין זיין קדשי־קדשים אויפבעוואהרט. אלע די כשר'ע נשמות זיינען מיט איהם, ווי טויבען־געשטאלטען, אין הימעל געפלויגען, ווען גאט האט זיין הויז פערלאזט.
לאנג האט זיך געצויגען די נאכט פון חורבן בית־המקדש. די זון

האָט נישט געוואָלט אַרויסגעהן שיינען איבער דער וועלט, ווען עס איז געקומען איהר צייט, אַ, געשלאָגען האָבען זי די מלאכים מיט פייערדיגע ריטער. בעהאַלטען האָט זי זיך אין איהרע בעהעלטעגישען אַריין: „צו וואָס זאָל איך איבער דער וועלט שיינען גהן, ווען דער בית־המקדש איז שוין מעהר נישטאָ אויף איהר?“ זיינען זיי צו דער נאַכט געקומען און האָבען געזאָגט: „בלייב דו איבער דער וועלט“. האָט זי געענטפערט: „מיין צייט איז פאַרביי“. אַזוי האָט די נאַכט נישט געוואָלט מעהר איבער דער וועלט בלייבען, און אויך נישט דער טאָג. זיינען זיי צום רבונו של עולם געקומען און האָבען געפרעגט: וואָס צו טהאָן? האָט גאָט זיי געהייסען קומען פאַר איהם, זיינען די ליכטער פאַר גאָט געקומען אין טונקעלע שלייערס געהילט און געזאָגט אַזוי: „האָסט אונז בעשאַפען די וועלט צו בעלויכטען, ווען זאָלען מיר בעלויכטען, אז דאָס בית־המקדש געפינט זיך ניט מעהר אויף איהר“. אַזוי האָט גאָט געשוואָרען דאָס בית־המקדש צו בענייען; אין דער מינוט איז משיח געבוירען געוואָרען און די זון איז אַרויס די וועלט צו בעלויכטען.

---

## צווייטער געזאַנג.

(ירמיהו געהט געטרייסט קיין ירושלים צוריק.—ער דערקענט דעם בלוטיגען וועג, לויפט נאָך די גולי־בבל נאָך, טרעפט זיי ביי רחל׳ס קבר.—חשובי ירושלים, בחורים ובתולות.—די וועגען מיט די אוצרות פון בית־המקדש, די פרחי־כהונה.—ירמיהו׳ס רייד צו נבוזרד׳ן, נבוזרדן׳ס ענטפער.—ירמיהו טרעפט די מוטער ציון פאַר די צובראָכענע מויערען פון ירושלים זיצען).

מיט אַ געטרייסט האַרץ איז ירמיהו קיין ירושלים צוריק געגאַנגען. ווי גאָט האָט איהם בעפוילען, האָט ער אין ענתות אַ פעלד זיך געקויפט און געזאָגט האָט ער זיך אַזוי: „עס איז אַ סימן, אידען וועלען אויף זייער אָרט זיצען בלייבען, אויפעסען וועט גאָט׳ס גרויסע דערבאַרמונג זיין צאָרן—און זיין גוטיגקייט, ווי אַ ים, וועט אויסטריקענען די נאַרישע מענשען־זינד“. אַזוי געשטיצט אויף גאָט׳ס חסד, נעהט דער נביא געטרייסט צו זיין פאָלק צוריק. אוועקוואַרפען

וויל ער זיין שטעבענדיגע שטראף־בייטש און טרייסטען זיי. געקומען איז ער אויף דעם בית־לחם־וועג—און דערזעהען האט ער פון ירושלים א גרויסען רויך אויפגעהן. ביי־נאכט איז עס געוועזן, און די פלאם פון ירושלים האט זיך פון דערווייטענס געלויכטען. געטרייסט האט זיך דער נביא: „א, פערשוואונדען זיינען די כשדים, זיי זיינען, ווי אשור אמאל, הינטער ירושלים'ס טויערען ווי א נעפעל צערונען. און דאס דאנקט ירושלים גאט אב, און דער רויך פון איהרע קרבנות געהט אין הימעל אויף". פרעהליך איז דער נביא געווארען, אויפ־געלויכטען זיין פארוואלקענטער שטערן און זיינע אויגען, ווי די ליכטער, אויף ירושלים אויפגעהויבען. מיט די הענד אין דער הויך געשטרעקט, האט ער פאר גאט א לויב־ליעד זינגען געוואלט. זיין הארץ צעגאנגען פאר געטליכקייט—בעגינט דער נביא פאר גאט צו טאנצען און צו וויינען פאר פרייד. ערשט ער קוקט אויף דעם וועג,—רויט געראויטעלט איז דער ווייסער זאמד און ווי א פאדים ציהט ער זיך איבער דעם וועג. פון ירושלים קומען די בלוט־פלעקען אז צו לויפען און קיין בבל ציהען זיי זיך. געווארפען האט דער נביא זיך אויף דר'ערד און דערזעהן ביים שטערן־ליכט יונגע קינדער־פיס געטרעטען אין דעם בלוט. ער האט זיי אז דעם ווייכען גאנג דער־קענט, אויסגעגאסען, ווי א פורעם, האט זיך דאס קינדישע פיסעל אין דעם בלוטיגען שטויב. דערקענט האט דער נביא דעם איידעלען טריט פון זיין פאלק. געקושט האט ער יעדען טריט, צום הארצען צוגע־דריקט און אויסגעשריען מיט א געשריי, ווי א געווילד, וואס דער יעגער האט מיט זיין שפיז אין הארץ געטראפען,—אזוי פערוואונדעט מיט דער שפיז אין דער ברוסט לויפט דער נביא איבער דעם וועג, אויף די בערג זיך געלאזט און קיין ירושלים געקוקט. א, דערקענט האט ער ביים גראהען מארגען־שיין—ירושלים ברענט, ווי פון א גרויסען קרבן געהט דער רויך אין הימעל אויף. אבער נישט אויף שטיינער און אויף טויערען האט דער נביא געקלאגט זיין ליעד—נישט אויף דעם, וואס דער בית־המקדש איז חרוב געווארען, נור איבער די אידענס לייד האט ער זיין האנד קעגען הימעל אויפגעהויבען און אויסגעשריען: „א, דו האסט מיך אויסגעלאכט, ארויסגענארט האסטו מיך פון דער היים, און הינטער מיין רוקען די קינדער געשאכטען!" און געזוכט האט ער מיט זיינע אויגען, וואו אהין עס פיהרט דער

וועג פון די ארויסגעטריבענע. אויסגעשיקט האט ער זיין געהאַרך צו פערנעהמען, פון וואסער זיים דער ווינט טראָגט די קרעכצען צו. געגויגט נאָך לינקס, געזוכט נאָך רעכטס, און נאָך דעם בלוטיגען טריט איז ער, ווי א חיה, וואס האט איהר נעסט געפונען וויסט, נאָך דעם געפאַנגענעם קינדער־טריט נאָכגעלאָפען.

געטריבען האט נבוזרדן די אידען קיין בבל אריין. פאַר דער מוטער רחל׳ס קבר האט ער זיי פּארביי געטריבען,—געוועזען איז עס אויף דעם וועג קיין בית־לחם, וואו בעגראָבען האט זי יעקב איינזאם אויף דעם פעלד אליין. אָבגעשטעלט האבען זיי זיך ביים קבר און ארום דעם פעלד זיך אַנידערגעלעגט. און אנגעבאָפט האבען זיי זיך אן די ווענט און נישט געוואָלט ווייטער געהן. אָבער געשלאָגען האט זיי דער פיינד, מיט די רימען און מיט די ריטער, פון דעם קבר אוועק. אָבגעריסען האט ער די קינדער מיט געוואלד פון דער מוטער׳ס שירץ, געשלעפט האט ער די קינדער פריהער, און די מוטערס זיינען שוין אליין נאָכגעלאָפען. אזוי האט זיי דער פיינד אין גלות געפיהרט. געוואונען זיינען די טרעהרען אין גרוב אריין און די מוטער נישט געלאָזט ליגען רוהיג. אויפגעהויבען האט זי זיך אין איהר ווייסען געוואנד,—אנגעטהאָן די שבת־קרוין אויף איהר קאָפּ, איז זי פון איהר קבר ארויס און נאָך די קינדער נאָכגעגאַנגען און אויסגע־שטרעקט צו זיי איהרע הענד און גערופען זיי. אָבער קיינער האט איהר שטים נישט געהערט, קיינער איהר געשטאַלט ניט געזעהן—טויט איז זי געוועזען און נישט געקענט געבען פון זיך קיין קול, נור געזעהן און געוואָרט צו זיך אליין. אזוי האט זי ארומגעבלאָנקעט א גאַנצע נאַכט איבער די פעלדער אליין, און ווען דער טאָג האט געגראָהט, איז זי צוריק אין איהר רוה אריין. אזוי שלייכט זי זיך יעדע נאַכט פון איהר קבר ארויס, קומט אין אידישען גלות אריין. און ווער עס וואַנדעלט ביי־נאַכט דורך אידישע שטעדט, זעהט, ווי א ווייסע גע־שטאַלט געהט אין געסעל אויף אליין, קוקט דורך פערמאַכטע לאָדענס אין אידישע שטיבער אריין. דאס איז די מוטער רחל, וואס קאָן אין קבר נישט ליגען רוהיג איבער איהרע קינדערס געוויין, אזוי ביז׳ן היינטיגען טאָג אריין.

פערלאָזט האבען די אידען דער מוטער רחל׳ס קבר און זיינען אין גלות געגאַנגען. דער טאָג האט אָנגעהויבען צו גראָהען, און

דערזעהן האָט דער נביא ביי דעם גראָהען שיין די אַרויסגעטריבענע פון דערוויייטענס. דערקענט האָט ער די אַרויסגעטריבענע נאָך דער מחנה שוואַרצע רויב־פויגלען, וואָס זיינען נאָך זיי נאָכגעפלויגען. די זון האָבען זיי פערשטעלט מיט זייערע שוואַרצע פליגלען און דער־שראָקען די לופט מיט זייער געשריי. געזייהט איז געוועזן דער גאַנ־צער וועג מיט מענשליכע גלידער, און אָבגעשטעלט האָבען זיך די שוואַרצע פויגלען אויף די קערפּערם פון די טויטע, געפּיקט פון זיי און מיט אַ באַנגען „קראה", „קראה" אַרודכגעלעכערט די לופט. אַנט־לאָפען זיינען די פויגעלעך פון פעלד פאַר זייער געשריי. און די טויבען זיינען אין זייערע טויבען־שלעק אריין, בעהאַלטען זיך אין די ווינקעלעך, די קעפּ אונטער די פליגלען געשטעקט, די אויגען פער־גלייסט און אין גאָט געגלויבט. אָוועקגעיאָגט האָט ירמיהו די שוואַרצע פויגלען פון די געפאַלענע קינדער, זיינע קליידער אויסגעטהאָן און די מתים פערהילט מיט זיי פאַר די פויגעלס שיין. אָבגעטראָגען האָט ער די טויטע פון דעם וועג אין אַ זייט, אַז זיי זאָלען אונטער די קעמעל־טריט נישט צוטרעטען ווערען. לאַנג פערברענגען ביי די טויטע האָט ער דאָך נישט געקאָנט—גערופען האָבען איהם די קרעכ־צען פון די לעבעדיגע. איבערגעלאָזט האָט ער די טויטע מיט אַ פער־וועהטאָגט הארץ און צו די לעבעדיגע געאיילט. אדם־נאַקעט איז ער געוועזן — די קליידער אויסגעטהאָן, לויפט ירמיהו אין דער שיין פון דער זון. פון זיינע פיס רינט בלוט. די אויגען אויפגעריסען, מיט די דאַרע הענד קעגען הימעל אויסגעשטרעקט און מיט אַ ווילדען געשריי לויפט ער די אַרויסגעטריבענע נאָך. אָנגעטראָפען האָט ער די שוואַכע קינדער און די ווייבער, וואָס נישט געקאָנט האָבען זיי נאָך דעם שטאַרקען מענער־טריט נאָכגעהן. נאַקעט זיינען זיי געוועזן און זייערע לייבער פאַר דער זון'ס שטראַהלען צום רויב איבערגעגע־בען. נאָכגעטריבען האָבען זיי בבל'ס זעלנער מיט קופּערנע היט אויף די קעפּ, מיט רויטע בענדער אַרומגעפוצט — רויהע, דאַרשטיגע אויגען פון די מעשענע געזיכטער אַרויסגעקוקט, מיט אויפגעדעקטע ברוסטען און געפלאָכטענע האָהר און בערד — האָבען זיי מיט זייערע ריטער די שוואַכע קינדער נאָכגעשמיצט. געפאַלען זיינען די קינדער אין דער זון'ס שטראַהלען, ווי די קליינע געשאָסענע טויבען פאַלען פון דער הויך, און זיינען אויפ'ן וועג געבליבען ליגען, דער שוואַרצער

מחנה פויגלען צום רויב. מיט געוואלד האבען זיי די מוטערס פון די קינדער צושיידט, וואס האבען זיך בעהאפטען אין זיי מיט זייערע בליקען. אויפגעהויבען האט דער נביא די קינדער פון וועג, אויף זיינע הענד געטראגען. גוסס'ע זיינען זיי אבער אין זיינע ארעמס געווען און מיט א געשריי איז ער אנטלאפען פון זיי. אנגעקומען איז ער צו די אלטע לייט. געשמידט זיינען געווען די חשובי־ירושלים, הענד און פיס אין אייזערנע שטאנגען אריינגעבראכט, — דאך האט זיך דורך די פערקנעכטע קייטען ארויסגעריסען זייער פרייער מענער־בליק. מיט שטילען ערנסט און כבוד האבען זיי זייער לייד איבער־געטראגען. צווישען זיי איז געגאנגען צדקיהו, דער לעצטער קעניג פון דוד'ס הויז. העכער פון אלעמען איז ער געווען, און דערקענט האט מען, אז אויף זיין געקרייזעלטען גרויען קאפ האט גערוהט דוד'ס קרוין. אויסגעשטאכען זיינע אויגען האט איהם דער פיינד, דאך געזעהען האט ער אין זיין פינסטערער נאכט איין בילד — זיינע קינדער'ס טויט, געשטאכען פאר זיינע אויגען האט דער פיינד די קינ־דער זיינע און אויסגעשטאכען זיי — אז זיי זאלען קיין אנדערע ליכט נישט זעהן מעהר, נור זיינע קינדערס טויט. אבער פון זיינע אויס־געלאשענע אויגען איז שטענדיג א שטאלצער בליק געפאלען. און ווי ער וואלט נאך געטראגען אויף זיין קאפ די קרוין, איז ער אין זיינע קייטען, א קעניג צווישען שקלאפען געגאנגען. בעהאפטען האט זיך ירמיהו אין זיי, אריינגעבראכט זיינע הענד אין זייערע קייטען און געבעטען זיך ביים פיינד: „שמיעד מיך, ווי זיי!" דאך דער פיינד האט געהאט דעם שטרענגען בעפעהל פון זיין מורא'דיגען הער נבוזדרן, ירמיהו'ן נישט צו ריהרען. געוואוסט האבען זיי, אז ער איז א געט־ליכער מאן, און נישט מיט זייער קראפט האבען זיי ירושלים בעזיעגט, נור איבער ישראל'ס זינד, וואס נביאות האט ירמיהו געזאגט איבער זיי. דערזעהען די אלטע לייט, אז זיי האבען ירמיהו'ן, איז א שטילע האפנונג אדורכגעגאנגען צווישען זיי: „גאט האט געזעהען אונזערע ליידען און ירמיהו'ן געשיקט צו אונז". און דערווארט האבען זיי צו הערען פון איהם גאט'ס טרייסט. דאך פערשטומט זיינען ירמיהו'ס ליפען געווען, נישט קיין טרייסט און נישט קיין ווארט האט ער זיי פון גאט געבראכט. נישט דערמאנען האט ער זיי געוואלט אז ציון'ס פרעהליכע טעג, נישט געדענקען זייערע זינד, נישט שיטען זאלץ אויף

די וואונדען, נור געשוויגען האָט ער און מיט די טרעהרען זיין צ׳ער געטרונקען. אראָבגעלאָזט האָבען די אַלטע די קעפּ צו דער ערד, ערגעץ־וואו מיט די אויגען געקוקט, און אַן ירושלים געדענקט. אָ, נישט לענגער אויסהאַלטען האָט דער נביא געקאָנט זייער בליק, אַנטלאָ־פען איז ער פון זיי און צו די יונגען מיט די מיידלעך אַנגעקומען צו געהן.

געגאַנגען זיינען זיי פּאַרלעכוויז, די שעהנסטע קינדער פון ירושלים. ווי די יונגע פּאַלמען־בוימלעך אין זייערע פאַטער׳ס גערט־נער, אַזוי געגליכען זיינען זיי געוועזן. אַזוי ווייס און איידעל איז גע־וועזן זייער געשטאַלט, און ווי העלפאַנד־ביין, האָט זיך זייער נאַקעט לייב אין דער זון געברענט. אויסגעקליבען האָט דער פיינד די שעהנ־סטע יונגען מיט די מיידלעך, נאָך ריין ביידע פון זינד — בעהעפטען האָט ער זיי געוואָלט, קינדער זאָלען זיי איהם געווינען, צו שקלאַפען זאָלען זיי איהם זיין. נאַקעט זיינען זיי געוועזן, לייב אַן לייב אין די די קייטען צוזאַמענגעבראַכט. געבויגען האָבען די בחורים זייערע אויג־גען צו דער ערד, נישט פערשעהמען געוואָלט מיט זייערע בליקען די מיידלעך, וואָס נאַקעט זיינען זיי געגאַנגען נעבען זיי. קינדער זיינען זיי נאָך געוועזן און שוין געוואוסט דעם ציעל, צו וואָס זיי זיי־נען בעשטימט, און געשוואָרען האָבען זיי אין זייערע הערצער, קיין קינדער נישט צו האָבען אין דער פרעמד. געגלויבט האָבען די מייד־לעך אין די ברידער־בחורים, אַז זיי וועלען קיין שקלאַפען נישט וועלען געבוירען פאַר׳ן פיינד. געפאַלען זיינען זיי איינער דעם צווייטען אויפ׳ן האַלז, ווען דער פיינד האָט זיי אין געצעלט געבראַכט צו בע־העפטען זיי, און זייערע נשמות אויסגעגאָסען אין זייער געוויין. טויט האָט זיי דער פיינד געפונען אויף זייערע חתונות־געלעגער. די טויטע מיידעל אין דעם בחור׳ס אָרעמס, אַזוי געשטאָרבען זיינען זיי. דער נביא האָט אויף זיי געקוקט און אויף זיי האָט ער געקלאָגט זיין גרויסע קלאָג־ליעד: „איך בין דער מאַן, וואָס כ׳האָב געזעהען די נויט אין איהר ערגסטער פיין“.

אַנטלאָפען איז ער פון זיי מיט זיין קלאָג־ליעד און צו די בחורים־יונגען אַנגעקומען. איינגעשפּאַנט זיינען זיי געוועזן נאַקעט אין געבוזרדן׳ס וועגען און קיין בבל ירושלים׳ס פּראַכט און רייכטהום געפיהרט. בעהאַנגען זיינען די וועגען געוועזן מיט דוד׳ס גאָלדענע

פאַנצערס, און אויסגעשפּרייט איבער זיי האָט דער פֿיינד די אוצרות פֿון בית־המקדש. געבלישטשעט האָט דאָס גאָלד אויף די וועגן און די טהייערע שטיינער, ווי אַ ים אין זון אויסגעגאָסען. ישראל'ס פּאַהנען, די צייכען פֿון זיינע שטאַמען, אויפֿגעשטעלט האָט ער אויף די וועגען און אויסגעשפּרייט אין די קאָלירען. און יהודה'ס פּאַהן האָט געפֿלאַטערט פֿון אויבען אויף, מיט דעם לייב, וואָס איז אויף איהם. שטאָלץ איז דער פֿיינד געווען אויף דער פּאַהן פֿון דעם שטאַרקסטען פֿון ישראל און הויך אויסגעשפּרייט האָט ער זי אין דער זון. גאָלד און זילבער טראָגען זיי דעם פֿיינד, אָן אַנדער אוצר איז בעהאַלטען צווישען זיי. אין אַ בינטעל אויפֿ'ן פּלייצע טראָגט דאָרט וועד אין דער מחנה די תורה איינגעבונדען. ציטערט, געטער, ציטערט, פֿעלקער! אייער טויט ווערט געטראָגען דאָרט, די שווערד פֿאַר דער אַלטער וועלט. איינגעבונדען אין דעם בינטעל טראָגען זיי גאָט'ס וואָרט, די ליכט פֿאַר דער וועלט — ארויסשיקען וועט עס פֿון בינטעל זיינע שטראַהלען, בעלויכטען וועט עס לאַנד און לאַנד. דערשראָקען און פֿערגעסען וועלען געטער און פֿעלקער אויף די אינזלען איינזאַם שטאַרבען. אַזוי טראָגען זיי דעם בינטעל פֿון פֿאָלק צו פֿאָלק, פֿון לאַנד צו לאַנד איבער דעם גאַנצען גלות אַרום. דאָס איז דער סוד, וואָס האַלט זיי אויף ביז'ן היינטיגען טאָג אַריין.

איינגעשפּאַנט אין רימענס, האָבען די בחורים פֿון ירושלים די וועגען געשלעפּט. די שטאַרקסטע צווישען זיי האָט ער אויסגעקליבען, און זייערע לייבער פֿון דעם געשפּאַן האָבען זיך ווי בראָנז אין דער זון געגאָסען. געזעהען האָט דער נביא די קופּערנע בית־המקדש־זיילען מיט די קרוינען אויף די קעפּ, מיט די בלומען אויסגעהאַקט, צור'ס מייסטער־שטיק, דורך שלמה'ס חכמה אויסגעטראַכט. געשלעפּט האָבען זיי די בחורים פֿון ירושלים. צעהן בחורים ביי יעדער זייט פֿון זייל האָבען אונטער דער שווערער לאַסט פֿון קופּער אָבגעקרעכצט. געלויכטען האָט זיך אין דער זון יעדע בלום, יעדע פּרוכט, וואָס איז אין זייל מייסטערהאַפֿט געווען אויסגעהאַקט. אַזוי האָבען זיי אויף זייערע אַקסלען דעם בית־המקדש נאָך בבל געפֿיהרט. געריסען האָט זיך דער נביא צו זיי, געשריען מיט אַ שרעקליכען קול, אַז ער האָט דערזעהן דעם בית־המקדש צושטערט און זיינע שטיקער געשלעפּט פֿון פֿיינד.

דערשראָקען איז דער נביא פאַר איהר געוואָרען, ער האָט גע־שטעלט זיך פאַר איהר און געפרעגט אַזוי :

אָבער באַלד פערשוויגען איז ער געוואָרען. דערזעהן האָט ער די פּרחי־כהונה, די יונגע כהנים'ס קינדער, צאַרט און פון איידעלען שטאַם, געהען פאַראויס פאַר זיי. קינדער זיינען זיי נאָך געווען, פון בית־המקדש־הויף אַרויסגענומען, וואו זיי האָבען זיך ביי די עלטערען די עבודה געלערענט. אין זייערע כהנים־העמדעלעך אָנגעטהאָן, האָבען זיי די קריגען מיט מנורות פון דעם הייליגען בית־המקדש־דיענסט אויף זייערע אַקסלען אויסגעטראָגען. די קינדער, אַזוי טהייער און ליעב, ווי די כלים פון בית־המקדש, האָבען איבער דער וועג געוויינט, נאַס געמאַכט מיט טרעהרען די זאַמד און געזאָגט אַזוי : „די כלים, וואָס אין זיי האָבען מיר געזאָלט פאַר גאָט דעם הייליגען דיענסט טהאָן, טראָגען מיר צום פיינד". אַז דער נביא האָט זיי דערזעהן, האָט ער זיינע הענד צום הימעל פערשפּרייט און מיט אַ גרויס געשריי אויסגעשריען : „די קינדער, ווי די שעפּעלעך, — וואָס האָסט דו צו זיי ? זיי זיינען נאָך ריין פון זינד".

געגאַנגען איז נבוזרדן פאַראויס פאַר דעם גאַנג. ברוין איז זיין שטאַרק געזיכט געווען, אָבגעברענט פון דער זון, זיין ברוסט אויפגע־דעקט ביז אין וואַיטען לייב אַריין, געקאַרבט זיין באָרד אין פלעכטען געבונדען, און זיינע האָהר שוואַרץ, ווי שווערע בראָנז אין לאָקען געגאָסען, געקאַרבט און געבונדען האָבען זיי זיך איבער זיין נאַקע־טען קאַרק אַראָבגעגאָסען. ווי די ליכטער אין דער שוואַרצער נאַכט, האָבען זיינע אויגען מיט צאָרן פון אונטער זיין שווערען מעשענעם געטורמטען הוט אַרויסגעקוקט. שטאַרק האָבען זיינע געקנאַכעלטע פיס אין דעם הייסען זאַמד געטרעטען און, מיט דער שפּיז פאַר־אויס געשיקט, האָט ער זיי אין דעם וועג געוויזען. קינדער און אַלטע פיהרט דער פיינד, ווייבלעך און מיידלעך, נור קיין מאַן איז צווישען די געפאַנגענע נישטאָ. עס איז ניט קיין מנהג אין ישראל געווען, אַז מענער זאָלען אין געפאַנגענשאַפט געהן, אויפ'ן פעלד בלייבען זיי ביז צום לעצטען פון זיי. אַזוי געפיהרט האָט נבוזרדן ישראל אין גלות אַריין. געטראָטען איז פאַר נבוזרדן דער נביא, אין די אויגען איהם אַריינגעקוקט און געזאָגט אַזוי :

„נישט אַזוי גרויס נבוזרדן, נישט אַזוי שטאַרק נבוכדנצר. נישט

אייער האנד האט ישראל'ס מאכט צובראכען. געבונדען מיט גאט אין א פעסטען באנד, געהט ישראל, דער איינציגער זוהן, א האר אין קנעכטשאפט ארום. די וועלט האב איך צוליעב איהם בעשאפען, זאגט גאט, איהר לעבט נאר אין זיין זכות. דו ביזט נאר דער שטעקען, דו ביזט נאר די רוט, וואס מיט איהר שטראפט גאט זיין זוהן. ווען ישראל וואלט נאר צו זיין פאטער גערופען, ווי דעם ווילדען הונד, ווי דעם אקס, ווי דעם רינד, וואלט ער דיר א רינג אין דיינע נאזלעכער געשטעקט און מיט דעם שטאנג דיך צוריקגעפיהרט אויף דעם וועג קיין בבל צוריק — ווי צו אשור'ן ער האט אמאל געטהאן! נישט בבל'ס קינדער איז דער הייליגער זאמען פון ישראל, וואס דו פערגיסט אזוי לייכט זיין בלוט. א, ציטער פאר יעדען טראפען, וואס דו פערגיסט. דו וועסט מיר רעכנונג אבגעבען, זאגט גאט, — דו ביזט דער הונד אין מיין הייליגער סטאדע, דער שעפער איז נור אוועק אויף איין אויגענבליק. דו וועסט מיר מיט דיין אייגען בלוט בעצאהלען פאר יעדען שעפעלע, וואס דו האסט פערצוקט".

צוריקגעטראטען איז נבוזרדן, בלייך געווארען זיין געזיכט — זיין הארץ ווי וואסער צוגאסען. אזוי האט ער זיך דערשראקען פאר דעם נביא'ס ווארט (דאס איז געווען זיין זכות). געווארפען האט ער זיך צו ירמיהו'ס פיס און געענטפערט אזוי:

„אויסצופיהרען זיין שטראף איבער ישראל האט מיך גאט געשיקט, וואס אנגעזאגט דורך דיר האט ער צו זיי. אליין ביזטו איבער ירושלים'ס גאסען ארומגעגאנגען און דיין אבל-ליעד געקלאגט, די שטיינג אויף דיין רוקען געטראגען האסט דו, זיי געוויזען דעם סוף, וואס ווארט זיי, ווייל זיי האבען אן גאט פערגעסען. אויסגעלאכט האבען זיי דיך, אין פינסטערער גרוב געווארפען, פון דעם שווארצען לאך האסט דו נאך ארויסגערופען צו זיי און דיין קלאג-ליעד זייער חתונה געוויינט — שטיינער האבען זיי אויף דיר געווארפען, דיין מויל, וואס דורך איהם רעדט גאט, האבען זיי מיט ערד פערשטאפט. איצט קומסט דו זיך אננעהמען פאר זיי? — צי האבען מיר דען ניט גאט'ס שליחות אויסגעפיהרט, וואס ער האט געזאגט דורך דיר?"

פערשוויגען איז באלד ירמיהו געווארען פון נבוזרדן'ס רייד. געשלונגען האט ער אין זיך זיין צער און אן גאט זיך דערמאנט—יהוה איז

ער איבערגעגעבן צו גוים אין די הענד, דעם בית־המקדש פערברענט, ירושלים — א פערשעהמטע מוטער, צו שאנד און שפאט צווישען די פעלקער פון דער וועלט. אנגעצונדען האט זיך אין איהם די נקמה פאר גאט, נישט געהערט האט ער מעהר זייער קרעכצען — אבגעגנויגט האט ער זיין בליק פון זיי. יהוה איז צו שפאט, אברהם, יצחק און יעקב — פאטערם פון א קנעכטען־פאלק, און גוים—די הארען איבער דער וועלט, און אלץ איבער ישראל׳ס זינד. בערעכטיגט האט ער אויף זיי דעם דין.

אוועק איז פון זיי דער נביא און קיין ירושלים צוריק. טיעף בע־גראבען אין זיין הארץ איז זיין לייד, און פערשטיינערט איז דער צער אויף זיינע ליפען געווארען. געזעהן האט ער דאס לאנד, יעדען בארג, ווי ער שטעהט פעראיינזאמט אליין, קוקט די ארויסגעטריבענע נאך און וויינט און קלאגט: ווער וועט מיך זייהען, ווער וועט איבער מיינע פירות א ברכה מאכען?" — קלאגט יעדער בלאט, יעדע בוים. פער־שטיינערט איז שוין געווארען זיין צער, און קיין ווארט האט ער נישט פאר איהר צו זאגען. אנגעקומען אין ער מיט דער נאכט צו די טוי־ערען פון ירושלים. צובראכען זיינען זיי געוועזן. ירושלים איז הפקר: ווער עס וויל, קאן דערין אריין. פאר דעם צובראכענעם טויער האט ער א פרוי געטראפען. ארויסגעקומען איז זי פון דעם פערנעפילטען פאר־נאכט און געגאנגען אויף איהר וועג אליין. אין שווארץ איז זי געוועזן געהילט. איהר שטאלצער בליק האט פון אונטער איהר טונקעלען שלייער ארויסגעקוקט. געאיידעלט איז איהר געזיכט געוועזן, ווי פון די אידישע קעניגס־טעכטער, און ווי ביי א נביא, האבען איהרע אויגען געשיינט. צולאזט זיינען איהרע שווארצע האהר איבער איהר טונקעל געוואנד געהאנגען. דער חסד־חן פון אונזערע מאמעס ביי ליכט־ציג־דען איז אויף איהר געוועזן אויסגעגאסען, און די שבת־קרוין, אין טרויער איינגעהילט, האט אויף איהר קאפ גערוהט. אזוי איז זי טרוי־עריג און שטאלץ אליין אויף איהר וועג געגאנגען. קיין טרעהר האט זיך אין איהרע אויגען נישט בעוויזען, קיין קרעכץ, קיין געוויין. נור ווי א אידישע קעניגין, אין טרויער געצירט, האט זי זיך אויף א שטיין ביים וועג געזעצט. דעם קאפ אויף איהרע הענד געשטיצט — האט זי מיט בענקענדיגע בליקען נאך דעם וועג קיין בבל ארויסגעקוקט.

— ווער ביזט דו, וואס דו טרויערסט אזוי שטיל? צו די מענ־שען ביזטו גלייך און מענשליך איז דיין לייד, — דאך ווי געטליך דו ביזט, און ווי גאט טראגסט דו צער.

שעהן האבען זיך איהרע ליפען געעפענט, ווי די מויל פון א בלום אין א שעהנער לבנה־נאכט. און מיט ריח פון בית־המקדש איז די לופט געווארען אנגעפילט, ווען זי האט איהר ווארט געפיהרט אזוי:

— איך בין די מוטער פון דעם קינד, און ווען אויך געטליך איך בין, דאך מענשליך פיהל איך די לייד, יעדען קרעכץ, יעדען געוויין. קיינער פיהלט נישט דעם צער פון קינד, ווי די מוטער ציון אליין.

פערשעהמט איז דער נביא געווארען פאר דער מוטער ציון איבער זיינע פריהערדיגע רייד. אוועקגעזעצט האט ער זיך נעבען איהר אויף דעם שטיין, און אזוי ווי זי, מיט בענקענדיגע בליקען אויף דעם וועג קיין בבל נאכגעקוקט.

## דריטער געזאנג.

ירמיהו געהט צום הר־הבית.—דער חרוב'דיגער בית־המקדש.—יהוה'ס שטים שיקט איהם די אבות וועקען.—ירמיהו רופט די אבות פון דער מערת המכפלה.—אברהם, יצחק, יעקב.—די טענות פון די אבות פאר'ן רבונו של עולם.

פערלאזט האט דער נביא די מוטער ציון און איז קיין ירושלים אריינגעגאנגען. די נאכט איז שוין איבער די טורעמס פון דער שטאדט געפאלען — און אויסגעשטארבען איז ירושלים געווען. איינער אליין האט זיך ירמיהו ארומגעדרעהט גאס אויס, גאס איין. חורבות זיינען די הייזער, און די צובראכענע בעל־הבתישקייט אויף די גאסען ארויס־געווארפען. געטראפען האט ער דא און דארט א טויטען גוף ליגען, וואס קיינער האט איהם נישט אהיים גענומען און נישט צו קבורה געבראכט. געטראפען האט ער משוגענע מוטערס, ווי די ווילדע שא־קאלען איבער די גאסען ארומבלאנקען. שטום געווארען פון שרעק זיינען א טהייל פון זיי — האבען מיט זייערע קראנקע ארויסגעזעצטע אויגען ווילד געקוקט און צוגעברומט מיט זייער שטומער צונג. א טהייל האבען שטיקער גלידער פון זייערע טויטע קינדער איינגעוויי־

געוואָרען פערשעהמט איבער ישראל'ס זינד. פרעמדע נעהמען זיך זיין נקמה אָן און פיהרען אוים איבער ישראל זיין שטראָף — זיין זוהן האָט קעלט אין זייערע ווינדעלעך און ארומגעטראָגען מיט זיך. אין די חינקלען האָבען קראַנקע געשמאַכט און געבענקט נאָכ'ן טויט — איבערגעלאָזט האָט זיי דער פיינד אין דער צושטערטער שטאָדט, אַז זיי זאָלען מיט זייער עלענד אַ שרעק אַנוואַרפען אויף די שכנים ארום. נור נישט געזעהן האָט זיי יעצט דער נביא, נישט דעם מענ־שליכען לייד האָט זיין אויג בענומען, געזוכט האָט דער נביא גאָט. ער האָט געוואָלט פון איהם פערנעהמען אַ וואָרט, וואָס ער זאָל די ארויסגעטריבענע אין גלות פאַר אַ טרייסט ברענגען. ארויסגעגאַנגען איז ער צום הר־הבית. געזאָגט האָט ער זיך: „גאָט האָט נאָך נישט פערלאָזט זיין הייליגען אָרט — און איך וועל ביי דער טהיר פון בית־המקדש שטעהן און צו גאָט'ס שליחות זיין גרייט".

אָנגעקומען איז ירמיהו צום הר־הבית, דעם אָרט, וואו אברהם האָט יצחק'ן אויף דער עקדה געבראַכט. ווי זעהט עס אוים? צו־פיהרט איז דאָס הויז, וואו גאָט האָט צווישען די לעבעדיגע געוואָהנט, — נאַכט העגגט דעריבער און דעקט די געטליכע הרוגים צו. צו־בראָכענע שטיקער פון אַ הימעל ליגען דאָ. עס ווייזט זיך דער מירמעל־שטיין אין דעם ליכטיגען לבנה־שיין. און די קופּערנע זיי־לען, אָבגעבראָכען פון די טרעפּען, ווי ריעזען־הרוגים ליגען זיי. עס שטראַהלען די שטערן אָקעגען די גאָלדענע פעדים פון אַ האַלב־פער־ברענטען פּרוכת, וואָס קוקט פון דער חורבה ארויס. און פון דעם אַש בלישטשעט די גאָלד פון אַ הייליגער כלי — אין דעם יונגען כהן'ס האַנד. קדושים זיינען זיי ביידע, פאַר גאָט אין פייער פערברענט. מורא האָט דער נביא געהאַט דעם אָרט צו בעטרעטען. יעדער שטויב־בעל איז הייליג דאָ, יעדער זעמדעל פון גאָט געקושט. אויסגעמישט האָט זיך די קדשי־קדשים מיט די עזרות, און דער געטליכער הייליגער סוד ליגט איבער אַלץ אויסגעשפּרייט. געפאַלען איז דעריבער די שטילקייט פון הימעל, גאָט האָט מיט זיין מאַנטעל זיינע הרוגים פער־הילט. אזוי אָבגעזונדערט איז געווען דער אָרט פון דער גאַנצער וועלט. און עס איז געווען דעריבער — נישט די ליכט פון טאָג און נישט די ליכט פון נאַכט, נור פון אַ געוויטער, ווי דער הימעל איז,

ווען גאָט בעווייזט זיך אויף דער ערד — אזוי האָט גערוהט דער היי־
ליגער סוד פון געטליכקייט איבער דעם געטער־בית־עולם דאָ.

געשטאַנען איז ירמיהו ביים אריינגאַנג פון בית־המקדש און גע־
וויינט ווי אַ קינד און געזאָגט: „גאָט, וואו זאָל איך דיר זוכען? פער־
לאָזען האָסטו דעם אָרט, וואו דו האָסט צווישען די מענשען געוואָהנט.
און ביזט צוריק אין דיינע פערבאָרגענע הימלען געגאַנגען. איבער־
געלאָזט אונז אליין, און מיר ווייסען נישט אוים און מיר ווייסען נישט
איין. גאָט, צו וועמען זאָל איך געהן, וועמען זאָל איך פרעגען? דיין
בית־המקדש איז צושטערט, דיינע כהנים טויט, אידען אין גלות, און
דאָס בייז הערשט איבער דער וועלט. און דו ווייזט מיר קיין צייכען
ניט און דו זאָגסט מיר קיין וואָרט ניט, וואו זאָל איך דיר זוכען געהן,
גאָט?" אזוי געוויינט האָט דער נביא, און זיינע ווערטער האָבען
אין די צובראָכענע כלים פון בית־המקדש אָבגעקלונגען. דער מעטאַל
האָט פון זיך אַ קול געגעבען און מיטגעוויינט האָט ער מיט דעם נביא.
און ווי ירמיהו וויינט אזוי — און זעה — פלוצלונג בעווייזט זיך אַ
ליכט, בעהעלט ווערט דער גאַנצער אָרט; אַ שטילקייט האָט ארומ־
געכאַפּט דעם גאַנצען הר־הבית, און די צובראָכענע בית־המקדש־שטי־
קער, ווי אַ נשמה וואָלט אין זיי אריין — זיינען זיי שטעהן געבליבען,
שטיל געשוויגען און אויסגעהערט. קיין געשטאַלט האָט ירמיהו הנביא
נישט געזעהן — נור דערהערט האָט ער אַ שטים. ווי אַ טויב האָט
געברומט די שטים פון יהוה און געזאָגט אזוי: „עס טהוט באַנג
אליין אין די הימלען צו זיין, און נאָך ישראל איז מיין בעגעהר. איך
האָב הימעל און ערד געשאַפען, איך שוועב איבער דעם גאַנצען חלל
ארום, מיר געהערט דער תהום פון יענער זייט וועלט — אין ערגעץ
געפין איך נישט קיין רוה. ענג איז מיר דעם הימעל'ס מלוכה, די
נאַכט איבער דעם תהום פון יענער זייט קען מיין גייסט נישט ארומ־
נעהמען, — און געענג איז מיר געווען דער חלל פון פיער איילען ערד,
וואָס ישראל האָט מיר צווישען זיך אָבגעטהיילט. איך שוועב איבער
דער חורבה פון מיין צופיתרטער היים און קוש יעדען שטיין און
האַלז יעדען שפּאַן ערד. צו שוואַך איז מיר דער לויב־געזאַנג, וואָס די
הימלען זינגען מיר ביים זונען־אויפגאַנג, דער לייבען־געשריי, וואָס
די ימים שאַלען צו מיר, ווען די שטורעמס ברומען איבער זיי. צו דעם
רויש פון די שטערן־וועלטען אין זייער גאַנג אין דעם חלל פון דער

נאַכט — הער איך זיך נישט איין. נישט איז מיר די שטילע ליעד, וואָס שוועבט אַרום דעם תהום פון אין־סוף. איך בענק נאָך ישראל'ס ליוב, וואָס געזונגען האָבען צו מיר די לויים, מיט די האַרפען בע־גלייט. געבראַכט האָבען זיי מיר מיט זייער געזאַנג די ליעד פון יעדען בלעטער און גרעזעל, דעם לויב פון יעדען פליגעל און עוף — וואָס איך האָב געשאַפען אויף דער וועלט. געהערט האָב איך זייער לויב און געבענשט האָב איך זיי. אַ, ישראל, אין אַ רגע פון צאָרן האָב איך דיר געשטראָפט, און אייביג איז מיין בענקשאַפט נאָך דיר. אונטער די שמיץ פון דיינע פייניגער הער איך דיין רופען נאָך מיר, און עס געהט אויס מיין האַרץ נאָך דיר. די הימ־לען פאַר מיר, דער גלות ווי די ערד פאַר דיר — ווער וועט מיר געהן און וועמען זאָל איך שיקען מיינע פריינד רופען — אברהם, יצחק און יעקב — די הייליגע דריי, קומען זאָלען זיי צו געהן און טרייסטען מיך?"

געציטערט האָט ירמיהו הנביא פאַר גאָט'ס רייד, געוואָרפען זיך צו דער ערד און געזאָגט: „שיק מיך, גאָט, איך בין צו דיין שליחות גרייט".

און געזאָגט האָט יהוה: „געה, ירמיהו, וועק מיר מיינע פריינד אויף — רוף זיי פון זייער רוה. זאָג, אַז יהוה איז פערלאָזט, ווי אין דעם הימעל, אַזוי אויף דער ערד, אַז אומעטום הערשט דאָס שלעכטעס, עס זיינען אַרויס די קליפות פון זייערע לעכער, און די מדת־הרחמים איז פערשטומט. פעראיינזאַמט איז יהוה און ישראל, קיינער וויים זייער נאָמען נישט מעהר. קומען זאָלען זיי צו געהן — איך דאַרף זיי האָבען נעבען מיר אין דער שלעכטער צייט".

געגאַנגען איז ירמיה צו דער מערת־המכפלה, אהין, וואו עס רוהען די פאָטערס פון ישראל, מיט די מוטערס ביי זייער זייט, אין דעם טויזענד־יעהריגען שלאָף. אַ הייליגע ציטערניש האָט איהם אַרומ־גענומען, ווען ער איז געקומען אין זייער נאָהענט — אַנגעקלאַפּט האָט ער אין זייערע לאַדענס אַריין און גערופען זיי: „שטעהט אויף, אברהם, יצחק און יעקב, פון אייער רוה. איהר זיים פאַר גאָט בענעהרט צו קומען צו געהן".

די אַלטע קעניגען, מיט די קרוינען אויף די קעפּ אָנגעטהאָן, האָבען געעפענט די אויגען פון דעם טויזענד־יעהריגען שלאָף און

געפרעגט איינער ביים אנדערען: „ווייסט דו נישט, וואס עס איז געשעהען? מען וועקט אונז פון אונזער רוה".

דערהערט אז זיי האבען גאט'ס נאמען פון ירמיהו'ס מויל אויסרעדען, האבען זיי פערוואונדערט געפרעגט: „וואס איז היינט מעהר פון אן אנדער מאל?"

מורא האט ירמיהו געהאט זיי פון דעם חורבן צו דערצעהלען. ער האט זיך געטראכט, זיי וועלען שטראפען און זאגען: „א נביא ביזט דו געוועזען ביי אידען, וואס האסט דו צוגעלאזט, אז עס זאל אזעלכעס געשעהן אין דיינע טעג?" — האט ער זיי געענטפערט: „איך ווייס נישט, וואס געשעהן עס איז, נאר איהר זייט פאר גאט בענעהרט צו קומען צו געהן".

אויפגעהויבען האבען זיי זיך פון די קברים, מיט די קרוינען אויף זייערע קעפ, אין די טליתים איינגעהילט, האבען זיי איבער דער וועלט געשפרייזט. געשוויגען האט די ערד, געציטערט בארג און טהאל, אז זיי געהען פארביי פאר זיי, און מיט שטיל ציטעריג געבעט האט בוים און גראז נאכגעקוקט און בעוואונדערט זיי.

געגאנגען איז דער ערשטער אברהם אבינו, הויך איז זיין געשטאלט געוועזען, העכער פון די אידען אלע. א גרויסע קרוין אויף זיין גראהען קאפ, אין זיין ברייטען טלית איינגעהילט, איז ער מיט זיין ברייטער, ווייסער בארד און שטילע רוהיגע טריט פאר גאט געגאנגען, זיכער און רוהיג, ווי מען קומט צו אן אלטען גוטען פריינד. אין דער האנד האט ער געהאלטען א גרויסע האק, צושטערט האט ער מיט דער האק די געטער פון זיין פאטער און פאר יהוה'ן זיי אונטערטהעניג געמאכט. געציטערט האבען די געטער פאר זיינע טרים, אזוי איז דער געטער-צושטערער, דער עלטסטער פון אונזערע אבות פאר גאט אנגעקומען צו געהן.

ווי יהוה האט איהם דערזעהן, אויסגעשטרעקט האט ער צו איהם די האנד און געזאגט: „זיי געגריסט, מיין אלטער פריינד — יהוה'ס זייל. דער ערשטער פון די לעבעדיגע האסט דו יהוה'ן דערקענט, פון די געצען פון דער וועלט מיר אויסדערוועהלט, דער ערשטער מיין נאמען צווישען די פעלקער פערשפרייט. ענטפלעקט האב איך זיך צו דיר און געבונדען מיט דיר אן אייביגען באנד. קום, מיין פריינד, זעץ זיך ביי מיין זייט".

דער צווייטער איז געגאנגען זיין זוהן יצחק, קלענער פון דעם פאטער, אבער נאך גרעסער פון אלע אין דער וועלט. בלינד איז ער געווען, אבער שטאלץ און זיכער איז ער דאך געגאנגען, מיט זיין גאלדענער קרוין אויף זיין קאפ, אויף גאט'ס חסד געשטיצט. מיט דער האנד האט ער א בעקעל ביי זיינע הערנער געפיהרט — דעם קרבן, וואס אברהם האט אויף זיין ארט צו גאט געבראכט. אזוי איז אונזער פאטער יצחק, דער קרבן פון גאט, פאר יהוה'ן אנגעקומען צו געהן.

ווי יהוה האט איהם דערזעהן, האט ער אויסגעשטרעקט צו איהם די האנד און געזאגט אזוי: „יצחק, שעפעלע מיינס, דיין הארץ איז אזוי פראסט, ווי די ערד. אז איך האב גערופען צו דיר, האסט דו, ווי א קאלב, די הענד מיט די פיס זיך בינדען געלאזט און דיין האלז צום חלף אויסגעשטרעקט, געבונדען האב איך זיך מיט דיר אין איי־ביגען באנד — קום, מיין פריינד, זעץ זיך נעבען מיר“.

דער דריטער איז געגאנגען דער פאטער יעקב אונזערער, שווארץ פערוואקסען איז ער נאך געווען און יונג, ווי ביי לבן'ס שאף, וועו ער האט פאר אונזער מוטער רחל געדיענט. זיין שעפער־שטעקען געהאלטען אין האנד, איז ער מיט שטילער הכנעה און געטריישאפט פאר גאט געטרעטען.

ווי יהוה האט איהם דערזעהן, האט ער איהם פון דערווייטענס צוגערופען: „יעקב, יעקב, מיין זוהן און מיין קנעכט! פון דיין מוטערס בויך האב איך דיר שוין אויסדערוועהלט. איידער דו האסט מיך נאך געקענט, ביזט דו שוין אין מיין וועג געגאנגען, אין דיר האב איך אויסגעגאסען דעם פורעם פון ישראל, דיר איבערגעגעבען דעם סוד, וועלכען יהוה האט מיט ישראל — ביזט דו געווען דער ערשטער איד, איידער אידען זיינען נאך געווען אויף דער וועלט. קום צו מיר, אלטער פריינד, און זעץ זיך ביי מיין זייט“.

ארונגענידערט האבען מלאכים דריי און דריי גאלדענע שטוהלען פאר די אבות אויפגעשטעלט, יהוה'ן צו רעכטס און צו לינקס. ווארים, אמת, אבלים זיינען זיי געווען נאך זייער קינד — דאך זיינען עס קעניגען געווען, און גאט האט זיי דעם כבוד געגעבען, ווי עס פאסט פאר זיי.

אז די אבות מיט די קרוינען אויף די קעפ און מיט די צייבענס

אין די הענד האבען זיך ארום יהוה'ן אויף זייערע טראנען געזעצט, האט זיך דערהערט יהוה'ס שטים:

„איהר זייט געקומען אין מיין הויז אריין, מיינע פריינד. און מיין הויז איז צושטערט. משפט צווישען מיר און אייער זוהן. צוריסען האט ישראל דעם באנד, וואס איז צווישען מיר און אייך — אנדערע געטער האבען זיי זיך געמאכט און יהוה'ן פערלאזט. די הייליגע ערד, וואו איך האב זיך צו דיר, אברהם, צום ערשטען מאל בעוויזען, האבען זיי פעראונרייניגט; דעם ארט, וואו יצחק איז צו דער עקדה געבראכט געווארען — טמא האבען זיי איהם געמאכט; און וואו איך האב דיר, יעקב, אין דעם חלום פון דער נאכט, אויף דעם לייטער אין מיין הי־מעל געפיהרט — פאר אנדערע געטער האבען זיי דארט מזבחות אויפגעשטעלט; דעם טויער, וואו די תפלות פון דער וועלט שטייגען צו מיר אין הימעל אויף — מיט בלוט פון קרבנות פאר פרעמדע גע־טער האבען זיי עס פערשפריצט. פערוואַרפען האב איך זיי פון מיר, אין פרעמדע הענד איבערגעגעבען, פון לאנד ארויסגעטריבען, אין גלות געפיהרט".

און אויפגעעפענט האט יהוה די אויגען פון די אבות, און דער־זעהן האבען זיי דעם פינסטערען קייטען־וועג פון דעם לאנגען גלות. לאנג און אייביג ציהט זיך א וועג, דער וועג פון חורבן, מיט בלוט און טרעהרען איז ער בעזייהט, אויף שריט און טריט מצבות — זיי שטעהען פון פריה־צייטיגען טויט. ווי שאטענס שווארצע, יאגט זיך דער רעשט פון ישראל אונטער דעם אייזערנעם שטאנג פון דער קללה, וואס רוהט אויף איהם, צווישען די פעלקער פון דער וועלט און האלט זיך אויף ביי זיין שטאם און רופט צו זיין גאט און די אבות דערמאנט ער.

דערזעהען האבען זיי דעם גלות, דעם שווארצען ביז'ן היינטיגען טאג אריין. קיין טאג, קיין נאכט, קיין אברוה נישט, פער'מיאוס'ט פון צרות, איינגעמידט פון קלאגען זיך יאגט ער, ווי אן אייביגער מצורע און ציהט זיך זיין בלוטיגען באנד פון גלות־בבל ביז אין היינטיגען גלות אריין.

דערזעהען, אז זיי האבען דעם שטעכענדיגען וועג, האבען זיי די קרוינען פון זייערע קעפ אראבגענומען און פאר די פיס אנידערגע־לעגט. זיי האבען מיט אמאל דערהערט ירושלים'ס געוויין. די וויב־

טען האָבען אָנגעהויבען צו ברענגען צונויף זײנע קרעכצען פון גאַר דער וועלט, און ווי שטורם־ווינטען האָבען זיי געיאָגט פאַר די אבות פאַרביי.

אויפגעהויבען האָבען זיי זיך פון זייערע ערטער, צוּוּריסען די טליתים אויף זיך און פאַר גאָט זיך געשטעלט.

און דער ערשטער איז געווען אונזער פאָטער אברהם, וואָס האָט פאַר גאָט גע'טענה'ט אַזוי:

„אויסדערוועהלט האָסט דו מיך פון גאַר די מענשען פון דער וועלט, פאַר אַ פאָטער פון אַ שטאַם האָסט דו מיך געמאַכט און גע־וויזען מיר אין חלום פון דער נאַכט דאָס לאַנד, וואָס דאָרט וועסט דו בעזעצען זיי. צו די שטערן אין הימעל האָסט דו מיר זיי געגליכען, איינעם אין איינעם, זייערע קינדער זאָלען די קעניגען פון דער וועלט זיין. איך וויל נישט אַ פאָטער פון אַ קנעכטען־פאָלק זיין. וואָס האָסט דו געמאַכט פון זיי?“

געברומט האָט יהוה אונטער זיין שוואַרצען וואָלקען אין דער נאַכט אריין: „זיי האָבען געזינדיגט, אַלטער פריינד“.

אברהם איז אָבער ווייטער פאַר גאָט געשטאַנען און געזאָגט אַזוי:

„וואָס האָבען זיי דיר געטהאָן אַזוינס? ווי גרויס איז דען דעם מענשען'ס פרייד אויף דער ערד — ווי לאַנג זיין לעבען דען? נאָהענט ביי אונזער וועג שטעהט דער קבר. אונזער לעבען — איז אונזער וועג צום טויט, אויף וועמען האָסט דו דאָ דיין כעס אויסגעגאָסען? מיט וועמען ביזט דו אין דער מלחמה געגאַנגען? פאַר וואָס האָסט דו זיי נישט מוחל געווען?“

אָבער יהוה האָט אַלץ געברומט פון זיין שוואַרצען מאַנטעל אַרויס: „זיי האָבען געזינדיגט, אַלטער פריינד“.

און אויפגעהויבען האָט זיך אונזער פאָטער יצחק מיט טרערען אין די אויגען—מיט הכנעה און אין אַ שטיל געבעט געזאָגט אַזוי:

„צוויי קינדער האָסט דו מיר געגעבען, צוויי צווייגען פון מיין בוים אויסגעשפּראָצט. מיין הארץ מיט ליעבע געבונדען צו זיי ביי־דען—האָסטו אַנ'אייביגע פיינדשאַפט צווישען זיי געוואָרפען. איינעם פאַר אַ זוהן אויסגעקליבען, דעם צווייטען פאַר אַ רוט צו שטראָפען איהם בעשאַפען. ווען איינעם איז גוט, איז דעם צוויי־

טען שלעכט, און יעדען מאָל איז אַ זייט פון מיין הארץ פערבלוטיגט. צי געפינט זיך נישט אין דיין הארץ ליעבע פאר זיי ביידען? — עשו איז דאָך אויך מיין קינד, פארוואס האסט דו איהם פון דיר פער־שטויסען און צום פייניגער פון יעקב געמאַכט? מאַך דאָך שלום צווישען זיי ביידען, און זאלען זיי ביידע דיינע זיהן זיין.„

און אויפגעשטעלט האָט זיך יעקב, אונזער פאָטער, און האָט זיך פאר גאָט געשטעלט און מיט גרויס געוויין געזאָגט אזוי:

„פאָטער, דו ווייסט, ווי איך ליעב זיי,—יעדעס קינד מיינס,—אַלע זיינען זיי מיינע קינדער ביז צו דעם אינגסטען, ביז היינטיגען טאָג אריין. און טייער בעצאָהלט האָב איך פאר זיי—אָבגעאַרבייט פאר יעדען מיין קינד.—ביי לבן הארמי אָבגעדיענט, נישט געשפּאָרט קיין אַרבייט, נישט ביי טאָג נישט ביי נאַכט. יעדעס שעפּעלע גע־טריי אָבגעוואַכט. רחל'ן האָב איך ליעב געהאַט, דאָך לאה'ן האָב איך ניט פערשעמט. מיט בענקענדיגע בליקען האָב איך צו רחל'ן געקוקט, דאָך מיט לאה'ן בין איך אין געצעלט געגאַנגען—ווייל דו האָסט איהר נישט געשאָנקען קיין חן, האָב איך זיך אויף איהר מרחם געווען. און דו האָסט אויף מיינע קינדער קיין רחמנות ניט געהאַט? דו ווייסט, איך האָב זיי, ווי מיינע שעפּעלעך, אין פעלד געפיהרט אין די הימלען געוויזען און דערצעהלט זיי פון דיר. און ווען אויפגעוואַקסען זיי זיינען מיר, און מיין ברודער עשו האָט זיי פערטיליגען געוואָלט, איינגעשטעלט האָב איך מיין לעבען פאר זיי. און דו ווייסט, ווי איך האָב מיין לעבען לאַנג געטרויערט איבער איינעם פון זיי—ווען מען האָט מיר זיין העמדעל געבראַכט—און איך האָב געמיינט, אַז אַ חיה רעה האָט איהם פערצוקט. יעצט האָסטו מיר זיי אַלע אומגעבראַכט—איבערגעגעבען האָסטו זיי צו פרעמדע אין די הענד. אָ, יעדער זייער וואונד איז מיין וואונד, יעדער זייער געשריי—אָ, איך קען אין מיין קבר נישט איינרוהען, עס רינען צו מיר די טרערען זייערע אַלע אריין, עס רינט דורך מיין הארץ זייער בלוט, און יעדע וואונד איז מיין, און יעדע לייד איז מיין".

און עס איז געוואָרען אַ גרויס געוויין, ווען די אבות האָבען זייער וואָרט פאַר גאָט געפיהרט. הימעל און ערד האָבען מיט אונ־זערע פאָטערס מיטגעוויינט. און אַלע שטערען זיינען געקומען און ארום זיך געשטעלט, און די מלאכים אויבען אין הימעל. אַלע האָט

געוויינט. און פון גאָט'ס אויגען זיינען צוויי טרערען ארבגערונען אין ים אריין און האָבען די וואסערען אויפגעקאָכט. און עס איז גע־גאַנגען דער געשריי פון די אבות פון איין עק וועלט ביז צום אנ־דערען. און דערהערט האָבען עס די אידען ביי די טייכען פון בבל — וואָס זיינען דאָרט געזעסען. אז זיי האָבען געהערט דעם געשריי, האָבען זיי די אבות דערקענט און האָבען געזאָגט: זיי זיינען פאַר גאָט געקומען, האָבען זיך אָנגענומען פאַר אונז. און אַ שטילע האָפ־נונג איז אדורכגעגאַנגען צווישען זיי.

---

## פיערטער געזאַנג.

יהוה'ס ענטפער. — יהוה שיקט ירמיהו'ן משה'ן רופען. — משה געהט איבער די וועלען פון ירדן. — משה מיט דער זון און שטערען. — משה געהט אין בבל די אידען בעפרייען. — די תפילה פון דר'ערד. — די גולי בבל ביי די טייכען זיצען. — יהוה'ס שטים. — משה קומט פאַר יהוה אָן. — זיין טענה פאַר גאָט. — די לוחות קומען פאַר עדות געגען ישראל, די מלאכים קומען פאַר עדות געגען ישראל. — משה'ס ענטפער די לוחות און די מלאכים. — משה רופט די מוטער רחל. — די מוטער רחל פאַר גאָט.—יהוה געהט מיט ישראל אין גלות אַריין.

באַלד אנטשוויגען זיינען די אבות געוואָרען, ציטערענדיג אויף זייערע שטולען זיצען געבליבען. ווי אַ דונער האָט יהוה'ס שטים געשאָלט און איבערגעגאַנגען מיט דעם שטורם־ווינט פון איין עק וועלט ביז צום אנדערען. בעהאַלטען האָבען זיך די פויגלען אין זייערע נעסטען אריין, און די ווילדע חיות אין וואַלד האָבען גע־ברומט פאַר אונבעוואוסטער שרעק, וואָס איז אויף זיי געפאַלען. געציטערט האָבען די יסודות פון דער וועלט, ווען יהוה האָט גערו־נערט מיט זיין שטים אַזוי:

„אויף מענשען־צרות טהוט איהר קלאָגען, אויף דעם, וואָס דער קערפער איז אין געפאַנגענשאַפט, און דעם צער פון גאָט זעהט איהר

נישט. אונטערטעניג איז דער אמת געווארען, דאס געזעץ איז גע־שטארבען, און קיינער ווייסט נישט מעהר, ווער יהוה איז. געה, ירמיה, רוף מיר מיין שותף אהער, משה בן עמרם. אין זיין האנד האב איך דאס געזעץ פאר די מענשען איבערגעגעבען, קומען זאל ער דא פאר מיר, צוריק וועל איך נעהמען מיין האנד פון דער וועלט, וואו זיי האבען מיין אמת פערגעסען".

און געענטפערט האט ירמיה מיט א ציטערענדיגער שטים: „איך וויים נישט, וואו משה איז אהינגעקומען. גענומען האסטו איהם אין דיינע הימלען אריין, און פערהוילען איז ער פון די שטערב־ליכע: קיינער וויים נישט, וואו משה איז. וואו זאל איך איהם זוכען געהן?" געענטפערט האט יהוה: „געה צום ירדן און שטעל זיך ביי זיין ברעג און רוף אין די וועלען אריין: „משה בן עמרם, קום פאר נאט צו געהן!" — און ווייזען וועט ער זיך דיר".

געגאנגען איז ירמיה, וואו גאט האט איהם בעפוילען, געשטעלט האט ער זיך ביים ברעג פון ירדן. נאכט איז עס געוועזען, און געשטו־רעמט האט דער טייך, אויפגעהויבען האבען זיך זיינע אינדען און געשטעלט זיך ווי א וואנד. דען גערונען האבען אין דעם טייך די אידישע טרערען. אלע פון גלות צוגעפלאסען, און אויפגעקאכט האבען זיי די וואסער, געגראבען א גרוב ביז זיין טיעפען אונטער־גרונד, און געווארפען האט דער שטראם זיך בארג־אויף און טאל־ארונטער. גערופען האט ירמיה אין דער טונקעלער נאכט צום רוי־שענדיגען טייך צו: „משה, משה! ביזט פאר גאט בעגעהרט". באלד בעשטילט האט זיך דער ירדן, די וועלען זיך בערוהיגט, ווי די אונ־טערטעניגע, האר־בעוואקסענע הינט זיינען זיי געלעגען אונטער זיינע פיס. און משה איז געטרעטען איבער זיי פון דעם געטליכען סוד ארויס, וואו גאט האט איהם אויפגעהאלטען. יונג איז ער געוועזען, שווארץ, מעגליך בעוואקסען זיין געזיכט. און מיט'ן פייערדיגען גרי־פעל אין דער האנד, וואס מיט איהם האט ער די לוחות געקריצט, געהט ער, דער געטליכער קריצער, העכער פאר אלע, שטארקער פון אלע, טרעט ער אויף די אונטערטעניגע וועלען און קומט פאר ירמיה'ן אן אויף דעם ברעג, ווי א געטליך געשטאלט: „וואס איז דער מעהר? ווער רופט מיך פון מיין רוה ארויס?" — מורא האט אויך ירמיה בעהאט פאר איהם צו זאגען, אז די אידען זיינען אין גלות פערטריבען.

האָט ער אויך געענטפערט: „איך ווייס נישט, וואָס עס איז. דו ביזט פאַר גאָט בעגעהרט“. געגאַנגען איז משה צו זיינע פריינד, צו דער זון און צו די שטערען, וואָס שיינען אין הימעל אויבען. גוט־פריינד איז ער געוועזען מיט זיי פון יענער צייט, ווען ער איז גאָט'ס גאַסט אין הימעל געוועזען, ביי דער תורה מקבל זיין. האָט ער זיי געפרעגט: „זאָגט מיר, אַלטע פריינד, ווייסט איהר נישט, וואָס עס איז געשעהן—וואָס גאָט האָט מיך געלאָזט רופען פון מיין רוה אַרויס?“ לאַנג געשוויגען האָבען די שטערען, נישט געוואָלט משה'ן דעם צער אָנטהאָן. די זון האָט דאָך צולעצט געזאָגט: „דיין ווערק, משה, איז געוואָרען צו נישט, צעשטערט האָט גאָט דעם באַנד מיט ישראל, פערטריבען איהם פון זיין לאַנד—דעם בית־המקדש פערברענט, און איינזאַם און פערלאָזט דרעהט זיך יהוה אַרום. אין די הימלען איז ער נישטאָ (דערפאַר געשלאָגען איז אונזער ליכט), אויף דר'ערד צווישען די לעבעדיגע נישטאָ—הערשט דאָס שלעכטס אומעטום. אויפגעשטאַנען זיינען די פינסטערע כחות און שרעקען צו פערנעהמען, חלילה, יהוה'ס אָרט. די געוויקסען רייסען איינער פון אַנדערען די ליכט אַרויס, וואָס מיר שיקען איבער זיי. דאָס געזעץ איז טויט. יהוה איז אַוועק. געה, משה, ראַטעווע די וועלט פון אונטערגעהן, פיהר איין דאָס רעכט צווישען די מענשען פון דער וועלט, צווישען די חיות אין וואַלד, צווישען די געוויקסען אין פעלד, — פאַר אַלעמען האָבען מיר ליכט. ברענג, משה, יהוה'ן דער וועלט צוריק“.

ווי משה האָט געהערט די טרויעריגע בשורה, האָט ער איבערגעלאָזט זיינע אַלטע פריינד און געזאָגט צו ירמיה: „פיהר מיך צו די אידען אין גלות אַריין, בעפרייען וויל איך זיי—איך וויל זעהן, ווער עס וועט מיר אין וועג שטעהן“.

גענומען האָט ער זיין געטליכען שעפער־שטאָק אין האַנד און געגאַנגען איז ער איבער'ן לאַנד—זיבען מייל אַ טריט. נאָכגעקוקט האָבען איהם די פעלדער מיט אַ שטיל געבעט—און די בערג זיינען קלענער געוואָרען פאַר איהם, דערשראָקען זיך און אין די זייטען זיך אָבגערוקט. אויסגעשטרעקט האָט די ערד נאָך איהם די הענד—אָנגעכאַפּט איהם ביי זיין קלייד און געבעטען זיך אַזוי: „אָ, לייז, משה, די אידען פון גלות אויס, ברענג מיר ווידער די קינדער צוריק“, —געבעטען האָט זי זיך, ווי אַ מוטער. וואָרום געשוואוירען האָט די

ערד אין דעם טאג, ווען ישראל איז פון איהר פערטריבען געווארען. אז זי דארף קיין תבואות פאר אנדערע נישט ארויסברענגען. פערשטיינערט האט זי אין זיך די קוואלען פון איהר חיות און די זאפטען אין איהר טיעפעניש בעהאלטען פאר איהרע קינדער, ווען זיי וועלען צוריקקומען צו איהר.

געטראפען האט זיי משה ביי די טייכען פון בבל זיצען, אין די ריטער־געוויקסען ביי די ברעגען אויפגעהאלטען האבען זיי זיך. זייערע פיעדלען אויף די צווייגען אויפגעהאנגען, און די הארפעס ליגען צובראכען צו זייערע פיס. זייערע בליקען זיינען מיט בענקשאפט צום וואסער געווענדט. דערמאנט האבען זיי זיך אן דעם ירדנ'ס וועלען און דעם שלח'ם שטילען שעפטשען, און הערען האבען זיי פון וואסער געוואלט א גרוס פון זייער היים, וואס די וועלען ברענגען מיט'ן שטראם מיט. פערלאנגט האט פון זיי דער פיינד ציונ'ס געזאנג, ירושלימ'ס ליעד. „ווי אזוי קענען מיר דיר זינגען ציונ'ס געזאנג אויף פרעמדער ערד?" אבגעביסען האבען זיי זיך די פינגער פון זייערע הענד, צובראכען די הארפען צו זייערע פיס, און אויפגעשטאנען ווי איין מאן, און א גרויסע שבועה געשווארען, די שבועה פון אייביגען קיום. א, געציטערט האבען בבל'ס וואסערען פון ישראל'ס געטרייען ווארט,—וואס ער האט צו זיין ערד געשוואוירען: „פערגעסען ווען מיר וועלען דיך, ירושלים, זאל ווערען אונזער רעכטע האנד פערגעסען, אונזער צונג צום גומען צוגעקלעפט—ווען מיר וועלען דיך נישט דערמאנען, ירושלים, ביי אונזער פרייד".

געטראגען אויף די פליעגלען האט דער ווינט די בשורה נאך ציון צוריק און אויסגעשפרייט זי ווי א טוי איבער די פעלדער ארום. איינגעזאפט האט אין זיך די ערד ישראל'ס געטריישאפט און זי טראגט זי ווי א געטליכען זוימען אין איהר שוים. צייטיגען לאזט זי דעם זוימען אין זיך און טראגען וועט זי אמאל די פרוכט פון דעם געטרייען ווארט. — אזוי האבען זיך מוטער און זוהן די הענד געגעבען איבער זייערע שונאים'ס קעפ — און בעהאפטען זיך ביז'ן היינטיגען טאג אריין.

אויפגעהויבען האט ישראל די אויגען און משה'ן דערזעהן: ער שטעהט פאר זיי. און א גייסט פון גאט איז אריבערגעאנגען איבער זיי: „משה בן עמרם איז דא צווישען אונז" — אראבגענומען איז

געוואָרען די קללה פון גלות פון זיי און בעפרייט ווערען די קנעכט: די קייטען פון די הענד אראָב, די קנעכטשאַפט פון די נשמות, און עס ציטערט שוין דער פּייַנד פאַר זיין פרייען בליק. געקליבען האָבען זיך אַרום דעם שעפּער די שעפעלעך אַלע,—עס פינקעלט זיך אין דער זון דער געטליכער שעפּער־שטאָק אין משה'ס האַנד, און עס ציהט זיך פון איהם די שטראַהלען־פעדים אַרויס און קניפּען צו זיך און ציהען צו זיך איטליך אידיש האַרץ. געררופען האָט ער מיט זיין שטים, און געהערט האָט די פערבלאָנזשעטע שעפעלע דעם שעפּער'ס קול איבער די בערג שאַלען און זי קעהרט שוין צו דער טשערעדע צוריק. איינגעזאַמעלט זיינען זיי שוין אַרום איהם. עס הויבט אויף דעם שטאָק דער גרויסער שעפּער איבער די קעפּ און ווייזט זיי דעם וועג קיין ציון צוריק. — אָבער יהוה'ס שטים, ווי אַ געוויטער קומט זי אָן צו געהן: „משה, שטעה! נאָך נישט איז געקומען די צייט.— נאָך נישט איז די גאולה צייטיג. פיעל נאָך פערקנעכטעטע זיינען דאָ צווישען זיי—צו קליין דאָס האַרץ, דער גייסט פערשקלאַפּט—אַ פאַלשע גאולה וועט דאָס זיין". אָבגעלאָזט האָט זיך דעם שעפּער'ס האַנד, די שטים פערשטומט, און משה פערשוואונדען ווערט פון זיי. עס שוועבט נאָך די שטים פון פרייהייט אין די הערצער אַרום; עס שווינדעלט נאָך די ליכט פאַר די אויגען פאַרביי; נאָך הויבט און שטאַרקט זיך דער גייסט,—און די הענד געהען שוין אין די אייזערנע קייטען צוריק אַריין, עס בויגט זיך שוין דער רוקען צו זיין יאָך אין דעם אייזערנעם שטאַנג. עס שימערט נאָך פון דערווייטענס נאָר קוים, קוים די פערגאַנגענע ליכט און קוקט מיט בענקשאַפט צוריק—זיי זעהען עס נישט מעהר. ביי דער אַרבייט זיינען זיי אין דער פינסטערער נאַכט פון זייער געפאַנגענשאַפט פערזונקען.

אַוועק איז משה פון זיי, צו גאָט געגאַנגען, געטראָפען האָט ער נאָך די אבות אַרום יהוה'ן זיצען. ווי זיי האָבען איהם דערזעהן, האָט זיך דערוועקט דער געשריי אויף'ס־ניי: „משה, פון וואַנען קומסטו צו געהן, האָסטו די קינדער געזעהן?" — „געזעהען האָב איך זיי". — „וואָס האָט געמאַכט מיט זיי דער פיינד?" — „אַ טייל האָט ער געטויט, אַ טייל פאַר שקלאַפען פערקויפט."

און געטרעטען איז משה פאַר יהוה'ן און געזאָגט אַזוי: „יהוה, וואָס האָסטו מיט ישראל געטהאָן? פערלאָזט האָב איך מיך אויף

דיר, געפיהרט האָב איך זיי פערציג יאָהר אין דער מדבר אַרום און אָבגעהיט האָב איך זיי פאַר דיין גרימצאָרן. פערשטעלט האָב איך זיי פאַר די שפּיזען פון דיין כעס—אַלץ גענומען אויף זיך און מיט מיין אייגען לייב בעשירעמט זיי פאַר דיר. ביז די טויערען פון ציון האָב איך זיי צוגעפיהרט. מיך האָסטו געלאָזט פון דרויסען שטעהן—זיי האָסטו אין לאַנד אַריינגעבראַכט. געפאַלען בין איך אויף די קניע פאַר דיר און גבעטען האָב איך זיך ביי דיר—לאָז מיך אין ארץ־ישראל אַריין. נישט געבעטען האָב איך פאַר מיר, נישט פאַר מיר לעבען געוואָלט—אַ, געפאַרכט האָב איך זיך זיי צו לאָזען מיט דיין כעס אַליין. געשוואוירען האָסטו, אַז דערמאָנען וועסטו דיך אָן מיר און רחמנות האָבען אויף זיי. וואָס האָסטו געמאַכט מיט זיי? איך פערלאַנג משפט פון דיר!

האָט יהוה גערופען פון הינטער דעם וואָלקען אַרויס, און געברומט האָט זיין שטים ווי אַ געוויין: „זיי האָבען געזינדיגט, משה. דיין תורה נישט אָבגעהיט, דאָס געזעץ, דורך דיר געקריצט—פערשעמט, בעליידיגט, בעשמוצט. זייער האַרץ פון גרונד איז פול מיט זינד, און פערשיקט האָב איך זיי פון מיר“.

אָבער משה האָט פאַר גאָט גערעדט: „וואָס איז זינד? ווער האָט'ס געשאַפען? אַלץ קומט פון דיר. מיר זיינען דער ליים אין דיין האַנד. דו ביזט דער פאָטער פון אונז. אויף דיין וועג געהען מיר—וואָס איז גוט און וואָס איז שלעכטס—וואָס וויים דער מענש? ווער וועט קומען און עדות זאָגען, וואָס איז זינד?“

געזאָגט האָט יהוה: „קומען זאָל דיין ווערק און שטעלען זיך קעגען זיי“. — באַלד האָט זיך דער הימעל אין פייער געצונדען און די לוחות געוויזען. געפלאַקערט האָבען די טאָוולען אין דער נאַכט, און אַ פייערדיגע האַנד האָט געשריבען אין זיי: לא תגנוב, לא תרצח, לא תענה ברעך עד שקר. געברענט האָט יעדעס וואָרט, און טראָפּענס בלוט האָבען גערונען פון זיי און געשריגען: „פערבלוטיגט זיינען מיר געוואָרען פון יעדען שטאָך. יעדע שלעכטס האָט ווי אַ דאָרן געשטאָכען אין אונז אַריין, און מיר טריפען בלוט“. געוויינט האָט יעדער אות און געזאָגט: „געשטראָהלט האָבען מיר ווי אַ געטליכע ליכט, יעדע זינד האָט אַ פלעק געוואָרפען אויף אונז, און טונקעל איז געוואָרען אונזער שיין“. אַזוי געקלאָגט האָבען די לוחות און

געוויזען די וואונדען, וואס געשלאָגען זיינען זיי געוואָרען מיט זיי דורך ישראל׳ס זינד.

אָבער ניט געשוויגען האָט משה, געשטעלט האָט ער זיך קעגען די לוחות, געקוקט זיי אין די אותיות אריין און געזאָגט אַזוי:

„געזעץ—איך האָב אייך געשאַפען און ווי אַ געשפּאָן אויף דעם מענשענ׳ס פריזען ווילען געוואָרפען—צו די פעלקער פון דער וועלט האָב איך אייך אַרומגעפיהרט, און קיינער האָט זיך נישט געוואָלט בינדען מיט אייער „יאָ“ און „ניין“. געקומען איז ישראל, מיט ליעבע גענומען אויף זיך דעם יאָך, פערשטיינערט זיין געפיהל, אויסגעריסען דעם ווילען פון זיין הארץ און צום קרבן יהוה׳ן געבראַכט. אַזוי שלעפּט ער זיך אַרום מיט אייער געשפּאַן אויף זיינע הענד איבער זיין בלוטיגען וועג ביז׳ן היינטיגען טאָג אריין—יעצט קומט איהר עדות זאָגען אויף איהם! וואָס איז? ער האָט אייערע צעהן גע־באָטען נישט געהיט! — ווער האָט דען יאָ אָבגעהיט? וואו איז דאָ דאָס גוטס—וועו איהר רופט שלעכטס, ווייזט מיר די גערעכטיג־קייט,—ווען אידען זיינען אונגערעכט“.

געזוכט האָבען די פייערדיגע אותיות איבער דער אויבערפלאַך פון דער ערד די גערעכטיגקייט און נישט געפונען האָבען זיי זי אונטער די לעבעדיגע אויף דר׳ערד. פערלאָשען האָבען זיי זיך אין דעם הימעל־ים. אויסגעגאַנגען איז דער הייליגער פלאַם פון די לוחות, ווי אַ שלאָף, און פערשוואונדען אין הימעל צוריק.

אַראָבגעבראַכט האָט אָבער יהוה די גערעכטיגקייט פון הימעל אַראָב. אויפגעשטעלט האָט ער זיינע מלאכים רייהענווייז: פון דורכזיכטיגען לאַזור־ליכט זיינען זייערע איידעלע געשטאַלטען אויס־געגאָסען געוועו און אין וואָלקען־העמדלעך אָנגעטהאָן. זייערע גע־זיוטער געלויכטען האָבען פאַר לויטערקייט — ווי קינדער, פון קיין שלעכטס ניט געוואוסט. געשטאַנען זיינען זיי פאַר משה׳ן און פאַר די אבות און מיט גוטסקייט, ווי קינדער, אויף דער וועלט גע־קוקט. געזונגען האָבען זיי אינאַיינעם אַ געטליכע ליעד און געזאָגט אַזוי: „דורכזיכטיג זיינען אונזערע לייבער, יעדער געדאַנק פון שלעכטס וואָלט אויף אונזער ליכט אַ פלעק געוואָרפען—זעה, אויב מיר זיינען בעפלעקט. אַזוי זאָל ישראל זיין“.

בער נישט אָבגעשראָקען איז משה געוואָרען פאַר זיי, גע־

שטעלט האָט זיך אונזער מליץ יושר פאַר די מלאכים. געשטאָרבען איז אין איהם דער מלאך, און ווידער געבוירען געוואָרען דער מענש. אין זיין הימעלשען ליעב האָט געשלאָגען מענשען־הארץ, און מיט מענשען־שמייכעל אויף די ליפּען האָט ער אויף די מלאכים געקוקט און געענטפערט אזוי:

„אַ, שעהן זייט איהר, מלאכים־קינדער! פון מענשליכען רייגעם געדאַנק געשאַפען, פלאַטערט איהר אין אייביגען הימעלרייך אַרום. איהר באַרט אייערע לאַזור־לייבער אין וואָלקען־ליכט און זינגט פאַר גאָט די אייביגע לויב־ליעד. בעפריים פון מענשען־לאַסטען, ווייסט איהר נישט, וואָס קנאה און שנאה איז. קיין תאוה אין אייערע הערצער, קיין ליעבע, קיין כעס, דרעמעלט איהר אין אייער האַרפּען־שפּיעל איין. צו אונז קומט אַראָב, אויף דר'ערד וואוינט, זאָלען די זאַפּטען פון דער ערד דורך אייערע לייבער אַדורכרינען, און בליהען זאָל אין אייך דער מענש, געברענט מיט די גלוטען פון מענשליכען ווילען, צוברעכט אייערע הערצער פאַר גאָט. נשמות האָט אונז גאָט אין ערדישע לייבער געגעבען, ווילען האָבען מיר זיך אַליין געשאַפען. און אונטער די שמיץ פון אונזערע פערלאַנגען ברענגען מיר איהם אונזער האַרץ. אזוי געגליהט אין די מענשליכע פלאַמען, ווערען מיר צו גאָט. אויף מענשען זיינט איהר געקומען עדות זאָגען, וואוינט מענשליכעס אין אייערע ברוסטען? דערנעהרט איהר זיך מיט זיין שפּייז?... איז ווילען אין אייערע לייבער דאָ?"

פערשוויגען זיינען באַלד די מלאכים געוואָרען, אָבגערוקט זיך אָן אַ זייט, — ווי אַ ווינט האָבען זיי משה'ס ווערטער פערטריבען, און געווענדט האָט ער זיך צו גאָט און ווייטער גערעדט אזוי:

— וועלטען האָסטו בעשאַפען, הימלען אָהן אַ עק. עס איז נישט אין שטאַנד קיינער צו בענעהמען דיין הימעלס אונענדליכקייט. עס שטורעמען די אייביגע ווינטען אין די אייביגע נעכט אַרום, אין דיינע פערבאָרגענע וועלטען ערגעץ־וואו; עס לויפען די שטערען אין זייער אייביגען הימעל־קרייז. און אויף אַלץ האָסטו דיין אויג. שטור־רעמדיג איז אָבער אויך די קליינע מענשען־האַרץ. דו זעהסט זי אַדורך. עס וואוינען דערינען די ברויזענדיגע ווינטען און שטורעמס, ווי די כוואַליעס אין די ימים, און אָהן אַ סוף איז איהר גרונד. קיינער וייס נישט איהרע דרכים אין אַ מינוט אַרום. פול מיט סודות, ווי

דיין פערבארגענע וועלט, איז דעם מענשענס הארץ. דו איינער זעהסט זי אדורך, ווייסט איהרע בעהעלטענישען, פערשטעהסט זי—און קענסט איהר נישט מוחל זיין? א שוואך בעשעפעניש האסטו אויף דיין וועלט בעשאפען—ווי ליים זיין הארץ איז ווייך. עס זעהט די לייד פון צווייטען און קאן מוחל זיין".

און גערופען האט משה אונזער מוטער רחל. זי איז געקומען פאר גאט צו געהן פון דעם בית־לחם־וועג, וואו זי האט געבלאנדזשעט אין די פעלדער אליין און איז נאך איהרע ארויסגעטריבענע קינדער נאכגעגאנגען. אין איהר ווייסען געוואנד, מיט דער שבת־קרוין אויף איהר קאפ, האט זי ביי דער לבנה־שיין צוגעדעקט זייערע טויטע קערפערס, וואס פערשפרייט זיינען זיי געווען איבער'ן וועג. זי איז געגאנגען, און פון איהרע טויטע אויגען האבען טויטע טרערען גע־רונען. גענומען האט זי משה ביי דער האנד און פאר גאט און פאר די אבות געפיהרט. זי האט זיך פאר'ן רבונו של עולם געשטעלט און מיט געוויין געזאגט אזוי:

„דו ווייסט, רבונו של עולם, ווי איך האב דיין קנעכט געליעבט. געדיענט האט ער פאר מיר ביי מיין פאטער לבן זיבען הארטע יאהר. מיר האבען איינאיינעם די חדשים געצעהלט, די טעג, די שעה'ן. און אז עס איז געקומען די צייט, ווען איך זאל די זכיה האבען צו זיין יעקב'ס ווייב—האט דער פאטער איהם מיין שוועסטער לאה אין געצעלט געשיקט. געוואוסט האב איך דערפון און מיט יעקב'ן זיך א סימן אבגעמאכט, אז דערקענען זאל ער מיך אין דער טונקעלער נאכט. דאך, אז עס איז געקומען די חתונה־נאכט, האב איך אויף מיין שוועסטער לאה'ן רחמנות געהאט, אויסגעזאגט האב איך איהר דעם סוד, וואס איך האב מיט יעקב'ן געהאט, און זיך אונטער דעם געלעגער ארונטערגעלעגט. געהערט האב איך זייערע טרייסט־רייד, זייערע קושען, זייער געוויין. און אפוירגערעדט האב איך צו איהם פון אונטער'ן בעט, אז ער זאל מיין שטים הערען און נישט וויסען, ווער עס איז מיט איהם. איך בין נור א געוועהנליכער בשר ודם און האב מיך אן מיין שוועסטער נישט מקנא געווען. דו, וואס דו ביסט דער איינציגער לעבעדיגער אויף דער וועלט, האסט דיך אן האלץ און שטיין מקנא געווען, וואס אידען האבען געדיענט צו זיי".

אנטשוויגען איז באלד יהוה געווארען פון איהרע רייד, אויפגע־

זויבען האָט ער זיך פון זיין אָרט און געבלאָזען מיט זיין וואָלקען־
גרוב און אָרוב. און אויסגערופען: „רחל, דו האָסט רעכט. דו־
האסט געלערענט יהוה'ן, ווי עס דאַרף צו זיין. פאַר דיר וויל איך־
מיט זיי אין גלות געהן און אויפהאַלטען זיך מיט זיי, ביז די גאולה
וועט קומען".

און פערלאָזט האָט יהוה די אבות אויף זייערע ערטער זיצען,
פערלאָזט האָט ער משה'ן און די מוטער רחל, פערלאָזט האָט ער
דעם גאַנצען הימעל־קרייז—און אָנגענומען מענשליכעס געשטאַלט און
איז געגאַנגען מיט די אידען אין גלות אַריין. אָנגעטראָפען האָט ער
זיי ביי דעם טייך פון בבל זיצען, אַריינגעגאַנגען איז ער צווישען זיי.
אַזוי האַלט ער זיך אין גלות אויף און געהט מיט מיט זיי פון טייך
צו טייך. וואו עס איז דאָ אַ פּיין, וואו עס איז דאָ לייד, איז ער
דערביי. ער הערט דעם געוויין, ער זעהט די שאַנד, און די אָהנ־
מאַכט זעהט ער—און ווי זיי, וואַרט ער אויף די גאולה. דאָך אַליין
קען ער נישט ווערען אויסגעלייזט—די אידען מוזען זיין צו דער
גאולה גרייט. ער וואַרט אויף דער ריכטיגער רגע, ווען אידען וועלען
נאָך דער גאולה בענקען, וואַרפען די קייטען פון גלות פון זייערע
הענד, הויבען זייערע נשמות צום הימעל צו, בעפרייען זייערע גע־
מיטער און נאָך דער גאולה שרייען. אָ, יהוה וועט ווערען דאַן בע־
פרייט מיט זיי צוריק. קריגען וועט ער זיין מאַכט פון די אידענס
קראַפט. בעפרייען וועט ער די וועלט. זון און שטערען וועלען
צוריק קריגען זייער ליכט; אונטערגעהן וועט דאָס שלעכטס—און
יהוה אַליין וועט קיניגען איבער דער וועלט.

# ביאים.

(מיניאַטיורען)

1.

## עלי און שמואל.

דער אַלטער עלי איז געזעסען פאַר דער טהיר פון זיין אוהל און ער האָט זיך געוואַרימט אין דער גליהענדער זון. זיינע בלינדע אויגען זיינען געווען פערמאַכט, ווי פערשלאָפען—נור זיינע אויערען האָבען פון צייט צו צייט פערנומען א וויבערשקיכערן, אָדער א גע־רודער פון א מעגליך קריענעריי—האָט ער מיט די אַלטע, ווייכע אָהנצייהנענדיגע יאַסלעס אָנגעהויבען צו קלאַפּען, די אויגען אויס־געשטעלט נעגען זיך, האָט ער צו זיינע צוויי זיהן געזאָגט:

— אוי, אוי, יונגען, וואָס טהוט איהר גאָט'ס קרבן לעסטערען?

טיילמאָל האָט איהם א יונג אָבגעענטפערט:

— נו, נו, אַלטער, די לונג מיט די נירען, אונזער חלק נעהמען מיר נור.

נור אָפטמאָל זיינען דעם אַלטענס ווערטער אַזוי שטיל געווען, אַז זיי האָבען צו די זיהן'ס אויערען ניט דערגרייכט — האָט ער גע־מיינט, אַז זיי זיינען זעהר פערשעמט געוואָרען פון זיינע רייד, איז ער שוין שטיל געבליבען, ווייטער זיך די אַלטע ביינער אויף דער הייסער זון געוואַרימט, און האַלטענדיג פערמאַכט די אויגען, האָט ער זיך אָביסעל מיט די פּלייצעס צוגעשאָקעלט, קלערענדיג אודאי אַזוי אין זיך: אויסגעלעבט די יאָהרען, א כהן געווען פאַר גאָט, דאָס בעסטע פלייש פאַר איהם פערברענט, אַלט געוואָרען, בלינד געוואָרען.

האָט ער זיינע צוויי זיהן איבערגעלאָזט,—נור אַזוי לאַנג עפּיס האָט זיך גאָט צו איהם ניט בעוויזען, ניט אין חלום, ניט אויף דער וואָהר,— אודאי ניט די ציים געווען,—ניטאָ צו וואָס: ניט מען פיהרט קיין מלחמה, — — נאָך דעם לעצטען יום־כפור אודאי וועט ער זיך צו איהם בעווייזען...

ווי דער אַלטער קלערט אַזוי, שטעהען זיינע צוויי זיהן, אין רויטע העמדלעך אַנגעטהאָן, מיט צוויי גרויסע גאָפּלען אין די הענד, שטעהען פאַר דער טהיר פון אוהל און וואַרטען אָב די, וואָס וועלען קומען פאַר גאָט מקריב צו זיין.

אין דעם קומט אָן אַ אידענע פון בית־לחם מיט אַ אינגעלע איהרס, אַ בכור, פיהרט אַ קאַלב, די הערנער מיט קרענץ בעפּוצט, שטופּט זי דאָס קאַלב נאָך, האַלטענדיג איהר בכור אויף דער האַנד.

— גוטע מענשען, וואו איז דער משכן און וואו וואוינט דאָ עלי דער כהן?

— וואָס זוכסטו דעם משכן און וואָס דאַרפסטו עלי דעם כהן?— פרעגען די בנים די אידענע, שטעהענדיג אָנגעלעהנט אויף זייערע גאָפּלען ביי דער וואַנד פון משכן.

— אַ קרבן האָב איך געבראַכט פאַר גאָט, אַ זוהן אַ בכור האָט ער מיר געשענקט.

— אַזוי, אַ קרבן פאַר גאָט—נו האָסטו דעם משכן און אָט וואוינט דיר דאָ עלי דער כהן, — זאָגט דער עלטערער פון די בנים, אַנגעהמענדיג דעם גאָפּעל ברייט אין דער האַנד, און געוואַרט, די אידענע זאָל פאַר איהם דאָס קאַלב אונטערטרייבען.

— ליעבער כהן, זיי מיר מקריב מיין קרבן פאַר גאָט, פאַר מיין בכור'ס וועגען.

— מקריב זיין, מקריב זיין, — זאָגט דער עלטסטער, אָנטאַפּענדיג דאָס קאַלב און בעטראַכטענדיג עס פון אַלע זייטען, — כ'לעבען געקאָנט אַביסעל אַ בעסער קאַלב ברענגען, אַ שווערערעס אַביסעל, אַ פעטערעס אַביסעל, — אַ קינד האָט דיר גאָט אַ פעטס געגעבען, אַ שטאַרקס געגעבען, — זאָגט דער עלטסטער אויפכאַפּענדיג דאָס קאַלב.

— דאָס בעסטע קאַלב, וואָס איז געווען אין שטאַל, — וויל זיך די אידענע פערענטפערען.

— א געזונד ווייבעל האָט געזונדע קינדער, — זאָגט דער איי־גערער, פּנצס. האָט אָנגענומען דאָס ווייבעל ביים האַנד און געקוקט איהר מיט א חנ׳דעל אין די אויגען אריין, — כ׳לעבען, ווען איך וואָלט פון דיר א בכור געהאט, וואָלט איך פאר גאָט א בעסער קאַלב מקריב געווען, נישט געקארגט, ווי דיין מאַן האָט געטהאָן.

— זאָל דער כהן אזוי נישט טהאָן, זאָל דער כהן אזוי נישט ריידען, — זאָגט די אידענע אָבשטופענדיג איהם מיט איין האַנד פון איהר רויט פערשעמט־געוואָרענעם פּנים, און מיט דער צווייטער האַנד איהר צעוויינטען פּנים צו דער ברוסט צוגעדריקט.

— פערפאַלען, מקריב זיין מוז מען, — זאָגט דער עלטסטער, — נור ווייסטו וואָס—מיר וועלען באַלד די נירען אראָבנעהמען פאַר אונז, וועט מען דיר שוין די לונגען שענקען. — אי, אזא אָרים קאַלב האָסטו פאַר גאָט געבראַכט—זאָל דער קרבן אביסעל גרעסער זיין.

— זאָל דערפאַר גאָט מיט דיר גוטס טהון! — זאָגט די אידינע איבערגעבענדיג דאָס קאַלב דעם כהן.

די יונגען האָבען דאָס קאַלב אין הויף פון ארון געבראַכט, גע־שאָכטען עס, די פעל אראָבגעצויגען, אויף שטיקער עס צושניטען, אין א בעקען אריינגעלעגט—האָט ער די נירען ארויסגעצויגען און אין געצעלט געווארפען זיין ווייב.

— נא, נעהם צו, קאָך עס צום מאָהלצייט.

אז דאָס ווייב האָט געהאַט די נירען צוגענומען, האָט ער די שטיקער אויפ׳ן מזבח, וואָס איז פאַר׳ן ארון, ארויפגעוואָרפען, דאָס האַלז אונטערגעצונדען, די הענד פּע, שפּרייט צו גאָט, און געוויזען אויף דער אידענע פון בית־לחם.

די אידענע האָט אויף איהר קינד געוויזען און צו וויינען אָנ־געהויבען.

אז דאָס פייער האָט זיך שוין געהאַט גוט צוברענט און דאָס פעטע פלייש האָט שוין הינטער די פלאַמען צו טריפען אָנגעהויבען און די טראָפּען פעטס האָבען אין פייער געקנאַקט און דעם אוהל מיט רויך אָנגעפילט—האָבען די יונגען זייערע דריי־צייהניגע גאָפּעל צווישען די שטיקער פלייש אריינגעלאָזט, אויסגעזוכט דעם פעטסטען חלק און איהם צו בעלעקען אָנגעהויבען.

די אידענע האָט פלוצלינג איהר תפילה פאַלען געלאָזט און צום כהן זיך אָנגערופען:

— מיין כהן, עס צימט זיך נישט פאַר'ן כהן פון טאָפּ צו כאַפּען, וואָס איז פאַר גאָט אָנגעגרייט.

— ער וועט אַזוי אויך געגוג האָבען, — האָט דער כהן אָבגע־ענטפערט עסענדיג, — ניש־קשה, גאָט איז אַ גוטער, ער לאָזט זיך בענוגענען מיט ווייניג, נור דאָס הארץ דאַרף זיין דערביי, דאָס הארץ, — האָט דער כהן געזאָגט, ווי זיך ניט געלאָזט דערביי־שטערען.

נור די אידענע האָט ניט געשוויגען, האָט גאָט'ס טייל געפּאָ־דערט מיט איהר גאַנצער ווייבליכער קראַפט. עס האָט נישט גע־האָלפען אפילו דאָס וואָס דער אינגערער יונג האָט איהר בעאָבאַכטונג געוואָלט אָבווענדען אויף עפּעס אַנדערש... און פון דעם איז אַזאַ גערודער אַרויסגעקומען, אַז דער אַלטער עלי האָט זיינע אויערען אָנגעשטעלט, געוואָלט פערנעהמען, וואָס קומט דאָ אַזוינס פאַר און מיט די ליפּען געקלאַפּט:

— אָוואַ, אָוואַ, יונגען! יונגען!

נור דער עלטסטער, האַלטענדיג דאָס פעטע שטיק אויפ'ן גאָפּעל, און מיט אַ פול מויל פלייש, איז צוגעגאַנגען צום אַלטען, אָבגע־בראָכען אַ שטיקעל פונ'ם פעטען חלק און עס דעם פאָטער דערלאַנגט.

דער אַלטער האָט דעם פעטען ביסען אין מויל גענומען, געקייט, געקיים, געוואָרגען זיך, געוואָרגען זיך, געשפּיגען, געשפּיגען, און דאָך דעם ביסען נישט געקאָנט אַראָבשלינגען. נור די אַלטע יאָסלעס ווי זיי האָבען געקלאַפּט, אַזוי האָבען זיי אויך געקלאַפּט, צום סוף האָט ער זיך צובייזערט, אויסגעשפּיגען דעם ביסען און אויף די יונגען אָנגעהויבען צו שרייען:

— עוכרי ישראל! פושעים! גאָט'ס קרבן, גאָט'ס קרבן!

דער עלטערער יונג האָט זיך רוהיג זיין ביסען געגעסען.

אין דעם איז פון וועג אָנגעקומען חנה מיט איהר זוהן שמואל, וועלכען זי האָט געהאַט פאַר גאָט אָוועקגעשענקט, זי איז שוין גלייך צוגעגאַנגען צו עלי'ן און האָט צו איהם געזאָגט:

— עלי, עלי, איך בין די פרוי, וואָס איך בין דעמאָלט פאַר

גאָט געשטאַנען, אָט האָט ער מיין תפילה צוגעהערט, מיר א זוהן געשענקט. איך האָב איהם פאַר גאָט א מתנה געבראַכט.

— וואָס ? — האָט דער אַלטער עלי איבערגעפרעגט מיט האַלבען בייזער, נישט גוט דערהערענדיג חנה'ס רייד — וואָס, א קרבן ווילסטו מקריב זיין ?

— איך בין די פרוי, וואָס איז דענסטמאָל פאַר גאָט געשטאַנען, דו געדענקסט, דו האָסט געמיינט, איך בין שכור, — זעהסט, אָט האָט גאָט מיין תפילה דערהערט, א זוהן מיר געשענקט, כ'האָב איהם פאַר גאָט געבראַכט.

— דערהערט ! זעהסטו, אז מען בעט צו איהם, הערט ער טאַקע. נור בעטען דאַרף מען.

— האָב איך איהם געבראַכט. איך וויל איהם ביי דיר אין שילה ביים ארון איבערלאָזען, ער זאָל פאַר גאָט דיענען.

— הא, פאַר גאָט דיענען, — האָט דער אַלטער עלי געטאַפּט אין דער האַנד דעם קליינעם שמואל — פאַר גאָט דיענען, פון די טעפּ פלייש כאַפּען, דעם בעסטען ביסען פון גאָט אוועקנעהמען !

די מוטער מיט'ן קינד האָבען זיך פערשעמט.

— ניין, עלי הכהן, — זאָגט צום סוף די מוטער — איך וויל מיין קינד איבערלאָזען, ער זאָל דעם נר־תמיד פאַר גאָט אָנצינדען. א נדר האָב איך מיר געמאַכט. איך האָב געבראַכט מיין נדר פאַר גאָט צו בעצאָהלען.

— נייע פרעסערס דאַרף מען דאָ, — האָט זיך דער עלטסטער יונג אָבגערופען, ערשט קוים געהאַט דאָס פולע מויל פלייש אויפ־געגעסען, דורך דעם האָט ער מיט זיין אָבענטפערען זיך פערשפעטיגט.

— שוין גוט, שוין גוט, — זאָגט דער אַלטער — געה אין גע־צעלט אריין און האַלט דעם קרוג מיט אויל.

די מוטער האָט איהר זוהן אין געצעלט געפיהרט, איהם דאָס ווייסע העמדעל, וואָס זי האָט פאַר איהם געהאַט, אָנגעטהאָן, פאַר'ן ארון איהם געפיהרט, און איהם פאַר גאָט געשטעלט.

— אָט האָב איך דיר, רבונו של עולם, דיין מתנה געבראַכט. נעהם איהם צו, ער געהערט צו דיר.

זי האָט איהר קינד געקושט, איהם אין גאָט'ס רשות איבערגע־געבען און איז זיך איהר וועג געגאַנגען.

איבערגעבליבען דאָס יונגעל שמואל אַליין פאַר גאָט, האָט זיך ערנסט צו זיין ארבייט גענומען.

יעדען פריהמאָרגען אויל אין נר־תמיד אָנגעגאָסען; די איבער־געבליבענע שטיקער פלייש אויפ'ן מזבח אַרויסגעשאַרט, זיי זאָלען זיך גוט פערברענען; בשמים אויפ'ן מזבח ארויפגעשאָטען; און אַלץ, וואָס ער האָט געטהאָן, האָט ער געטהאָן מיט'ן גאַנצען הארצען, מיט'ן גאַנצען ווילען, אין דעם וועג פון עלי'ס יונגען איז ער נישט געגאַנגען; ער האָט זייערע מעשים געזעהן און זיך פון זיי נישט אָבגעלערנט, נור זיי אין זיין הארצען פעראַכטעט.

יעדעס יאָהר איז דער טאַטע, די מאַמע געקומען אויף פסח, למשל, האָבען אַ קרבן פאַר גאָט געבראַכט, איהם אַ העמדעל מיט־געבראַכט און געזעהן, ווי זייער זוהן איז גענויט אין גאָט'ס דיענסט, ווי ער צינדט אָן דעם נר־תמיד פאַר גאָט, ווי ער איז מקריב דעם קרבן פאַר גאָט, — האָבען זיי נחת געהאַט, אין הארצען זיך געפרעהט, אָבער אויפ'ן פנים דאָס נישט ארויסגעוויזען.

עלי'ס קינדער האָבען איהם אויך ליעב געהאַט, אַ שטילער איז ער געוועזען און אַ גוטער... וואָס זיי האָבען איהם געהייסען — דאָס האָט ער געטהאָן. און אַזוי גענויט איז ער געוועזען אין זיין ארבייט, אַז זיי האָבען זיך אויף איהם אינגאַנצען געקאָנט פערלאָזען. האָט מען אַ קרבן געבראַכט מקריב צו זיין, האָבען זיי נור דאָס זייעריגע זיך אַראָבגענומען — נאָך ארויסגעכאַפּט פון די טעפּ צו — און האָבען עס אוועקגעגעבען שמואל'ן, אַז ער זאָל עס פאַר גאָט צו רעכט מאַכען. ער האָט זיך זעהר געפרעהט דערמיט, און זיי זיינען פון איהם צו־פריעדען געווען, ווארום זיי האָבען זיך געקאָנט אויף איהם פערלאָזען. און האָבען איהם אָפּטמאָל אויך פון פלייש געגעבען.

— נעהם דיר אויך אַרויס אַ שטיקעל פון טאָפּ, — זאָגט צו איהם חפני דער עלטסטער — נעהם, דו מעגסט.

— איך האָב גענוג אַ שטיקעל נירעל, וואָס גאָט האָט געהייסען פאַר'ן כהן געבען — האָט שמואל אָבגעענטפערט.

— נור צופיעל פרום דאַרף מען נישט זיין, — האָט חפני געזאָגט מיט אַ בייזער, — וואָס מאַכט עס אויס אַ שטיקעל פלייש — וואָס איז עס דען?

שמואל האָט געשוויגען.

— פרומער צדיק מיינער! — האָט פון איהם געלאַכט דער יונגער יונג, פנחס.

נור דער אַלטער עלי, גלייך ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר דעם יונגעל שמואל. ער האָט איהם ניט געזעהן; ער ווייסט נישט, ווי ער זעהט אויס, נור ער האָט מיט זיינע אויערען געהערט און האָט מיט זיין גאַנצער נשמה געפיהלט דעם יונגעל'ס שטילקייט. „אַ שטיל קינד", — האָט ער זיך געטראַכט, — „אַ שטיל קינד, געהט זיך זיין אַקסען־שרים, נישט מען הערט עס, נישט מען זעהט עס".

און אַז דער אַלטער האָט אַמאָל דערהערט, ווי דער עלטערער יונג, חפני, בייזערט זיך אויף שמואל'ן פאַרוואָס ער נעהמט זיך נישט קיין שטיק פלייש פון טאָפּ אַרויס — האָט זיך דער אַלטער אָבּ־גערופען צו איהם:

— וואָס אמת, איז אמת. צופיעל פרום דאַרף מען נישט זיין, אַ שטיקעל פלייש אַמאָל שאַדט נישט. איך בין אויך אַ כהן, כ'האָב אויך גאָט געדיענט.

דער קליינער שמואל האָט זיך גאָרנישט אָבגערופען.

און אַז די עלטערען זיינען געקומען אויף יום־טוב מיט זייער קרבן, האָט זיך די מאַמע אָבגערופען:

— הער זיך, מיין קינד, צו, וואָס עלטערע זאָגען דיר, וואָס גוטע, פרומע לייט הייסען דיר.

און אַז די מוטער האָט דעם אַלטען געפרעגט אויף איהר קינד, האָט ער איהר אָבגעענטפערט האַלב מיט אַ זיפץ:

— וואָס אמת, איז אמת. אַ פרום קינד איז עס, נור —

די מוטער האָט שטיל געשוויגען, נייגיעריג געוועזן צו הערען, וואָס איז דאָס אַזעלכעס דער „נור"...

נור דער אַלטער האָט מיט'ן קאָפּ צוגעשאָקעלט און גאָרנישט גערעדט.

די מוטער איז דערנאָך צו צום קליינעם שמואל, און האָט אויך אויף איהם מיט'ן קאָפּ צוגעשאָקעלט:

— אַי קינד, אַי קינד!

אַזוי האָט זיך שמואל'ן געלעבט ביי עלי'ן אין שילה נעבען אָרון, גוט און פרום, געטהון זיין דיענסט פאַר די, וואָס זיינען גע־קומען קיין שילה פאַר גאָט'ס אָרון. און עלי'ס יונגען זיינען זינ־

דיגע מענשען געווען, האָבען פלייש פון די טעפּ געכאַפּט; האָבען די ווייבלעך, וואָס זיינען פאַר גאָט געקומען בעטען—פון וועג אַראָב־געפיהרט. און דער אַלטער, בלינדער עלי, אַזוי ווי ער איז געזעסען פאַר דער טהיר און זיך די אַלטע ביינער געוואַרימט אויף דער זון, אַזוי האָט ער זיך געוואַרימט און געקלערט וועגען דעם, וואָס איז דאָס די מעשה, וואָס גאָט ווייזט זיך נישט אין הויז אַזאַ צייט מיט יאָהרען.

האָט ער פונקט געהערט שמואל'ן פאַר זיך פאַרבייגעהן, האָט ער איהם גערופען:

— שמואל, שמואל!

— וואָס ווילסטו, טאַטע?

— וואָס געהסטו טהאָן?

— איך געה אויל אין דעם נר־תמיד אַריינגיסען.

— אויל אין דעם נר־תמיד אַריינגיסען, — האָט דער אַלטער פאַר זיך געקלאַפּט מיט די ווייכע יאַסלעס אַן די צייהן, — אויל אין דעם נר־תמיד, אַ גוטע זאַך, אַ גוטע זאַך.

---

אַמאָל אין אַ נאַכט, ווען שמואל ליעגט אַזוי אין זיין ווייס העמדעל, וואָס די מאַמע האָט איהם געמאַכט, אויף אַ באַנק אין אוהל און שלאָפט געשמאַק איין—דעם נר־תמיד אָנגעצונדען, דעם מזבח אַרומגעוואַשען, און שטיל איז אין טונקעלען אוהל, נור דאָס ליכט וואָס ברענט פאַר דעם ארון, הערט ער אַ שטים ווי פון דעם ארון אַרויס זיין נאָמען רופען:

— שמואל! שמואל!

דאָס אינגעל זעצט זיך אויף, קוקט זיך אַרום — קיינער נישטאָ, נור דאָס ליכט, וואָס האָט געברענט פון פריהער, ברענט נאָך איצט — הויבט זיך אויף, געהט אַרויס פון משכן, געהט אַריין אין אוהל, וועקט דעם בלינדען עלי'ן:

— טאַטע, טאַטע, דו האָסט מיך גערופען?

— ניין, ניין, איך האָב דיך נישט גערופען, — זאָגט דער האַלב־פערשלאָפענער, בלינדער עלי, — וואָס גערופען? איך האָב דיך נישט גערופען.

דאָס אינגעל געהט צוריק אין משכן, קוקט זיך אַרום, — אַלץ ווי פריהער: דער ארון אַזוי ווי ער שטעהט—אַזוי שטעהט ער; און דאָס ליכט, אַזוי ווי עס ברענט—אַזוי ברענט עס זיך, לעגט ער זיך ווייטער אַנידער אויף דער באַנק און ליעגט.

ליעגט אַביסעל צייט, נאָר־וואָס געהאַט אַביסעל די אויגען פער־מאַכט, און די שטים רופט ווייטער:

— שמואל, שמואל!

דאָס אינגעל כאַפּט זיך מיט אימפּעט אויף, קוקט זיך אום — קיינער נישטאָ. אַראָב פון דער באַנק, אַרויס פון משכן אַריין אין דעם אוהל און וועקט דעם פערשלאָפענעם עלי'ן:

— טאַטע, טאַטע, דו האָסט מיך גערופען?

— וואָס גערופען? — איך האָב דיך נישט גערופען, — וועקט זיך דער אַלטער עלי, זעצט זיך אויף אויפ'ן געלעגער, קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט עפּיס געזעהן, — וואָס האָסטו זיך אויפגעכאַפּט?

— האָסט מיך גערופען.

— איך האָב דיך נישט גערופען, — זאָגט דער אַלטער.

דאָס אינגעל געהט ווייטער צוריק אין משכן, ציהט זיך אויס אויף דער באַנק און ליעגט און וואַרט.

— שמו—אל, — שמו—אל, — ציהט זיך אַ שטים איבער'ן גאַנצען אוהל.

ער האָט זיך געגעבען אַ זעץ אויף, אַ קוק אַרום זיך, אַרויס פון משכן אַריין אין אוהל, צו צו עלי'ן:

— דו האָסט מיך יאָ גערופען.

נו, דאָ האָט שוין עלי נישט געשלאָפען. געזעסען איז דער אַלטער אויף זיין געלעגער און ערגיץ־וואוהין מיט זיינע בלינדע אויגען געקוקט אין אַ פרעמדער וועלט אַריין. „אהא—צו מיר זיך שוין נישט בעוויזען" — האָט דער אַלטער געברומט — „צום אינגעל געקומען", — „צום אינגעל" — האָט דער אַלטער מיט די אַלטע ביי־נערדיגע יאַסלעס געקלאַפּט.

— האָסט מיך יאָ גערופען, טאַטע, — זאָגט שמואל.

— איך האָב דיך נישט גערופען, — זאָגט עלי ווי מיט אַ האַלבען בייזער, — דאָס האָט דיך גאָט גערופען. ער האָט דיך גערופען...

דאָס אינגעל איז שטעהן געבליבען, דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט, ווי פערשעמט. אַ מינוט האָבען זיי שטיל געשוויגען.

דערנאָך, אַז דאָס אינגעל האָט אָנגעהויבען שטיל אַוועקצוגעהן פון אַלטען, גלייך ווי ער וואָלט זיך עפּעס געוועזן אַבגע'גנב'עט, האָט דער אַלטער איהם מיט אַ בייזערדיגען טאָן נאָכגעלערנט:

— און אַז ער וועט דיך רופען, זאָג איהם, דו ביזט דאָ: „כ'בין דאָ" —

דאָס אינגעל איז צוריק אין אוהל געגאַנגען מיט אַן אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ, האָט זיך אויף דער באַנק געזעצט, און דאָס פּנים איןביידע הענד פערשטעלט.

און אַז דאָס קול האָט גערופען: „שמואל, שמואל!" איז ער שוין מ ע ה ר צו עלי'ן ניט געלאָפען.

---

צרמאָרגענס אין דער פריה איז זיך ווידער דער אַלטער, בלינדער עלי געזעסען פאַר דער טהיר, און זיינע אַלטע ביינער געוואַרימט אין דער זון. ער האָט זיך די פינגער איינציגווייז געבראָכען, און די שפּיץ באָרד אין מויל געכאַפּט און געביסען, און ביי זיך געטראַכט: צו דעם קליינעם זיך געוויזען, צו דעם קליינעם... ניש־קשה, ניש־קשה.

אַ גאַנצען טאָג האָט זיך דער קליינער שמואל ווי בעהאַלטען פון איהם. מען זעהט איהם אויף די אויגען נישט — האָט זיך דער אַלטער געטראַכט, און אויסגעשטעלט די אויערען, אויב דער קליינער לויפט ניט פאַרביי — נישטאָ, ער בעהאַלט זיך, — טראַכט זיך דער אַלטער — בעהאַלט זיך — און הויבט זיך אויף, און טאַפּט מיט די הענד, ביז ער טרעפט אַריין אין משכן, שטעלט זיך אַוועק ביי דער טהיר און רופט אַריין:

— שמואל, שמואל, וואָס טהוסטו, מיין זוהן?

— איך מאַך צורעכט דעם נר־תמיד, טאַטע, — ענטפערט שמואל.

— פערנומען ביים נר־תמיד, — זאָגט דער אַלטער, און טראַכט זיך: שטענדיג איז דאָס ביי גאָט'ס אַרבייט, — קום נור אַרויס, — רופט דער אַלטער, און טאַפּט ווייטער מיט די הענד אָן דער וואַנד, ביז ער קומט צו צום פריהעריגען אָרט.

האלב ווי פערשעמט קומט צו צו איהם שמואל און שטעלט זיך פאר איהם.

— וואס ווילסטו, טאטע?

— געוויזען זיך צו דיר גאט? — פרעגט דער אלטער.

— געוויזען, — ענטפערט שמואל מיט א האלב פערשעמטען טאן.

— און וואס האט ער דיר געזאגט?

שמואל שווייגט.

— „סודות“ — טראכט זיך דער אלטער — „סודות“.

שמואל שווייגט.

— ניש־קשה, איך בין אויך א כהן, ער פלעגט זיך צו מיר אויך בעוויזען, מעגסט זאגען, האסט נישט וואס מורא צו האבען.

שמואל שווייגט.

—שווייגסט — שווייגסט, — נו, נו, שוויג.

שמואל האט דעם קאפ אראבגעלאזט צו דער ערד.

— האסט זיך נישט וואס צו בעהאלטען פאר מיר, איך האב אויך גאט געריענט, איך האב אויך, — שאקעלט דער אלטער מיט'ן קאפ.

שמואל שווייגט.

— סודות, סודות, — זאגט דער אלטער פאר זיך.

— מען דארף דעם נר־תמיד אנצינדען, ער איז פערלאשען — זאגט שמואל.

— געה דעם נר־תמיד אנצינדען, ער איז פערלאשען, — זאגט דער אלטער מיט א געבייזער.

שמואל איז צוריק אין משכן אריין.

דער אלטער איז פאר דער טהיר זיצען געבליבען, די זון האט זיין אויפגערייצט פנים געברענט, און געברומט האט ער פאר זיך: סודות... סודות...

אין דעם איז ארויסגעקומען דער עלטסטער יונג זיינער, חפני, פון משכן ארויס, אויפ'ן גאפעל א פעט שטיק פלייש פון טאפ ארויס־געכאפט. דערזעהן דעם אלטען, ברעכט ער אב א שטיקעל פון גאפעל און מיט א פול מויל זאגט ער צום פאטער:

— נא, נעהם, טאטע, אויך א ביסען.

— פרעסער, זויפער, נור צו פרעסען ווייסט איהר, נור כאפ־לאפ. פרעסער! אוי, אוי!

דער עלטסטער יונג האט א פאר בייזע אויגען אויסגעגלאצט אויפ׳ן אלטען. ער האט איהם גארנישט געקאנט ענטפערען, ווייל דאס מויל איז איהם מיט פלייש אנגעשטאפט געווען.

---

## דער קעניג פון יהודה.

ישראל האט זיך אבגעטיילט פון יהודה און האט זיך געמאכט א בעזונדערען קעניג איבער זיך ירבעם.

און דער קעניג ירבעם האט מורא געהאט, אז דאס פאלק וועט אויפגעהן קיין ירושלים אויף יום־טוב, ווי גאט האט געבאטען, און וועט זעהן דאס בית־המקדש, וואס שלמה האט זיי אויפגעשטעלט, און דוד׳ס טהורם מיט די גאלדענע פאנצערם פון די גבורים, וואס הענגען אויף איהם, און וועלען הערען די לויים׳ס געזאנג אין בית־המקדש־הויף, — וועלען זיי זיך פערבענקען נאך דוד׳ס הויז און רחבעם׳ן ווידער איבער זיך פאר א קעניג מאכען — האט ער געלאזט צוויי גאלדענע קעלבער מאכען, איינעם אויפגעשטעלט אין דן, און דעם צווייטען אין בית־אל און געזאגט: דאס איז דיין גאט, ישראל, וואס האט דיך פון מצרים בעפרייט, איהם דינען, אזוי ווי עס שטעהט אלץ אויפגעשריבען אין דער הייליגער שריפט.

און אויסגעקליבען האט ער פאר זיינע קעלבער כהנים פון פראסטען פאלק, ווארים קיין פאסענדע האט ער נישט געפונען. אלע כהנים זיינען געווען אין ירושלים, און וואס פאר א מיטעל ער האט ניט אנגעווענדעט, אז ער זאל עפעס אראבקריגען אן ארענטליכען כהן פאר זיינע קעלבער, האט נישט געהאלפען. די כהנים האבען נישט געוואלט קומען און פשיטא שוין נביאים.

דאס פאלק איז אבער געוועהנט געווען צו געניטע כהנים און נאך מעהר צו הייליגע שטרענגע נביאים, וועלכע האבען דאס פאלק געשטראפט און קיינעם נישט נושא־פנים געווען, אפילו דעם קעניג ניט, וואס האבען וואונדער געוויזען און פערצעהלט פון גאט, און דאס פאלק האט אנגעהויבען צו בענקען צוריק נאך ירושלים.

עפעס האט ער יא געהאט א פאר נביאים'לעך, וועלכע האבען זיך אויסגעלערענט אביסעל כשוף מאכען פון די בני נוב, נור זיי האבען בלויז געקענט קליינע מופתים'לעך בעווייזען, ווי וואסער אין בלוט פערקעהרען, אבער רעכטע מופתים האבען זיי נישט געוואוסט, און דאס פאלק האט צו זיי קיין צוטרוי נישט געהאט.

נון איז אנגעקומען א געטליכער מאן פון יהודה מיט גאט'ס ווארט קיין בית־אל, און דער קעניג ירבעם שטעהט פונקט אליין אויפ'ן מזבח אין זיין רעזידענץ שטאדט און דעמפפט פאר דעם גאלדענעם קאלב געווירצען.

און דער געטליכער מאן רייסט זיך אריין צווישען עולם, וואס שטעהט ארום מזבח, קומט צו פאר'ן קעניג און רופט צום מזבח: מזבח, מזבח! עס וועט קומען א טאג און א זוהן פון דוד'ס הויז וועט שעכטען אויף דיר די כהנים, וואס אפפערען פאר דיר, און וועט פערברענען זייערע ביינער אויף דיר. און מיין צייכען איז: דער מזבח וועט צושפאלטען ווערען, און דאס אש וועט זיך אויסשיטען.

און זעה, דער מזבח ווערט צושפאלטען, און דאס אש שיט זיך אויס אין זיינע לעבער.

דער קעניג האט באלד פערשטאנען, אז דאס איז א אמת'ער נביא, א ריכטיגער ירושלים־נביא, און אזא נביא אז ער וואלט געקראגען פאר זיינע געטער, וואלט ער געקאנט צוציהען דאס גאנצע פאלק צו זיך, און דאס פאלק וואלט שוין נישט געוועזן געבענקט נאך ירושלים, און וואלטען זיך שוין מעהר נישט ארויסגע'גנב'עט פון זיינע גרענעצען, צו קומען קיין ירושלים, ווי זיי פלעגען עס טהאן.

און דער קעניג האט בעשטימט ביי זיך, אז וואס דער נביא זאל איהם נישט קאסטען, זאל ער איהם דאך אויפהאלטען פאר זיינע געטער. זאגט דער קעניג אזוי צום נביא:

— מיין גוטער נביא! איך זעה, אז דו ביזט טאקע א אמת'ער נביא, וואס דו קענסט גרויסע מופתים מאכען. ווייסט דו וואס, איך וויל דיך אויסהאלטען פאר מיינע געטער, איך וויל דיר גוט בעלוינען, אלע פיסלעך און לונגען פון די קרבנות, וואס מען וועט ברענגען פאר די געטער, וועלען געהערען צו דיר, א טהייל פון די נדבות, און וואס טויג דיר צוריקגעהן קיין ירושלים, דארט זיינען דא א סך נביאים אחוץ דיר, דו ביזט אודאי דער קלענסטער פון זיי.

בלייב דאָ איבער ביי אונז, וועסטו דאָ זיין דער גרעסטער נביא.
נאָר דער נביא ענטפערט אַזוי:
— אפילו ווען דו וועסט מיר געבען פולע שטובען מיט גאָלד, אַ האַלב פון דיין הויז, וועל איך אויך נישט טוישען ירושלים אויף דיין בית־אל, און דאָס בית־המקדש — אויף דיין גאָלדענעם קאַלב.
און דער קעניג טראַכט זיך אַזוי: איז האַרט ביי זיך, מען דאַרף איהם אַביסעל ווייבער מאַכען.
פאַלט ער אויף אַ פּלאַן און זאָגט אַזוי:
— געטליכער נביא! דיינע ווערטער האָבען מיר געריהרט. און איך וויל טאַקע אָנהויבען תשובה טהאָן צו גאָט, און איך וויל אין דיר עהרען גאָט, לאָמיר דיך מכבד זיין מיט מיינע בעסטע מאכלים, מיט מיינע שעהנסטע חפצים. קום אונטער דעם באַלקען פון מיין דאַך, וואַש דיינע פיס און עס פון דעם ברויט, וואָס איך וועל פאַרבערייטען פאַר דיר, זאָלען זעהן אַלע אַלטע און חשוב'ע לייט פון ישראל, ווי דער קעניג איז מכבד און עהרט דעם נביא פון גאָט.
נאָר דער נביא האָט געזעהן, אַז זיינע ווערטער האָבען דעם קעניג נעריהרט, האָט עס איהם אין האַרץ געפרעהט און ער האָט שוין גע־רעדט צום קעניג מיט אַ מילדען קול:
— מיך פרעהט זעהר, וואָס מיינע ווערטער האָבען דיך גע־ריהרט, און דו הויבסט אָן תשובה צו טהאָן. זאָל דיר גאָט ביישטעהן און מוחל זיין דיר דיינע חטאים. נאָר עסען מיט דיר קאָן איך נישט, און אָבקעהרען הינטער דיין באַלקען טאָר איך נישט, ווייל גאָט האָט מיר אָנגעזאָגט: „דו זאָלסט נישט עסען קיין ברויט אויף דעם אָרט, און זאָלסט נישט טרינקען קיין וואַסער אויף דעם אָרט און זאָלסט נישט צוריק אַרויסגעהן פון שטאָדט אויף דעם זעלבען וועג, מיט וועלכען דו ביזט אַריינגעגאַנגען", און גאָט ווידערשפּעניגען קאָן איך ניט.
און דער נביא איז איינזאַם אַרויסגעגאַנגען פון שטאָדט, פון קיינעם נישט בעגלייט, פון קיינעם גאָר נישט געזעגנט, דורך אַ בער־האַלטענעם וועג אַוועק פון שטאָדט.
און געגאַנגען איז ער אויפ'ן וועג פרעהליך, מיט אַ לייכט האַרץ און מיט אַ גוט געמיטה. אָט האָט ער גאָט'ס שליחות געטהאָן: גע־קומען אין שטאָדט, געזאָגט דעם קעניג דעם אמת אין פנים אַריין,

און דער קעניג איז געריהרט געוואָרען פון זיין נביאות און טהוט תשובה צו גאָט.

און גאָרנישט האָט ער דערפאר געגומען, אפילו קיין לעק וואסער, אפילו קיין ביסען ברויט.

הונגעריג איז ער געווען, און זיין וועג־טאָרבע איז ליידיג געווען, און קיין חפץ האָט ער ביי זיך נישט געהאַט. נאָר דאָס האָט איהם נאָך מעהר בעפרידיגט: געטהאָן גאָט'ס שליחות און גאָרנישט דער־פאר געגומען — האָט ער זיך געזעצט אויף א שטיין אָברוהען.

און דאָס פאָלק, וואָס איז ארום דעם מזבח געשטאַנען און האָט געזעהן דעם נביא'ס מופת און געהערט דעם נביא'ס וואָרט, האָט אונטער אנדערער צו מורמלען אָנגעהויבען: אָט דאָס איז מיר א נביא, געזאָגט דעם קעניג דעם אמת אין פנים, קיין בעלוינונג דערפאר נישט געוואָלט נעהמען. וואָס דען, אונזערע נביאים?...

— ברויט־פרעסער זיינען זיי נור, — האָט איינער פון דער מחנה געזאָגט.

— אראָבצו'גנב'ענען פון די בעסטע חלקים, דאָס קאָנען זיי, — האָט א צווייטער געברומט.

— און די וויבלעך צו באַלמוטשען, וואָס קומען צו גאָט בעטען, צו דעם זיינען זיי דאָ, — האָט א דריטער צוגעלעגט.

און א זוהן פון אַן אַלטען נביא, וואָס איז געווען אין שטאָדט, איז דערביי געשטאַנען און האָט צוגעזעהן אַלץ, וואָס דער נביא האָט געטהאָן און גערעדט, איז ער אהיים געגאַנגען צום פאָטער, א נביא'לע דאָרט עפּעס, האָט זיך שוין באַלד רוהיג זיינע יאָהרען אויסגעלעבט אויף דעם נייעם פּלאַץ אין בית־אל, — האָט זיך אויף דער עלטער אוועקגעזעצט אין דער היים, הינטער זיין פייגען־בוים און ביהנשטאָק אויסרוהען און האָט געלעבט פון דעם, וואָס ער האָט אָנגעקליבען אין די גוטע צייטען.

און דער זוהן קומט דאָ אהיים און וואַרפט א וואָרט אונטער זיך:

- דאָס איז א נביא! דאָס וויים איך איז א נביא!

— וואָס א נביא? — פרעגט דער אַלטער, וועלכער איז געוועזן זעהר אויפּפּאַסענד אויף דעם וואָרט „נביא“.

— איז געקומען א נביא פון יהודה, איז צו צום מלך, איהם די עברות אין פנים געזאָגט, דעם מזבח אויף צווייען געשפּאַלטען. דאָס

אַש אויסגעשיט און דעם מלך די האַנד פערדאַרט, נישט קיין עסען, נישט קיין טרינקען. דער מלך וויל איהם מיט מתנות בעשענקען, וויל פאַר'ן כהן־גדול מאַכען — ער כאַפּט די טאָרבע און אַרויס פון שטאָדט...

— אַ נביא, מיינס אַ חבר, אין איינעם אין ירושלים אין איין הייל געווען בעהאַלטען, אין איינעם ביי אחיה השלוני תורה געלערענט, אודאי, ווי הייסט — זאָגט דער אַלטער, וועלכען די גבורות פון דעם נביא האָבען אויפגערודערט — אודאי, מיר וועלען זיי ווייזען, די קעניגען, זיי ווילען נישט גאָט'ס וואָרט הערען — שטראָפען וועט מען זיי מיט דער האַרבסטער שטראָף. „און גאָט האָט געזאָגט צו מיר אַזוי"—הויבט אָן דער אַלטער פּלוצלינג מיט אַ נביאישען טאָן— דעם רייט־וואָגען שפּאַנט מיר איין, העי, יונגען, דעם רייט־וואָגען!

— פערגעסט פּלוצלונג דער אַלטער, וואָס גאָט האָט איהם געזאָגט. — לאָזט מיך מיין חבר, דעם נביא, נאָכלויפען, אונטער מיין דאַך איהם ברענגען, דאָס פעטסטע קאַלב שעכט מיר. העי, יונגען! נאָכ'ן נביא, ווי הייסט, וואָס דען! מיר וועלען זיי ווייזען די מלכים.

די יונגען האָבען איהם דעם רייט־וואָגען געשפּאַנט, דער נביא האָט זיך אַרויפגעזעצט און דער מויל־אייזעל האָט איהם אויף דעם וועג געפיהרט, אין וועלכען דער נביא פון גאָט איז געגאַנגען.

דער נביא פון גאָט איז נאָך אַלץ געזעסען אויפ'ן שטיין, ביי אַ קוואַל וואַסער, צופריעדען אין זיך, וואָס זיין שליחות האָט זיך איהם אַזוי איינגעגעבען, און האָט זיך דערוויל געטראַכט: דאָך נישט אַזאַ זינדיגע שטאָדט דאָס בית־אל, עס האָט אַ ווייך האַרץ פאַר גאָט'ס וואָרט, האָט הנאה פון נביא'ס מוסר. נאָר לענגער בלייבען האָט מען נישט געטאָרט, גאָט האָט נישט געהייסען.

„זאָלסט נישט עסען קיין ברויט און זאָלסט נישט טרינקען קיין וואַסער אויף דעם אָרט" — האָט גאָט געזאָגט, קרעכצט דער נביא. אין דעם קומט אָן דעם אַלטען נביא'ס רייט־וואָגען און שטעלט זיך אָב:

— דאָס ביזטו דער נביא פון יהודה, געקומען מיט גאָט'ס וואָרט געשיקט צו ירבעם?

— דאָס בין איך! — זאָגט דער נביא.

— און וואָס גאָט האָט דיר געזאָגט, אז דו זאָלסט נישט עסען קיין ברויט און נישט טרינקען קיין וואסער אויף דעם אָרט? — זאָגט דער אַלטער אין איין אָטהעם.

— יאָ, דערזועלבער.

— אויב אזוי, טאָ זעץ זיך שוין אין מיין רייט־וואָגען און פאָהר מיט מיר אין שטאָדט אַריין. גאָט האָט זיך צו מיר בעוויזען און גע־זאָגט: „לויף איהם נאָך, ברענג איהם אין שטוב אַריין און גיב איהם ברויט, און גיב איהם וואסער. אוי, קוים דיר דערכאַפּט, — אָטהעמט שווער אָב דער אַלטער, — גאָט'ס בעפעהל צו ערפילען.

— און ווער ביזטו דען? — פרעגט דער נביא.

— אויך אזא נביא, ווי דו. איך האָב גענוג געשטראָפט, גענוג געערדט, מען האָט מיך נישט געוואָלט פאָלגען, אָט וועלען זיי האָבען דערפאָר.

— אַ נביא פון גאָט? — פרעגט נאָך דער אמת'ער נביא איבער מיט אַ ביסעל חשד.

— פרעג נישט, חבר; אויך אזאַ נביא ווי דו; דאָס גאַנצע פאָלק אין טויער ווייס עס. אָט פרעג זיי, — ווייזט ער אויף די ארומיגע. — העי, גענוג אייך געוואָרענט, — ווענדעט ער זיך צום עולם — נישט געזאָגט, איהר זאָלט תשובה טהאָן? אָט וועט איהר האָבען פאר דאָס אייערינגע. שוין זיעבציג יאָהר אויף מיין גראָהען קאָפּ — זאָגט ער צום נביא — ווי איך בין אַ נביא; נאָך נתן הנביא געקענט, און מיט אחיה־השלוני ברידער געווען. אין איינעם מיט איהם דעם נייעם מלבוש אויף ירבעם'ען צוריסען, אחיה האָט איהם געגעבען די צעהן חלקים, און איך האָב געבראַכט די צוויי געבליבענע חלקים צו רחבעם'ען. הרג'ענען האָט ער מיך געוואָלט, בין איך פון איהם אַנטלאָפען.

— האָט דיר געזאָגט, אז דו זאָלסט מיך צוריק אין שטאָדט ברענגען, און עסען מיר געבען? אַ וואונדער, עפּעס מיר האָט ער גאָרנישט געזאָגט דערפון, — זאָגט דער נביא.

— געזאָגט מיר: געה, לויף איהם נאָך, ער איז הונגעריג און דור־שטיג, און איך האָב איהם נישט געהייסען עסען און טרינקען אויף דעם אָרט, ברענג איהם צו דיר — זאָגט ער, דו וועסט איהם טרעפען אויפ'ן וועג, הינטער דער אלה. הא, דו ביזט טאַקע געזעסען הינטער דער אלה.

— אודאי מיך געוואָלט אויספרואווען — זאָגט דער נביא פאַר זיך — גאָט, אויב איך וויל נישט עובר זיין אויף זיין בעפעהל, נישט צונעהמען קיין לוין פאַר מיין שליחות. צוליעב דעם האָט ער מיר נישט געהייסען עסען, נישט טרינקען אויף דעם אָרט, — טרייסט זיך דער נביא, וועלכער איז געווען הונגעריג און דורשטיג. — אָה, ניין! איך וועל נישט עובר זיין דיין בעפעהל, טאַטע אין הימעל, — זאָגט דער נביא, ארויפגעהענדיג אויף'ן אַלטען'ס רייט־וואָגען, — דעריבער האָט ער מיר נישט געלאָזט זאָגען, נאָר ער האָט דיר אָנגע־זאָגט, כדי צו ווייזען מיר, אַז ער געדענקט אָן מיר. ער ווייס גאַנץ גוט, אַז איך בין הונגעריג און דורשטיג.

— מיר וועלען זיי ווייזען, די מלכים, — האָט דער אַלטער נביא געזאָגט, — מיר וועלען זיי שוין ווייזען, וואָס אַ נביא הייסט, און וואָס עס הייסט אין גאָט ווידערשפעניגען, מזבחות זיך אַליין מאַ־כען, קרבנות זיך אַליין מקריב זיין, מיר וועלען זיי שוין ווייזען. — האָט דער אַלטער הויך געשריען מיט קוראַזש און האָט דעם נביא אין שטאָדט אריינגעבראַכט.

דעם נביא אין שטאָדט אריינגעבראַכט, איז איהם די גאַנצע שטאָדט נאָכגעלאָפען. די הייזער האָט מען איבערגעלאָזט אַליין, די מוטערס האָבען די קינדער אויף די הענד גענומען און נאָכ'ן נביא געגאַנגען, און די כהנים האָבען דאָס גאָלדענע קאַלב אין זייער מקדש איבערגעלאָזט און נאָך דעם נביא נאָכגעגאַנגען. דערווייל האָבען טאַקע דעם פאַלשען נביא'ס זיהן דאָס פעטסטע „געדריטעלטע" קאַלב געשאָכטען, דעם טיש אונטער אַ לינדען־בוים געגרייט, ברויט דער־לאַנגט, זאַלץ דערלאַנגט, און דאָס פעטע קאַלב אויפגעגעבען.

דער שטאָדט־נביא האָט זיין גאַסט וואַסער דערלאַנגט, האָט איהם די פיס געוואַשען און איהם דעם אָנגעזעהענסטען אָרט אָנגעביטען. אַליין האָט ער זיך אונטער דעם בוים געשטעלט איהם צו בעדיענען.

זיינען אָנגעקומען די פאַרנעהמסטע בעלי־בתים פון שטאָדט, דעם נביא מתנות געבראַכט; איינער אַ גאָלדענע קרוג, דער צווייטער אַ גוטען אונטערטהעניגען אייזעל. דער אַלטער נביא האָט די מתנות פאַר זיין חבר צוגענומען, דערביי זאָגענדיג צו די תושבים אזוי: — האָב איך דען אייך נישט גענוג געשטראָפט, האָב איך איין דען נישט געזאָגט: טהוט תשובה, כל זמן עס איז נאָך צייט! איהר האָט

ארוים; — נײן, בעלאָדען און אָנגעשטאָפּט, זאַט און בעטרונקען, און דאָס פאָלק האָט איהם בעגלײט מיט געזאַנג און טענץ.

מיך נישט געוואָלט פּאָלגען. וועה, אוי וועה געשריען!... — האָט דער אַלטער זיך די האָהר פון קאָפּ געריסען. דער נביא עסענדיג רוהיג זײן ביסען ברוים, בויגט איבער דעם קאָפּ צו איהם און שאָקעלט איהם מיט מיט'ן קאָפּ.

עס קומט אָן אַ אידענע מיט אַ קראַנק קינד אויף דער האַנד, שטרעקט אויס די האַנד צום נביא:

—גאָט'ס פרײנד, האָב רחמנות אויף דײן דיענסט, און הײל איהר אײנציג קינד. איך האָב נישט מעהר ווי פינף טעפּ האָניג אין דער שטוב, וועל איך זײ דיר אוועקגעבען.

— און דער אַלטער שטאָדט־נביא געהט פּלוצלונג צו צו זײן חבר פון יהודה און זאָגט צו איהם:

— שלאָג מיך חבר, שלאָג מיך, פרײנד, ווארים גאָט האָט גע־הײסען, אַז דו זאָלסט מיך שלאָגען.

און דער נביא האָט איהם מיט'ן לעפעל, וואָס ער האָט געהאַלטען אין האַנד, געגעבען עטליכע קלעפּ אויף דער פּלײצע.

און דער אַלטער שטאָדט־נביא דרעהט זיך אוים צו דער אידענע מיט'ן קראַנקען קינד און זאָגט אַזוי:

— „אַזוי ווי אַ חבר שלאָגט אַ חבר, און אַזוי ווי אַ פרײנד שלאָגט אַ פרײנד, אַזוי וועל איך אײך שלאָגען; עס איז נישטאָ קײן רחמים הײנט בײ מיר“, זאָגט גאָט.

און דער נביא דרעהט אום דעם קאָפּ, מיט'ן ביסען אין מויל און שאָקעלט צו: — אַזוי איז עס, אַזוי...

אין דער שטאָדט אָבער איז וואָס אַמאָל מעהר פערשפּרײט גע־וואָרען די ידיעה, אַז דער נביא פון יהודה, וואָס איז געקומען אין שטאָדט ארײן און אַזױנע מופתים בעוויזען, און דעם מלך אין פּנים דעם אמת געזאָגט — איז ווידער צוריק אין שטאָדט ארײנגעקומען און שטעהט אײן בײם שטאָדט־נביא, און ער עסט דאָרט ברוים, און ער נעהמט צו נדבות און זאָגט דאָרט נביאות; — האָבען זײ יעדערער איהם געבראַכט מתנות און געקומען צו איהם, טיכער איהם אויסגע־שפּרײט, און גאָלד און זילבער איהם אַנידערגעלעגט, און צו איהם די

הענד אויסגעשטרעקט נאָך ישועה. און דער אַלטער שטאָדט־נביא שטעהט אַלץ און שטראָפט, און שטראָפט.

האָט דאָס זיין נביאיש הארץ געריהרט, אין יהודה איז ער געווען דער קלענסטער, קיינער האָט זיך אויף איהם נישט אומגעקוקט, אַלע געהען נאָך אחיה השלוני, און דאָ איז ער דער גרעסטער, דאָס פאָלק געהט איהם נאָך, און ברענגט איהם מתנות און שפּרייט אויס די הענד צו איהם. עס איז גאָרנישט אַזאַ שלעכט פאָלק, ווי ער האָט געמיינט; האָט ליעב גאָט'ס וואָרט און איז מכבד דעם נביא.

און דער אַלטער שטאָדט־נביא שטעהט אַלץ און שטראָפט, און שטראָפט, רופט ער זיך אָן:

— נו, פערפאַלען איז נאָך נישט, אויף אַלץ איז דאָ אַן עצה. קיינמאָל איז ביי גאָט נישט צו שפּעט. תשובה דאַרף מען טהאָן, וועט אייך גאָט מוחל זיין!

און דער אַלטער נביא נאָך איהם:

— דאָס וואָס איך האָב אייך שטענדיג געזאָגט, תשובה און תשובה! מיט תשובה קענסטו אַלץ מאַכען.

און די בעלי־בתים וואָס זיינען דאָרט געווען, קוקען זיך איבער איינער צום צווייטען און זאָגען אין דער שטיל, ווייזענדיג אויפ'ן נביא:

— אָט איז אַ נביא, אָט איז גאָט'ס אַ שליח, מיט איין האַנד שלאָגט ער דיך, מיט דער צווייטער — טרייסט ער דיך.

און דער נביא זאָגט ווייטער:

— גאָט איז אַ אל רחום וחנון, און ווען מען בעט צו איהם — הערט ער, ווען מען טהוט תשובה, איז ער מוחל! אַ ערבאַרמדיגער גאָט איז ער, אַ גוטער גאָט.

— אַ דערבאַרמדיגער גאָט איז ער, — שרייט נאָך דער שטאָדט־נביא. — הערט, ישראל, הערט, וואָס גאָט לאָזט אייך זאָגען: „אַ דערבאַרמדיגער גאָט בין איך דיר, און אַז דו וועסט מיך רופען, וועל איך דיר הערען, און אַז דו וועסט תשובה טהאָן צו מיר, וועל איך דיר מוחל זיין“.

— אַ אויסדערוועהלט קינד ביזטו מיר, ישראל, זאָגט גאָט, — הויבט אָן מיט זיין טאָן אונזער נביא. — און זיינען דען נישט מיינע פריינד, אברהם, יצחק און יעקב געווען דיינע עלטערען? און משה,

— אַ אויסדערוועהלטס קינד זיינען מיר, — זאָגען די בעלי־בתים אײנער צום צווייטען, און טרעהרען ווייזען זיך אין זייערע אויגען, און רוקען זיך נעהענטער צום נביא, און װאַרימער ווערט זיי. — אַ אויסדערוועהלט קינד, און אברהם, יצחק און יעקב זיינען געווען אונזערע עלטערען, אַ אויסדערוועהלט קינד, ישראל...

און אַ בעל־הבית פון דאָרט, מיט טרעהרען אין די אויגען, געהט צו צום נביא (האַלט זיך אַביסעל צוריק), און מיט אַ פערכריפּעט קול זאָגט ער:

— טהייערער נביא, גוטער נביא, אַ אויסדערוועהלט קינד זיינען מיר פאַר גאָט. מיין ברודער ביזטו, מיין פאָטער ביזטו; דיין קנעכט האָט היינט די וויינטרויבען אין קעלטער געטראָגען, דעם וויין איז די פעסער געבראַכט, לאָז דיין קנעכט דעם וויין דאָ אויפ'ן טיש ברענגען, און לאָז דאָס פאָלק זיך פרעהען מיט דיר. אַ אויסדער־וועהלט קינד זיינען מיר צו גאָט, אַ, טהייערער נביא! אַ, גוטער נביא!

און אַ צווייטער בעל־הבית מיט אַ בליפּענדיג קול איז צוגעפאַלען צום נביא:

— הייליגער נביא, געטליכער נביא! גערעדט האָסטו היינט צום הארץ פון דיינע קנעכט און געטרייסט האָסטו זיי; און דיין קנעכט האָט האָניג אַרויסגענומען פון דעם ביהנשטאָק די היינטיגע נאַכט. לאָז עס דיין קנעכט דאָ אויפ'ן טיש פאַר דיר ברענגען און זאָל דאָס פאָלק זיך פרעהען מיט דיר. געטרייסט האָסטו אונז היינט און גערעדט צו די הערצער פון דיינע קנעכט, אַ, הייליגער נביא! געטליכער נביא!

— איך זעה אין דעם קיין חטא נישט, — האָט דער נביא אָבגע־ענטפערט.

און די בעלי־בתים זיינען מיט פרייד יעדערער צו זיין הויז געלאָפען, און יעדערער האָט זיין וויין און האָניג, און די פרוכטען פון זיין פייגען־בוים און די פרוכטען פון זיין טייטעל־בוים פאַר'ן נביא אויפ'ן טיש געבראַכט.

און דאָס פאָלק איז צוגעקומען וואָס אמאָל מעהר, וואָס אמאָל מעהר און האָבען איהם זיידענע מתנות געבראַכט; ווער אַ גאָלד־שטיק און ווער אַ זילבער־שטיק, ווער אַ טהייער קלייד און ווער אַ

שטיק פורפור־שטאף, ווער א קרוג אויל, — און האבען די מתנות צו זיינע פיס געלעגט.

און דער עולם: מאן און ווייב און קינד האבען געטרונקען פון דעם וויין און געלעקט פון דעם האניג און געגאסען פון די פייגען און פערזוכט פון די טייטלען — און געפרעהט זיך מיט׳ן נביא, און ער — מיט זיי. און זיין הארץ איז פרעהליך געווארען, און געזעהן האט ער דאס פאלק ארום זיך, און ווי עס פרעהט זיך מיט איהם, האט ער די הענד אויפגעהויבען און האט אזוי געזאגט:

— וואו איז נאך דא א פאלק ווי ישראל, און וואו איז נאך דא א שטאם ווי יעקב! וואויל איז דיר, וואויל איז דיר, קיין שלעכטס וועט דיר נישט געשעהן, נור שלום, שלום וועט זיין צו דיין געצעלט.

— האב איך איין דען נישט באלד געזאגט, אז שלום, אז נור שלום וועט זיין צו אייך און צו אייערע קינדער?—שרייט דער שטאדט־נביא.

נאר דאס פאלק האט איצט ניט געקוקט אויף איהם. געהערט פון נביא פון יהודה דאס ווארט שלום, איז זיי א שווערער שטיין פון הארץ אראב, און א גרויסע פרייד איז זיי בעפאלען, און זיי זיינען צוגעפאלען צו איהם און האבען איהם ביי די פיס ארומגענומען, הא־בען איהם אין דער הויך געהויבען און האבען געטאנצט פאר פרייד ארום איהם.

— טהייערער נביא, הייליגער נביא! דו ביזט א גוטער נביא, א גוטער נביא, אונזער דאך וועלען מיר דיר אוועקגעבען, אונזערע ברוים און וואסער — זיי מיט אונז, בלייב מיט אונז.

נאר דער נביא האט זיך אבגעשטעלט:

— ניין, איך קאן נישט. גאט האט מיר געזאגט, — נאר וואס גאט האט איהם געזאגט, האט ער פערגעסען, — איך וועל נאך צו־ריקקומען, איך וועל נאך צוריקקומען.

און זיי האבען איהם אויף דעם בעסטען אייזעל ארויפגעזעצט, אנגעלאדען אלע מתנות, די גאלד־שטיקער און די זיידען־טיכער מיט די פורפור־טיכער, אלע קעשענעס איהם אנגעפילט, אלע עקען איהם בעלעגט, און איצט אין שוין דער נביא ניט ווי פריהער ליידיג און לעער, הונגעריג און דורשטיג, פערלאזט און איינזאם פון שטאדט

מיין טהייערער קנעכט, איז דען נישט געגאנגען פאר דיר? גאט האט דיך אויסגעוועהלט, ישראל.

ביים טויער פון שטאדט האט ער זיך מיט זיי געזעגענט, פער־שפראכען זיי, אז ער וועט צוריקקומען, און זיי זיינען מיט רוהיגע געמיטהער און פרעהליכע הערצער אין שטאדט געגאנגען, און געזאגט איינער צום צווייטען:

— אט דאס הייסט א נביא, דאס איז א נביא פון יהודה.

— א גוטער נביא, א הארציגער נביא.

— א גוט הארץ, — האט א דריטער א ווארט ארייגעווארפען, און זיינען זיך צוגאנגען.

---

רייט זיך אונזער נביא איינער אליין אויפ'ן וועג אנגעלאדען מיט אלעס גוטעס, און טראכט ביי זיך אין הארצען:

— א גוט פאלק ישראל, א אויסערוועהלט פאלק, האט ליעב גאט'ס ווארט, האלט בכבוד גאט'ס נביא.

און דאס אונטערטהעניגע אייזעלע קלאפט מיט די פיסלעך אז די שטיינדלעך, און די גאלד־שטיקער און די זילבער־שטיקער קלאפען פון ביידע זייטען זאטעל.

אין הארץ ביים נביא ווערט עפעס נישט אין גאנצען זיכער; דאס פאריגע מאל געגאנגען, נישט געריטען אויף דעם וועג, א הונגעריגער, א דורשטיגער, אבער עפעס דאך רוהיגער געווען, מעהר צופריעדען מיט זיך. דאס זייניגע אבגעטהאן, געזאגט גאט'ס ווארט, געווארפען אז אימה אויפ'ן מלך און פאלק, און גארנישט דערפאר גענומען.

— וואס האב איך דא געטהאן, — וויל ער זיך אליין פערענט־פערען, — געגעסען און געטרונקען, און גאט האט דאך אליין געזאגט דעם נביא, אז ער זאל מיך צוריקברייגען און עסען מיר געבען, און טרינקען מיר געבען.

— און א גוט פאלק ישראל, א ארענטליך פאלק, האלט זיך אז גאט'ס ווארט, וויל זיך האלטען, נאר האבען א שלעכטען קעניג, דעם ירבעם, גאלדענע קעלבער האט ער זיך געמאכט. און עס וועט קומען א צייט און יהודה'ס א קינד וועט שעכטען דיינע כהנים אויף דיינע מזבחות — און איך וויל דאך...

— שלום האָט מיר גאָט נישט געהייסען צו זאָגען, — טראַכט ער. זיך דערמאָהנענדיג, אַז ער האָט צוגעזאָגט שלום.

— שלום, ניין, אָ, ניין! האָט מיר גאָט נישט געהייסען צו זאָגען, — רעדט ער צו זיך אַליין און גיט אַ שטעק די האַנד אין די רייזע־טאָרבע און שלעפּט אַרויס אַ פּאָר גאָלד־שטיקער.

— און גאָלד־שטיקער האָט מיר גאָט נישט געהייסען נעהמען פאַר מיין נביאות, — זאָגט ער צו זיך. — און איך האָב יאָ גענומען.

— און זיידענע טיכער, און פּורפּור־שטאָף האָט מיר גאָט נישט געהייסען נעהמען פאַר מיינן נביאות, און איך האָב יאָ גענומען.

און דערמאָהנט זיך, ווי ער איז דאָ פריהער געזעסען הינטער דער אלה אַ הונגעריגער, אַ דאָרשטיגער, אַ מיעדער און אַ פערלאָזטער. און ווי גוט עס איז איהם דאָ געווען; אָבגעטהאָן גאָט'ס שליחות, געזאָגט דעם קעניג: דו אַזוינער און אַזוינער — און אַוועק. נישט דיין ברויט, נישט דיין וואַסער.

און יעצט רייט ער דאָ אַ בעלאָדענער מיט גאָלד און זילבער, און זיידען־טוך און פּורפּור־שטאָף, און מיט אַ פּולען מאָגען... און ער האָט געכאַפּט די גאָלד־שטיקער, און די זילבער־שטיקער, און די זיידען־טיכער פון אונטער'ן זאָטעל געריסען, — אויפ'ן וועג פערשפּרייט, און דעם פּורפּור־שטאָף פון זיך געוואָרפען, און געקוקט אויף זיך, און גאָטס וואָרט איז צו שאַנדע געוואָרען...

— נישט בעדאַרפט צוריקצוגעהן, נישט געדאַרפט, רעדט ער צו זיך אַליין.

און ער בעטרויערט זיך אין זיין האַרצען און האָט חרטה אויף זיינע מעשים, און גאָט האָט רחמנות אויף איהם און לאָזט איהם אָבקומען די זינד אויף דער וועלט —

עס געהט אַרויס אַ לייב פון וואַלד און טויט איהם, און דעם אייזעל לאָזט ער לעבען.

שטעהט דער אייזעל אין מיטען וועג, נעבען דעם טויטען קערפּער און ווייסט נישט, וואָס ער האָט צו טהאָן.

געהט אַ מענש פאַרביי און דערזעהט דעם טויטען נביא, קומט ער אין שטאָדט אַריין און דערצעהלט עס.

כאַפּט זיך דער שטאָדט־נביא אויף און שפּאַנט זיך דעם רייט־

וואַגען און פאָהרט אויפ'ן וועג אַרוים און ברענגט איהם אין שטאָדט אַריין.

און ער האָט איהם אַ שעהנע לויה געלאָזט מאַכען און זיין קבר, וואָס ער האָט זיך שוין געהאַט אויסגעהאַקט, איהם אָבגעטרעטען.

און דאָס גאַנצע פאָלק איז נאָך דער מיטה געגאַנגען, און האָט איהם אַ שבח נאָכגעזאָגט:

— אַ גוטער נביא געווען.

— אַ הארציגער מענש.

— אַ גוט הארץ, — האָט אַ דריטער אַריינגעוואָרפען.

און דער שטאָדט־נביא איז נאָך דער מיטה נאָכגעגאַנגען און האָט זיך די הענד געבראָכען און האָט הויך געוויינט אויפ'ן קול:

„און גאָט האָט דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט נישט עסען קיין ברויט און זאָלסט נישט טרינקען קיין וואַסער אויף דעם אָרט, און דו האָסט גאָט נישט געפאָלגט, און האָסט יאָ געגעסען ברויט און האָסט יאָ געטרונקען וואַסער אויף דעם אָרט — האָט דיך גאָט דערפאַר געשטראָפט".

און ביי דער גרוב מאַכט ער מיט טרעהרען אין די אויגען צו זיינע קינדער אַזוי:

„ליעבע קינדער, אַז איך וועל שטאַרבען, בעגראָבט מיך נעבען איהם, אַ ברודער איז ער מיר געווען, אַ געזעלען מיינער"...

---

## ישראל און יהודה.

בן־הדד, דער מלך פון ארם, האָט זיך רייטוועגען געלאָזט מאַכען — און מיט זיי האָט ער געענגסטיגט ישראל און געדריקט יהודה. און שיקט שלוחים צו אַחאַב'ן, דעם מלך פון ישראל אַזוי:

— דיין גאָלד און זילבער איז מיין, דיין ווייב און קינד זיינען מיין.

און אַחאַב ענטפערט איהם אָב:

— מיין גאָלד און זילבער זיינען דיין, מיין ווייב און קינד זיינען דיין.

שיקט ער איהם ווידער שלוחים: גיב מיר דיין גאלד און זילבער, גיב מיר דיינע ווייבער און קינדער.

עקשנ'ט ער זיך איין, דער מלך פון ישראל, און שיקט זיי איהם נישט באלד.

לאזט בן־הדר שפאנען זיינע אייזערנע רייטוועגען. און אוועק אויף ישראל.

גאט איז דאס אבער נישט געפעלען; טאקע אחאב, א שלעכטער מענש, גאלדענע קעלבער זיך געלאזט מאכען — אבער ישראל — פארט ישראל, און בן־הדר פערלאזט זיך צו פיעל אויף זיינע רייטוועגען.

געהט ארויס ישראל אנטקעגען ארם, און צוברעכט איהם, און מאכט א תל פון זיינע רייטוועגען.

נאר בן־הדר לאזט שיקען שלוחים צו אחאב'ן, שלוחים מיט געגאלטע קעפ, צוריסענע קליידער, ווי עס פאסט פאר א אונטערטהעניגען: — דיין קנעכט בן־הדר שיקט צו דיר, לאז מיך לעבען.

האבען די ווערטער געריהרט דאס אידיש הארץ פון אחאב'ן, האט ער איהם געלאזט אבענטפערען:

— מיין ברודער ביזט דו.

האבען זיי שלום געמאכט, א שטאדט אהין, א שטאדט צוריק — און רוהיג געווען צווישען זיי דריי יאהר. בן־הדר האט נישט מעהר געטשעפעט, געהיילט זיך פון ישראל'ס קלעפ און די רייטוועגען זיך געמאכט. אזוי ווי עס שטעהט אלץ בעשריבען איז דער הייליגער שריפט.

---

אחאב האט נאך געהאט אבגעטהאן א מיאוסע מעשה מיט א וויינגארטען (איזבל'ן, זיין ווייב, האט זיך א וויינגארטען פערגלוסט, האט ער געלאזט ניבת'ן דעם בעל־הוויינגארטען אומזיסט הרג'ענען) — געהאט אויפ'ן געוויסען, וואס ער האט אבגעמאכט שלום מיט בן־הדר געגען גאט'ס ווילען — האט ער זיך מיט גאט געוואלט איבערבעטען, געלאזט טהאן א גאטספארכטיגע זאך און מיט דער גאטספארכטיגער שטאדט ירושלים שלום שליסען — האט ער געשיקט שלוחים צו איהר גאטספארכטיגען קעניג, יהושפט, אזוי: „אזוי ווי איך

אזוי ווי דו, מיין פאָלק — דיין פאָלק, מיין פערד — דיין פערד. קום לאָזען מיר שלום מאַכען, און איינעם אויפגעהן אויף ארם־דמשק“.

אַז יהודה האָט געזעהן, וואָס ישראל האָט געטהאָן צו ארם׳ס רייט־ וועגען, איז זיי די זאַך זעהר געפעלען. און אַז די שלוחים פון אחאב זיינען אָנגעקומען קיין ירושלים, צו יהושפט׳ן, און געזאָגט, אַז אחאב וויל מיט זיי שלום מאַכען און אין איינעם מיט זיי אויפגעהן איינ־ נעהמען ארם׳ס גלעד, האָבען זיי זיך געטראַכט: ביי אונז אין דאָרט דאָ חכמה (אין ירושלים זיינען שטענדיג געוועזן חכמים) און ביי ישראל איז דאָ גבורה, ווילען זיי מיט אונז שותפות שליסען, חכמה מיט גבורה.

איז זיי די זאַך זעהר געפעלען.

האָט מען יהושפט׳ן אָנגעטהאָן אין די בגדי־מלכות, נאָך דוד׳ס גאַרטעל פון ליינען, אין וועלכען ער, דוד, האָט געטאַנצט פאַר׳ן ארון. און דוד׳ס שווערד, וועלכען ער האָט אוועקגענומען פון גלית׳ן, דעם פלישתים־העלד. און די קרוין פון שלמה׳ן אויף׳ן קאָפּ, — און אויפ־ געזעצט זיך אויף די אייזלען (אייניקלעך פון די בעריהמטע אייזלען, וואָס די מלכה־שבא האָט מיטגעבראַכט פון איהר לאַנד א מתנה שלמה׳ן) — די טראָמפּייטען האָבען געטראָמפּייטערט, די צימבאַלען האָבען געקלאַפּט, און אַן אייניקעל פון דוד׳ס הויז האָט צום ערשטען מאָל אריינגעטראָפען אין דער שטאָדט, אין וועלכער ירבעם בן נבט האָט זיך בעזעצט, זיין נייע מלוכה איבער די צעהן שבטים, וואָס האָבען זיך אָבגעריסען פון דוד׳ס הויז, צו גרינדען.

מיטגענומען האָט ער מיט זיך די חכמים פון ירושלים און די אַלטע לייט, און די חשובים און די בעלי־מיוחסים, אַלעם שעהנסטע און בעסטע פון יהודה, אויסגעצירט אין די זיידענע העמדער מיט די בלאָהע ברעגען. און די ווייבער האָבען טהייערע שטיינער אויף די ברוסטען אָנגעטהאָן. און די גאָלד־שטיקער מיט די זילבער־שטיקער צווישען די האָהר אראָבגעקלונגען און מיט׳ן גאַנצען פּאַראַד קיין שמרון געצייזט.

און שמרון האָט זיך פאַרגעברייט די בכבוד׳ע געסט מקבל פנים צו זיין. פאַר דעם שטאָדט־טויער די זעקס רייטוועגען, וואָס מען האָט אוועקגענומען פון ארם, אוועקגעשטעלט. און די גבורים פון שמרון מיט די שפּיזען און די פיילענבויגענס אין די הענד פאַר דעם שטאָדט־

טויער אויסגעשטעלט. און ווייבע געזעסן אוים די טהייערע טיכער אויסגעשפרייט פאר די חשובים און פאר די אַלטע. אין מיטען צוויי טראָהנען פאר'ן מלך פון יהודה און פאר דעם מלך פון ישראל.

און אחאב מיט'ן גאַנצען פאָלק איז יהושפט'ן אַנטקעגען געגאַנגען, און מיט גרויס פרייד איהם אין שטאָדט אריינגעפיהרט. די טראָמ־פייטען האָבען געטראָמפּייטערט, די צימבאַלען האָבען געקנאַלט און די טענצער מיט די שפּיעלער האָבען פאָראויסגעטאנצט און געשפּיעלט און די בכבוד'ע געסט פאַר'ן טויער פון שטאָדט אויסגעזועצט.

און ישראל האָט געזעהן שלמה'ס קרוין אויפ'ן קאָפּ פון יהושפט'ן און די גאָלדענע פּאַנצערם פון דוד'ן, און גלית הפלישתי'ס שווערד אין יהושפט'ס הענד, און די חשובים פון ירושלים ארום יהושפט'ן, איז זייער האַרץ געוואָרען דערפרעהט, און אַ גרויסע האָפנונג האָט זיי ארומגענומען. און זיי האָבען זייערע טיכער אין אויל געטונקט און אין פייער געברענט. און זיי האָבען זיך דערמאָהנט אָן דוד'ס צייטען, ווען הינטער איין פאָהן איז גאַנץ ישראל געווען, ווי ער האָט זיי גע־פיהרט געגען עמון און די הערען פון די פלישתים האָבען געקליבען מיט אָבגעהאַקטע פינגער אונטער זיינע טישען, — און די פלאַמען פון די אָנגעצונדענע טיכער האָבען בעלויכטען די טונקעלע שטאָדט־טויערען, וואָס האָבען זיך געשאָטענט אין דעם פארנאַכט־וואָלקען. און די געשרייען האָבען געקנאַלט, ווי זיי וואָלטען אין פייער גע־וואָרפען געוואָרען — אין פייער געברענט. און דאָס גאַנצע פאָלק אין איין קול:

— וועה צו אייך, ווייבער פון ארם, יהושפט'ס שווערד וועט אייערע זכרים, ווי דאָס שנייד־מעסער די זאַנגען, אויסשניידען. וועה צו דיר ארם־דמשק, דיין ברומען וועט געשטילט ווערען דורך אחאב'ס פיילענבויגען.

און נביאים זיינען דאָרט געווען. איינער פון זיי, צדקיהו בן כנענה האָט ער געהייסען. אַ גרויסער ליעבהאָבער פון שלום. דורך דעם האָבען איהם אַלע פאר אַ גוטען מענשען געהאַלטען. האָט ער זיך געמאַכט אייזערנע הערנער און פאר די קעניגען געקומען און פאַר'ן קהל זיך געשטעלט, און געוויזען: „אָט מיט דעם וועט איהר צו־ברעכען ארם“.

זיי — די קעניגען מיט דעם פאלק — איז זיין נביאות זעהר גע־פעלען, — האבען זיי געזאגט איינער צום צווייטען:

— צו א גוטען מענשען קומט שטענדיג א גוט נביאות.

האט ער זיך אין א זיים געשטעלט. האט מען איהם א בכבוד ארט אבגעגעבען און איז זעהר אן אנגעזעהענער מענש געווארען. אלע האבען געקוקט אויף איהם, האבען זיך געטראכט: א גליקלי־כער מענש! גאט האט זיך צו איהם בעוויזען אין א גליקליכער מינוט.

---

און נאך איינער איז דארט אנגעקומען, א פעלד־אייזען האט ער געהאט אין דער האנד. די אקסען, זאגט ער, האט ער אויפ'ן פעלד געלאזט. און מיט דעם — זאגט ער, ווייזענדיג אויפ'ן אייזען — וועט איהם ארם איינגעהמען.

איז זיין נביאות אויך זעהר שוין געפעלען. און מען האט איהם פארבייגעפיהרט פאר'ן קעניג'ס טיש — האט מען איהם אויך זעהר שעהן מיט'ן קאפ צוגעשאקעלט.

האט מען דארט אלע נביאים — פיער הונדערט מאן זיינען זיי געווען — מיט הארנס, אקערס און טעפ — ארום טישען געזעצט, דאס גאנצע פאלק האט געקוקט אויף זיי, האט זיך געפרעהט מיט זיי, האבען געזאגט איינער צום צווייטען:

— דאס איז דיין שטאלץ, ישראל, דאס איז דיין שטארקייט, יהודה.

און די קעניגען זיינען דארט געזעסען, דער קעניג פון יהודה און דער קעניג פון ישראל מיט די קרוינען אויף די קעפ, מיט די שווער־דען אין די הענד און די גאלדענע פאנצערס (פון דוד'ס פאנצערס נאך), אויף זייערע ברוסטען, און דאס פאלק, מאן און ווייב און קינד, האט געקוקט אויף זיי, געפרעהט זיך מיט זיי, געזאגט איינער צום צווייטען:

דאס איז דיין רוהם, ישראל, דאס איז דיין גרויסקייט, יהודה.

און די גבורים פון ישראל און די בחורים פון יהודה זיינען דארט געווען אויסגעשטעלט, צוועלף טויזענד מאן צו פוס און פיער טויזענד צו פערד. די פיילענבויגענס אין די הענד, די פאנצערס

איבער די ברוסטען, מאן אין מאן, יעדער פון זיי האט געקענט ווארפען פון בויגען און הויבען דאס שווערד. און די זעקס רייטוועגען, אוועק־גענומענע פון ארם, פאר זיי אויסגעשטעלט, און דאס פאלק, מאן, ווייב און קינד, האט געקוקט אויף זיי און געפרעהט זיך מיט זיי:

— דאס איז דיין מאכט, ישראל, דאס איז דיין שטארקהייט, יהודה.

און דער קעניג פון יהודה קוקט אויף די נביאים און ווענדעט זיך אין דער שטיל צו זיין חבר, דעם מלך פון ישראל:

— הערר פון ישראל, דאס איז שוין א לע נביאים דא, וואס זיצען דא מיט אייך? קיינער ניט?

אחאב גיט א וואונק, עס דערנעהענטערט זיך א פעלדמארשאל.

—אלע נביאים זיינען דא, וואס געפינען זיך אין מיין מלוכה?

דער פעלדמארשאל קוקט זיך אום צום טיש פון די נביאים, ווי זיי זיצען אלע אויף זייערע בכבוד'ע פלעצער, און זאגט:

— אלע נביאים, מלך, אחוץ דעם... דער, וואס...

— דער מיכיהו, א שלעכטער יונג, — זאגט דער קעניג פון ישראל.

— ביי נביאים קען מען דאס קיינמאל נישט וויסען, הוד מלכות, — זאגט דער מלך פון יהודה.

— אין דעם מלך'ס וועג געהט ער נישט, פון דעם מלך'ס טיש עסט ער נישט, א קריגערישער, מיט די נביאים רייסט ער זיך ארום. עס לוינט זיך נישט, מלך פון יהודה... עס לוינט זיך נישט, — זאגט דער מלך פון ישראל.

— ביי נביאים קען מען עס קיינמאל נישט וויסען, הוד מלכות, — חזר'ט איבער זיינע רייד דער מלך פון יהודה.

— שמעוני — גיט דער קעניג א וואונק אויף א הויף־נביא'לע.

— וואס ווינשט דו, זיעגער? — פרעגט דער אהינגעאיילטער נביא.

— דער מלך פון יהודה ווינשט אויך צו הערען די נביאות פון מיכיהו בן ילמה.

— ע, ע... — פערקרימט זיך שמעוני — א שלעכטער יונג. קיין גוט ווארט פון זיין מויל. שוין דרייסיג טעג נישט געוועזן ביים קעניג'ס טיש. זיינע ברידער, די נביאים, פערשעהמט ער, טראגט זיך ארום, גאט ווייסט מיט וועמען, אין וועלדער, אין פעלדער, מיט

ראָבען, מיט חיות, גאָט ווייסט מיט וועמען. (שטילער) קיין איין וואָרט „שלום" נישט געזאָגט, נישט איבער'ן מלך, נישט איבער ישראל און איבער „איזבל", דיין ווייב, גאָט, פאָטער!

— ביי נביאים קאָן מען עס קיינמאָל נישט וויסען, הוד מלכות, — חזר'ט איבער דער מלך פון יהודה צום דריטען מאָל זיינע רייד.

— זאָל מען איהם אויפזוכען! — בעפעהלט אחאב, דער מלך פון ישראל.

זיינען געגאַנגען נאָך איהם שמעוני מיט צוויי דיענער. די וויי־בער, וואָס זיינען די לעצטע צייט פון לאַנד אין שטאָדט געקומען, האבען דערצעהלט, אז ביים שטאָדט־וואַלד, וואָס איז נאָכ'ן בארג, שטעהט א מענש, זיין אויסזעהן איז ווי פון די נביאים. א זיידען העמדעל געהט ער אָנגעטהאָן, זיינע האָהר זיינען לאַנג געוואַקסען, ראָבען האַלט ער אין די הענד, אויפ'ן קאָפּ, אויף זיינע געלאָקטע האָהר איז אַש ארויפגעשאָטען. און ער זאָגט צו די פאַרבייגעהענדע: „געהט צו אחאב'ן און זאָגט איהם — שיק נאָך די קעניגען פון יהודה און וואַרף מיט איהם גורל איבער ארם־דמשק. אויף גלייך זאָלען זיי די חלקים צוטהיילען, איינער זאָל דעם צווייטען נישט נארען. און איך האָב דאָך שוין אָנגעזאָגט די הינד פון שמרון, אז זיי זאָלען זייערע צינגער טריקענען, און זייערע נעזער אויסציהען צום שמעקען אחאב'ס בלוט".

האָבען זיי פערשטאַנען, אז ער האַלט זיך אויף אין דעם וואַלד, זיינען זיי אַהין געגאַנגען איהם דאָרט זוכען.

נאָך צוויי טעג זוכען האָבען זיי איהם געפונען. פערשטעקט איז ער געווען אין א פערוווירטען געביש פון טרוקענע צווייגען, האָט ער זיך דאָרט ביי א קוואַל וואַסער א נעסט געפלאָכטען. א פער־ווילדעטער פייגענבוים איז אויך דאָרט געווען, וואָס פון זיינע פרוכטען האָט ער געגעסען. אוים טרוקענע הערבסט־בלעטער האָט ער זיך א געלעגער צווישען די בוימער אויסגעבעט און זיך דאָרט געוואָהנט. אין שכנות מיט איהם, אין פערוויקעלטע צווייגען פון א געזונדען דעמב, האָבען זיך ראָבען א נעסט געמאַכט. ער האָט זיך מיט זיינע שכנים גאַנץ גוט פערהאַלטען, האָט זיי דיענסט געלייסטעט. אויפ'ן ווינטער האָט ער זיי געהאָלפען זייערע נעסטען פעררייכטען. די אייער־לעך זייערע האָט ער טיעפער אין שטרוי און בלעטער איינגעזעצט.

און ווען די עלטערען זיינען אוועק שפייז זוכען, האָט ער די יונגע ראָבען אָבגעהיט. אין נאָהענטסטען פעלד געגאַנגען, שאַרנלעך גע־קליבען און זיי אין נעסט געבראַכט. און די ראָבען זיינען שוין צו איהם געוואָרען אַזוי צוגעוועהנט, אַז זיי האָבען איהם פאַר אַ גאַנצען זייערינגען געהאַלטען, אַראָבגעגעסען פון זיינע הענד, פון זיינע הענד די קעפּעלעך אויסגעשטרעקט צום וואַסער־קוואַל וואַסער טרינקען. אַזוי האָט פערגעסען דער געטליכער מאַן זיין ווירדע, און דאָס בכבוד׳ע אָרט, וואָס ער פערנעהמט צווישען די נביאים פון ישראל און איז אומגעגאַנגען מיט נישט זיין גלייכען.

בעמערקען זיי איהם צווישען דעם צווייגען־געוועלב, וואו ער ליגט אין זיין נעסט און שפּיעלט זיך מיט די יונגע ראָבען, וואָס די מר־טערס האָבען זיי איהם אָנפערטרויט. בעטראַכטען זיי איהם אַ ביסעל צוערשט פון דער ווייטען, בעדויערען איהם און שאָקלען אויף איהם מיט די קעפּ. און שמעוני ברעכט זיך די הענד: „מיכיהו, מיכיהו, וואָס איז פון דיר געוואָרען?“ נאָר לאַנג צו בעדויערען איהם האָבען זיי, ליידער, קיין צייט נישט געהאַט, וואָרים דעם קעניגס געבאָט איז געווען איילינג.

רופען זיי איהם:

— מיכיהו, מיכיהו! ביזט גערופען געוואָרען צום קעניג.

פרעגט ער זיי פון דערווייטענס:

— וואָס איז היינט מעהר פון אַן אַנדערס מאָל?

— ישראל מיט יהודה האָבען שלום געמאַכט און געהען ביידע אויף רמת־גלעד.

קלינגט אָב מיכיהו׳ס קול צווישען די בוימער פון וואַלד:

— און וואָס ווילען זיי פון מיר?

— זיי ווילען הערען פון דיר גאָט׳ס וואָרט.

האָט ער זיך אויפגעהויבען און איז געגאַנגען מיט זיי.

זיינען זיי אַרויסגעקומען אויפ׳ן מלך־וועג, האָט די זון געשיינט צווישען די בלעטערדיגע צווייגען פון די בוימער, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען אויפ׳ן וועג. און די ווייסע מויערען פון אַ חורבה, וואָס איז דאָרט געווען אויף אַ באַרג אין מיטען פעלד, האָבען זיך אויך געשיינט. נאָר די גרינע פעלדער האָבען זיך געטונקעלט, וואָרים זיי האָבען ערשט אָנגעהויבען אויסצוציהען דאָס גרינס פון זיך, און דער

קוואל וואסער, וואס איז דאָרט געווען נעבען בארג, האָט זיך אויך גע־טונקעלט. נור דאָ און דאָרט האָבען זיך איבער איהם די וואסער־שפּיגלען געגלאַנצט געגענאיבער דער זון, ווארים עס איז געווען אָנ־הויב פריהלינג, ערשט וואס דער שנעע איז צוגאנגען. און זיי זיינען נעגאנגען אויפ׳ן וועג און האָבען געשוויגען.

נור שמעוני האָט זיך אייניגע מאָל אָנגערופען:

— מיכיהו, מיכיהו! און האָט זיך אַלץ נישט צוזאמענגענומען איהם צו זאָגען.

און מיכיהו האָט דעם קאָפּ געבויגען צו דער ערד און געשוויגען.

און צום סוף האָט שמעוני געזאָגט:

— מיכיהו, זעה, דאָס גאנצע פאָלק איז אין טויער און די קע־ניגען אין זייערע קרוינען. זאָג א גוט וואָרט.

מיכיהו האָט געשוויגען.

איין מינוט האָט זיך נאָך שמעוני איינגעהאַלטען.

— מיינסט, אז שטענדיג מוז מען זיין א קרומער האַקען? מיר זיינען דאָך אַזעלכע נביאים, ווי דו. דאָס גאנצע פאָלק אין טויער פרעגט צו גאָט, פאָרשט צו גאָט.

ער שווייגט.

— און א מלחמה־מצוה אויף ארם. גאָט האָט אַליין געהייסען, געווען ביי צדקיה בן כנענה, געווען ביי ימלה בן גדעון, ביי דעם, ביי יענעם, און אַלץ איז שוין גרייט... די רייטווענען געשפּאנט, דאָס חיל גרייט, נור דו אַליין מוזט זאָגען: נישט, הא?

— פון וואנען ווייסט דו, אז איך וועל זאָגען נישט? — רופט זיך אָב מיכיהו צום סוף.

— אַזוי, ווער א מענש, און לאָז איינמאָל נעהמען א סוף. גענוג זיך שוין ארומגעקריגט, לאָז שוין זיין שלום.

און ער האָט זיך דעריבער געריבען די הענד:

— א שעהן וועטער היינט, הא? און באַלד דערויף:

— ווייסט וואס, מאך דיר א ערדענעם טאָפּ און וואַרף איהם פאַר די מלכים אין דער ערד און וויין זיי, אַזוי וועלען זיי צוברעכען ארם, ווארים דאָס משל מיט די אייזערנע הערנער האָט שוין צדקיה גע־מאַכט.

און פאר׳ן אריינקומען:

— מען דאַרף דאָך דיר אַ מלבוש שאַפן, אין אזא הולך קאַנסטו דאָך פאַר די מלכים נישט קומען.

אזוי זיינען זיי אין שטאָדט אריינגעקומע

---

האָט מען מיט'ן שופר געבלאָזן און דאָס גאַנצע פאָלק איז אין שטאָדט־טויער צוזאַמענגעקומען. מען האָט די טראָהנען אויפגעשטעלט, די מלכים אין זייערע קרוינען, אין זייער כלי־זיין פאַר'ן פאָלק געזעצט. די נביאים האָבען זיך פאַר די מלכים געשטעלט. און דאָס גאַנצע חיל האָט מען צוזאַמענגערופען און די פערד צו די רייטוועגען געשפּאַנט. און די קעמלען מיט די מויל־טיערען און די אייזלען געלאָדען מיט רויב־זעק. און דוד'ס גאָלדענע פאַנצערם האָבען זיך אין דער זון געלויכטען, און די שפּיזען־וואַרפערס מיט די פיילענבויגענס. די טראָמפּייטען שאַלען אין די זון אריין. און די ווייבער האָבען זייערע קינדער אויף די הענד גענומען און זיינען זייערע מענער בעגלייטען געגאַנגען אין דער מלחמה אריין.

האָט מען מיכיהו בן שמעוני פאַר די מלכים געפיהרט אין זיין ווילדען וואַלד־קלייד. בלעטער האָבען זיך נאָך אין זיינע האָאר אויפגעהאַלטען און זיין באָרד איז פערווירט געוואָרען מיט די וואַלדשטעכערס. און דאָס גאַנצע פאָלק האָט די קעפּ געהויבען, געקוקט איינער איבער'ן צווייטענס קאָפּ, איהם אָנגעקוקט, זיין נביאות צו הערען.

און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געשוויגען, געהאָרכט אויף איהם.

זעה, דעם טאָפּ, וואָס שמעוני האָט געזאָגט, האַלט ער נישט אין זיין האַנד.

און צדקיה בן כנענה שטעלט זיך פאַר איהם מיט די אייזערנע הערנער, וואָס ער האָט זיך געמאַכט, און קוקט איהם אָן.

און דער מלך יהושפט זאָגט צו איהם:

— ווי איז געווען גאָט'ס וואָרט צו דיר?

— געה אויף צו יהושפט מלך יהודה און צו אחאב מלך ישראל, זיי זיצען אין דעם שטאָדט־טויער פון שמרון, און זאָג זיי: געהט אויף רמת־גלעד. איך וועל אָרם איבערגעבען אין זייערע הענד.

— שלום! — האָט דאָס פאָלק אויסגעשריען אין איין קול.

און צדקיה קוקט איהם אָן פון דער הויך מיט דעם האָרן אין דער האַנד:

— הע, נישט ליגען געזאָגט.

— ניין, נישט ליגען געזאָגט. דאָס קול איז געווען צו דיר — ווי עס איז געווען צו דיינע חברים — צו פערפיהרען דאָס פאָלק, וואָס שטעהט דאָ ארום, ווי פערבלאָנדזשעטע שעפּעלעך אין פעלד איבער די בערג, וואָס האָבען קיין פּאַסטוכער נישט

— וואָס האָט ער געזאָגט? — פרעגט דער מלך פון יהודה.

— און איך בעט מיך ביי מיין גאָט, פאַרוואָס פערפיהרסט דו זיינע פּאַסטוכער, — און גאָט ענטפערט מיר: נישט זיי זיי־נען די פּאַסטוכער פון מיין פאָלק! — שרייט אויס דער נביא, ווייזענדיג אויף די מלכים.

— האָב איך דיר דען באַלד נישט געזאָגט, אַז מיט איהם איז נישט גוט צו האָבען צו טהאָן, אַז קיין איינציג גוט וואָרט וועט פון זיין מויל נישט ארויס?

— און איך זעה, ווי גאָט זיצט אויף זיין שטוהל, און די מלאכים אַרום, לינקס און רעכטס, און מען פרעגט זיך: ווער וועט אָנריידען אחאב, אַז ער זאָל געהן אויף רמת־גלעד? דער זאָגט אַזוי און יע־נער אַזוי. און עס געהט ארויס דער שטן און זאָגט: איך וועל עס טהאָן! און גאָט פרעגט איהם: מיט וואָס? און ער׳ ענטפערט: איך וועל פאַלשע נביאות אין זייערע מיילער לעגען. איך וועל זיי צו אחאב שיקען מיט אייזערנע הערנער, מיט אַקערס און שנייד־מע־סערס. איך וועל זיי פאַלשע בילדער ווייזען און וועל זיי פאַלשע ווער־טער געבען. און גאָט זאָגט צו איהם: געה און טהו עס!

— הייסט עס, אַז דו ביזט דער אמת׳ער, אַז דו האָסט דאָס אַלץ געזעהן, געהערט און ווייסט, הא? נור מיר זיינען פערפיהרטע נאַ־ראָנים פון שטן און דו ביזט פון גאָט? אוי, אוי, דו ליגנער, דו עוכר ישראל. טאָמער האָבען אידען שלום געמאַכט, קאָנסטו עס נישט ליי־דען, הע. טאָמער וועלען אידען רמת־גלעד איינגעהמען, ווילסט דו עס נישט, הע? — קוקט איהם אָן צדקיהו.

און אחאב גיט אַ וואונק צום שטאָדט־היטער, ווייזט אויף מיכיהו׳ן און זאָגט:

— נעהם דעם און האלט איהם אין שטאָדט־גרוב, גיב איהם ברויט, גיב איהם וואסער, ביז מיר וועלען בשלום אהיים קומען.

און זיי האָבען איהם גענומען, די הענד געבונדען און אין שטאָדט־גרוב אריינגעוואָרפען.

און די שופרות האָבען געבלאָזען און דאָס פאָלק האָט צו מלחמה אויסגעצויגען. אין די שטעדט זיינען נור איבערגעבליבען אַלטע, ווייבער און קינדער, די שטאָדט צו היטען.

---

נאָך אַ פּאָר וואָכען זיינען פון דער מלחמה די ערשטע אַנטלאָפענע אין שטאָדט אריינגעקומען. בעהאַלטענערהייד האָבען זיי זיך אין שטאָדט אריינגעכאַפּט, די זייעריגע אויפגעזוכט און אין די געצעלטען זיך בעהאַלטען. ערשט אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבען די שכנים זיך דערוואוסט פון זיי און זיינען צולויפען געקומען אויספרעגען אויף די זייעריגע. וואָס אַ טאָג זיינען אַלץ מעהר פון די מלחמה־אַנטלאָפענע אָנגעקומען. ערשט אין אַ שעהנעם טאָג יהושפט דער מלך פון יהודה אויף אַ צובראָכענעם רייטוואָגען מיט אַ רעשט פאָלק, אָהן מלחמה־כלי־זיין, אָהן פערד, זיינען זיי שטילערהייד, ווי גנבים, אין שטאָדט אריינגעקומען.

באַלד זיינען די שטאָדט־ווייבער געקומען צו לויפען, די זייעריגע נישט דערזעהען, איז אַ גרויס געוויין געוואָרען. און דאָס קול פון די אלמנות מיט די קינדער־יתומים האָט דאָס הארץ געשניטען און צום הימעל אויפגעגאַנגען. און די ווייבער, וואָס זייערע מענער האָבען זיך יאָ אומגעקעהרט, האָבען זייערע מענער אין די געצעלטען בעהאַלטען — ווארים די שטאָדט איז פול געוועזען מיט אלמנות און קיין מענער זיינען נישט געוועזען. און די קינדער זיינען נאָך קליין געוועזען. האָבען זיך אָנגעכאַפּט זיעבען ווייבער אַן איין מאַנספּערזאָן און האָבען געזאָגט: „אונזער ברויט וועלען מיר עסען, אונזער וואסער וועלען מיר טרינקען, אַבי זאָל נור דיין נאָמען אויף אונז גערופען ווערען“.

און מיכיהו האָט דערהערט אין דער גרוב דאָס געוויין פון די ווייבער און די קינדער — האָט ער זיך איבער'ן ראַנד פון גרוב געוויזען און געשריען הויך צום קעניג:

— האָב איך אייך דען נישט באַלד געזאָגט — פעהפיהרט נישט דאָס...

נור יהושפט, דער מלך פון יהודה, האט איהם נישט געלאזט רייד־
דען און האט געזאגט צו יואש, דעם מלך אחאב'ס זוהן, וועלכענס
פאטער איז אין דער מלחמה געבליבען; דעם לאז לויפען — דאס איז
א קרומער האקען.

האבען זיי מיכיהו'ן פון גרוב ארויסגעלאזט — האט ער זיך גע־
נומען און איז צוריק אין וואלד געגאנגען צו זיינע שכנים, די ראבעג
וועלכע האבען נישט געוואוסט, וואו ער איז אהינגעקומען דורך די
גאנצע צייט.

# די שטאָדט שכם.

טיעף איינגעגראבען צווישען צוויי הויכע בערג, צווישען דעם בארג פון ברכה און בארג פון קללה, ליעגט אונזער ערשטע אלטע „רעזידענץ"־שטאָדט — שכם. נישט בחנם הייסט די שטאָדט „שכם" (רוקען), ווארום אז מען קוקט אראב פון די בערג אין דער שטאָדט אריין, זעהט זי טאקע אויס, ווי א רוקען פון א סקארעבע, וואס קריכט צווישען צוויי ריעזען־בערג. דער וועג פון עין־גנים צו איהר פיהרט איבער בערגלאך, וואס הויבען זיך אויף איינס אויף דאס צווייטע, און קייקלען זיך אזוי ארויף ביז צו די הויכע בערג פון גריזים און עיבל. די בערגלאך זיינען בעזעצט מיט הונדערט־יעהריגע איילבירטען־וועלד־לאך. דער וועג איז אויך גענוג בעלעבט און מיר האבען אנגעטראפען גאנצע קאראוואנען פון קעמלען, וועלכע ציהען איבער דעם וועג, און פיהרען איבער אויל און זייף פון דער האנדעלס־שטאָדט שכם קיין דמשק.

פיעלע רוסישע פויערן, גאנצע מחנות פילגער, צופוס־געהענדע און מיט וואגען פאהרענדע, האבען דורך דעם וועג אדורכגעצויגען פון ירושלים קיין נצרת. שכם אליין ליגט ארומגערינגעלט פון פעטע גרינע פעלדער, גוט בעארבייט. אין מיטען די פעלדער פאר דער שטאָדט האבען מיר אנגעטראפען דעם גרויסען קוואל וואסער, נעבען וועלכען עס זיינען געשטאנען די וועשערינס און האבען זייערע וועש געוואשען. דער קוואל וואסער, דאס איז געווען דער שטאלץ פון שטאָדט, און צו־ליב איהם האבען אודאי אונזערע אבות זיך בעזעצט אין דער שטאָדט און זי איז געווארען דער מיטעל־פונקט פון ארץ־ישראל. ווארים שכם מיט איהרע גרינע פעלדער, מיט איהר קוואל וואסער זעהט טאקע

אוים צווישען די נאקעטע גרויע שטיינערדיגע בערג, ווי א אָאזיס אין מדבר.

איידער דוד האט איינגענומען ירושלים און געמאכט אויס איהר די הייליגע שטאָדט, איז דער מיטעל־פּונקט פון ארץ־ישראל ביי אידען געווען שכם. שכם האָט געמוזט אין דער טראדיציע שפּילען א גרויסע ראָ־לע. שוין אברהם האָט זיך דאָ צום ערשט בעזעצט, ווען ער איז אין לאנד כנען אריינגעקומען. און אונזער טאטע יעקב, ווען ער איז צוריק געקומען פון לבנון און פאר זיך אליין געמאכט א הויז, האָט ער זיך דאס הויז געגרינדעט אין שכם, דא האט פּאסירט די מיאוסע גע־שיכטע מיט אונזער מוהמע דינה, וועלכע איז געווען א נייגעריגע און געוואָלט זעהן „די טעכטער פון לאנד", האָט זי בעגעגענט דער זוהן פון חמור — שכם, דער קרוין־פּרינץ פון שכם. און וואס דערנאָך האבען זיך פאר איהר אזוי בלוטיג אבגערעכענט אנזערע צוויי פעטערס שמעון און לוי, מיט די פיילענבויגענס, פאר דער מוהמעס שאנד. און עס דוכט זיך, אז ביז היינטיגען טאג קענען אונז נאך די שכמ'ער נישט פערגעסען דאס בלוטיגע געשלעג, ווארום ביז'ן היינטיגען טאג וואוינט נישט אין דער פערהעלטניסמעסיג גרויסער שטאָדט קיין איין איד. און ווען אונזער וואגען איז קיין שכם אריינגעפאהרען, האבען די שכמ'ער געוואָרפען אויף אונז בייזע בליקען, און נאָך גוט, וואָס מיר האבען אָ אידישען „שומר", א „דוד", פון מרחביה מיטגענומען, אז ער זאל אונז בעשיצען. אין שכם האט אונז געהייסען משה רבינו שטעהן ביי די פיס פון די צוויי בערג, הר גריזים און הר עיבל, און פון גריזים אויסהערען די ברכות און פון עיבל — די קללות. און טאקע דא האט יהושע צוזאַמענגערופען דאָס פאָלק, דערנאָך ווען זיי האָבען דאָס לאנד איינגענומען און אויפגעשטעלט דעם געדענקנים־שטיין. און קוים האט זיך נאר דאס פאלק מיט ירבעם בן נבט אין דער שפּיץ אָב־געריסען פון דוד'ס הויז, איז דער פּראטעסט געגען ירושלים געווען שכם' און צוליעב דעם טאקע קענען עס אונז ביז'ן היינטיגען טאָג אונ־זערע שטיף־ברידער די שומרונים ניט מוחל זיין, וואָס מיר האָבען זיך געלאזט פערפיהרען פון דוד'ן און געגרינדעט א נייע רעזידענץ־שטאָדט, א ירושלים, וואס מיר האבען זיך געלאזט איבעררעדען פון די נביאים ישעיהו, אדער ירמיה, אז ירושלים איז און וועט זיין די שטאָדט,

וועלכע גאָט האָט אויסגעקליבען, אַז זייער בית־המקדש זאָל דאָרט שטעהן.

וואָרום די אמת'ע היילינע שטאָדט, זאָגען זיי, איז שכם, און דאָס אמת'ע בית־המקדש איז גאַרנישט חרוב געוואָרען און שטעהט נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג אויפ'ן הר גריזים, אין וועלכען זיי ברענגען יעדעס יאָהר דעם קרבן־פסח, און אַז משיח וועט קומען, וועט ער צוזאַמענרופען און צונויפפיהרען די אידען נישט קיין ירושלים, נאָר קיין שכם, אויף דעם באַרג גריזים.

וואָרום קוים איז מען אין שכם און מען רעדט זיך פאַנאַנדער מיט די שומרונים — האַלטען מיר נאָך אין אנפאַנג. עס האָט זיך דורך דער גאַנצער צייט גאַרנישט געענדערט און מיר לעבען נאָך אין קריעג צווישען יהודה און ישראל, צווישען ירושלים און שומרון. מיר האַלטען נאָך אין יענע צייטען, ווען דער מלך יהודה איז אַרויס מלחמה האַלטען מיט'ן מלך ישראל, דער מלך יהודה האָט זיך פערלאָזט אויף גאָט, און אויפ'ן נביא'ס רייד, און דער מלך ישראל האָט אָב־געדונגען די „אייזערנע רייטוועגען" פון מלך מואב. מיר האַלטען נאָך אין יענע גוטע צייטען, ווען די שומרונים קומען אונז שטערען די מויערען אַרום ירושלים אויפצושטעלען און מיר מיט איין האַנד לעגען מיר די שטיינער אויף די מויער און אין דער צווייטער האַנד האַלטען מיר דאָס שווערד און וועהרען זיך געגען זיי. מיר האַלטען נאָך אין יענע צייטען, ווען די שומרונים לאָזען ניט די גליל'ער קיין ירושלים געהן עולה־רגל זיין און געהען אַרויס אויף די וועגען בעפאַלען זיי. וואָרים דער כהן גדול פון די שומרונים, ר' יעקב, מיט זיינע צוויי שוועסטערן־קינדער, קוקען אויך אויף אונז בייז, וואָס מיר פאָהרען קיין ירושלים עולה־רגל זיין. און דער זוהן פון כהן־גדול, זיין ממלא־מקום, זאָגט אונז נאָך מוסר, רעדט אונז אָב מיר זאָלען נישט געהן קיין ירושלים, וואָס איז דאָך גאַרנישט קיין אידישע שטאָדט, און ווערט פון משה רבינו קיין איין מאָל נישט דערמאָהנט, נאָר מיר זאָלען בלייבען אין שכם, און אויפ־געהן צום בית־המקדש, וואָס שטעהט אויפ'ן הר גריזים.

געבליבען זיינען אין גאַנצען פון די שומרונים ביז אַ הונדערט און זעכציג נפשות, וואָס וואוינען אַלע צוזאַמען ווי איין משפחה, אַרום דעם הויף פון כהן־גדול. אַ העלפט פון זיי האָבען ווייבער, נאָר די מעהרסטע פון זיי האָבען נישט קיין חתונה, ווייל עס פעהלט זיי

אוים כלות. א שומרני ווארט אויף א ווייב א דרייסיג־פערציג יאהר ביז זי ווערט ערוואקסען, ד. ה. אלט צעהן, צוועלף יאהר, רייף חתונה צו האבען, און ער האט אנגעזאמעלט א צוואנציג, דרייסיג נאפאלעאן (שוואנציג־פראנקען שטיק), אז ער זאל זיך קענען קויפען. די מיידלאך ציהען זיך אלע אויף אינאיינעם אין הויף פון כהן־גדול, א זיעבען, אכט מיידלאך פון דריי ביז א צעהן יאהר אלט, דרעהען זיך ארום אין הויף און מען זעהט, ווי אלע שומרונים, וואס וואוינען ארום דעם הויף גיבען אכטונג אויף זיי, אז זיי זאלען גוט געדייען, און קוקען אויף זיי, ווי זיי וואלטען געווען א נאציאנאל־אייגענטהום... נישט איין שומרוני, א מאן פון עטליכע און דרייסיג יאהר, וואס ווערט אויפגעצעהרט פון די ווארימער מזרח'שער זון, קומט צו געהן צום הויף פון כהן־גדול און קוקט אריין דורך די גראטעס, ווי די כלות פאשען זיך, ווי די גענז, און קוקט אויף זיין צוקונפטיגע, וועלכע איז שוין אלט א פיער יאהר, צי זי איז דורך דער נאכט עפעס צוגעוואקסען...ווארים די שומרונים קויפען זיך די כלות ביי זייערע עלטערען איידער זיי ווערען נאך געבוירען.... זיי בעשטעלען די כלות ביי זייערע עלטערען... און, אז עס ווערט געבוירען ביי וועמען א מיידעל, איז עס א נאציאנאלער יום־טוב. אזא הונגער איז אויף ווייבער אין שכם ביי די שומרונים

דורך א שמאלען פינסטערען קארידאר, וואס ציהט זיך דורך, ווי א לאנגער קעלער, איבער דער שטאדט פון שכם, זיינען מיר אנגעקומען אין חויף פון די שומרונים. דעם כהן־גדול האבען מיר נישט געטראפען אין דער היים, ער איז געווען אויף א זיצונג פון א וואהל־פערזאמלונג, וואס שכם האט צוזאמענגערופען, אויסצוקלייבען א דעפוטאט אין פארלאמענט אריין קיין קאנסטאנטינאפאל (ווי מאדנע דאס קלינגט פאר שכם). געטראפען האבען מיר אין דערהיים זיינעם א זוהן, א בחור פון עטליכע און דרייסיג יאהר, מיט א בלייך אויסגעפייניגט געזיכט, פערצעהרט פון דעם הייסען קלימאט, און פון אונערפילטע פערלאנגען, אז עס איז געווען א רחמנות צו קוקען דערויף. דער בחור איז דער ממלא־מקום פון כהן־גדול, דער געלערנטער ביי זיי. ער שרייבט שוין אליין איבער די תורה, אין דעם אלטען אידישען כתב, זייערע געבעט־ביכער, ווארום די שומרונים ווייסען גאר נישט פון דרוק ביז'ן היינטיגען טאג. מיט איהם איז געווען זיינס א שוועסטער־קינד, וואס האט געהאט דאס גליק פאר א פאר טעג צוריק א ווייב צו

קריגען. מען האָט עס אַן איהם אָנגעזעהן, אַז ער האָט חתונה געהאַט. די פרייד האָט פון איהם אַרויסגעשטראַהלט, און דער יונגערמאַן מיט זיין צעוואַרעמטען טעמפעראַמענט האָט זיך געכאַפּט פאַר אונז, אונז צו אַגיטירען פאַר שכם מיט'ן הר גריזים, אויף אַ לשון־קודש, וואָס איז קוים געווען צו פערשטעהן. דער צווייטער בחור, דער ממלא־מקום, האָט געקוקט אויף דעם יונגען מאַן מיט גרויס קנאה, און ער האָט אַלע מאָל געוויזען אויף דעם חתונה־געהאַטען און געזאָגט מיט אַ קרעכץ און קנאה די ווערטער: „הוא בנה בית". — דער ממלא־מקום האָט אויך שוין אַ כלה, ער האָט זי אונז געוויזען, אַ מיידעל פון פינף יאהר, נאָר ער וואַרט ביז ער וועט זיך אָנזאַמלען „מוהר". עס הייסט, ער וועט האָבען זיינע פינף און צוואַנציג נאַפּאָלעאָן. פּופּצעהן האָט ער שוין, און איצט וויל ער אונז פערקויפען אַ געשריבענעם חומש — פאַר אַ פינף און צוואַנציגסטעל ווייב. מיר האָבען איהם צוגעזאָגט דאָס „פינף און צוואַנציגסטעל ווייב", נאָר ער זאָל אונז ווייזען זייער שוהל, מיט דער ריכטיגער ספר־תורה און אַרויפפיהרען אויפ'ן הר־גריזים, ווייזען זייער „בית־המקדש" מיט'ן מזבח.

דאָס שוהלכעל איז זעהר אַן אָרימעס, אַן אַלט ספר תורה, געשריבען אויף שוואַרצען אַלטען פּאַרמעט, פערפלעקט און צוריסען. אין דעם אַלטען אידישען כתב. פון כתבי־קודש האָבען זיי נאָר דעם ספר יהושע, עטוואָס פון אַן אַנדערען נוסח פון אונזערען. אויך אַ דברי־הימים פון די מלכי ישראל, (פון די איבעריגע ספרים פון תנ"ך, פון די נביאים — האַלטען זיי נישט, און רעדען וועגען זיי מיט אַ געוויסער שנאה), וועלכער ד"ר גאַסטער, דער לאָנדאָנער רב, (וועגען וועלכען איבריגענס די שומרונים דערצעהלען וועגען זיין בעזוך ביי זיי מיט בעגייסטערונג און האַלטען איהם פאַר אַ הייליגען), זאָל האָבען אויך געפונען ביי זיי צווישען אַנדערע, איינציגע ספרים פון זייערע כהנים־גדולים און סדרי־תפילות און תחינות — דאָס זיינען זייערע ספרים. נאָר מקנא האָב איך זיי געווען דאָס זיידענע דמשק'ער געוועבכטס, אין וועלכען עס איז געווען איינגעהילט זייער ספר־תורה. דאָס זיידען־שטיק איז געווען אַן עכט אָריענטאַלישעם מייסטער־שטיק געוועבט, ווי אין תלמוד ווערט דערצעהלט: „אין בליץ פון דער נאַכט". אויף אַ זילבערנעם מאַטען אונטערגרונד ציהען זיך דורך בלויע בליצען, ווי אין דעם זיעבען־פאַרביגען רעגען־בויגען, אין געזאַנג געוועבטע

זונענדיגע בלויע קאַלירען, אהן איין מאטיוו, אהן א מוסטער, נאָר ווי דאס געזאנג, וואס גיסט זיך פון א צופלאַמטען זונען־אונטערגאנג. ווי א הימעל מיט בלויע בעלויכטענדע וואלקענס, האט דאס דמשק'ער געוועבעכטס אויסגעזעהן. איך האָב אַנגערעדט דעם פעסימיסט, אז מען זאל דאס שטיק ארויסקריגען פאר דעם ווילנעם אידישען מוזעאום, מיר האבען צוגעזאגט דעם ממלא־מקום געלד פאר א גאנץ ווייב — ער זאל אונז דאס שטיק ארויסגעבען. ווי עס האט זיך איהם נישט דאס געלוסט, האט ער מורא געהאט פאר דער עודה, ווארום דאס געוועבעכטס האבען זיי בירושה פון אלטע, אלטע צייטען, און עס איז ביי זיי פערהייליגט.

די צוויי בערג, דער הר גריזים און דער הר עיבל, ליעגען איינער געגענאיבער דעם אנדערען, טאקע ווי צוויי עדות. איך האב מיר פאָר־געשטעלט, אז דער הר גריזים, דער בארג, אויף וועלכען מען האט גע־געבען די ברכות, מוז זיין בעשאַטען מיט גרין גראָז, מיט געלע פעלד־בלימעלאך, מוז זיך באדען אין שפע, וואס די ברכות האבען איהם בע־גאסען. דאגעגען דער הר עיבל, דער בארג, אויף וועלכען מען האט געגעבען די תוכחה מוז זיין גאל און גאל, און בעשאטען מיט דער־נער, שטעכענס, און פערוואָרפען מיט שטיינער, און מיט שרעק האָב איך ענטפלעקט, אז דער בארג עיבל, דער בארג פון דער תוכחה, איז בעפלאנצט פון וויינגערטנער, מיט אוילבירטען און אויפ'ן שפיץ בארג האט זיך ווער אויפגעשטעלט אן אריענטאלישען פאלאץ און ארומגע־פלאנצט א גארטען, און מענשען וואהנען אויף איהם. און, פערקעהרט, דער בארג גריזים איז וויסט און לעער פון מענשען, ווילדע ציגען קריכען ארום צווישען די שטעכערס, און דער וועג איז אזוי אנגעשאַטען מיט שטיינער, ווי אלע צרות פון אידען, וואס זיי האבען געליטען, צייט די תוכחה איז געגעבען געוואָרען, ווי אלע קללות פון דער תוכחה וואלטען געווען אויף איהם אויסגעשאַטען. איך האב בעוואונדערט די צוויי שומרונים, דעם ממלא־מקום פון כהן־גדול מיט זיין שוועסטער־קינד, וועלכע זיינען געשפרונגען איבער די שטיינער, ווי יונגע קאזעס. איך האב קוים געקענט נאכקריכען נאך זיי, און נאך צוויי שעה שטיי־גען, בין איך א מיעדער, א גע'הרג'עטער, ארויפגעקומען אויפ'ן בארג.

די שומרונים האבען מיר געוויזען דעם שטיין, וועלכען יהושע האט אויפגעשטעלט אלס עדות. זיי האבען מיר געוויזען דעם שטיין,

אויף וועלכען אברהם האט געוואָלט ברענגען, (נאך זייער טראַדיציע, אויפ'ן בארג גריזים) פאר א קרבן, יצחק'ן. זיי האָבען מיר געוויזען זייער „בית־המקדש“, וועלכעס בעשטעהט פון א חורבה צוזאַמענגעקלי־בענע שטיינער, אויף וועלכער זיי ברייגגען דעם קרבן־פסח. איך האב אויף איהם גאַרנישט געקוקט און האב געקוקט אויפ'ן הימעל. איך האב געקוקט אויף דער וועלט; איך האב געקוקט אויף דעם לאַנד, וואס האט זיך ענטפּלעקט פאר מיינע אויגען.

איך האב שוין לאַנג געקלעהרט דעריבער, שטייגענדיג איבער די בערג פון ארץ־ישראל, פאַרוואס דוקא אין דעם לאַנד איז אויפגע־שטאַנען דאס גלויבען פון איינציגען גאָט, וואס הערשט אין הימעל איבער אַלעס. אז מען איז אין ארץ־ישראל, און מען זעהט דאס ברייטע ווייטע לאַנד, וועלכעס ענטפּלעקט זיך יעדען אויגענבליק אויף צעהנדליגע מיילען ווייט — איז גאָר קיין וואונדער נישט, וואס דאָ האָבען די מענשען צוערשט בעגריפען, אז גאָט איז עטוואס העכערס פון דעם, וואס מיר זעהען מיט אונזערע אויגען, וואס מיר טאַפּען אָן מיט אונזערע הענד; אז גאָט איז העכער איבער אונז, ער רוהט איבער אונזערע קעפּ — ווי די פליגלען פון א גרויסען אַדלער פליהט ער איבער אונז. די לופט איז אזוי קלאָהר אין ארץ־ישראל, אז שטע־הענדיג אויף יעדען קליינעם בערגעל, ענטפּלעקט זיך די לאַנדשאַפט אויף צעהנדליגע מיילען ווייט. דאס גאַנצע לאַנד בערגעלט זיך, איין בערגעל אויפ'ן צווייטען, אזוי, אז דער מענש קוקט נישט אין ארץ ישראל אויף דער ערד, נאָר אין הימעל אַריין. די ערד דערווייטערט זיך פון זיינע פיס און ער זעהט זי אין איהר אונענדליכקייט, ווי דעם הימעל. דער געדאַנק געהט אַרויס פון די ענגע פיער איילען, אין וועלכע ער ווערט איינגעפּאַסט אין דער געבעלדיגער לופט פון אונזער לאַנד. ער נעהמט אַרום די וועלט, ווי די אויגען נעהמען אַרום די לאַנדשאַפט. דעם גאַנצען הימעל האט ער איבער זיין קאָפּ, און די גאַנצע ערד האט ער אונטער זיינע פיס. און אז אויף די בערג, אונטער דעם הימעל, איז געריטען אויף זיין אייזעל א פּאַטריאַרך, א אברהם אבינו, אדער איז געשפּרונגען איבער די בערג א פּאַסטוך יעקב, האט איהם געמוזט קלאָר ווערען דער געדאַנק, אז גאָט איז נישט דאס קליינע, וואס ער זעהט פאר זיך מיט זיינע אויגען. אז גאָט הערשט איבער דעם אַלעס, איבער דעם גרויסען גאַנצען הימעל, און איבער

דער גרויסער גאנצער ערד, אז גאט איז העכער איבער די הימלען, וואס ער האט איבער זיין קאפ, אז גאט איז דאס גרויסע, דאס איינציגע, דאס ערהאבענע, וואס האט אלעס אין זיך, און וואס ער איז אין אלעס.

מלא כל הארץ כבודו!

און שטעהט מען אויפ'ן הר גריזים, זעהט מען די גאנצע וועלט, דעם גאנצען הימעל און די גאנצע ערד, ווערט דער געדאנק נאך פעסטער און נאך קלערער. פון איין זייט גיסט זיך אויס דער ים און זיין אונענדליכקייט. איבער איהם, ווי א רויטער פלאקערדיגער באלען, קוילערט זיך די זון איבער דעם גרויסען הימעל־פעלד אין די אויפגעקאכטע וועלען אין ים אריין; עס צינדט אונטער דער ברענענדיגער באלען די בלוי־ליכע דורכזיכטיגע הימעל־קליידער, און זיי לאזען זיך אין דעם ים אריין, אין דעם וואסער צו פערלעשען זייער שרפה, אבער ער צינדט אונטער, דער ברענענדיגער באלען אויך דעם ים, און עס ברענען זיך שוין די קאלטע וועלען פון ים אינאיינעם מיט די וועלען פון הימעל און בעגיסען די וועלט מיט זייער רויט־ברענענדיגעם בלוט. פון דער צווייטער זייט בארג הילען זיך אין דעם פיאלעטען־זיידענעם איין די בערג פון מואב. ווי א קליין אונבעהאלפען קינד דריקט זיך דער ירדן מיט'ן ים המלח אונטער די פיס פון די בערג, ווי ער וואלט מורא געהאט פאר דעם ערנסט פון דער נאכט, וואס פאלט, ווי א פליגעל פון א אדלער, פון הימעל אראב. די גאנצע ערד ליגט דיר צו דיינע פיס, ווי א ארימער ווארם אונטער דעם גרויסען הימעל, און קארטשעט זיך מיט אונטערטעניגקייט איין פאר דער אימה פון גאט.

ווארום אין ארץ ישראל פיהלט מען די אימה פון גאט. עס איז דא א מאכט, וואס הערשט איבער אלעס. דער הימעל ווערט אנגעצונדען אין איין גרוים ליכט, און די ערד ווערט אויסגעלאשען און הילט זיך אין די נאכט איין און ווערט דערשראקען פאר די גרויסקייט פון גאט, וואס ענטפלעקט זיך איבער איהר. און די מענשען, וואס געפינען זיך צווישען הימעל און ערד, פאלען מיט'ן פנים און בוקען זיך פאר דער אימה פון גאט, וואס בעפאלט די ערד, און ערציטערט אלע איהרע איינוואהנער.

און ווען איך בין אראב פון בארג גריזים, איז שוין געווען נאכט. ווי א לויכטענדער ווארים איז געלעגען שכם צווישען די צווי בערג.

עס האבען שוין אונז אבגעווארט די שומרונים און ארויסגעשטרעקט צו אונז די הענד, שנארענדיג: "באַקשיש„. מיין הארץ איז נאך פול געווען מיט די אימה פאר גאט, וואס איך האב אויבען אויף דעם בארג אין מיר איינגעזויגען. איך האב געזעהן דאס רעשט פון די שומרונים, אמאָליגע שונאים פון יהודה, וואָס שטעהט מיט די אויסגע־שטרעקטע הענד, שנארענדיג „באקשיש", אונטער דעם בארג דא. איך האב זיך פערשעהמט פאר זיי, און האב ביי מיר געטראכט, אפשר האבען די רעכט, וואס זאגען, אז „א גרויס חסד האט גאט געטהאן מיט אונז, וואס האט אונז פערשפּרייט צווישען די פעלקער פון דער וועלט". ווארום ווער ווייסט, וואס וואלט געווארען פון אונז, ווען מיר וואלטען געבליבען דא, און מיר האבען דאך געטראגען די אימה פאר גאט, וואס מיר האבען גענומען פון די בערג דא, אין דער וועלט אריין...

# דאס ליכט פון דמשק.

„דיינע אויגען זיינען אזוי שעהן ווי די פלוימען פון דמשק“, זינגט דער אראבער אין די וויסטע זיין געליעבטע. ווארום קיין שטאדט אין גאנצען מזרח איז נישט אזוי בעליעבט און ווערט נישט אזוי בעזונגען אין די אראבישע פאלקס־ליעדער ווי דמשק, און נור דערפאר ווייל דמשק האט פיעל ברונען, און קיין זאך ווערט נישט אזוי געשעצט און טהייער געהאלטען ביים אראבער ווי וואסער.

און ווירקליך ליגט דמשק אין א גרויסען בלומען גארטען. פון איין זייט טאקע הויבען זיך אן די גרויסע מדבר־בערג; די הייסע זון קאכט אויף דעם ברענענדען זאמד און עס לויפען די ווארימע מדבר־ווינדען איבער דמשק און צוגליהען איהר לופט ווי בליי. נור פון דער צווייטער זייט ליגט דמשק אין א בלומען טהאל, פיעל פריהלינגס גע־וויקסען און דער פריהלינגס לופט קיהלט אב דעם הייסען ווינד וואס יאגט פון מדבר. און פיעל זיינען אין דמשק די קוואלען וואסער. אויף אלע גאסען, אין יעדען אלטען הויז, פון יעדען פארצייטיגען שטיין שפראצט ארוים א פרישער קוואל און טרינקט אן די קעמלען מיט די מענשען. אלץ, אלץ וואס שמאכט אין דער מדבר נאך א טריף וואסער, בענקט נאך די דמשק'ער קוואלען. און די דמשק'ער קוואלען זיינען דאס וואס האבען בעריהמט געמאכט די אלטע שטאדט אין גאנצען מזרח, און וואס יעדער אראבער בעזינגט די שענהייט פון זיין כלה'ס אויגען און פערגלייכט זיי מיט די „פלוימען“ פון דמשק.

אן אלטע שטאדט איז דמשק. אונזער עלטער זיידע אברהם האט זיך נאך פון דארט א הויז־קנעכט „אויסגעשריבען“. דאס איז געוועזען זיין געטרייער אליעזר, וועלכען אברהם האט אנפערטרויעט דאס גוטס פון זיין הויז, און וועלכער האט די זכיה, ווי די אלטע אידישע לע־

גענדע דערצעהלט, צו בעדיענען אונזער זיידען אברהם אין גן־עדן, און שטעהסט דו אין די שמאלע געסלאך פאר די גרויע ווענד אין דעם אלטען באזאר, און זעהסט דיר צו צום לעבען פון אלטען אריענט, מיינסטו אז דו ביזט פערוואנדעלט געווארען אין דעם אלטען דמשק פון וועלכען אברהם האט זיך געקויפט א קנעכט.

ווארים דמשק איז די אריענטאלישסטע שטאדט און ווייט און פרעמד פון די ציוויליזירטע וועלט. אלעס לעבט נאך ווי אמאל אין די גוטע אלטע צייטען. דאס גאנצע לעבען שפיעלט זיך אב אין אלטען באזאר אויף די גאסען. ענג זיינען די געסלעך און בעשיצט מיט טעפיכען פאר די ברענענדע זון. די סוחרים זיצען הינטער די קראמען פאר זייערע לאדען, פערשפרייט אונטער זיך די פיס און רופען אוים זייערע סחורות. אבער ווי רופען זיי אויס זייערע סחורות? מיט פסוקים פון קאראן אדער מיט פערזען פון אראבישער פאעזיע. למשל, עס זיצט אן אלטער אראבער הינטער זיין לאדען, האלט א זילבערנעם פאסעק אין האנד און רופט אויס: קויפט, קויפט א פאסעק פאר אייערע פרויען, ווארים א שעהנע פרוי אהן א שעהן געציערטען פאסעק איז אזוי ווי וויין אהן א בעכער... אדער עס איז אנגעקומען אן אראבער און פיהרט אויף זיין אייזעל צוויי לעדערנע האדעלן מיט זויער־מילך און רופט אין די גאסען: „דעם מן פון הימעל — פיהר איך — וואס ערקוויקט מחמד'ן און די צדיקים אין גן־עדן". און די מחמדא־נישע פרויען, אין שווארצען איינגעהילט, מיט די פערהאנגענע געזיכ־טער, קומען אן מיט די טעפלאך אין די הענד, אדער אין טאשען־טיכלעך און קויפען אויף דעם מן פון גן־עדן — די זויער־מילך פון די לעדערנע לאדעלן. אדער דארט, אין א ווינקעל גאס, שטעהט איינער און שרייט הויך: „האניג! האניג!" און האלט אין האנד צוויי אפעלסינען צו פערקויפען.

יעדע מלאכה און יעדער מין סחורה קריגט מען אין אן אנדער געסעל צו פערקויפען. איך האב אם מעהרסטען ליעב געהאט צו דרעהען זיך אין געסעל פון די בשמים. דאס געסעל פון בשמים איז א ים פון פערשיעדענע פארבען און קאלירען. דארט זיצען די שפינער וואס נייהען אויף, אויס די פערסישע דיוואנען, אייזעל־זאטלען און זאטעל־טאשען, פערשיעדענע געשפאנען, און פאסקעס. דאס געסעל איז בע־האנגען מיט קאלירטע בענדער און די פערשיעדענע פארבען ברענען אויף

אין די זון, ווי פאַרגעסענע פון אַלע נאַציאָנען וואָלטען געווען אויסגעהאַנגען פאַר די הייזער. די סוחרים זיצען הינטער די טישען אין די זאַקען אויסגעזעצט. אַרום זיי רויכערן זיך פערשיעדענע בשמים וואָס יאָגען פון זיך אַנגענעהמע ריחות, צוציהען די קונים מיט זייער גוטען געשמאַק. אין דעם געסעל איז שטילער ווי אין אַנדערע געסלאַך און די זון ברענט ניט אַזוי, ווייל די טעפּיכען פאַרשטעלען די שטראַהלען. דאָרט האָבען ליעב צו זיצען פאַר די טהירען פון די געוועלבלעך די אַלטע לייט און די חכמים און די געלעהרטע און רויכערן אויס די לאַנגע פלאַשען־ציבעכן און דערצעהלען זיך מעשיות אָדער רעדען פון פּאָליטיק, אָדער הערען זיך איין צו די רייד פון די חכמים און געלעהרטע. דאָרט, אין דעם געסעל קומט זעלטען אַהין אַ פרוי, ווייל וואָס האָט דען אַ פרוי צו זוכען דאָרט וואו מען פערקויפט אַזעלכע ערנסטע בעל־הבית'ישע זאַכען, ווי זאַטלען און געשפּענער? דאָס מאַכט דאָס געסעל זעהר חשוב אין די אויגען פון די אַראַבער און דעריבער האָבען עס ליעב די פאַרנעהמע לייט, וואָרים זיי ווערען נישט געשטערט פון דעם „נידריגען מין מענש“, וואָס הייסט—ווייב. דאָך ווייזען זיך אין דעם געסעל די פרויען פון די רייכע האַרעמס, בעגלייט מיט זייערע בעלאַ־דענגע עוונוכען, וועלכע קומען אין דעם געסעל אריין אויפקויפען בשמים און פערשיעדענע שמעקענדע קרייטעכצער אויסצושמירען זייערע לייבער...

דמשק איז די שטאָדט אין וועלכע די מחמדאַנער פון די פער־שיעדענסטע עקען וועלט קומען זיך צוזאַמען און פון דאָרט געהט אַב דער צוג איבער'ן מדבר קיין מעקקאַ. דורך דעם בעקומט מען צו זעהן אין דמשק מוסעלמאַנער פון אַלע טהיילען וועלט און פון פער־שיעדענע קאָלירען און נאַציאָנען, וועלכע דרעהען זיך אַרום אין די גאַסען און עס זעהט אויס ווי איין גרויסער וועלט יאַהר־מאַרק פון די פעלקער פון מזרח. די מענשען געהען אַנגעטהאָן אין פערשיעדענע טואַלעטען, אין די רייכסטע פאַרביגע קאָלירען און יעדע פון די נאַצי־אָנען לעבען זייער אייגען אַרט לעבען. און אַזוי ווי אין אָריענט שפּיעלט זיך אַב דאָס גאַנצע לעבען אויף דער גאַס — געפינט מען זיך אין דמשק אויף דער גאַס ווי אין וועלט יאַהר־מאַרק. אַלעס, אַלעס איז אויף דער גאַס. פאַר די טהיר פון אַ באַרבירער זיצען אויסגעזעצט פערשיעדענע פעלקער און אַ פּאָאַר אַראַבישע יונגען גאָלען זיי די קעפּ

אין אַ ווינקעל זיצט אַ געלעהרטער דערוויש אויף דער ערד און נעבען איהם שטעהט אַ פרוי געהילט אין שווארצען און לאָזט זיך אויפשרייבען אַ פּסוק פון קאָראַן אַלס אַ קמיע פאַר אַן עין־הרע. אין איין הויז מאַכט אַן אַראַבישער סוחר אַ ברית און די געסט זיצען אויסגעזעצט פאַר די טהיר, קלאַפּען אין בעמבלען, און די דערווישען טאַנצען פאַר זיי. די פרויען לאָזען הערען פון זיך פריידען־געשרייען, וועלכע דריקען זיך אוים אין לאַנגע גאַרגעל־קרייהען און צווישען די שמחה־געסט פּיהרט דורך אַן אייזעל טרייבער זיינע אייזלען, וועלכע מאַכען אַן אַ שטויב און פערשטעלען אַלעס, און קיינער ווערט איהם גאַרנישט זאָגען. די גאַס איז פאַר אַלע. און זעהר זעלטען טרעפט זיך, אַז אין דעם ווירבעל און דעם רעש און געשריי זאָל געשעהן אַן אומגליק, מען זאָל ווערען צוטרעטען אָדער איבערפאָהרען. מען האָט צייט — אַלעס געהט זיך געלאַסען, בנעימות, נישט געאיילט, ווי די רוהיגע בנעימות'דיגע קעמעל־טריט פון אַ לאַנגען, לאַנגען צוג וועלכער קומט אַן פון מדבר, ציהט זיך איבער די ענגע געסלעך פון דמשק און וועקט אויף די געוועלבלאַך מיט זיין אנגענעהם־זיסען קלינגען פון די גלעקלעך אויף די העלזער פון די קעמלען.

איך האָב ליעב דעם אייזעל־טריט. איך פלעג שטעהן שעה'ן לאַנג אויף די גאַסען פון דמשק און נאָכקוקען ווי די אייזלעך לויפען פאַר מיר פערביי און ווי זיי שטעלען זייערע טריט, ווי זיי וואָלטען געטאַנצט. איידעל און מיט גרויסער גראַציע זיינען די טריט פון דעם אייזעל. אין די אַראַבישע פּאָעזיע ווערט ער געגליכען צו די טריט פון די יונגע פּרינצעסין אין שלמה'ס גערטנער. און ווי איך שטעה אַזוי און קוק נאָך די טריט פון די אַהיים־קומענדע פעלד־אייזעל'ן, זעה איך ווי הינטער אַ קראָם פון שניט סחורה, וועלכעס איז אין אַ בעשאָטענע ווינקעל אין אַ געסעל, ברענט זיך אַ ליכטעל. צוערשט האָב איך גע־מיינט, אַז עס איז אַ ליכטעל פון אַ אויל־לעמפּעל, אָבער דאָס ליכט איז מיר געוועזן גוט בעקאַנט און האָט מיר אַן עפּעס דערמאָנט. איך קוק זיך גוט איין — עס ברענט זיך אַן עלעקטרישעס ליכט. דאָס עלעקטרישעס ליכט דאָ, אין מיטען האַרץ פון אָריענט, צווישען קעמלען־קלאַנגען און אייזעל־טריט — דאָ אין די בעשאָטענע בשמים געסלאַך, וואו עס ווימעלט פון די אַלטע נאַציאָנען פון מזרח — האָט מיך אַזוי בעריהרט, אַז איך בין טרויעריג געוואָרען. דאָס ליכט פון מערב קומט

אַז — האָב איך מיר גענאַגט — עס איז דער ערשטער שטראַהל, און נאָך דעם עלעקטרישען ליכטעל וועלען קומען די גרויסע אייזען־באַהנען מיט די קלוגע מענשען פון מערב און אַן עק וועט נעהמען צו דעם קלאַנג פון די קעמלען און צו די אידעלע גראַציעזע אייזלען־טריט. איך האָב מיט אַמאָל דערזעהן אין דעם עלעקטרישען ליכטעל, ווי דמשק, דאָס אַלטע דמשק, איז אַנגעבונדען געוואָרען מיט דער וועלט. מיט ניו יאָרק, פּאַריז, בערלין, פּעטערבורג. עס האָט זיך אַנגעקניפּט אַן דער וועלט, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס עלעקטרישע ליכט שעפּט זיין קראַפט נישט פון אַן אייגענעם מאָטאָר, נור פון יענער זייט ים — פון די גרויסע אייראָפּעאישע שטעדט — פון מערב...

איך האָב געוואָלט דערגעהן דעם מקור פון וואַנען עס נעהמט זיך דאָס עלעקטרישע ליכטעל, און בין נאָכגעגאַנגען נאָך די עלעקטרישע דראָטען, און אַנגעקומען צו דער עלעקטרישער סטאַנציע. דער מקור פון דעם ליכט אין דמשק איז געווען — אַ רוסישער אידעל. אַ פּליט פון די אָדעסער פּאָגראָמען. אויסגעוועזן איז ער שוין, דער אָדעסער פּליט פון די פּאָגראָמען — אַ וועלט. אַלעס שוין מיטגעמאַכט. געהאַנדעלט שוין מיט די בעדואינער פון די הרי־מואב, און אויפגעקויפט שוין דיוואַנען פון די מחמדאַנער וואָס ציהען קיין מעקקאַ. דאָס געלד אַנגעוואָרען אין אַן אונטערנעהמונג אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און אָבגעשטעלט האָט ער זיך אין דמשק און געקראָגען אַ פערטרעטונג פון אַ פראַנצויזישער געזעלשאַפט. ער האָט שוין פון די דמשק'ער מאַשענען, וועלכע זיינען הונדערטער יאָהרען געווען איינגעהילט אין דעם שטילען שאָטען פון זייערע הויכע זיילען—ארויסגעיאָגט די שטילע טונקעלהייט און בעלויכטען זיי מיט זיין עלעקטרישעם ליכט. ער בעלייכט דאָס אַלטע דמשק.

אַ זוהן האָט ער אין דעם דמשק'ער „אוניווערזיטעט", אַ צווייטען זוהן וויל ער אָבגעבען אין „גענעראַל שטאָב", אַ מיליטער קאַריערע מאַכען. און דאָס „דמשק'ער ליכט" האַלט שוין אַזוי ווייט, אַז ער האָט שוין אָרגאַניזירט די אָרימע אידישע קהלה פון דמשק, וועלכע האָט ביז איצט געלעבט אין שקלאַפעריי. ער האָט ארויסגעקריגען געלד פון ראָטשילדען, ווען דער לעצטער איז דאָ נישט לאַנג דורך דמשק דורכגעפאָהרען און האָט שוין אויפגעעפענט שוהלען פאַר העברער פון טויזענד אָרימע קינדער פון דמשק.

דורך די גאַנצע צייט האָט ער מיך אַגיטירט פאַר די אָרימע אידישע קהלה פון דמשק, וועלכע האָט ביז איצט געלעבט אין אַ פינ־סטערניש, ביז ער, „דאָס ליכט פון דמשק" איז געקומען און הויבט די אידען אָן אויפצוקלערען. ער האָט געוואונען איינינע ספרד'ישע אידען פון דער קהלה און מיט זייער הילף געמאַכט די ערשטע תלמוד תורה. די אָרימע עלטערן פון די קהלה גיבען אוועק זייערע קינדער צו דער אַרבייט אין די היגע פאַבריקען, וועלכע אַרבייטען אויס די דמשק'ער קונסט־זאַכען. און דער איד רעדט פון די „קליינע שקלאַפען", וועלכע זיצען גאַנצע טעג ביי זייער צוואַנג־אַרבייט מיט אַזאַ וואָרימקייט, אַזוי פיעל ליעבע, אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען זיינע אייגענע קינדער. ער פיהרט מיך אין די שוהלען, וועלכע ער האָט געגרינדעט, און דער־נאָך פיהרט ער מיך צו דער אַרבייט ביי וועלכע די קינדער ווערען פערשקלאַפט.

איך בין אַריינגעקומען אין אַן אַלט רייך הויז. עס זיינען נאָך איבערגעבליבען איינינע אַלטע הייזער אין דמשק, וועלכע זיינען בע־ריהמט געווען מיט זייער קינסטלערישע מאָזאַאיקע, מיט וועלכע די ווענד פון די הייזער זיינען געווען בעפוצט. דאָס הויז איז געווען איינס פון די אַלטע הייזער מיט וועלכע דמשק שם'ט. איך האָב געמיינט, אַז איך בין פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ גן־עדן־התחתון ווען איך בין אַריינגעקומען אין דעם הויף פון דעם הויז. דער הויף איז אויסגע־זעצט מיט פערשיעדענע ציטראָנען, אָראַנזשען און אתרוגים־בוימער און מיט די בעריהמטע מזרח געוויקסען. דאָס אַלעס האָט געבליהט און דער געשמאַק פון די בליהענדע אָראַנזשען האָט פערכאַפּט דאָס האַרץ. אין מיטען דעם גאָרטען שפּריצט אַ ברונען קלאָהר וואַסער און ווייסע טויבען טרינקען פון ברונען. אין סאַלאָן, וואו מען האָט אונז אַריינ־געפיהרט, זיינען די ווענד בעדעקט מיט מאַרמאָר אין וועלכע עס זיינען אויסגעקריצט פערשיעדענע פויגעל־טויבען, און הענגעל וויינטרויבען, און בעצירט מיט פסוקים פון תהלים, וועלכע זיינען אויסגעזעצט מיט מאָזאַאיק. אַן אַלטער איד אין אַ לאַנגע, גראָהע באָרד איז אונז אַקעגען געקומען און געבעטען אונז זיצען אין ווייכע, טיעפע פערסישע דיוואַנען. אַ קנעכט אויף אַ זילבערנע דמשק'ער טאַץ האָט אונז דערלאַנגט קאַפּפע מיט ליקער, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך בין פערוואָרפען

געוואָרען איין איינע פון יענע הייזער, וועגען וועלכע עס דערצעהלט זיך אין די געשיכטען פון „טויזענד און איין נאכט“.

אבער עס איז נישט געווען א הויז פון „טויזענד און איין נאכט“. עס איז געווען א גאנץ איינפאכער מאגאזין וואו עס פערקויפט זיך די קינסטלערישע אויסארבייטונגען פון דמשק'ער קונסט ארבייט, וואס איז בעריהמט אין דער וועלט. און דער עמפפאנג וועלכען מען האט אונז געמאכט איז אזא מנהג אין אריענט מיט וועלכען דער סוחר נעהמט אויף זיינע קונים. דער אלטער איד האט אונז ארומגעפיהרט אין די סאלאנען פון זיין הויז, וואו עס זיינען געווען אויסגעשטעלט די זאכען צו פערקויפען. עס זיינען געווען קליינע טישלאך, וואס זייער פרייז איז געשטיגען אין טויזענד פראנקען; אויסגעשניצט און אויסגעציערט אין מאָזאאיק ארבייט מיט ווייסען עלפענביין און מיט גאלדענע דינגע פעדעם; פערשיעדענע לוסט־גערטנער פרוכטען, בלומען און פויגעל אין די פערשיעדענסטע פארבען. עס זיינען געווען אויסגעשטעלט זילבער ארבייט, אויסגעקריצטע קליינע מייסטערווערק. אויף די ווענד זיינען געהאנגען דיוואנען, בעריהמטער דמשק'ער זייד און געוועב, וועלכע האבען געווארפען פון זיך אזא ליכט, ווי די זיעבען פארביגע רעגען־בויגענס. אויס פיעל פון זיי האבען די בלומען געלויכטען ווי די רויזען פון די ביימער אראב אין א זונען־שיין נאך א רעגען, און דאס גאנצע הויז איז געווען ווי א גרויסער לוסט־גארטען. איך בין געווען ווי אין כשוף, איך האב מיינע אויגען נישט געגלויבט פון דעם פיעלען ליכט און פארב וואס האבען פון די ווענד אראבגעגלאנצט.

דער בעל־הבית האט אונז דערנאך אריינגעפיהרט אין די ווערקשטאטען, וואו די ארבייטען ווערען אנגעפיהרט — אבער ווי אונגליקליך בין איך דערנאך געווארען. די ווערקשאפטען זיינען געווען גרויסע געפענגנישען פאר קליינע, קליינע שקלאפען. קליינע, פיצעלדיגע קינדער פון פינף יאהר און נאך וויניגער זיינען געזעסען אויף שמאלע בענק. בלייכע און מיט שמוציגע געזיכטלאך פון שוויים האבען זיי אויף זייערע יונגע קניען געהאלטען די זילבערנע כלים און מיט זייערע קליינע הענטלאך האבען זיי אויסגעהאקט אין די כלים די בעציערונגען מיט זילבערנע און גאלדענע פעדים. פיעל, פיעל זיינען געווען די קליינע שקלאפען וואס האבען אנגעפילט די לאנגע טונקעלע

קאָרידאָרען פון דעם קינדער־געפּענגניש. זייערע אייגענע פאָטערס, מוטערס, עלטערע שוועסטער — זיינען געווען די אויפזעהער איבער די קינדער און זיינען אַרומגעגאַנגען און צוגעזאָגט די אַרבייט. פיעל קינדער, פערשמאַכט פון די וואַרימע לופט אין די ענגע קאָרידאָרען זיינען איינגעשלאָפען מיט זייערע פערמאַטערטע געזיכטלאַך אויף זייערע שטיקלאַך אַרביים. באַלד האָבען זיי זייערע עלטערע שוועסטערלאַך אויפגעוועקט מיט די עלנבויגענס, בעמערקענדיג פון דער וויטענס, אַז די אויפזעהערין קומט אַן. די צושראָקענע אויגלאַך פון זייערע קינדערשע געזיכטער האָבען עדות געזאָגט, אַז זיי קומען פון דעם פאָלק, וואָס שרעקט זיך תמיד — פון אידען. און דאָס אידעל פון אַדעם האָט מיר טאַקע דערצעהלט אויף אידיש, כדי דער אַלטער אַראַבישער איד, זייער פּרינציפּאַל זאָל ניט פערשטעהן, אַז די מעהרסטע קינדער וואָס אַרבייטען די אַרבייט, זיינען אידישע. די עלטערן פער־קויפען די יונגע הענטלאַך פון זייערע קינדער, די ליכטיגע שיין פון זייערע יונגע אויגעלאַך פאַר שפּאָט ביליג, וואָרים זיי זיינען אונווי־סענד און זיי האָבען קיין פּרנסה נישט און לעבען דאָ ביים פּעטער ישמעאל אין גרויסע צרות. די אַראַבער זיינען געגען זיי פיעל קולטו־רעלער און ענטוויקעלטער און זיי שוינען שוין זייערע קינדער. די אידען שטעהען דאָ אויף אַ פיעל ניעדריגער שטופע ווי די אַראַבער, און זיין אויפגאַבע איז, זאָגט ער, די אידען קולטורעל צו ערהויבען. טויזענד קינדער האָט ער שוין אַבגעראַטעוועט פון די קינדישע געפענג־שאַפט און האָט פאַר זיי געגרינדעט תלמוד־תורות. ער פיהלט, זאָגט ער, ווי גאָט וואָלט איהם אַהער געשיקט, אַז ער זאָל די אידען פון דמשק צו הילף קומען. איך האָב אַנגעקוקט דאָס אַרעמער אידעל, דער פליט פון די פּאָגראָמען, און דערמאָהנט זיך, אַז ער פערשפּרייט עלעקטרישעס ליכט אין דמשק. און זיין עלעקטרישעס ליכט מיט זיין ערעפענען תלמוד תורות פאַר די אידישע קינדער האָט בעקומען ביי מיר אַ צוזאַמענהאַנג און איך האָב איהם ביי מיר אַ נאָמען געגעבען: „דאָס ליכט פון דמשק“.

נור פון דענסמאָל אָן ווען איך זעה דאָס איידעלע געוועב פון דמשק'ער זייד, אָדער די מאָזאַאיק אַרבייט פון דמשק'ער זילבער — קען איך זיך שוין מעהר נישט פרעהען ווי אַמאָל. מיר דאַכט זיך אַז איך זעה אין דעם זייד דאָס זונען־ליכט וואָס די קינדער האָבען

איינגעוועבט, אוועקרויבענדיג עס פון זייערע יונגע קינדישע אויגען; אין די בלומען און פרוכטען פון דער דמשק'ער זילבער־ארבייט זעה איך זייער יוגענד וואס די קינדער האבען מיט די האמערלאך אין די קליינע מייסטערווערק אריינגעהאקט. דורך דעם זייגען זיי אזוי שעהן...

# פסח אין ירושלים.

יום־טוב איז נאר אין ירושלים. צו קיין שטאדט אין דער וועלט פאסט זיך נישט אזוי דער יום־טוב, ווי צו ירושלים.

א פאר טעג פאר פסח בין איך מיט הונדערטע אנדערע אידען קיין ירושלים ארייגעפאהרען. איך בין די פאאר טעג ארומגעגאנגען, ווי אין חלום. איך האב נישט געוואוסט צו איך געפין זיך אין דעם היינטיגען ירושלים, אדער אפשר איז אונזער צייט צוריקגעגאנגען, און איך געפין זיך אין דעם ירושלים, ווען דאס בית־המקדש שטעהט נאך אויפ'ן הר־הבית, און די אידען פון אלע עקען ארץ־ישראל זיינען אויפגעגאנגען קיין ירושלים עולה־רגל זיין, און איך בין אויך מיט זיי; אדער אפשר זיינען שוין מקוים געווארען דעם נביא'ס לאנג־ערווארטעטע ווערטער: והיה באחרית הימים — (ווען משיח וועט קומען)...

עקסטרא צוגען געהן פון יפו קיין ירושלים מיט טויזענדע רוסישע „באגאמאלצעס", וואס זיינען ערשט אנגעקומען מיט די רוסישע שיף אויף פסח קיין ירושלים: סלאוואקען, גריכען, אלבאניער, סערבען און בולגארען האבען שלום געמאכט צווישען זיך און זיי געהען דא אין זייערע פארבען־רייכע נאציאנאלע קאסטיומען איבער די בערג פון יהודה צו גאט'ס בארג ארויף. אין וואגאן מיט מיר זיצען אידען פון פערשיעדענע טיילען פון דער וועלט: בוכארער אין זייערע רייכע, פארביגע, זיידענע מאנטלען; פערסישע ארימע אידען אין זייערע בלויע, צוריסענע קליידער; תמן'ער אין זייערע טליתים איינגעהילט: א ציוניסטעל אין א שווארצען ראק, און א קארדער אין זיין אראבישע בובייע. איינער פרעגט דעם צווייטען: „יהודי?" — „יהודי" — איז דער אנטווארט. „קומו לכו ונעלה אל הר אדוני" (שטעהט אויף געהט. און לאמיר ארויפגעהן אויפ'ן בארג פון גאט).

שטעלט אב די באָהן! נישט אַזוי שנעל איבער די פעלדער פון יהודה! וואָס לויפט די ווילדע אייזערנע חיה, וועלכע די וואַכנ־דיגע פעלקער פון די קאַלטע לענדער לאָזן לויפן איבער זייערע וואַכעדיגע לענדער? ניט דאָס וואָכעדיגע לאַנד פון די פעלקער פון דער וועלט איז דיר ארץ ישראל! דאָ איז יעדעס שטיקל ערד הייליג! ארץ ישראל איז קליין, אין ארץ ישראל פּאַסט נישט קיין באַהן, צופוס דאַרף מען אין ארץ ישראל גייען, שפּרינגען דאָ איבער די לייכטע בעטהויטע שלאָפענדע טהאָלען, איבער די גע־טאַקטע בערג, וואָס דאַכט זיך, אַז זיי זיינען פון מענשען'ס הענד גע־פאָרימט געוואָרען.

זעה, דער פריהלינג איז געקומען! בעשאָטען זיינען די טהאָלען און די פעלדער מיט דעם ווילדען רויטען מאָהן. גלאַנצענדע פעלדער לויכטען זיך מיט זייערע רויטע בלומען אין די יום־טוב'דיגע זון, וואָס שיינט איבער ארץ־ישראל.

שטעלט אָב די באַהן, קומט מיט ווייב און קינד, מיט די פּעקלאך אויף די פּלייצעס, מיט די שטעקענס אין די הענד — ווע‍לען מיר שטייגען איבער די בערג, ניעדריגען און די טהאָלען קיין ירושלים, קיין ירושלים עולה־רגל זיין!

ירושלים איז שוין פול מיט יום־טוב'דיגע. אַלע פעלקער, אַלע נאַציאָנען פון ירושלים (אין ירושלים איז דאָ אַ מוזעאום פון די נאַ־ציאָנען פון דער וועלט) גרייטען זיך צום יום־טוב, צום פסח. די ווילדע בודואינער פון מדבר זיינען אריין געקומען אין זייערע יום־טוב'דיגע קליידער קיין ירושלים. פון פריה־מאָרגענס אָן ציהען זיך די אָרימע פעלאַכען (די אַראַבער פויערען) פון זייערע דערפער קיין ירושלים אריין, מיט די פּאָהן אין האַנד. דער שאַף (רב) פון דאָרף טאַנצט פיר דער פאָהן, אַזוי ציהען זיי זיך אריין קיין ירושלים פון די פערוואָרפענסטע ווינקעלעך פון ארץ ישראל. יעדער דאָרף מיט זיינע טענץ, מיט זיין בעמבעל, מיט זיין געזאַנג.

זעהט, זעהט! ווער קומט דאָס אָן פון בית־לחם'ער, פון שכם'ער, פון יריחו'ער וועג? דורך אַלע טהויערען טרעטען זיי אריין קיין ירושלים מיט די פאָהנען פון פּאַרענט. צי קומען דאָס נישט די אידען פון אַלע ווינקלען פון ארץ ישראל מיט זייערע שעפּסעלעך דאָס קרבן־פסח ברענגען אין בית המקדש? ניין. דאָס בית המקדש איז

חרוב, און אויפ׳ן הר־הבית — אויף דעם בארג פון דער וועלט—הערשט דער מאחמאדאנישער קלויסטער; דאס ציהען אריין קיין ירושלים די מוסולמאנער. פון דאנען געהען זיי אב היינט, ערב פסח, צו משה רבינו׳ס קבר (וואס א שאד האט גע׳טענה׳ט, אז ער האט געפונען דורך נבואה), אין דעם מדבר פון יהודה, ביי יריחו. זעהט, ווי זיי טאנצען, ווי זייערע ווייסע האלאטען פלאטערען אויף, ווי פאהנען אין דער זון. זייערע קאלירטע טיכער ברענען אין דער זון.

עס איז א יאהר־מארק היינט, א גרויסער יום־טוב־יאהר־מארק פון די פעלקער פון דער וועלט. דער פסח־יאהר־מארק אין ירושלים.

פארנאכט האב איך זיך אוועקגעשטעלט אויפ׳ן וועג קיין בית־לחם, געגען איבער דעם ציון־בארג, אבווארטען די לעצטע אנקומענדע קיין ירושלים מיט אבענד־באהנען. עס קומען אן אידעלעך פון אלע טהיילען וועלט. דאס זיינען די טוריסטען (רייזענדע), וועלכע האבען זיך אראבגעכאפט פון די שיף אויף א ווײַלע, וועלכע האבען זיך אראבגעכאפט קיין ירושלים, בלויז אויף פסח; זיי לויפען דורך ארץ ישראל אין א צוויי וואכען. ווי קלעגליך, ווי ארים האבען זיי אויסגעזעהן אין זייערע גראהע אייראפעאישע רעק, אין זייערע שווארצע הים, אין זייער „הילוך" צווישען די פעלקער פון דער וועלט אין דעם יום־טוב־שטאדט.

איך האב דערקענט בעקאנטע געזיכטער: אידען פון רוסלאנד, פון דייטשלאנד, פון אמעריקא... און איך האב זיך דערמאנט, אז מיין יום־טוב וועט ניט זיין צווישען די בלויע פלושענע קאפאטעס פון די פוילישע אידען, צווישען די רייך־קאלירטע רעק פון די בור־כארער אידען. מיין פסח וועט זיין צווישען די טוריסטלעך אין „אפיציעלען" סדר אין האטעל—ווי טרויעריג עס איז מיר געווארען!

און טאקע איז דער סדר אין האטעל צווישען די שווארצע פרעק, צווישען די דאמען אין די פאריזער טואלעטען, אויסגעקומען א קלעג־ליכער, א וואכענדיגער. וואס האבען געהאט צו זאגען אט דא די אנגעלאפענע פון די אייראפעאישע שטעדט, וועלכע זיינען געקומען זוכען גלויבען, שטימונג און טרייסט אין ירושלים? קיין גלויבען איז שוין לאנג ניטא אין זייערע הערצער. זייערע נערוועז זיינען בע־וואקסען מיט פעטס, און היילינקייט איז ניטא מעהר ביי זיי. גע־זעסען זיינען זיי, פיינט האבענדיג איינער דעם צווייטען. זיי זיינען

געווען אליין. ירושלים איז ניט געווען צווישען זיי. איך בין אנט־לאפען פון דעם געמאכטען סדר און בין אליין אין גאס ארויס.

ליכטיג האט די לבנה געשיינט איבער ירושלים. ירושלים האט געהאט איינע פון יענע נעכט, ווען דעם מענשען דאכט זיך, אז עס געפינט זיך נישט אין זיין בעקאנטער וועלט, נור ער איז פערבלאנ־דזשעט געווארען אין א וועלט פון חלומות. יעדעס בערגעל און יעדען טהאל האט מען געזעהן אין דער נאכט, ליגענדיג איינגעשלאפען אין דער לבנה־ליכט. הויך און גרויס זיינען געשטאנען די שטערן איבער ירושלים. ווי יעדער שטערן וואלט געווען א נשמה פון א וועלט, און זיי שטעהען, אלע וועלטען, איבער ירושלים. איך בין ארויף אין דער נאכט אויפ'ן הר־ציון און זיך געשטעלט געגענאיבער די ברכה־טייבעל. ביי טאג איז דאס טייכעל שמוציג, און עס וואשען נאך היינט די וועשערינס די וועש אין דעם וואסער; ביי־נאכט, ביי דער לבנה־שיין, האט זיך מיר געדאכט צו זעהן בת־שבע, ווי זי באדט זיך אין וואסער, און דוד המלך זעהט זי פון זיין שלאף־פענסטער, וואס האט געמוזט זיין דא, אויף דעם ארט, וואו מיינע פיס טרעטען יעצט. און דארט, אויף יענער זייט, ליגען אויסגעשפרייט די אויל־גערטנער פון ירושלים. דארט האט געזאלט זיין הורדוס־פאלאץ, דארט זיינען די גערטנער, אין וועלכע די בחורים פון דער פראווינץ, וואס זיינען היינט קיין ירושלים אריינגעקומען עולי־רגל זיין, וועלען זיך מארגען זייערע כלות אויסקלייבען. איז דען ירושלים נישט צוריק ירושלים? שטעהט דען דאס בית־המקדש נישט אויפ'ן הר־הבית?! און זייענען דען אידען פון אלע עקען וועלט נישט געקומען דאס קרבן־פסח בזמנו?! זעהט די שאטענס, וואס ליגען אין די טהאלען! דאס זיינען דאך די שלא־פענדע אידען מיט זייערע ווייבער און קינדער — האבען זיך אויפגע־האקט געצעלטען ארום דער שטאדט, ווארים ירושלים קען זיי אלעמען נישט צונעהמען: אזוי פיעל זיינען געקומען קיין ירושלים...

צו מארגענס אין דער פריה איז די זון אויפגעגאנגען יום־טוב'דיג איבער ירושלים. יעדען טאג געהט די זון אויף יום־טוב'דיג איבער ירושלים, נור דעם טאג פסח האט זיך געדאכט, אז גאט האט צוריק געבארגט אויף דעם טאג די זון איהר זיבען־פאכיגען שיין, וואס ער האט אוועקגענומען פון איהר אין דעם טאג, ווען דאס בית־המקדש איז חרוב געווארען.—אזוי ליכטיג האט זי געשיינט. די פעלקער פון

ירושלים האבען געפייערט יום־טוב. נור דעם גרעסטען יום־טוב האבען אידען אין ירושלים. עס איז דער מנהג אין ירושלים, אז אידען פון אלע חברות, פון אלע שוהלען, פון אלע שטיבלעך, קומען יום־טוב מוסף דאווענען פאר׳ן כותל־מערבי, פאר די שטיינער, פאר די עדות פון בית־המקדש אויסצוגיסען דעם „מפני חטאינו“. איך האב זיך אוועקגעשטעלט ביים כותל מערבי און אבגעווארט די אנקומענדע אידען. צוערשט זיינען אנגעקומען אונזערע פוילישע אידען, אין די שטריימלעך, אין שיך און זאקען, אין די רייכע פלושענע בלוי־זיידענע קאפאטעס, וועלכע האבען אראבגעהאנגען איבען זיי, ווי די זשופאנעס אויף די אלטע פוילישע שלאכטשיצעס; די ווייבער אין זייערע לויכ־טענדע שטערן־טיכלעך, אין זייערע זיידענע בעבלומטע טיכלעך האבען אויסגעזעהן שטאלץ און זיכער, נאך זיי זיינען אנגעקומען די ספרדים אין זייערע שווארצע, לאנגע רעק מיט די בלוי־ארומגעבונדענע קעפ. די ערנסטע געזיכטער, די שווארצע בערד פון די הויכע, ברייט־ביינינע אידען האבען געווארפען א טרויעריגען בליק ארום זיך; טרויעריג און שטאלץ איז דאס געזיכט פון די ספרדים, ווי איבער זייערע פנים׳ער וואלט געוועז אויסגעגאסען דער צער פון גלות. אין זייערע אויגען ליגט דער שטאלץ פון זייער אלטען יחוס. רמב״ם־קעפ און שבתי־צבי־קעפ, און יעדער פון זיי זעהט אויס, ווי א „נאטהאן דער ווייזע“— אזוי שיינט די חכמה אראב פון זייערע הויכע שטערענס...

באלד פלאקערט אין די זון עפעס אויף. וואס איז דאס? צו זיינען נישט געקומען די מלכים פון מזרח בויגען זייערע קעפ פאר׳ן הר־הבית? — דאס זיינען די בוכארער אידען, ארומגעהילט אין זייערע זיידענע, רויט־פארביגע, גאלדען־בעוועבטע כאלאטען. שטאלץ און הויך־מוטהיג געהען זיי, ווי די קיסרים. ארויסגענומען האבען זיי פון זייערע קאסטענס די ברייטע גאלדענע פאסקעס מיט די גרויסע שלע־סער, און אויסגעציערט זיך לכבוד יום־טוב. באלד קומען אן די תימנ׳ער, די קארדען, די אראבישע אידען, און צווישען זיי די שווארצע פרעק פון אונזערע טוריסטען. גאט, ווי ארימלעך האבען אויסגעזעהן די קנעכט אין די שווארצע פרעק, צווישען די מלכים אין די גאל־דענע מאנטלען...

באלד האט זיך דאס אלעס ארומגעוויקעלט אין די ווייסע טליתים; און אז די כהנים האבען אויפגעהויבען די הענד ביים דוכנ׳ען צו בענשען

דאַס פאָלק, בין איך געשטאַנען, ווי אין חלום, איך האָב נישט גע־
וואוסט צי איך געפין זיך אין דעם אַלטען, אַלטען ירושלים, צי עס
זיינען שוין ערפילט געוואָרען דעם נביא'ס לאַנג־ערוואַרטעטע ווער־
טער „והיה באחרית הימים“—און אַט, באַלד, באַלד וועט די גרויע
שטומע וואַנד, וואָס שווייגט תמיד, זיך צושפּאַלטען, און מיר אַלע
געהען אויף, געהען אויף, ווייטער צום הר־הבית!...

# דער אכזר

(א בילד פון ירושלים)

ירושלים האָט געדורשט נאָך רעגן.

עס איז געווען פאַר פּסח. די רעגנדיגע טעג זיינען שוין לאַנג געווען פאַרביי און די ציסטערנעס (גריבער וואו דאָס רעגנוואַסער קלייבט זיך אָן) זיינען געווען כמעט לעער. עס איז נור געווען צו האָפן נאָך אויף די לעצטע רעגנס פּסח־צייט אויפ'ן מלקיש. אָבער דער מלקיש איז זעהר אַ דינער און קנאַפּער רעגן, און פון איהם איז ניט געווען פיעל צו ערוואַרטען, נאָר אויך דער מלקיש איז שוין זייט איינינע טעג געהאַנגען אין דער לופט און איז ניט אַראָבגעפאַלען. די הימלען זיינען געווען פערכמאַרעט, ביינאַכט האָט זיך עפּעס גע־זעהן בליצען און צו מאָרגענס, אין דער פריה, האָט דער ווינד פער־יאָגט די כמאַרעס און קיין רעגן איז ניט אַראָבגעפאַלען. מען האָט בעשיינפּערליך געזעהען, אַז עס איז עפּעס דאָ אַן עכוב (אָבהאַלט), וואָס האַלט אויף דעם מלקיש און פאַר דעם עכוב האָט זיך ירושלים געשראָקען.

פאַר די איינוואָהנער פון ירושלים איז אויפגעשטאַנען די שרעק פון די זומערדיגע היצען און די אימה פאַר דעם דורשט, ווען די ציס־טערנס וועלען זיין אויסגעטריקענט און מען וועט אויסגעהן פאַר'ן ביסעל אָרימען וואַסער, וואָס די אַראַבישע וואַסער־טרעגער וועלען צוטראָגען אין זייערע נאַדות (זעק פון קעלבערנע פעלכלעך) פון דרוי־סען פון ברכות (סאַזשעלקעס) פון שלמה המלך. אַ טרונק וואַסער וועט טהייערער קאָסטען ווי אַ מיטאָג עסען. און די קינדער וועלען לעכצען נאָך אַ טרונק און די מוטערס וועלען זיי ניט האָבען צו געבען. אַ שרעק איז בעפאַלען די איינוואָהנער פון ירושלים פאַר דעם זומער.

וואָס וועט קומען און וועט אויסטריקענען דאָס גרינס פון די פעלדער און דאָס חיות פון די מענשען, און ווען וואַסער וועט ניט זיין צו לעשען דעם דורשט. האָט מען אין אַלע מקום תפילות אויסגערופען, אַז מען איז גוזר תענית און מען וועט דאַווענען מאָנטאָג און דאָנערש־טאָג מיט סליחות און שופר בלאָזען. פון די רבני העיר זיינען מודעות געוואָרען אויסגעקלעפּט אויף אַלע עקען פון ירושלים, אַז מען זאָל מתפלל זיין אויף רעגען. די חסידים האָבען פערפאַסט ספּעציעלע תפילות פאַר די קינדער און צוגעשיקט אין אַלע חדרים, אַז די מלמדים זאָלען מיט די קינדער מתפלל זיין אויף רעגען. און גרויס און קליין, פון אַלע קהלות אין ירושלים זיינען זיך יעדען פאַרנאַכט צוזאַמענ־געקומען פאַר דער כותל מערבי, די וואַנד געמאָסטען, די פּנים'ער אין די שפּאַרעס פון דער וואַנד איינגעגראָבען און די געוואַלדען זיינען געגאַנגען אין הימעל אריין און די וואָלקענס צוריסען שרייענדיג, אַז דער עכוב זאָל פערשווינדען און דער מלקיש זאָל ווי אַם שנעלסטען אַראָבפאַלען.

צווישען די מתפללים פאַר דער כותל מערבי, אָבגערוקט פון אַלע אין אַ ווינקעל פון דער וואַנד איז אויך געשטאַנען לייזער היטעלמאַכער און האָט אויך מתפלל געווען. נור זיין תפלה איז גאַר געווען אַן אַנ־דערע. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און דערזעהן, אַז גאַנץ ירושלים איז איינגעטונקט אין די נאַרישקייטען פון דער וועלט. אַלע, סיי גרויס און קליין, בעטען אויף'ן רעגען, וואָס זיי דאַרפען עס פאַר זייערע לייבער, און אַז גאָט—דער אמת'ער תכלית צו וואָס מען זיצט דאָ אין ירושלים, און צו וואָס דער גאַנצער מיין איז פון דער וועלט— אַז דעם האָט מען גאַר פערגעסען, און די וועלט קען חלילה אונטער־געהן, אַז די גאַנצע מחשבה איז אָבגעטהאָן פון גאָט און איז נאָר איינגעטונקט אין די נאַרישקייטען פון דער וועלט — האָט ער זיינע הענד פערשפּרייט איבער דער וואַנד און זיין פּנים טיעף איינגע־גראָבען אין די שפּאַרעס און עס האָט זיך געהערט פון איהם נור איין ברומען: רבונו של עולם, עטפּלעק דיין כבוד איבער דער וועלט, טאָטע אין הימעל, לאָז מאַכען וויסען דיין נאָמען איבער די פעלקער פון דער וועלט".

אַז עס איז נאַכט געוואָרען, האָבען זיך די שטערן און די האַלבע לבנה בעהאַלטען אין די געדיכטע וואָלקענס, און די פּעטע פינסטער־

ניש האט זיך אראבגערוקט ווי א שרעק איבער דער שטאדט. מיט א געטרייסטע הארץ האבען די ירושלים'ער איינוואהנער פערלאזט די כותל מערבי און זיינען צופריעדען אהיים געגאנגען רוהיג עסען זייער נאכט־ברויט. זיי האבען געזעהן בעשיינפערלער, אז זייער תפילה איז נרצה געווארען, ווארים דער הימעל איז געווען שווארץ בעוואל־קענט, פון אן עק הימעל האבען זיך געריסען בליצען, וועלכע האבען ווי אין א חלום בעלויכטען ירושלים און ארץ ישראל — און ירושלים האט זיך געריכט אויף רעגען.

אין דער קליינער חורבה שוהל וועלכע די עולי ירושלים האבען געפונען ווען די ערשטע אשכנזים האבען זיך אנגעהויבען צו בעזעצען אין ירושלים, און וואס זי רעכענט זיך פון ר' יהודה החסיד אן, איז פאר ר' יהודה החסיד'ס ארון געשטאנען אין מיטען האלבער נאכט ר' שבתי בעהדיטשעווער, אן אלטער צובראכענער איד, דאס פנים איינ־געוויקעלט אין פרוכת און האט געקרעכצט ווי א קליין קינד: „טאטע, טאטע, עשה למען תנוקות!" (טהו צוליעב די קליינע קינדער). אין דער שוהל איז דענסטמאל קיינער נישט געווען. עס איז נאך געווען פאר האלבער נאכט, און די וואס ריכטען אב חצות האבען זיך נאך נישט אנגעהויבען צוזאמענצוקומען און ר' שבתי'ן האט קיינער נישט געקענט שטערען. א קליינע אויל־לאמפ האט זיך געברענט איינזאם פאר'ן ארון און דאס גאנצע האלב־איינגעפאלענע שוהלעכיל האט זיך געהילט אין די פינסטערניש. נור די שטענדערס און די גרויסע גמרות וואס זיינען געלעגען אויפ'ן טיש האבען געווארפען זייערע שאטענס איבער דער שוהלעכעל. און די שאטענס האבען זיך איינגעהערט צו ר' שבתי'ס קינדערשע שטים וואס האט געוויינט אין דעם ווינקעל פאר'ן ארון: „טאטע אין הימעל, זיי זיך מרחם און שיק דעם רעגען פאר די קליינע קינדערס וועגען". אין דעם האט זיך אין דער שטיל די טהיר געעפענט און לייזער היטעל־מאכער מיט דעם סדור הינטער דעם ארם איז אין שוהלעכל אריינגעקומען. שטיל אויף די נעגעל איז ער געטראטען ביז ער איז פאר דעם ארון אנגעקומען און איז א מינוט שטעהן געבליבען, איינגעהערט זיך צו ר' שבתי'ס קול וואס וויינט. און לייזער האט אנגעהויבען אין שאטען פון דער נאכט אויפ'ן אלטען גרייז־גראהען איד מיט'ן קאפ צו שאקלען. א מינוט איז ער נאך געשטאנען, געשלאגען זיך מיט דער דעה — געוואלט אויפ־

מישען דעם סידור און אין ווינקעל זיך שטעלען, — נור באלד איז ער צוגעגאנגען צו ר׳ שבתי׳ן און מיט כח איהם געריסען פון פרוכת און געוועקט איהם מיט א הויך קול:

— און דו אויך! און דו שבתי אויך!

געשווינד, מיט פערוואונדערונג האט ר׳ שבתי זיין בלייך, ער־שראָקען געזיכט, וואס איז פייכט און בעלויכטען געוועזען פון דעם אויל־לאמפ, אויף דעם פרוכת אויפגעהויבען און אומגעקוקט זיך מיט שרעק אויף לייזער׳ן. א מינוט איז ער שטעהן געבליבען, באלד האט ער ווי פערשעהמט געענטפערט:

— יא, לייזער, איך האב נישט געקענט, דער יצר הרע האט מיך אנגערעדט. פאר קליינע קינדערס וועגען, פאר די בהמות, פאר צער בעל־חיים. די וועלט האט אויך א כונה, לייזער, האט ר׳ שבתי אבגעענטפערט.

— און וואס שכינתא בגלותא (די שכינה, גאט איז אין גלות) איז גאר נישט, אלע איהר זיינען פערנומען מיט דעם רעגען, מיט דער וועלט, און דעם תכלית, דעם עיקר האט איהר פערגעסען, און דו שבתי אויך — וואס וועט דער סוף זיין?

— איך שרעק מיך פאר צער בעל־חיים—האט ר׳ שבתי פערשעהמט אבגעענטפערט און ווידער בעהאלטען זיין פנים אין פרוכת.

מיט כעס איז לייזער היטעלמאכער ארויס פון שוהלעכל, גע־קראכען אליין אין די ענגע פינסטערע גאסען. די נאכט איז געוועזען א פינסטערע, און ערנסטע, א נאכט פון שרעק איבער ירושלים. ווי אויפגעגעסען איז דא די נאכט געווארען פון די ענגע געסלאך און דיקע ווענד, און די שאטענס פון די שווארצע טהירען פאר די געוועלבלעך. לייזער היטעלמאכער האט געפונען זיין וועג, זעהט זיך אויס, ער האט געקענט דעם וועג גאנץ גוט, ווארים ער האט אויסגע־מיעדען געסלעך, ארויפגעקראכען אויף טרעפען, אראב פון בערגלעך און איז געגאנגען זיין וועג זיכער, ביז ער איז פון דער שטאדט ארויס־געקומען. דער וועג איז געוועזן א שווערער, אנגעשאטען מיט שטיינער, און ער האט דאך דערקענט דעם וועג און איז אראב אין גיהנום וואס ליגט הינטער דעם הר־הבית. פון גיהנום האט ער געפונען דעם וועג וואס פיהרט צו די בית־עולם׳ס וואס ליגען צופוסענס דעם הר־הזתים. די ווייסע שטיינער האבען זיך געבלייכט אין די טונקעלע נאכט

אַן עס האָט אויסגעזעהן, ווי די שאָטענס פון אַלע קדושים פון די אַלע פרומע און גוטע אידען וואָס ליגען דאָ פון אַלע דורות, זיינען ביי־נאַכט פון זייערע קברים אויפגעשטאַנען און האָבען אַרומגערינגעלט דעם הר־מוריה און וואַרטען אויף תחית־המתים און וואַרטען אויף משיח'ן וואָס דאַרף זיך דאָ אויף דעם אָרט ווייזען. דאָ פון דאַנען איז דער הימעל נישט געווען אַזוי טונקעל ווי ער האָט זיך אויסגעזעהן אין דער שטאָדט. ווייט אַוועק אויפ'ן וועג קיין בית־לחם האָט זיך אין די טונקעלע נאַכט איבער'ן הימעל אַ בלאָהער שלייערדיגער וואָלקען געשיינט און געשוואומען צווישען די שווארצע נאַכטוועלען, און דאָ און דאָרט בעלויכטען אַ שטיק הימעל און אויך געשיקט זיין גלאַנץ איבער דער ערד. אויפ'ן נייעם בית־עולם וואָס ליגט העכער אויף דעם באַרג אַרויף האָבען זיך געוויזען אייניגע לאַמטערנעס, זעהט זיך אויס, אַז מען איז דאָרט מקבר אַ טויטען, וואָס דאָס איז דער מנהג אין ירושלים מקבר צו זיין ביי־נאַכט. לייזער היטעלמאַכער איז אַראָב פון וועג, כדי ער זאָל זיך נישט טרעפען מיט די אבלים און בעלי־מקברים, און ער איז געקראָכען אויף דעם באַרג פון דער זייט וואו עס שטעהט דער יד־אבישלום — לאַנג געדרעהט זיך צווישען די קברים, ביז ער האָט זיך אבגעשטעלט ביי איין קבר פון אַ הייליגען נסתר, וואָס דער סוד ווער דאָס איז געווען ווייסען נור אַזעלכע אידען ווי לייזער איז, און האָט אַריינגעקלאַפּט אין קבר אַריין און געשריען הויך „טאַטע, זיי זיינען זיך עוסק בהויות עולם הזה, פערנומען מיט ד ע ר וועלט — אַז תכלית האָבען זיי פערגעסען. אַלע — אַלע, גאַנץ ירושלים און שבתי אויך. איך בין אַליין — און האָב ניט קיין כח מעהר, און דער יצר הרע רעדט אַן, צער בעלי־חיים, קליינע קינדער. טאַטע, האָב רחמנות, העלף מיר, אַז איך זאָל ניט פערגעסען דעם תכלית". און לייזער האָט זיך אויפגעשטעלט פון קבר, צושפּרייט די הענד און געווענדעט זיך צום בית־הקברות, ווי צו אַ עדה לעבעדיגע מענשען, און גערופען הויך אויפ'ן קול: אלה התמימים והקדושים השרוים תחת כנפי השכינה — שטעהט מיר ביי, די לעבעדיגע האָבען פערגעסען דעם תכלית — זיי זיינען זיך עוסק בהויות העולם, פערגעסט איהר איהם ניט! און ער איז געבליבען שטעהן און פערגלאָצט די אויגען צום הימעל און גערעדט צו זיך אין דער שטיל. אַזוי איז ער אבגעשטאַנען די גאַנצע נאַכט.

דער הימעל האָט זיך אָנגעהויבען צו קלאָהרען. פון מזרח צו הינטער די הרי מואב האָט זיך אָנגעצונדען א גרויס ליכט און פער־בלוטיגט א האַלבען הימעל. די הויכע בערג פון מדבר יהודה ארום יריחו האָבען זיך אָנגעהויבען ארויסצואווייזען ווי נאַקעטע הויכע שדים וואָס זיינען איבערגעבליבען פערגליווערט פון ששת ימי בראשית — א שרעק איז געפאַלען איבער דער ערד פון די ערנסטקייט פון הימעל־ליכט וואָס איז געפאַלען איבער איהר, און פון די טונקעלהייט פון דער נאַכט האָבען זיך אָנגעהויבען ארויסצושניידען די הויכע שפּיטצען מויער וואָס רינגלען ארום דעם הר המוריה. ווייסע דערווישען (מחמר'אַנישע פרושים, מאַנאַכען), די שומרים פון הר המוריה, האָבען זיך אָנגעהויבען צו זעהען אויף די שפּיצען פון דעם מויער און עס האָט זיך געדאַכט, אז דאָס זיינען די כהנים אויף דעם מויער פון בית־המקדש און זיי וועלען באַלד בלאָזען שופר און וועקען דאָס שלאָפענדע ירושלים צו עבודת הבורא. אָבער ירושלים איז נאָך געשלאָפען אין די שאָטענס פון זיינע הויכע טורעמס, און די שפּיצען פון זיינע קירכען און מאָשעען האָבען אָנגעהויבען ארויסצושטאַרען פון געדיכטען נעבעל ארויס, וועלכער איז געהאַנגען א גאַנצע נאַכט איבער ירושלים. אליין איז נאָך געשטאַנען לייזער היטעלמאַכער ביי דעם אריינגאַנג פון בית־עולם און ווי א גזלן האָט ער געקוקט אין הימעל אריין און געזוכט אויב א וואָלקען הענגט איבער דעם הימעל. נור צורונען זיינען געוועזן די וואָלקענס און פריש און שטאַרק איז די זון ארויסגעגאַנגען איבער דעם ווייטען ברייטען לאַנגען ארץ ישראל־הימעל און אויסגעטרונקען מיט איהר ליכט די פערלאָרענע צורייסענע שטיקער נעפּלען וואָס האָבען יתום'דיג געבלאַנדזשעט איבער ירושלים. א ליכטיגער שיין האָט צופרידען געשמייכעלט איבער לייזער'ס אויס־געטריקענט ביינערדיג פּנים, די אויגען האָבען זיך שוואַך פערגלאָצט, ווי ער וואָלט דעם בורא עולם א שבח אבגעגעבען, וואָס ער האָט ניט צוגעהערט צו די תפילות פון די קליינינקע מענשעלעך פון ירושלים, וואָס זיי בעטען פאַר זייערע קליינליכע טעגליכע פערלאַנגען אויף רעגען.

א צופריעדענעם בליק האָט ער געוואָרפען אויף די קברים פון בית־עולם וואָס האָבען אָנגעהויבען צו טריקענען זייערע טוי־בעפייכטע שטיינער אין די זונן, א צופריעדענער שמייכעל איז אין די שטאַרע

האָאר פון לייזערס באָרד אריין, ווי ער וואלט די טויטע דאנקען גע־וואלט וואָס זיי האָבען ווי ער, ניט פערלוירען זיך אין די נארישקייטען פון דער וועלט און נישט פערגעסען דעם תכלית.

גליהענדיג איז די זונן איבער ירושלים אויפגעגאנגען, און ווידער האָט ירושלים געהאַט איינעם פון איהרע טעג, וואָס זי ווערט אויפ־געגעסען פון זונן און שטויב. ירושלים איז טרויעריג געווען, מיט אראבגעלאָזענע קעפּ האָבען די אלטע לייט פון ירושלים איבער די שמאָלע געסלעך געטרעטען. זיי האָבען זיך פערשעהמט פאר זיך און פאר פרעמדע, פאר די זונן וואָס איז ארויס שיינען איבער דער וועלט, און די וואלקענס פעריאגט, פערשעהמט, וואָס גאָט האָט זיך צו זייער געבעט ניט צוגעהערט. זייער געוויין און זייער געשרײַ איז אוועק מיט'ן רויך, און ארים און פערלאָזט שטעהען זיי אין דער וועלט.

איינער האָט דעם טאג הויך מיט א פרעהליכע שטימע זיין תהילים געזאגט, דאָס איז געווען לייזער היטעלמאכער, אין זיין קליין געוועל־בעל איז ער געזעסען און גענייט דעם הוט אויף די ווערקשטעל, פאר איהם איז געלעגען זיין תהילים, און לייזער היטעלמאכער האָט גע־נייהט זיין הוט צווישען זיינע קניען און פרעהליך האָט זיין תהילים געקלונגען פון זיין געוועלבעל ארויס.

עס איז דורכגעגאנגען דער אלטער שבתי, צובראכען, אנגעלעהנט אויף זיין שטעקען, די האָאר פון די באָרד, ווי צוגעקלעפּט, האָבען זיך קוים געהאלטען אויף זיין אלט געל געזיכט, געבויגען האָט ער דעם קאָפּ טיעף צו דר'ערד און דאָס הארץ האָט איהם געשלאָגען פאר בושה און פאר ארימקייט, וואָס גאָט האָט זיך צו די תפילה פון ירושלים נישט צוגעהערט. ער איז דורכגעגאנגען לייזערס געוועלבעל און דערהערט לייזערס פרעהליכע תהילים זאגען, האָט ער זיך א מינוט אבגעשטעלט, ארייגעקוקט אין געוועלבעל און דערזעהען לייזער'ן. און שבתי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געברומט פאר זיך:

— אכזר, — און קליינע קינדער, און צער בעל־חיים געהט דיר גאר ניט אָן!!

# די צווייטע דבורה.

אונטער דעם בארג תבור, ניט ווייט פון טייכעל קישון, ביי וועלכען דבורה הנביאה האט אזא גלענצענדען זיג אבגעהאלטען אנטקעגען די כנענים, זיינען צעשפרייט א צוועלף היינטיגע בחורים איבער א ברייטען ווילדען פעלד, און זיינען בעשעפטיגט אבצורייניגען דאס פעלד פון די שטיינער און צונויפלעגען זיי אין קופעס. די זון ברענט און די מיטאג שעה, און כאטש פון תבור אראב בלאזט אן אנגענעהם ווינטעל אין טאל אראב, דאך האט די זון אזוי אויפגעקאכט די לופט, אז די בחורים האבען שוין לענגסט אויסגעטרונקען דאס וואסער פון לעדערנעם לאגעל, וואס זיי האבען מיטגעבראכט מיט זיך אין פעלד אריין, ניט קלערענדיג וועגען דעם, אז די זון שטעהט נאך אין מיטען הימעל און צו אווענד איז נאך א לאנגע צייט.

אבער ניט קוקענדיג אויף דער ברענענדיגער זון און מידען טאג, טוען די בחורים זעהר פלייסיג זייער ארבייט, און מען דערקענט גלייך, אז ניט פאר בעצאלטען שכר יאגען זיי זיך אזוי צו ארבייטען פלייסיג, נור פאר א העכערען לויז און צוליעב א שעהנערען פארלאנג. און אז שמואל אברכי קוקט זיך ארום און זעהט ווי דאס פעלד איז שוין באלד ריין פון שטיינער, גרייט פאר'ן אקער, ווערט איהם דאס הארץ פול מיט פרייד. און ער שרייט צו זיין חבר גדליה דעם גימנאזיסט, וועלכער שטעהט אביסעל אבגערוקט פון איהם:

— אייל דיך צו, פוילער, מיין טייל פעלד איז שוין אבגערייניגט.

גדליה דער גימנאזיסט איז דער איננסטער פון אלע בחורים. ער איז געקומען אהער פון ביאלאסטאקער זעקסטען קלאס גימנאזיע. איהם איז שוין לענגסט פער'מיאוס'ט די ארבייט. ער האט זיך גאר ניט פארגעשטעלט, אז ערד־ארבייט איז אזוי שווער. ער איז געווען א ציוניסט פון קליינערהייט אן און ער איז אויפגעצויגען געווארען מיט די העברעאישע שירים, וועלכע באזינגען דאס אנגענעהמע לעבען פון ערד־ארבייטער. און נאך דערצו פונ'ם ארץ־ישראל ערד־ארבייטער, וועלכער רוהט אונטער זיין פייגענבוים און וויינשטאק — אין דעם לאנד פון זיינע עלטערען. ער האט אוועקגעווארפען דער מאמעס פעטען טיש און איז אראבגעקומען קיין ארץ ישראל בעארבייטען דאס לאנד. אבער פארזוכענדיג דעם טעם פון ערד־ארבייט האט ער אויסגעפונען, אז די פאעטען האבען אביסעל איבערגעטריבען די זיסקייט פון ערד ארבייט. געוועהנט צו דער מאמע'ס גוטען עסען, וועלכע האט געשטאפט איהר בן־יחיד'ל ווי מען שטאפט א גענזעל, האט ער זיך דא געקארמעט מיט טענץ און געזאנג. זיין פעטער, אויסגעשטאפטער גוף'ל, וועלכער האט געטראגען די שפורען פון זיין מוטער'ס ליעבע, האט אנגעהויבען באלד אבצוצעהרען. און דאס שטענדיגע בויגען און ברעכען דעם רוקען אונטער דעם שפינדעל און האק, איז ניט געווען אזוי אנגענעהם ווי די פאעטען האבען עס בעזונגען. ער האט זיך לאנג ארומגעטראגען מיט'ן געדאנק צוריק אהיים צו פאהרען, נור ער האט זיך געשעהמט פאר די עלטערען און פריינד, האט ער זיך נאך ארומגעדרעהט אין די אידישע קאלאניעס. געגאנגען פון איין קאלאניע אין די אנדערע, און געפרואווט פערשיעדענע ארבייט, און צום לעצט אנגעקומען אין דער נייע קאלאניע, וועלכע אן אויפזעהער האט אונטערגענומען צו בעארבייטען פאר א ציוניסטישער ארגאניזאציע אין גלות. און דערפאר וואס עס איז געווען מעהר א אידעאלע אונטערנעהמונג האט מען געפרואווט בויען די קאלאניע בלויז מיט אידישע ארבייטער.

גדליה דער גימנאזיסט איז אזוי אבגעמאטערט געווארען פון דער היץ און פון שטענדיגען בויגען דעם רוקען, אויפהייבענדיג די שטיינער, אז עס האט זיך איהם ניט געגלוסט צו ענטפערען אויפ'ן חבר'ם רוף. זיין שוועכער קערפער האט געפארעט מיט אנגסטען. צום סוף איז ער מיך געווארען און אויסגעצויגען זיך אויפ'ן נאקעטען פעלד.

שמואל אברכי האט באמערקט ווי דער גימנאזיסט האט זיך אויס־געצויגען אויפ'ן פעלד און ער האט פערשטאנען דעם חבר'ס מוטה. איז ער צוגעגאנגען צו איהם טרייסטען:

— וואס איז, חומר? — האט ער איהם געריפען — ווידער מיר? די מאמע האט דיך צופיעל געשטאפט, דורך דעם קענסטו ניט פערטראגען קיין ארבייט. — האט שמואל געלאכט.

— די נשמה פאכעט ביי דיר אויך אויפ'ן שפיץ פינגער! — האט איהם גדליה געוויזען מיט'ן פינגער.

— ביי מיר? איך האב ליעב די ארבייט. אז איך קוק אויפ'ן בארג תבור און דערמאהן זיך וואו איך געפין זיך — האט אברכי אנ־געפאנגען צו פאעטיזירען.

אברכי ציהט דעם נאמען ניט פון זיין משפחה־יחוס, נור ער האט זיך דעם נאמען געגעבען אויס ליעבע צו די אלטע העברעער. אברכי איז געוועזן א פאעט און אין זיין פאנטאזיע האט ער זיך אויס־געמאהלען ווי ער לעבט אין דער צייט פון די אלטע העברעער. ער האט זיך געמאכט זיין אייגענע שפראך, אלצדינג גערופען מיט א העב־רעאישען נאמען, און, ווי ער וואלט גאר ניט געוואלט לעבען אין דער צייט פון היינט, האט ער דאס לעבען געזעהען אין אן אייגע־נער אויסגעפאנטאזירטער וועלט. אליין איז ער געוועזן א הויי־כער, א דארער, א קרענקליכער אביסעל. פון דעם ערשטען טאג אן, וואס ער געפינט זיך אין ארץ־ישראל, איז ער ניט ארויסגעקומען פון פיבער, און ביינאכט האט ער האלוצינאציעס. און די חברים וואס שלאפען מיט איהם אין איין שטוב הערען איהם רעדען פון שלאף ארויס ווערטער פון אן אנדער וועלט און אן אנדער לעבען — פון דעם אלטען לעבען פון די אידען אין ארץ־ישראל, ווען דאס בית־המקדש איז געשטאנען. פון קינדערוייז אן א שוואכער, די מוטער האט געציטערט איבער איהם, ווי מען ציטערט איבער א טייערע כלי וואס האט א שפאלט. און נאך מעהר אבגעצעהרט און אבגעשוואכט איז ער געוועזן פון לערנען, דאך האט איהם די ליעבע צו ארץ־ישראל געמאכט פאר א גבור. קיינער וויים ניט וואו עס נעהמט זיך כח אין דעם הויכען, ברעכענדיגען קערפער צו שטעהען א גאנצען טאג אין דער

ברענענדיגער היץ און גראבען די ערד, — אזוי ווי ער וואלט זיינע כחות ניט געשעפט פון זיין שוואכען קערפער, נור פון א העכערער, אונזעהבארער קראפט. אברכי איז קיינמאל ניט מיד געווען, האט זיך קיינמאל ניט בעקלאגט און איז שטענדיג געווען אויפ'ן ארט צו טרויסטען און צו שטארקען די שוואכע הענט מיט זיין פאעטישער בעגייסטערונג.

— איך וועל צוריק געהן קיין יהודה, דא איז טרויעריג און לאנג־ווייליג, נישטא קיין מענשען — און איך בענק נאך געזעלשאפט, — האט דער גימנאזיסט געזאגט.

— און איך האב ליעב דעם גליל. — האט איהם אברכי אבגע־ענטפערט. — יהודה איז צופיעל היינטיג. עס איז שוין באלד ניט ארץ־ישראל, עס איז א פארשטאדט פון אדעם — מיט זייער רוסיש און מיט זייערע תל־אביב זומער־וואהנונגען. דער גליל איז נאך אזוי אריגינעל אידיש, אזוי ווי די אידען האבען עס געלאזט. און יעדעס ארט דא טראגט א היסטארישען נאמען און דערמאהנט אזוי פיעל פון דעם אידישען אלטען לעבען. דעם תבור, קוק אן דעם תבור — אז איך זעה איהם אזוי אין א פארנאכט, ווי דער הימעל רויטעלט זיך איבער איהם, דאכט זיך מיר, אז אט באלד וועט דבורה אראבנידערען פון איהם. יעדעס מאל, ווען איך קוק אויפ'ן תבור, זעה איך דבורה הנביאה. מיר דאכט זיך, איך זעה זי ווי זי נידערט אראב אין דער שפיץ פון אידישע מחנות. זי רייט אויף א קעמעל — אויף איין אויסגעפוצט קעמעל — און אידישע בחורים ריגלען זי ארום, האלטען וואך איבער איהר. יא, דער גליל איז שעהן! דא קענסטו זיך אין גאנצען איינלעבען אין דער פאנטאזיע פון אלטען אידישען גלויבען — ער איז נאך אזוי אומבארירט דער אלטער יונגער גליל! מען קען נאך דערקענען אין איהם די פעטע גערטנער, און די פייכטע גרינע לאנקעס, ווען אידען האבען איהם בעוואהנט. פארלאז ניט דעם גליל, לאמיר צוריק אויפלעבען דעם גליל! — האט אויסגערופען אברכי מיט בעגייסטערונג, ארומנעהמענדיג גדליה'ן ביים פלייצע, אזוי ווי די גאנצע באלעבונג פון גליל וואלט אנגעהאנגען פון דעם גימנאזיסט.

— תבור אהין, תבור אהער, אז די בערג זיינען שטום און

דער גליל איז לעער — און איך דארף האבען א מענשען, וועלכער קען אווארט אויסריידען. איך געה צוריק אין יהודה. — האט דער גימנאזיסט באשטימט.

— קיין יפו צום ים, און פון דארט מיט א שיף קיין אדעס צוריק אין גימנאזיום, אין גלות... האט אברכי געזאגט מיט אן אירא־נישען שמייכעל, וועלכער האט געשפּילט אויף זיינע בלייכע, קרענק־ליכע ליפּען.

דער גימנאזיסט האט געשוויגען.

— און ווער וועט בויען דעם גליל?

— די ארבייט איז ניט פאר מיר. אין גלות וועל איך קענען מעהר אויפטאן פאר ציון.

— איך וויים, איך וויים — א ציוניסט ווערען. געה, געה. אבער זיי וועלען קומען, אנדערע, שטארקערע און בעסערע. — האט אברכי געזאגט, אויפגעהויבען זיך און געלאזט זיצען זיין פריינד.

פארנאכט זיינען זיך די בחורים צונויפגעקומען אין הויף פון דער קאלאניע. קיין הייזער זיינען נאך ניט געווען געבויט. מען האט ערשט געהאט איבערגענומען דאס פעלד פון אראבער. און די וואהנונג, וואו די בחורים האבען דערווייל געוואהנט, איז בעשטאנען פון נידעריגע ליימענע געצעלטען, וועלכע האבען אויסגעזעהען ווי שטאלען פאר בהמות. אויפ'ן הויף און פאר דער טיר זיינען געלעגען אנגעלייגט גרויסע בערג מיט מיסט, פערטריקענטע און פעדברענטע פון דער זון, וועלכע די אראבער האבען אנגעווארפען דורך דורות יאהרען. פון די קופּעס מיט מיסט האבען זיך געטראגען שאארען שטעכעדיגע פליגען און אנדערע פליהענדיגע ווערים, וועלכע האבען געפּייניגט אלעם לעבעדיגעם מיט זייער דרינגענדע אנפאלען.

עס איז געווען ערשט א פּאר וואכען, ווי די בחורים האבען זיך באזעצט אין דעם אראבישען דארף, אין דער אונבאזעצטער, געפעהר־ליכער געגענד. די ערשטע פאר טעג זיינען אלע געווען בעגייסטערט צו פארוואנדלען א נייע שטיק ווילדע ערד אין א אידישע קאלאניע, באשאפען א נייעם אידישען אנהאלט פונקט אין א נייעם געגענד, פון

זועלכער עס וועט זיך אנטוויקלען א אידישער ישוב. צוערשט האבען די יונגע־לייט גענומען זיך צו דער ארבייט מיט דער גרעסטער בעגייסטערונג. דער געדאנק, אז זיי זיינען די בויער, די פיאנירען פון א נייעם ישוב האט זיי כח געגעבען איבערצוטראגען ניט נור בלויז די שווערע ארבייט, צו וועלכער די מעהרסטע פון זיי זיינען ניט צוגעוועהנט געוועזען, נור אויך איבערצוטראגען די אלע אומבעקוועמליכקייטען און די נויטען פון די וויכטיגסטע בעדערפענישען, אהן וועלכע א מענש פון ישוב קאן ניט לעבען. נור דער עיקר האט זיך געפיהלט די נויט אין וואסער און ריינקייט. וואסער איז נאך אין דער קאלאניע ניט געוועזען, און מען האט עס דערוויי̇ל גענומען פון היסטארישען טייך קישון, וועלכער האט זיך געפונען ניט ווייט פון דער נייער קאלאניע. דער טייך קישון איז טאקי א היסטארישער טייך, און ביי איהם האט דבורה הנביאה צוזאמענגענומען צעהן טויזענד מאן פון די קינדער פון נפתלי און פון די קינדער פון ישראל און האט זיי געפיהרט מלחמה צו האלטען געגען די רייטוועגען פון ברק, דעם קעניג פון כנען, און האט געהאט איבער איהם א גרויסען זיעג. נור קיין טייך איז ער ניט דער קישון. אז מען לערנט וועגען איהם אין פסוק מיינט מען, ווער ווייסט ווי עס שטראמען די וואסערען פון טייך קישון. אין דער אמת'ן אבער איז עס א קליין, קליין וואסערעל, וואס זומער־צייט ווערט עס אויסגעטריקענט און פארפאלען אין די הויכע גרעזער. בחנם האבען די בחורים פון דער קאלאניע געמאלקען דעם טייך קישון, אז ער זאל זיי געבען וואסער. זיי האבען אהיים געבראכט האלבע קרוגען מיט א בלאטיג וואסער, און מעהר לעהם ווי פייכקייט. דאס וואסער האט מען געזייעט און גענוצט עס צום טרינקען און קאכען, אבער צו וואשען זיך איז ניט געוועזען מיט וואס. קיין עסען איז אויך ניט געוועזען. אביסעלע גרינס און טרוקען ברויט, וואס מען האט איינמאל אין וואך איבערגעפיהרט פון טבריה. די ערשטע פאר טעג האבען די בחורים פארביסען מיט מענצלעך און פארטרונקען מיט געזאנגען. אויף יעדער צרה, וואס עס האט זיך ניט געמאכט מיט זיי, האבען זיי זיך ארומגענומען ביי די פלייצעס און געטאנצט און געזונגען מיט אלע כחות:

ווער וועט בויען דעם גליל?
גרליה דער גימנאזיסט וועט בויען דעם גליל!

ווער וועט בויען דעם גליל?

שמואל אברכי וועט בויען דעם גליל!

אזוי האבען זיי זיך איינעם דעם אנדערען כבוד אבגעגעבען, און בשעת מעשה געפיהלט זיך גליקליכע, וואס זיי זיינען בויערס פון דער אלטער אידישער רייכער פראווינץ גליל. דאס געזאנג האט זיי אריינגעבראכט אין בעגייסטערונג. זיי האבען זיך געפיהלט, אז זיי זיינען די אויסדערוועהלטע פון פאלק, וועלכע האבען די ערשטע דערפיהלט די שטימע פון גאט צוריקצוקעהרען אין זייער לאנד אריין און אויפצובויען דאס לאנד פאר זייערע ברידער. זיי האבען פארגעסען אז הונגער איז און אלע נויטען. זיי האבען אלסדינג אויסגעטאנצט און אויסגעזונגען. ווי זיי וואלטען געפיהלט די ווערטער פון דעם גרויסען זינגער. „אז ווען גאט וועט צוריקקעהרען די אידען קיין ציון — וועלען מיר זיך פרעהען. דענסמאל וועלען אונזערע מיילער זיין פול מיט געלעכטער און מיט געזאנג“.

אבער דאס געזאנג און די בעגייסטערונג האבען ניט געקענט פערטרייבען זייערע טעגליכע נויטען. די ארבייט האט זיי באלד אזוי אויסגעמאטערט—אז פיעלע פון די יונגע־לייט, וועלכע זיינען ניט געווען צוגעוואהנט פיזישער ארבייט, האבען געקלערט וועגען פערלאזען די פיאנירען־קאלאניע און געהן נאך יהודה, וואו זיי האבען געהאפט צו קריגען גרינגערע ארבייט און צו זיין מעהר אין א ישוב צווישען מענשען. אברכי האט דאס באלד באמערקט, אז דאס, וואס דער גימנאזיסט האט איהם היינט געזאגט ביי דער ארבייט — דענקען פיעלע, און ער האט גלייך אנגעזעהען אז די בחורים, וועלכע זיינען געלעגען אויסגעצויגען אויף די בערגלעך מיסט און הויף פון סאריי, מיעדע פון ארבייט און ניט געקלעהרט וועגען עסען, וואס דער בחור, אויף וועלכען עס איז דעם טאג אויסגעפאלען דער משמר, האט פארבערייט פאר זיי. אין דער קאלאניע האט געהערשט א געדריקטע שטימונג. זיי האבען זיך געפיהלט ווי זינדיג — און איינער האט געברומט דארט ווי פאר אלע:

— עס איז שווער פאר אז אינטעליגענטע מענשען די איינזאמקייט מעהר פון הונגער.

— אין יהודה איז דאך לייכטער פאר אונזער איינעם — מען קריגט א צייטונג, מען הערט וואס טוט זיך אין דער וועלט.

אברכי האט זיך צוגעהערט צום געשפרעך און איז טרויעריג גע־ווארען.

— נישטא קיין כח ביי אידען, נישטא, — האט ער פאר זיך אליין געברומט, און אנגערופען זיך צום עולם:

— וואס זיצט איהר ווי די אבלים? העי, חיים, הויב אן: — מי יבנה הגליל? —

און האט גענומען דעם שווערען בחור׳ל דעם גימנאזיסט, און גע־צויגען איהם אין טאנץ.

אייניגע האבען מיטגעהאלפען מיט האלבע שטימען — אונטער־ברומענדיג, אבער פון די קופקעלער מיסט האבען זיי זיך נישט בע־וואויגען.

ווער עס האט ארויסגעצויגען פון טאש איין אלטע העברעאישע צייטונג, וועלכע ער האט זי שוין געהאט איבערגעלעזען אמאל צעהן, און פארטראכט זיך אין איהר, א צווייטער — א העפט „השלח“, און אברכי אליין האט געזונגען מיט זיין האלב־הייזעריגען קול, אונטער־געקנאלט זיך מיט זיינע דארע צוויי פינגער.

דער בחור האט געזעהען, אז מען העלפט איהם ניט אונטער, האט ער ווידער געברומט פאר זיך, קרעכצענדיג:

— נישטא קיין כח ביי אידען, נישטא...

עס איז שוין געווארען טונקעל. דער בארג תבור האט זיך איינ־געהוילען אין א גרויען נעבעל. — די זון האט נאך לאנג געציקט אונ־טערגעהענדיג און האט פארגילדט דעם ראנד פון הימעל. — איבער׳ן טהאל האט זיך געקליבען א נעבעל, און א פייכקייט איז אויפגעגאנ־גען פון די גרעזער. איבער דער וועלט איז שטיל געווארען און ערנסט — די ערנסטקייט פון די ארץ־ישראל׳דיגע פארנאכטען, ווען עס דאכט זיך, אז גאט רוהט איבער׳ן הימעל פון ארץ־ישראל ביינאכט...

אין דער קאלאניע איז שוין אלעס געשלאפען. די צוויי־דריי וועכטער זיינען געשטאנען אנגעלעהענט מיט די רוקענס צו דער וואנד פון די אראבישע שטאלען, האבען געהאלטען די ביקסען אין די הענד און געקוקט אין די גרויסע שטערען אריין פון ארץ־ישראל הי־מעל. אברכי איז אליין ארומגעקראכען ארום דער קאלאניע. ער האט ניט געקענט שלאפען ביינאכט. דער פיבער האט איהם ארויסגעוואר־פען, און ער האט געבלאנדזשעט, האלב ווי אין חלום ביינאכט, ארום דער קאלאניע. ער האט געקוקט אויף דעם בארג תבור, אין גרויען נעבעל פון דער נאכט האט ער בעשיינפערליך געזעהען, ווי דבורה הנביאה רייט אראב פון בארג אראב אויף א קעמעל, בעקליידט מיט גאלד און טייערע חפצים, און ארום איהר גבורים — די גבורים פון ישראל — האלטען ארום איהר וואך.

— „און דבורה האט צונויפגענומען צעהן טויזענד מאן פון די קינדער פון זבולון און נפתלי — און איז ארויסגעגאנגען מלחמה האל־טען מיט דעם קעניג פון כנען“. —

— וואו נעהמט מען היינט א דבורה — א דבורה הנביאה, וואס זאל בעגייסטערען דאס פאלק? נישטא קיין כח ביי אידען, נישטא. — האט ער געברומט.

— א דבורה, א נייע דבורה — האט אברכי געברומט פאר זיך האלב אין טרוים.

---

2.

## א פלעשעלע פערפיום.

איבער די גרינע לאנקעס איז געפאהרען א פוהר, און פון דער פוהר אראב האט זיך עפעס געבלישצעט א רויטער פלעק פון א קאפ־טענדעל, א ווייסער זונען־פלעק פון א זיידענעם באנד האט געפלאקערט

אויף א פרויען קאפעליוש. די בחורים, וואס האבען געארבייט אין פעלד, האבען אבגעשטעלט זייערע לאפעטעס און נאכגעקוקט נאך דער פוהר מיט פערוואונדערונג. פון דער פוהר אראפ האט זיי ווער בעגריסט. יעצט האבען זיי שוין קלאר געזעהען, א מיידעל פוכערט צו זיי מיט א ווייס טאשענטיכעל.

— שלום. שלום! — האט אראבגעקלונגען א ווייבעריש קול'כעל פון פוהר אראב. — און געהאלטען אלץ אין איין בעגריסען זיי מיט'ן ווייסען טאשענטיכעל.

די בחורים האבען אבגעענטפערט די בעגריסונג, אנגעקוקט זיך איינער דעם אנדערען. אויפגעצויגען די אקסלען פאר פערוואונדערונג, און זיינען געווארען פעראינטערעסירט און נאכגעקוקט מיט דארשטיגע בליקען. וואו די פוהר וועט זיך אבשטעלען. געזעהען, אז די פוהר האט זיך אבגעשטעלט פאר די שטיבלעך פון זייער קאלאניע. זייענען זיי געווארען נאכמעהר פעראינטערעסירט. און זיי האבען אנגעהויבען פרואווען טרעפען ווער דאס איז.

— דאס איז דיין שוועסטער, ציקער, — האט ווער גערופען צום גימנאזיסט — געקומען דיך אהיים נעהמען. געוויס געקלאגט זיך, אז עס איז דיר שלעכט דא.

דער עולם האט געלאכט.

— ניין. עס איז אברכי'ס בת ציון. ער האט זי אראבגערופען פון די בערג, אז זי זאל אונז קומען בעגייסטערען. — האט ווער געשפאסט.

אבער דער עולם איז געווען פעראינטערעסירט און נייגעריג צו וויסען, ווער דאס איז. דעם טאג זיינען זיי פריהער אהיים געקומען פון דער ארבייט, און פאר'ן עסען האבען זיי זיך גענומען פארקעמען די האר מיט די פינגער און געפרואווט אבריינינגען די מלבושים פון דער ערד און בלאטע.

אז זיי זיינען אריינגעקומען אין דעם אראבישען הייל האט זיך דערפיהלט א געשמאק פון פערפיום. א טייל פון די בחורים זיינען עפעס אומבאוואוסט רויט געווארען, דער געשמאק פון פערפיום האט

מאדנע געווירקט אויף זיי, און דער גימנאזיסט איז פלוצלונג באלעבט געווארען, דער קריפילדיגער שווער־פעליגער אנקעל האט געשטופט איין בחור נאכ׳ן אנדערען:

— עס שמעקט, דו הערסט!

— וואס?

— פערפיום! — האט ער געאטעמט מיט די נאז־לעכער, רויט געווארען און געשמייכעלט.

אברכי האט זיך פארשעהמט ווי א יונגע מיידעל.

— איך הער גארניט — פאנטאזיעס.

אבער אויף אלע בחורים האט עפעס מאדנע געווירקט דער גע־שמאק פון פערפיום אין דעם אראבישען לאך. זיי האבען מיט אמאל עפים דערפיהלט זיך, אז זייערע לייבער זיינען ניט זויבער און עס פיהלט זיך פון זיי דער זויערער געשמאק פון פארטריקענטען שוויס — און דער ריח פון פערפיום, וואס האט זיך פלוצלונג דערקערט אין דעם אנגעווארפענעם בחורים־לאגער, אין דער אראבישער ליימענער הייל — האט אויף זיי געווירקט אויפרעגענד. זיי האבען שוין פער־געסען דערפון, אז זיי זיינען מיעד און הונגעריג. פלוצלונג האט מענ־דעל זילבערשטיין אנגעטאן א קראגען אויף זיין רוסיש העמדעל. קיי־נער האט ניט געוואוסט פון וואנען ער האט גענומען א קראגען, און ווי מענדעל וואלט זיך געוואלט פערענטפערען, וואס ער האט פלוצ־לונג אנגעטאן א קראגען, צו וועלכען קיינער איז ניט געוואהנט געווען — האט ער געזאגט:

— אן אינטעליגענטער מענש דארף שטענדיג זיין אנגעטאן, אפילו ווען ער געפינט זיך אין א וויסטע. ניט פאר אנדערע, נור פאר זיין אייגענעם איך — פאר דעם כבוד פון זיין פערזענליכקייט. מען האט רעספעקט פאר זיך אליין — האט ער געזאגט, צושפילענדיג עפעס א מין שניפס צו דעם, וואס די בחורים האבען גערופען קראגען.

צום עסען איז דער פערוואלטער אריינגעקומען פון זיין שטיבעל מיט א מיידעל פון א יאהר אכטצעהן, מיט צוויי שווארצע צעפ און

אן אויסגעפילטען האלז — ווי א פעטע טויב, און ער האט זי פארגע־שטעלט פאר'ן עולם:

— מיין שוועסטער דבורה פון יהודה, געקומען דא שטעהן מיט אונז א פאר וואכען, וועט אונז ארויסהעלפען אין בעל־בית'ישקייט.

די בחורים האבען זיך אויפגעפיהרט סטאטעטשנע ביים טיש, האבען געמיהט זיך צו עסען איינגעהאלטענער, ניט מאכען קיין גרוי־סע ביסענס און ניט קלאפען מיט די ליפען, ווי זיי זיינען געוואהנט געווען. אין דעם גימנאזיסט האט זיך ערוועקט דאס גאנצע בחור'ש־קייט פון זיינע גימנאזיסטישע יאהרען, ווען ער איז געווען אין ביא־לאסטאק און נאכגעלאפען די גימנאזיסטישע מיידלאך אין שטאדט־גארטען, האט ער געקנייפט אברכי'ן, וועלכער איז געזעסען נעבען איהם:

— דו פיהלסט פערפיום? שמעקסט פערפיום?

און אברכי האט איהם צוריקגעשטופט:

— חלום'סט, רעדסט דיר איין פאנטאזיעס.

און מענדעל זילבערשטיין, וועלכער האט גענעבען אין דערהיים העברעאישע שטונדען, האט פון מלמדות געקראגען אן איינגעפאלענע ברוסט און א הויכע האלז, דורך וועלכער עס האט געהאלטען אין איין דורכשפאצירען א קראג. דער קראג אין האלז האט אויסגעזעהען ווי א מייזעל לויפט אין א שטיינעל ארום. יעצט האט דער שעהנער, הויכער קראג ארויסגעשטארצט פון דעם ענגען קראגען מיט דעם לאנגען שניפס, וועלכער איז געווען פעסט פארצויגען ארום האלז. מענדעל האט געוואשען, אז ער איז דער איינציגער, וואס טראגט א קראגען, און ער האט מיט דעם שטאלצירט — און עס האט אויסגע־דוכט ווי דער הויכער האלז מיט'ן מייזעל־קראג, וואס איז ארומגעלאר־פען אין איהם, האט אין איין זאגען — אז אינטעליגענטער מענש דארף שטענדיג געהן אנגעטאן א קראגען — פאר דעם כבוד פון זיין אייגענער פערזענליכקייט.

נאכ'ן עסען האבען זיך די בחורים ארומגעדרעהט אויפ'ן הויף באלעבאטע און פעראינטערעסירטע. דאס מיידעל האט זיך בעוויזען

אויפ'ן שוועל פון דער אראבישער הייל. אלע האבן געוואלט צוגעהן צו איהר ריידען מיט איהר, נור די מעהרסטע פון די יונגע לייט זיינען געווען אויפגעצויגענע אין בית־המדרש און די רעליגיעזע פרומקייט פון זייער קינדהייט האט זיי געמאכט צניעות'דיג נעגען א פרוי. זיי האבן זיך אלע פערלארען פנים אל פנים מיט א מיידעל און ניט גע־וואוסט ווי צו פארקניפען מיט איהר א געשפרער. אייגער האט דעם צווייטען געשטופט, און געזאגט:

— געה צו, געה צו.

— געה דו, וואס שיקסטו מיך דעם ערשטען?

דער ערשטער, וועלכער האט געוואגט צו געהן, איז געווען גדליה דער גימנאזיסט. דא איז איהם צוניץ געקומען זיין ביאלאסטאקער גארטען־פראקטיק פון זיינע גימנאזיסטישע יאהרען. ער איז צוגע־גאנגען צו דער מיידעל און איהר געפרעגט:

— איז די גבירת'טע צום ערשטען מאל אין גליל?

— יא, די גבירת'טע איז צום ערשטען מאל אין גליל, און זי זעהט צום ערשטען מאל דעם היסטארישען בארג תבור.

— אויב די גבירת'טע וויל ניט צוגעהן זעהן דעם בארג, עס איז נאך גרויסער טאג און עס איז נאך ווייט צו זונען־אונטערגאנג.

— זי וועט געהן און די בחורים וועלען מיטגעהן — זי שרעקט זיך אליין אין דער פינסטערקייט פון דער נאכט.

— געווים וועלען די בחורים מיטגעהן.

און דער קליינער קריפעלדיגער גימנאזיסט איז געגאנגען פון איין זייט פון דער מיידעל, פון דער צווייטער זייט איז צוגעקומען מענדעל דער לעהרער. דערפאר וואס ער אליין טראגט א קראגען האט דאס איהם מוטה געגעבען מעהר פון אנדערע צו זיין דער צווייטער בע־גלייטער פון דער מיידעל. מענדעל דער לעהרער איז געווען א הויי־בער, און דער קראגען אויפ'ן לאנגען אויסגעצויגענעם האלז מיט דער לויפענדער מייזעל־קראג האט איהם נאך העכער געמאכט. און יעצט, ביי דער זייט פון דער מיידעל, איז ער נאך העכער געווארען. און

גדליה דער גימנאזיסט האט ווידער א סבה, און ווען ער פרעהט זיך און עס איז איהם גוט, וואקסט ער אין דער ברייט — מאכט דאס אויסגעפילטע פוכאוואטע קערפעריל לצבודת און קארטשעט זיך איין — און יעצט, מיט דעם מיידעל, איז ער נאך קלענער געווארען. און דאס מיידעל מיט די צוויי שווארצע צעפ און מיט דעם ווי טויב גע־גליכענעם האלז־און־נאקען, צווישען דעם הויכען און קליינעם — און די בחורים נאך זיי — זיינען געגאנגען איבער דער לאנקע, און אונטער זיי אלעמען איז נאכגעגאנגען דער בלייכער האלב אין חלום פערוועב־טער אברכי. די זון האט זיך שוין אנגעהויבען לאנגזאם צו זעצען אונטער'ן בארג, און עס האט אויפגעפלאמט יעדער פארטריקענטער מאהן־קעפעל פון דער טיפער, גרינער לאנקע ארויס. יעדעם צווייגעלע מימאזי האט זיך געלויכטען אין דעם שטראהלען ליכט, וואס די זון האט צוריקגעווארפען. איבער דער וועלט איז געקומען א געשמאק פון פערפיום — די בחורים האבען דערפיהלט און געטרונקען אין זיך דעם געשמאק פון פערפיום, וואס האט געאטעמט ארויס פון אלעם לעבעדיגעם, גרינעם, און זיי זיינען שכור געווארען פון פערפיום־גע־שמאק.

און אברכי האט אין דעם קיהלען פריהלינג פארנאכט איבער די פעלדער פון גליל אנגעהויבען צו טרוימען: עס געהען די בחורים צום בארג תבור, און פאראויס פאר זיי געהט — דבורה.

---

## 3.

## ביים טייך קישון.

און דער גימנאזיסט האט אין דעם קיהלען פריהלינג פארנאכט אי־בער דער מיידעל דבורה און שוין ניט געקלערט צו פערלאזען די קאלא־ניע. זיי האבען געארבייט מיט חשק, און די ארבייט איז אויך געגאנגען

פון ארט. יעדער איינער האט זיך בעמיהט איבערצויאגען זיין חבר, צו גרויסען זיך פאר דבורה'ן, אז ער איז א בעסערער ארבייטער. אברכי האט געזעהען ווי דאס פעלד ארום דעם בארג תבור ווערט וואס א טאג מעהר בעלעבט, וואס א טאג קומט צו א שטיק בעארבייט פעלד, און זיין הארץ האט זיך געפרעהט: אט באלד וועט דאס פעלד ארומבעהמען דעם גאנצען בארג, און עס וועלען ארויסוואקסען מענשליכע ווייצען — פונקט אזוי ווי דענסמאל, ווען אידען זיינען אין זייער לאנד געזעסען.

אז די בחורים זיינען אהיים געקומען פון דער ארבייט פארנאכט, האבען זיי געטראפען דבורה'ן אויף דער שוועל פון אראבישען הייזעל, אבווארטענדיג זיי. איהרע האר זיינען געווען פערקאמט אין צוויי שעהנע לאנגע צעפ, דאס ווייסע שירצעל האט געבלאנקט אין זון פון דערווייטענס, און איהר פולע מיידעלשע ברוסט האט זיך בעוואויגען אין דער שטיל, בעוואויגען זיך ווי דער אויסגע'חנ'עוועטער, פוכיגער האלז פון א טויב. די בחורים האבען זיך ווי עפעס פערשעהמט פאר איהר, אריין אין הויף, און מיט'ן לעצטען ביסעל וואסער אבגעוואשען זיך, אויסגערייניגט זיך די קליידער און פערקעמט זיך די האר מיט די פינגער. מענדעל דער לעהרער האט אליץ נאך ניט אויסגעטאן דעם קראגען. ער האט איהם שוין צוויי מאל געהאט געוואשען אין די וואסערען פון קישון און יעדען פארנאכט זיך אויסגעפוצט מיט איהם.

דאס אראבישע לאך, אין וועלכען די בחורים האבען געוואהנט, האט גאר געקריגען אן אנדער אויסזעהען זייט דבורה האט גענומען שטעהן מיט זיי. דער קעלער האט געטראגען די שפורען פון דבורה'ס ווייבערשע האנד — און איז גאר פערוואנדעלט געווארען אין אן אנגענעהמען אריענטאלישען זומער־פלאץ. דבורה האט יעדען טאג אבגעפליקט ווילדע רויטע מאהן־קעפלעך און זיי אריינגעשטעלט אין ערדענע כלים, די ליימענע וואנד האט זי בעהאנגען מיט בליהענדע צווייגען פון ווילדע ציטראנען־בוימער, וועלכע האבען אין דער דאמאלסדיגער צייט פון פריהלינג געבליהט. די הארטע וויים־סאמעטיגע בליהעכץ־בוימלעך האבען בעמאלט די ליימענע וואנד און אנגעפיהלט דעם טונקעל־קיהלען אראבישען קעלער מיט א פעטען, זיסען אראמאט. און פון די ריחות פון די בלומען האט זיך דערהערט דער אנגענעהמער

האלב־פער׳שכור׳נדער געשמאק פון דבורה׳ס בליהענדען קערפער, וועלכער האט געוועהט מיט א שטארקען נעגעלעך־פערפיום, וואס זי האט זיך פון שטאדט מיטגעבראכט. און די בחורים, אז זיי זיינען אריינגעקומען אין קעלער, האבען זיי געפיהלט יום־טוב׳דיג, ווי זיי וואלטען אריינגעקומען אין א פערבארגען מיידעלשען שלאפצימער. פערוואנדעלט איז געווארען דער טיש, ביי וועלכען זיי האבען זיך געזעצט עסען, אין א טיש פון שבת, דאס טרוקענע ברויט האט געשמעקט ווי פרישע חלה, און דאס עסען האט גאר א גאנץ אנדער טעם געהאט. זיי האבען געהאט דאס געפיהל, ווי זיי וואלטען געווען געגעסען שטיקלעך דבורה, ווי זיי וואלטען גענאגט איהרע פינגערלעך און געקושט שטיקלעך פון איהר זיסען קערפער. דאס עסען, וואס דבורה האט צוגעריכט, האט געהאט דעם זיסען טעם פון איהר שמעקעדיגען קערפער און דער געשמאק פון די בלומען, פון וועלכע עס האט זיך אם שטארקסטען געהערט דער פערפיומען־געשמאק פון דבורה׳ס אטעמדיגע בעוועגליכע בריסטען, האבען פערשכור׳ט די בחורים און זיי זיינען געזעסען ביים עסען ווי אין חלום, ווי אין א זיסען שלאף.

נאכ׳ן עסען זיינען די בחורים, מיט דבורה׳ן אן דער שפיץ, געגאנגען צום טייכעל קישון. די נאהענטסטע מחותנים צו דבורה׳ן זיינען נאר אלץ געווען דער גימנאזיסטעל און דער לעהרער מענדעל מיט׳ן קראגען. עס איז נאך געווען די שעהנסטע צייט פון יאהר אין די בערג פון גליל. די לאנקעס, סיי די בעארבייטע און סיי די ניט־בעארבייטע זיינען געווען איינגעטונקט אין א טונקעל, טונקעל גרינס, ווי דאס גרינס פון גרינע אוגערקעס — מען האט מורא אריינצוטרעטען אין אזא גרינס, ווייל עס דאכט זיך אז עס איז פייכט און נאס... אז עס בעהאלט אין זיך א מיסטעריעזע פערבארגעניש, ווי צווישען דעם גרינעם ליעגט דאס געהיימנים פון שאפונגס־סוד. דאס גרינע איז ניט געווען אויסגעגאסען ווי א טייך איבער די גאנצע אויבערפלעך פון דער ערד, ווי דאס אויג וואלט געווען געגלוסט צו פערנעהמען, נאר עס האט זיך געריסען איבער שטיינערדיגע בערג, איבערטאלען, און עס איז געווארען שמערצליך איבערגעהאקט אין מיטען פון ווילדענישען און שטיינער־טייכען. דאס איינציגע מענשליכע ווינקעל, וועלכעס האט אזוי פרעהליך געמאכט דאס אויג, זיינען געווען די סימעטריש גלייכע אויסגעארבייטע פעלדער, איבער וועלכע די־

אידישע בחורים האבען אן אקער אריבערגעפיהרט צום ערשטען מאל זיית טויזענדער יאהרען... פון איבעראל האבען געקלעטערט בערגלעך אין דער הויך, סימעטריש אויסגעהאקטע בערגלעך ווי פיראמידען, מען האט געקענט בעמערקען די שפורען פון אמאליגע מענשליכע קולטור אין די געבוי פון די בערגלעך. ווי האט דאס אויג געבענקט צו פער־געהמען מענשליכע שטיינערנע הייזלעך בעפלאנצט מיט רויטע רויזען־שטאנגען וועלכע זאלען גליהען יעצט אין דעם ליכט פון דער אונטער־געהענדער זון? ווי האט זי געבענקט נאך די קריפעלדיגע מענליך־שטארקע וויין־שטאנגען, וועלכע זאלען קלעטערען איבער די טעראסען פון די בערג מיט גרינע לאנגע פינגער־צווייגען? ווי האט זיך גע־בענקט צו פערנעהמען פון די געבירג אראב א מענשליכעם געזאנג, די אידישע שטימען זאלען רופען פון די געבירג אראב אין דעם גין־נאל־דענעם פארנאכט; אז פייערלעך זאלען אויפפלאמען אויף די געבירג פון אידישע הייזער ארוים; אז וואלקענדלעך רויך זאלען זיך קייקלען אין דער קלארער לופט פון די קוימענס? גאר גאר ניט איז געווען צו זעהן פון מענשען אין דעם רייכען פעטען מענשען־לאנד, איינזאם און פערלאזט האט דא און דארט איז געשטאנען אן איינזאמער, אל־טער, פון יאהרען פערקריפעלטער אוילבירט־בוים. עס האט זיך גע־דאכט אז עס שטעהט דער בוים מיט זיינע גרייז־גרויע איינגעהויקערטע צווייגען־בלעטער פון דור דורות, א זכרון פון דעם לעבען וואס איז אמאל דא געווען...

ביי דעם טייכעל קישון, ביים אריינגאנג פון פעטען טאל יזרעאל, זיינען געזעסען די בחורים, ארומריינגלענדיג דאס מיידעל דבורה, און האבען גערעדט וועגען די צייטען וואס האבען אמאל דא זיך ביים טייכעל אבגעשפיעלט. גאנץ אנדערש האט שוין יעצט ביי זיי אויס־געזעהן דאס בלאטיגע טייכעל וואס ליעגט בעהאלטען צווישען די גרעזער. ער איז מיט אמאל געווארען אין זייערע אויגען דער טייך קישון פון תנ"ך, וואס האט געשפיעלט אזא גרויסע ראלע אין דער גע־שיכטע פון אידען, ביי וועלכען עס זיינען געווארען אבגעהאלטען גלענ־צענדע זיעגען.

— אט דאס טייכעל איז זעהר א גוטער סטראטעגישער פונקט, האט זיך אברכי אבגערופען, וועלכער האט געוואוסט אלע היסטארישע

ערטער און איז געווען שטענדיג גרייט צו פאנטאזירען וועגען די אלטע אידישע מאמען. און זיין קאפ איז תמיד פול געווען מיט סטראטע־גישע פלענער וועגען עראבערען ארץ ישראל פאר אידען. — איהר זעהט, דארט ליעגט „חרושת הגוים”, ווייזט ער מיט א פינגער ווייט אין טהאל. פון דארט איז ארוים סיסרא און דבורה איז אראב פון בארג תבור מיט איהרע צעהן טויזענד מאן און זיי האבען זיך געטראפען דא ביים טייבעל. דא איז אנגעגאנגען די מלחמה פאר די ערא בערונג פון עמק יזרעאל. און דא, ביי די וועלען פון טייבעל, האט דבורה געהאט דעם גלענצענדען זיעג איבער איהר פיינד. שטענדיג האט דאס טייבעל געשפיעלט א ראלע אין די מלחמות אין ארץ ישראל, און עס איז שטענדיג געווען מזל'דיג צו אונז.

— און ביים טייבעל קישון וועלען מיר אויך אבהאלטען א צוויי־טען זיעג. יא, דאס טייבעל איז שטענדיג צו אונז מזל'דיג געווען — רופט זיך פלוצים אב דער לעהרער

— ווי אזוי מיינסטו?

— פון דאנען וועלען מיר אנהויבען צו בעבויען דעם גאנצען טהאל יזראעל און מיר וועלען איהם איינציגווייז איינגעהמען מיט נייע בעארבייטע פעלדער און מיט בעפלאנצטע גערטנער. אזוי וועלען מיר זיך פון דאנען פערשפרייטען איבער'ן גאנצען גליל, ביז מיר וועלען דעם גאנצען גליל איינגעהמען פאר אידען. דאס טייבעל איז פאר אונז שטענדיג געווען מזל'דיג.

— און א דבורה וועט אונז אנפיהרען צום זיעג — האט אויס־געשריען דער גימנאזיסט.

— יא, דבורה, א צווייטע דבורה.

און מיט אמאל האט זיך דער עולם געענבען א הויב פון די פלע־צער, אנגענומען זיך ביי די ארימס און געמאכט א קראנץ ארום דעם

מיידעל, און איינער פון די בחורים האט אנגעהויבען צו זינגען:

— ווער וועט בויען דעם גליל?

— און אלע אין איין קול:

— דבורה וועט בויען דעם גליל!

דאס ווארט „דבורה" האט זיי אריינגעבראכט אין א מין מאד־נעם עקסטאז. זיי האבען געהאלטען אין איין זינגען „דבורה בויען דעם גליל" און געדרעהט זיך אין א ראד ארום דער מיידעל, טאנצענדיג און זינגענדיג. וואס אמאל זיינען זיי אריינגעקומען אין א העכערען עקסטאז. זיי וואלטען זיך געפיהלט אלע פערבונדען, ווי זייער בלוט וואלט דורכגערונען דורך זייערע הענד פון איינעם צום אנדערען און אויסגעמישט זיך אין איינעם — און זיינען אלע געווען אנגעקניפט און פערבונדען אין דער מיידעל, וואס שטעהט אין מיטען זייער ראד און טאנצט ארום זיי. דאס מיידעל האט זיי בעהאפטען אין איינעם און געמאכט אויס זיי איין יחיד, מיט איין איינציגע נשמה.

און די נאכט איז וואס אמאל מעהר צוגעפאלען און האט זיך גע־לייגט אן ערנסטע און א פעטע צווישען די גרינע גראזען. געגען זיי איז געשטאנען דער בארג תבור. איינזאם אליין איז ער געשטאנען אין דער נאכט, און געהוילען זיין שפיץ צווישען די ליכטיגע שטערן. וואס האבען זיך אנגעצונדען איבער זיין רוקען. ארום און ארום איז קיינער נים געווען, קיין מענש פון היינט, קיין צייכען פון היינט, נור דער אלטער בארג תבור און דער טייך קישון און דער טהאל איזראעל. אויף דעם אלטען אידישען באדען, אין מיטען פון זיי שטעהט דבורה, די יונגע שעהנע דבורה, מיט איהר שמעקענדיגעם לייב, מיט איהרע פערפיומען־אטהעמדיגע ברוסטען, מיט איהרע לאנגע שווארצע צוויי צעפ, מיט איהר פולען בעהז'מען האלז ווי ביי א טויב און זיי טאנצען ארום איהר, און זינגען הינטער דעם בארג תבור, ביי די ברעגען פון טייכעל קישון, אין די טונקעלע ארץ־ישראל נאכט.

— ווער וועט בויען דעם גליל?

און פון הויכען איינזאמען בארג דאכט זיך צו פערנעהמען א שטימע פון אלטע אלטע צייטען:

— דבורה וועט בויען דעם גליל...

# אבשלום און רות.

(ערצעהלונג)

1.

## ווען די אראנדזשעם בליהען.

מיט דעם ערשטען הויך פון יונגען פריהלינג איז די לופט פון ארץ ישראל פער'שכור'ט געווארען מיט די פעטע געשמאקען וואס האבען ארויסגעגעבען פון זיך די בליהענדע אראנזשען און עדעלזיסען ריח וואס האבען געהויכט פון זיך די בליהענדע מאנדלען. דער טהאל וואס ליעגט צווישען די בערג פון יהודה און דעם ים איז בעבלימעלט געווארען. פון צווישען די שטיינער האבען זיך ארויסגעריסען גאנצע בונדען בלוט־רוט לייכטע רויזען, דאס בליהעכץ פון ווילדען מאהן. די מעהרסטע ערד איז ניט געוועזן בעארבייט, און דאס טונקעלע גרינס האט געוואקסען ווילד און פריי, אויסגעשאטען מיט בליהעכץ פון ווילדע בלומען. פון צייט צו צייט האבען זיך א פאאר אויל־בוימער צונויפגענומען, ווי א מנין אידען וואס וואלטען געשטאנען און געדאווענט אין פעלד. זייערע דיקע שטאמען זיינען צושפאלטען און צוגלידערט געוועזן, די קארע אויפגעפרעסען פון שטויב, וואס דער ווינד האט געטראגען אויף זיי צייט הונדערטער יאהרען: אבער צווישען די פערשטויבטע, פון זונן אויפגעגעסענע צווייגען, האבען זיך געוויזען די נייע פריש־גרינע שפראצונגען, וואס די אלטע בוימער האבען ארויסגעגעבען פון זיך דאס יאהר. און עס איז געוועזן אזא וואונדער וואס אזעלכע אבגעשטארבענע בוימער קענען נאך בליהען... פון צייט צו צייט האט זיך איבער דעם רויט־זאמדיגן וועג געטראגען א קאראוואן פון קעמלען, וועלכע האבען ביישפאציערט דיה

איינזאמען, פון מענשען פערגעסענעם, וועג ווי א חלום — מיט זייערע פאמעלעבדיגע ערנסטע טריט, מיט זייערע שטאלץ־האלטענדע קעפ — ניט ווי די קעמלען וואלטען געווען געפיהרט אויף זיך קעסטעלער־מיט אראנזשען פון די אידישע קאלאניעס אין יפו אריין, נור ווי אין זייערע געהויקערטע רוקענס וואלטען געזעסען די פאטריארכען פון די אידען, אברהם, יצחק אדער יעקב, און די קעמלען ווייסען וועמען זיי פיהרען און שפאציערען דורך דעם וועג מיט איינגעהאלטענע ערנסטע טריט, איבערטראכטענדיג יעדען שריט וואס זיי טרעטען... פון צייט צו צייט איז אן עזעלע דורכגעלאפען, אנגעלאדען אויף זיך א בעט מיט בעטגעוואנד, און פון צווישען דעם בעטגעוואנד האט ארויסגעקוקט אן אלטער איד, וואס איז געווען צום יונגען עזעלע צוגעשנורעוועט ווי א קינד צו דער וויעג... דאס עזעלע האט מיט אונטערטהעניגקייט געטראגען זיין שווערע לאסט און האט נאך צייט געהאט צו קאקעטירען מיט זיינע עדעלע טריט, אונטערשפרינגענדיג מיט זיינע אויסגעטאקטע פיסעלעך צו דעם איין־טאניגען אראבישען געזאנג פון דעם עזעל־טרייבער, וועלכער האט אונטערגעשמיסען דאס עזעלע מיט א רוט און מיט א ליעד...

עס איז געווען אין מיטען העלען טאג, ניט לאנג נאך די מיטאג־שעה, אין די שעהנסטע פריהלינגס־צייט אין ארץ־ישראל, די צייט פון פאר פסח. די זון וואס האט שוין צו דער צייט היים געוואר־רימט, האט געשמיסען מיט הייסע שטראהלען די ערד פון ארץ־ישראל און געפעדערט צו בליהען, און הינטער די שמיץ פון דער זון האט דער גאנצער טהאל אויפגעבליהט, צי יי ״עארבייט. יי ייט בעארבייט...

אין דער קאלאניע ב..., איז איינע פון די עלטסטע קאלאניעס. וואס אידען האבען געבויט אין ארץ־ישראל, איז אין דער צייט שא־שטיל געווען. מען האט קיינעם אויף דער לאנגער גאס ניט גע־זעהן, די הייזלעך זיינען געווען ווי פערשלאסען, טהיר און לאדענס פערמאכט פאר די ווארימקייט פון דער זון, די מענער און די אר־בייטער זיינען געווען פערנומען ביי זייערע בעיארעס וואס זיי האבען געהאט הינטער דער קאלאניע. פון צייט צו צייט האט זיך נור בע־וויזען א אידענע שעפענדיג וואסער פון דעם ברונען, אדער פליינע קינדער וואס האבען זיך אהיים געלאזט איבער דער געסעל פון דער־

קאַלאָניע און פערהילכט די שטילקייט מיט זייער קינדישען לאַכען און פרייד... אין דרויסען, אין די בעיארעס, אין די גערטנער פון די אָראַנזשעס און די מאַנדלען, זיינען די מענער פערנומען מיט דער ערד אויפקאַפּען, ארום די בוימער. נור אַם מעהרסטען איז מען פערנומען אין דעם גאַרטען פון ירחמיאל בלומגאַרטען, איינעם פון די קאָלאָניסטען אין דער קאָלאָניע.

עס איז שוין געווען אין אָנפאַנג פון חודש ניסן. יעדער איינער האָט שוין געהאט די אָראַנזשעס פון די בוימער אראָבגענומען פון זיין בעיארע און לענגס שוין געהאט אָבגעשיקט נאָך יאַפו. און יעצט איז מען געווען פערנומען מיט אויפקאַפּען די ערד און בעוואסערען די בוימער, צו ערציהען די נייע בליהעכץ. נור ירחמיאל אליין האָט נאָך געהאט אויף די בוימער שטעהן די אָראַנזשעס. די בוימער האָבען שוין געבליהט מיט נייע פרוכט און דער געשמאַק וואס איז ארויסגעגאַנגען פון די פעטע שטאַרקע ווייסע בלימלעך, האָט פער'שכור'ט מיט זיין אראָמאַט די גאַנצע געגענד, אז מען האָט ניט געקענט שטעהן אין דער נאָהענט פון זיי. און נאָך האָבען געהאַנגען אויף די צווייגען צווישען דעם בליהעכץ פיעלע רויט-זונענדיגע פעטע אָראַנזשעס, וואס האָבען בעשלעפּט מיט זייער שווערקייט די צווייגלעך פון די ציכטיגע בוימער צו דער ערד. מבינים האָבען איהם אפילו איבערגעשראָקען, אז דער צוקער פון די רייף-געוואָרענע וועט פערפוילען די פרוכט ווען ער וועט זיי לאָזען איבערשטעהן. ירחמיאל בלומגאַרטען האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אבשרעקען. דער קלוגער איד האָט געוואוסט וואָס ער טהוט. ערשטענס האָט ער געווארט מיט די אָראַנזשעס אויף'ן שפּעטערען סיזאָן. ווען קיינער וועט שוין ניט האָבען, וועט ער נעהמען א בעסערען פרייז, און א ריזיקאַנט איז ער געווען, האָט ער ריזיקירט; צווייטענס האָט ער געווארט אויף די געסט וואָס קומען אין דער לעצטער צייט אויף פסח קיין ארץ-ישראל און ווילען בעזוכען די קאָלאָניע. קיינער פון די קאָלאָניסטען וועט שוין ניט האָבען קיין שטעהענדע אָראַנזשעס, נור ער. עס איז שעהן צו ווייזען — און דערביי האָט ער געהאַט א בעהאַלטענעם מיין...

ירחמיאל האָט געהאַט אַן ערוואַקסען מיידעל — זיין מיזיניקעל. די פריהערדיגע קינדער האָט ער אויסגעגעבען פאַר קאָלאָניסטען, סוחרים, לעהרער, א חוץ צוויי ערוואַקסענע בחורים, וועלכע האָבען זיך

אונטערגענומען צו בעארבייטען א נייִ־געגרינדעטע פארם פאר א אידען פון דער פרעמד אין אן אנדער טהייל פון לאנד, אין גליל. רות, די אינגסטע טאכטער, איז אבער געווען גאנץ אנדערש ווי די עלטערע קינדער. זי איז שוין געבוירען און ערצויגען געווארען אין ארץ־ישראל, רעדט נור בלויז לשון־קודש, דאס „גלות" האט זי קיינמאל ניט אנגעקוקט אין די אויגען, געליעבט איהר גארטען און די קיה און די פערד מיט די אמת'ע נאטירליכע דארפישע ליעבע. געווען איז זי אויך דאס שעהנסטע מיידעל פון דער קאלאניע, און אז מען האט גע־נומען בילדער פון דער קאלאניע, צו מאכען פאסט־קארטען צו פער־קויפען אין דער וועלט, האט מען אויך גענומען דאס בילד פון רות — „די שעהנע פון יהודה". אין די מואווינג פיקטשורס, וואס מען האט גענומען פון ארץ־ישראל, האט מען אויך געוויזען רות פון די מערקוויר־דיגקייטען פון לאנד. רות איז „בעריהמט" געווארען איבער דער וועלט. אלע אידישע טוריסטען האבען געוואוסט פון איהר, און אז מען איז געקומען אין דער קאלאניע אריין, האט מען זיך געהייסען וויזען „די שעהנע פון יהודה". דער פאטער, וועלכער האט צוגע־האלפען מאכען רות'ן די רעקלאמע, האט געלעגט גרויסע האפנונגען אויף איהר. און ווען עס האבען זיך אין די לעצטע יאהרען, אייף פסח, אראבגעלאזט קיין ארץ־ישראל זעהר רייכע אידישע טוריסטען, איז דעם פאטער'ס האפנונג געשטיגען — ער האט ערווארטעט פאר רות אן אויסערגעוועהנליכען גליק, וועלכעס זאל בעשטעהן, זעלבסטפער־שטענדליך, אין א רייכען שידוך.

און טאקע האט זיך אין דער קאלאניע ארומגעדרעהט א יונגער מאן, וואס איז אראבגעקומען קיין ארץ־ישראל א קאלאניסט צו ווערען. די קאלאניסטען האבען זיך אין די אויערען געררומט איבער איהם, אז ער איז א מיליאנער'ס א זוהן, כאטש קיינער האט זיין רייכטהום נישט געזעהן. דער יונגער מאן האט זיך די ערשטע זאך אנגעטהאן א פאר געלע ענגלישע שטיוועל און געלאזט זיך ארומפיהרען פון די מעקלערס וויזען זיך לאנד צו קויפען. נאר דער יונגער מאן האט זיך אזוי ארומגעשלעפט פון איין קאלאניע צו דער אנדערער און זיך אלץ ניט געקענט בעשליסען וועלכע קאלאניע צו בעגליקען מיט זיין שכנה'שאפט. יעצט געפינט ער זיך אין דער קאלאניע ב... און, זעלבסטפערשטענדליך, האט ער ווי אלע אנדערע טוריסטען בעזוכט

„די שעהנע פון יהודה", און דער פּאַטער ירחמיאל האָט איהם זעהר שעהן אויפגענומען און איינגעלאַדען איהם אין זיין גאַרטען אריין צום שניט פון די אָראַנזשעס. יעצט האָט זיך דער יונגער מאַן ארומ־געדרעהט אין דעם גאַרטען, אין זיינע ענגלישע קאַמאַשען, און גע־זעהן ווי אַלע זיינען פערנומען מיט די אָראַנזשעס, און ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן מיט זיך. עס האָט ווירקליך קיינער קיין צייט נישט געהאַט צו איהם. די אָראַנזשעס אין ירחמיאל'ס גאַרטען, וועלכע זיינען איבערגעשטאַנען אין דער ווארימער זון, זיינען ווייך געוואָרען, פיעל זיינען געווען געשפּאַלטען און געגאָסען פון זיך דעם צוקער. ירחמיאל, וועלכער האָט זיך געאיילט זיי אראָבצונעהמען, איז גע־שטאַנען אָהן אַ ראָק און צוגעזאָגט די צוויי, דריי אַראַבישע ארבייטער, זיין טאָכטער רות און אַ פּאָר פון די שול־קינדערלעך, וועלכע האָבען אויך פלינק געהאָלפען די אָראַנזשעס אָבשניידען פון די בוימער, זיי פּאַקען אין הילצערנע קעסטלעך — אויפלאָדען אויף די קעמלען און זיי אָבשיקען קיין יפו צו עקספּעדירען זיי אין דער ווייטער וועלט אריין.

אַ חוץ די מענשען האָט נאָך אין גאָרטען געארבייט אַ תימנ'ער יונגער מאַן, אַ בחור פון אַ יאָהר זיעבצעהן־אכטצעהן, פון די תימנ'ער אידען, וועלכע האָבען זיך בעזעצט אין די קליינע הייזלעך וואָס מען האָט פאר זיי אויסגעבויט אונטער דער קאָלאָניע. דער יונגער מאַן מיט זיין מוטער האָבען מיט גרויסע העק און שפּאַדעלעס אויפגעקאָ־פּיעט די רויט־פעטע ערד פון גאָרטען, ארומגעגראָבען די ניעדריגע קרימפּעלדיגע בליהענדע בוימעלעך, וועלכע זיינען געשטאַנען שורות־ווייז אין דעם גאָרטען. רות, וועלכע האָט געהאַט נאַסע הענד, בע־גאָסען מיט דעם זאַפט און צוקער פון די אָראַנזשעס, וועלכע האָבען געפּלאַצט אין איהרע הענד, איז אוועק פון פּאַקען און איז צוגעגאַנגען אין דעם ווינקעל, וואו דער תימנ'ער בחור האָט געארבייט. דאָס מיי־דעל האָט זיך אומגעקוקט אויב קיינער זעהט ניט, און ווען זי האָט בעמערקט אַז אַלע זיינען פערנומען ביי די אָראַנזשעס, האָט זי געזאָגט צום תימנ'ער איינגעל אויף העברעאיש, וועלכער האָט פערשטאַנען נאָך פון דער היים, פון דער וויסטע פון תימן:

— אבישלום, רוק מיר ארויף די ארבעל פון מיין קאָפּטענדעל.

מיינע הענד זיינען פייכט און איך האָב מורא אַז איך זאָל מיר ניט נאָס מאַכען די אַרבעל פון מיין קליידעל.

דער תימנ'ער בחור, וועלכער האָט זיך ערצויגען הינטער די הייס־בריהענדע זון פון אַראַביען, איז שוין געווען מיט זיינע זיעבצעהן יאָהר אַ רייף־ענטוויקעלטער מאַן, כאָטש דאָס פּנים זיינס, וואָס איז געווען טונקעל און בעקליידט פון צוויי געקרייזעלטע שוואַרצע פּאות, האָט אויסגעזעהן ווי דאָס געזיכט פון אַ עגיפּטישען אינגעל, וועלכען מען געפינט אויסגעקריצט אויף די עגיפּטישע דענקמעלער. זיין גאַנצע פיגור איז געווען ווי אויסגעגאָסען אויס איין שטיק בראָנז. לויט די זיטען פון דעם לאַנד, פון וואַנען ער קומט, איז ער ניט גע־וועהנט געווען צום אומגאַנג מיט פרויען. דורך דעם האָט זיך איהם אויסגעדאַכט (ווי אַלע תימנ'ער אידען, וועלכע זיינען לעצטענס אַראָבגעקומען אין ארץ־ישראל, און מיט אַמאָל דערזעהן דעם פרייען פערקעהר וואָס איז צווישען מענער און פרויען ביי די אידען, מיט וועלכע זיי האָבען זיך ניט בעגעגענט צוויי־דריי טויזענד יאָהר), אַז די אידען זיינען גאָר קיין אידען ניט, און דער נייער אידישער ישוב אין ארץ־ישראל איז אויסגעלאָסען און פערדאָרבען. נאָר וואָס לענ־גער זיי זיינען געזעסען אין דער קאָלאָניע, האָט זיך דער יונגער דור פון די תימנ'ער אידען צוגעוואָהנט צום אייראָפּעאישען לעבען פון די אידען, און אַליין שוין אויך אָנגעהויבען אַזוי צו לעבען. דער אַלטער דור האָט זיך אָבער ניט געקענט צוגעוועהנען, און געהאַלטען, אַז ארץ ישראל איז פול מיט זינד און — די וועלט געהט אונטער. און כאָטש אבישלום, דער יונגער תימנ'ער בחור, איז שוין געוועהנט געוואָרען, אַז רות אָדער אַן אַנדער אידיש מיידעל פון דער קאָלאָניע זאָל צוגעהן צו איהם און רעדען מיט איהם פריי, און עס איז קיין שרעקליכעס ניטאָ אין דעם — דאָך איז יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך געפונען אין דער נאָהענטקייט פון אַ פרוי, האָט ער זיך פערלאָרען, און עס האָט זיך ערוועקט אין איהם דאָס הייסע בלוט וואָס די זידענדע זון פון דער וויסטע האָט געקאָכט אין זיינע אָדערען פון צעהנדליגע דורות. און נור אַ דאַנק די שטרענג־רעליגיעזע אידישע ערציהונג, אין וועלכער די תימנ'ער אידען האָבען ערצויגען זייערע קינדער אין דער וויסטע פון תימן און די צניעות פון זייער פאַמיליען־לעבען, האָט זיך אבישלום

צוריקגעהאלטען פון אן אויסברוך פון זיין הייסען בלוט אין דער געגענוואַרט פון א פרוי.

או ווי יעדעס מאל, אזוי אויך דאס מאל איז דאס בראנזענע גע־זיכט פון דעם יונגען אידישען אראַב בעגאסען געווארען מיט א בלוט־שטראם און צוגעגעבען זיין בראנזען קאליר א מאטע רויטע פארב. און זיין פנים און פיגור זיינען געווארען ווי פון א קופער געגאסען. אז רות האט אויסגעשטרעקט צו איהם איהרע שעהנע רונדע הענד, פון וועלכע פינגער עס האט זיך געגאסען דער צוקער פון די אראנד־זשען, און ער האט דערהערט איהר ווארימע שטימע, האט ער מיט צניעות'דיגקייט געבויגען זיינע אויגען צו דער ערד און די לאנגע געגרייזעלטע פאות האבען געציטערט אויף זיינע באקען. און ווען ער האט אויסגעשטרעקט זיינע פינגער ארויפצושארען די ארבעל פון דעם קאפטענדעל האבען זיינע פינגער געציטערט, און ווען ער האט בע־ריהרט מיט זיינע פינגער די ווארימע הענד איהרע, האט ער אויפ־געלאכט און זיינע ווייסע שטארקע ציינער האבען ארויסגעלאכט פון זיין געזונד מויל און פון זיין קופערדיג פנים.

רות האט גענומען איהרע פעטע צוקערדיגע הענד און אויסגע־שמירט זיין פנים מיט זיי.

— מען מעג קוקען אויף א בתולה? מען מעג? — האט זי גע־שפאסט און אויסגעצויגען איהם א פאה.

אבישלום האט אין דער שטיל ארייגעקיכערט אין זיך און ניט געקענט איינהאלטען זיך פון געלעכטער.

נור באלד איז זי אוועקגעשפרונגען פון איהם און צוגעלאפען צו די אראנזשען און ווייטער געשניטען די אראנזשען פון די בוימער, און פון איהרע פינגער האבען געטריפט צוקער און האניג.

נאר דער אראבישער איינגעל האט שוין ניט געקענט ווייטער ארבייטען רוהיג מיט זיין האק אין דער ערד. ער איז שוין ניט געווען אזוי פארזיכטיג ווי ביז איצט, אז די שארף פון זיין שויפעל זאל חלילה ניט אנריהרען אן אנדער פון דעם ווארצעל פון בוים. אנ־געלעהנט אויף זיין שויפעל האט ער געקוקט ווי רות שווארצע קאדלעס פאלען איבער איהר פנים ווען זי ציהט א צווייג צו דער ערד.

און ווי די ווייסע בליהמעלעך פון אראנזשען־בליהעכץ פאלען איבער איהרע האאר און טראגען מיט זיך דעם געשמאק פון אראנזשען און פון רות'ס האאר און פער'שכור'ען די לופט פון ארץ ישראל.

---

2

## יעקב און רחל.

פארנאכט, נאך דעם ווי מען האט שוין די אראנזשעס געהאט אראבגענומען, האט ירחמיאל בלומגארטען איינגעלאדעט דעם ציונים־טישען יונגען מאן צו זיך אהיים אויף מאנדלען.

פאר דער טהיר איז געשטאנען א טיש, און רות האט דערלאנגט אויפ'ן טיש א טעלער מיט מאנדלען.ביים טיש זיינען געזעסען דער פאטער, ר' ירחמיאל און דער יונגער מאן בן־ציון, און דער פאטער האט געהאלטען אין איין ריהמען פאר איהם זיין אראנזשען־גארטען, זיין ערד, דער טאכטער און זיינע קיה.

— ביי מיר ארבייט מען אליין. און מיין טאכטער, כאטש א געבילדעטע — זי קען שפיעלען אויף דער פיאנא אויך — דאך מעלקט זי אליין ביי מיר די קיה.

— רות, נו רות, גיב נור א נעהם די קאנען און א מעלק אויס די קיה, זאל דער גאסט זעהן ווי אידישע טעכטער מעלקען אליין די קיה אין ארץ־ישראל — ווייז מיין קינד — ווייז.

און אנדערס מאל האט טאקע רות אליין ליעב צו מעלקען די קיה. און אפט מאל רייסט זי ארויס די קאנען פון דער דיענסט און מעלקט אליין — כאטש דער פאטער שרייט אויף איהר, פאר וואס זי טהוט דאס אליין, ווען עס איז דא א דיענסט. נור דאס מאל, דערפאר וואס דער פאטער האט זי געהייסען דאס טהאן פאר'ן גאסט — האט זי ניט געוואלט.

— שעהם דיך ניט, מיין קינד, דו ביזט א פארמער'ס א טאכטער און די ארבייט פון ערד־ארבייטער איז זים — האט דער פאטער געזאגט מיט א העברעאישער מליצה.

— עס איז דא א משרת דערויף — האט רות אבגעענטפערט האמפערענדיג זיך.—העי, אבישלום, נעהם די כלים און געה מעלקען די קיה — האט זי צוגערופען דעם תימן'ער יונגען מאן, וואס איז איינציימיג געווען אן ארבייטער און א משרת ביי זיי אין שטוב.

דער תימן'ער יונגער מאן, אבישלום, האט זיך פערשעהמט. ער האט געקוקט מיט קנאה'דיגע אויגען אויף דעם ציוניסט. און גע־וואוסט, אז דאס רעדט דער בעל־הבית מיט דעם פרעמדען יונגען מאן וועגען זיין טאכטער רות. אבער טהאן האט ער געמוזט וואס מען הייסט איהם. די גבירת'טע (די הערשערין) הייסט איהם. האט ער גענומען די קאנען און איז געגאנגען די קיה מעלקען.

— זי שעהמט זיך פאר אייך — האט ירחמיאל געזאגט צו זיין גאסט.

— עס איז זיך ניטא וואס צו שעהמען, מיין טאכטער, — די ארבייט איז זיס.

— יא, די טעכטער פון ציון זיינען שטאלץ פאר אונזער אומה — האט דער גאסט געזאגט אויך מיט א העברעאישע מליצה.

נור רות האט אונטער זיין רוקען ארויסגעשטעלט איהם די צונג, און איז צוגעגאנגען צום שטאהל זעהען ווי אבישלום מעלקט די קיה.

דער תימן'ער בחור האט געהאט זיין קאפ פערשטעקט הינטער די קיה'ס בויך. ער האט רות'ן ניט געזעהן, נור געהערט איהר לאַ־כענדע שטימע — און פערשעהמט זיך פאר איהר, וואס ער טהוט אזא ווייבערישע ארבייט. דורך דעם האט ער זיך ניט געוואלט וויי־זען, און געטהאן זיין ארבייט מיט אונטערטהעניגקייט ווי א קנעכט, און אין דער שטיל אבגעקרעכצט.

אבער רות האט איהם אבגעטריבען פון הינטער דער קוה מיט איהר געלעכטער.

— געה פון דאנען, איז דאס אן ארבייט פאר א בחור? און אזוי מעלקט מען דען א קוה? — דו שפריצסט דאך די מילך דיר אויפ'ן פנים ארויף אנשטאט אין דער קאן אריין.

דער תימן'ער האט אבגעטראטען און רות האט פערנומען זיין פלאץ. נור קוים האט ער נאך צייט געהאט זיך ארומצוקוקען, האט ער

שוין נעהאט א פול פנים בעגאסען מיט מילך, וואס רות האט איהם בעשפריצט פון דער קיה'ס אייטער.

— שעהם דיך, א בחור זאל מעלקען די קיה.

— אז דער בעל־הבית הייסט, מוז מען פאלגען, פאר דעם נעהם איך לוין, — האט דער תימן'ער בחור אבגעענטפערט, מיט אן אונטער־טהעניג קול, ציטערענדיג מיט זיינע שווארצע געגרייזעלטע פאות און ווייזענדיג זיינע לאכענדע ווייסע ציינער.

— און אז דו וועסט האבען א ווייב — וועסטו אויך פאר איהר מעלקען די קיה?

— איך וועל זי האלטען בכבוד, נאך דעם דין פון דער תורה הקדושה.

— און פאר וואס נעהמסטו זיך ניט קיין ווייב? דו ביזט דאך שוין אן אלטער בחור, אבישלום?

— איך האב נאך נישט גענוג געלד זי צו קויפען. אין דעם לאנד זיינען די נערות (די יונגע פריילינס) זעהר טהייער.

— וויפיעל געלד האסטו שוין אויף א ווייב? — פרעגט רות ביי איהם.

— ביי אונז אין תימן קען מען פאר דעם געלד קריגען שוין א ווייב. דא — זאגט דער פאטער — איז עס נאך קיין אנהויב נישט. וויל דא זיינען פרויען טהייער — ענטפערט אב אבישלום מיט דער גאנצער נאאיוויטעט פון זיין אונבעריהרטער ריינקייט.

— און מיך וואלסטו געוואלט קויפען פאר א ווייב? — פרעגט רות ארויסשמעקענדיג איהר קאפ שווארצע האהר מיט איהר ליב־טיגען לאכענדיגען פנים פון הינטער'ן בויך פון דער קוה, פון וועלכער זי האט די מילך פון דעם אייטער געמאלקען — און דער שטראם פון מילך וואס האט זיך אין דער כלי אריינגעגאסען האט זיך געהערט.

— אה, דיר — די היגע אידען ווילען זיך ניט משדך זיין מיט אונזערע — זיי האלטען אונז פאר ניעדריגע. און דיין פאטער וועט דיך ניט וועלען געבען צו א איד פון תימן.

— און דו ווילסט מיך נעהמען פאר א ווייב? — פרעגט רות מיט איהרע שעלמישע אויגען.

דער תימן'ער האט געשמייכעלט און איז פערשעהמט געווארען.

איך האָב גאָר נים אַזוי פיעל געלד דיר צו קויפען. דער פאַטער דיינער וויל אודאי פאַר דיר אַ סך געלד. און איך האָב שוין געזעהן, אַז איינער פון די אשכנזים רעדט מיט דיין פאַטער אודאי וועגען דיר.

— לאָז דיך נים, אַז דו האָסט מיך ליעב. איך האָב יענעם בחור נים ליעב — לאַכט רות.

דער תימן'ער בחר שטעהט אַ ווייל'ע פערטראַכט, דאַן הויבט ער אויף דעם קאָפּ און זאָגט פּלוצים:

— און אַבאַרבייטען פאַר דיר, וועט דיין פאַטער וועלען? אַזוי ווי יעקב האָט אָבגעאַרבייט פאַר רחל?

רות'ן איז עפּעס איינגעפאַלען, האָט זי איהם נאָך מעהר מוטה צוגעגעבען:

— און ווי לאַנג וואָלסט דו געווען געאַרבייט פאַר מיר? וואָלסט דו אויך געווען געאַרבייט פאַר מיר ביי מיין טאַטען זיעבען יאָהר, ווי יעקב פאַר רחל?

— נאָך מעהר. איך וואָלט געאַרבייט אַזוי לאַנג ווי דיין טאַטע וואָלט געוואָלט. דאָפּעל, פערצעהן יאָהר. ווארים מיין נשמה איז אַנגעבונדען אין דיינע — האָט דער יונגער תימן'ער בחור געזאָגט רו־היג און איינפאַך.

רות האָט געוואָלט אויפלאַכען, נור עס איז איהר אנגענעהם געווען דאָס געשפּרעך מיט דעם בחור, ווי יעדע פרוי וואָס האָט ליעב צו הערען ליעבעס־ערקלעהרונגען פון ווערמען דאָס זאָל נים זיין — איז איהר אויך אנגענעהם געווען צו הערען ווי דער נאַאיווער אראַבי־שער בחור ערקלעהרט זיך איהר אין ליעבע אויף זיין שטייגער. און כאָטש זי האָט נור געמיינט לאַכען פון איהם, האָט זי דאָס שפּיעל ווייטער אַנגעצויגען, און זי האָט שוין געהאַט פערגעסען דעם ציעל דערפון, זי האָט נור געפיהלט די אנגענעהמקייט צו זעהען דעם יונגען תימן'ער מיט זיינע ציטערנדע פּאות און ווייסע צייהן — שטעהט פאַר איהר ווי אַ קנעכט פאַר אַ הערריז, און איז בערייט צו דיענען פאַר איהר פערצעהן יאָהר.

— קום מיט מיר צום אַלטען מזבח, אויפ'ן פעלד אַרויס, וועל־לען מיר דאָרט די זאַך איבעררעדען — האָט רות געזאָגט.

— שפּעטער אין אבענד. איך מוז אהיים גען מיין פאַטער בעדיענען. איך האָב נאָך ניט היינט מקיים געווען די מצוה פון כבוד־אבגעבען — האָט אבישלום געזאָגט.

— אין אבענד וואַרט אויף מיר ביים אַלטען מזבח אין פעלד — האָט רות געזאָגט — אין איהר האַרץ האָט זי געלאַכט וואָס זי האָט אבגעשפּיעלט מיט דעם תימן׳ער.

אָבער אבישלום האָט די זאַך גענומען גאַנץ ערנסט. ער האָט אָנגעקליבען שפּענער, געמאַכט זיך אַ בינדעל און אהיים געטראָגען אויפ׳ן אַקסעל צום פאָטער. עס איז געוואָרען אבענדליך, אַ שאָטענדיגע טונקעלהייט איז אַראָבגעפאַלען פון די בערג פון יהודה אין טהאַל אַריין און אבישלום איז געגאַנגען איבער׳ן וועג און געטראַכט זיך. ווי יעקב אבינו איז געקומען צו לבנ׳ען אין אַ פרעמדען לאַנד און האָט געזעהן רחל׳ען ביים דעם ברונען און האָט זיך איינגעליעבט אין איהר, און איז געגאַנגען צו לבנ׳ען און געזאָגט: איך האָב ליעב דיין טאָכטער רחל, און וועל אַרבייטען ביי דיר פאַר איהר זיעבען יאָהר. אַזוי וועט ער אויך געהן צו ירחמיאל בלומגאַרטען און זאָגען איהם: „איך האָב ליעב דיין טאָכטער רות, און זי האָט מיך ליעב. איך וועל אָבאַרבייטען ביי דיר פאַר איהר ווי יעקב ביי לבן׳ען — זיעבען יאָהר, און אַז עס איז דיר וועניג — וועל איך אָבאַרבייטען פאַר רות פערצעהן יאָהר ביי דיר, ביז גאָט, דער פאָטער פון מיינע עלטערען, וועט אויף מיר רחמנות האָבען און מיך אַרויסנעהמען פון הינטער דיין האַנד מיט מיין ווייב מיט מיינע קינדער און מיין הויז־געזינד״. און מיט די פרעהליכע געדאַנקען איז ער אהיים געקומען צו זיין פאָטער.

דער פאָטער זיינער, ר׳ יצחק, איז שוין געווען אַן אַלטער איד, האַלב אַ בלינדער, און ער איז געזעסען אַ גאַנצען טאָג אין זיין קליין שטיבעלע און האָט געלערענט תורה. דאָס ווייב האָט געאַרבייט פאַר אַ דיענסט ביי אַ אידען אין דער קאָלאָניע, און דער זוהן האָט געאַרבייט ביי ירחמיאל׳ן. פאַרנאַכט זיינען זיי אהיים געקומען, די מאַמע מיט׳ן זוהן צום פאָטער, אַז זיי זאָלען אינאיינעם עסען אבענדברויט. אבישלום האָט נאָך געטראָפען דעם פאָטער זיצענדיג אויף דער ערד פאַר אַן אָפען ספר הויך לערנענדיג מדרש. און כאָטש עס איז שוין געווען פינסטער, האָט ער זיך בעלויכטען דאָס ספר מיט דעם ליכט פון די שטערן וואָס האָבען זיך אָנגעהויבען צו ווייזען אויפ׳ן

הימעל, און מיט די ליכט פון א ברענענדיג שטיק האלץ. אבישלום'ס מאמע, וועלכע איז אביסעל פריהער פון איהם אה'ים געקומען, איז שוין געשטאנען אויף דער גאס אויסער דעם געצעלט, און געקנעטען פון א טייגעל מצות. אבישלום האט בעגריסט זיין פאטער מיט א נויג צו דער ערד, און א קוש אין האנד: „אבי ומורי“. און דאס זעלבע אויך צו דער מאמע, און האט גענומען פאנאנדערלעגען א פייערעל פון די שפענער וואס ער האט אהיים געבראכט. אז דאס פייערעל האט זיך פאנאנדערגעברענט האט די מוטער אין דעם פייערעל אבגעבאקט די מצות. פאטער און זוהן האבען זיך געוואשען די הענד מיט'ן פנים און אוועקגעזעצט זיך ארום דעם פייערעל עסען זייער אבענד־ברויט, און די מוטער איז געזעסען פון דערווייטענס.

אז אבישלום מיט זיין פאטער האבען שוין געהאט אבגעגעסען און געדאנקט גאט פאר דעם ברויט וואס ער האט זיי געגעבען, האט זיך אבישלום אנגערופען צום פאטער:

— טאטע, בענש מיך, אז גאט זאל בעגליקען די זאך וואס איך געה אונטערנעהמען.

— וואס פאר א זאך געהסטו אונטערנעהמען, מיין זוהן? — האט דער פאטער געפרעגט.

— פרעג מיך נישט, ווארים כאטש איך בעדארף דיר זאגען, איבער כבוד אב, מוז דאך זיין די זאך פערבארגען פון דיר, ביז גאט וועט זי בעגליקען — האט דער זוהן אבגעענטפערט.

— איך פרעג דיך נישט מעהר, מיין זוהן — האט דער פאטער אבגעענטפערט. — גאט זאל זיין מיט דיר אין אלע דיינע וועגען, וואו דו וועסט דיך קעהרען און ווענדען — האט דער פאטער געזאגט ארויפלעגענדיג זיינע אלטע איינגעשרומפטע הנד אויף אבישלום'ס קאפ.

אבישלום האט צוגענומען דעם פאטער'ס ברכה און איז ארויסגעגאנגען אין פעלד אריין. אויף א בערגעל אין פעלד איז געשטאנען א הויכער שטיין, ארום איהם זיינען געווען אויסגעלעגט אנדערע קלענערע שטיינער — געמאכט ווי א רינג. מען האט אנגעזעהן, אז דאס מוז זיין אן אלטער פערגעסענער מזבח, אויף וועלכע אידען האבען אמאל געברענט קרבנות פאר גאט. ביי דעם שטיין פון אלטען מזבח האט זיך אבישלום אוועקגעזעצט, געווארט אויף רות. עס איז שוין נאכט געווען. די שטערן אין ארץ־ישראל הימעל זיינען גרויס געווען

און האבען געהאנגען אזוי געדיכט איינער נעבען אנדערען און אזוי ניעדריג צו דער ערד, אז עס האט זיך גערואכט, אז איין שטערן רייבט זיך אן אנדערען, און באלד וועט אנהויבען פאלען שטערן פון הימעל. הינטער'ן בערגעל איז געלעגען א שטיינערנער טהאל. דארט איז דעם טהאל איז געווען וויסט, לעבער פון היילען, און עס האט זיך געהערט דער געשריי פון שאקאלען. די פרעמדקייט פון דער נאכט איז געלעגען אויסגעגאסען איבער'ן גאנצען פעלד, נור פון טהאל וואו די אידישע קאלאניע איז געלעגען, האבען זיך בע־וויזען אין די פענסטערלאך קליינע ליכטלעך, וועלכע האבען דער־פרעהט דאס הארץ; האט זיך געהערט דער געשמאק פון בליהענדע אראנזשען און מאנדלען, וועלכע זיינען אויפגעגאנגען פון די גערטנער. און פון דעם טהאל האט בעדארפט רות אויפשטייגען...

אבישלום איז געזעסען ביים מזבח און געטראכט אין הארצען: ווען גאט גיט און ער בעגליקט זיין זאך, צו געפינען חן אין רות און איהר פאטער'ס אויגען, אז ער זאל איהם געבען רות פאר א ווייב, וועט ער דיענען צו גאט מיט'ן גאנצען הארצען, און ער וועט זעהן, אז די קינדער וועלכע עס וועלען איהם געבוירען ווערען פון רות, זיין ווייב, זאלען אויך דיענען צו גאט מיט'ן גאנצען הארצען. אין דיעזע נאכט האט ער זיך דערמאהנט ווי יעקב אבינו איז אזוי געזעסען ביי נאכט ביי א שטיין אויפ'ן וועג, ווען ער איז געגאנגען פון זיין פאטערס הויז צו לבנ'ן, און האט אזוי געבעטען צו גאט, און ווי גאט האט זיך איהם בעוויזען אין חלום פון דער נאכט, און אבישלום האט געקוקט אין די גרויסע שטערן וואס פאלען פון הימעל, און עס האט זיך איהם געדאכט, אז אט, אט שפאלט זיך דער הימעל, און א פייערדיגער ליי־טער לאזט זיך אראב פון הימעל און שפארט אן אין דער ערד, און פייערדיגע מלאכים ניעדערען אראב און שטייגען ארויף איבער די לייטער פון הימעל אויף דער ערד און פון דער ערד אין הימעל ארויף...

און באלד האט ער זיך דערמאהנט ווי יעקב אבינו האט גערופען זיינע צוויי ווייבער רחל און לאה אין פעלד אריין און האט זיך מיט זיי מישב געווען, אויב ער זאל אוועק פון לבנ'ן, און עס האט זיך איהם געדאכט, אז ער איז יעקב און רות איז רחל, און יעקב ווארט אויף רחל אין פעלד, ביים מזבח, אין די פינסטערקייט פון דער נאכט...

3.

##ביים פערלאַזטען מזבח.

רות האָט אין אָנפאַנג נאָר געמיינט זיך אַביסעל צו שפּיעלען מיט דעם תימן'ער בחור. זי האָט געוואָלט אַז ער זאָל זיצען אין פעלד ביינאַכט און ווארטען אויף איהר — כדי צומאַרטענס זאָל זי קענען לאַכען פון איהם. עס איז אָבער געקומען אין אָבענד און עס האָבען זיך דערהערט די געשרייען פון די שאַקאַלען — און די גרויסע שטערן האָבען זיך אָנגעצונדען אין הימעל — און דער דופט פון די אָראַנזשעס האָט זיך אָנגעהויבען ארויסצוגיסען פון די גערטנער און פער'שכור'ט די לופט — האָט עס רות'ן געצויגען... זי האָט געוואָלט נאָך איין מאָל הערען פון דעם פרעמדען ווילדען בחור, ווי ער ליעבט זי; ווי ער ליעבט זי אויף זיין ווילדען שטייגער, און ווי ער וועט זיך שטעלען דיענען פאַר איהר זיבען יאָהר ביי איהר פאָטער. און אין דער נאַכט ביי די גרויסע ארץ ישראל שטערן האָט זי געוואָלט איהם קוקען אין פנים אריין און זעהען זיינע ווייסע בלישצענדע צייהן מיט זיינע גרויסע בענקענדיגע אויגען — זעהן די גאַנצע בעגייסטער־רונג אויף זיין פנים און לאַכען אויס איהם. זי האָט גענומען אַ טוך אויף איהרע לייכטע פערהילטע פּלייצעס און אַליין זיך ארויס־געלאָזט אונטער דער קאָלאָניע. אַ פרייע מיידעל איז זי געווען. אויפגעצויגען צווישען מוטהיגע ברידער, וועלכע האָבען געקענט האַל־טען אַ ביקס אין האַנד, און ניט איינמאָל זיך שוין געשלאָגען מיט אַראַבער — האָט דאָס מיידעל ניט מורא געהאַט ארויסצוגעהן איינע אַליין אין די פרייע פעלדער פון ארץ ישראל, כאָטש דער גאַנג איז געווען ניט אין גאַנצען אָהן סכנות.

דער תימן'ער בחור האָט שוין בעמערקט פון דערווייטענס מיט זיין ווייטען בליק, וועלכער איז געניט געוואָרען אין די וויסטע, — דעם טונקעלען סילועט פון רות, ווי זי שטייגט אויפ'ן באַרג ארויף ווי דער דאַרשטינגער שעפּס וואָס דערפיהלט מיט די נאָז דעם קוואַל וואַסער — האָט אבישלום פאַר פרייד ארויסגעלאָזט פון זיך אַ ברומען. און אויפגעכאַפּט זיך פון אָרט און איהר אַנטקעגען געלאָפען. ער האָט

איהר געהאלפען ארויפשטייגען אויפ'ן בארג, און אנגעהויבען פלוצ־לונג צו זינגען א לאנגזאמעם בענקענדעם אראבישעם ליעד, און מיט דעם ליעד זי בעגלייט אויף דעם בארג ארויף.

— וואס איז דאס פאר א ליעד, וואס דו זינגסט, אבישלום?

— דאס איז דאס ליעד, וואס גדירי מחמיד, דער העלד פון תימן האט געזונגען זיין בעליעבטען עזעל, אז עס זאל איהם לייכטער זיין אויף די בערג צו שטייגען. אז מען הערט דאס ליעד, ווערען די פיס לייכט, און דער בארג ווערט פערשוואונדען.

— און פאר וואס זינגסטו מיר דאס ליעד?

— ווייל איך וויל דיר גרינגער מאכען דעם וועג, מיין הערינטע, האט געזאגט דער תימן'ער בחור, און איינגעבויגען פאר איהר דעם קאפ מיט אונטערטהעניגקייט.

אז זיי זיינען ארויפגעקומען אויפ'ן בארג, האבען זיי זיך אוועק־געזעצט ביי די שטיינער פון אלטען מזבח. די נאכט איז אויבען געווען נאך שטילער און הייליגער. די שטערן אין הימעל זיינען וואס אמאל גרעסער געווארען און נעהענטער צו דער ערד — אז עס האט זיך געדאכט, אז אט באלד וועט זיך דער הימעל שפאלטען, און עס וועט זיך בעווייזען וואס אין הימעל טהוט זיך. די ליכטלעך אין די אידישע הייזלעך פון דער קאלאניע האבען זיך געטרונקען אין א ים פינסטערניש און זיינען וואס אמאל אלץ ווייטער געווארען. ארום איז נאר געווען נאכט. און דאס שימערענדיג ליכט פון די שטערן, וועלכע האבען געטריפט פון הימעל מיט טראפען, ווי פערל וואלטען געפאלען אין די לופט, — האט בעלויכטען מיט מאדנעם הייליגען שיין די וויי־טע וויסטע פעלדער: פון צייט צו צייט האט זיך בעוויזען א טונ־קעלער שאטען פון אן אלבירט־בוימעל, וואס האט אויסגעזעהן אין דער נאכט ווי א פערבלאנדזשעטער שטעהט פערווירט אין פעלד און שפרייט די הענד מיט זיינע פינגער צום הימעל אוים — נור פון צייט צו צייט האט זיך געהערט דאס אונהיימליכע געוויין פון די שאקאלען און עס האט זיך געדאכט, אז ניט א לעבעדיג בעשעפענים וויינט דארט, נאר דאס וויינט ארוים די שטימע פון גאט פון די הייל ען פון די אלטע מזבחות, וואס שטעהען פערגעסען און פערוואקסען צווישען די בער־גיגע שטיינער פון יהודה, אויף דעם, וואס מענשען האבען זיי פערלאזט

און זיינען געגאנגען זוכען אנדערע געטער און אנדערע מזבחות אין פרעמדע, קאלטע לענדער...

אין דעם פערלדיגען ליכט פון נאכט האט רות געזעהן אבישלום'ס ווייס־פינקלענדע צייהן און דעם טונקעלען בראנזענעם קאליר פון זיין פנים, און די ציטערדיגע פאות זיינע, און זי האט איהם ארייגעקוקט אין די רויט־שווארצע אויגען. אין דעם פערלדיגען ליכט פון דער נאכט האט אבישלום געזעהן דעם שווארצען־האהר קרוין אויף רות קאפ, און דעם ערדעלען ווייסען שניט פון איהר קיהן אין באק — נאר ער האט מורא געהאט צו קוקען לאנג אין איהר פנים, אז ער זאל זיך ניט פערזינדיגען געגען דעם גאט פון זיינע פאטערס, האט ער געקוקט אין די ווייטע נאכט אריין...

לאנג זיינען זייביידע געזעסען און רות האט זיך אבגערופען:

— זינג מיר, אבישלום, א ליעד.

— וואס פאר א ליעד זאל איך זינגען?

— זינג א ליעד פון ליעבע.

און אבישלום האט איהר געזונגען א ליעד פון ליעבע, אין וועלכער ער האט פערגליכען איהרע אויגען צו די שעהנע פלוימען וואס וואקסען אין דער שטאדט דמשק, דאריבער וואס דמשק איז פון גאט געבענשט מיט קוואלען וואסער — און די פלוימען־בוימער קענען טרינקען וויפיעל זייער הארץ גלוסט; איהרע ליפען — צו די פיעלע הארטע וויינטרויבען, וועלכע די זון האט אויסגעבריהט מיט איהרע שטראהלען און רייף געמאכט דעם וויין אין זיי... איהרע צייהן — צו ווייסע יונגע שעפסען, וואס באדען זיך אין וואסער, און איהר קאפ — צו שטאלצען ערדעלען קאפ פון קעמעל, וואס געהט אין דעם איינזאמען פארווירטען וועג פון דער וויסטע און טראגט אויף זיין רוקען דעם חכם פון דער וויסטע... און איהרע טריט — צו די איידעלע טריט פון די יונגע אייזלעך וואס פיהרען די קעניגס קינדער אין די וויין־גערטנער ארום — זיך האט ער פערגליכען צו א קנעכט, און זי צו א קעניגין, צו וועלכער דער קנעכט קוקט ארויף מיט פערברענטע בליקען דורך די שטאכעטען פון דעם גארטען־צוים — און אין גליקליך צו זעהן איהר שאטען וואנדערנדיג צווישען די בעליעבטע שאטענס פון די בוימער אין גארטען...

— קוש מיך, אבישלום, — האָט רות זיך אבגערופען אין דער־שטיל — צוטוליענדיג זיך צו איהם איבער די פאַלטקייט פון דער נאַכט.

— מען טאָר ניט, מיין הארינטע, — האָט זיך אבישלום אבגע־רופען — וואַרט ביז מאָרגען, ביז איך וועל מיט דיין פאָטער ריידען און דו וועסט זיין צו מיר פער׳קנס׳ט.

— איך וויל דו זאָלסט טרינקען דעם וויין פון מיינע ליפען, וועלכע דו האָסט פערגליכען צו וויינטרויבען אין דיין ליעד — האָט זיך רות צוגעבויגען צו איהם אין דער שטיל.

אין דעם טריפענדען שטערן־ליכט האָבען זיך אבישלום׳ס רויט־שוואַרצע אויגען געלויכטען ווי דאָס ליכט פון אַ שאַרפען חלף. — נור ער האָט געלאָשען דאָס פייער וואָס האָט זיך אנגעצונדען אין זיינע ביינער מיט די אימה פאַר גאָט.

— האַלט איין די קוואַלען פון דיין ליעבע, וואָס שפּראָצען ווי די קוואַלען פון דמשק, ביז גאָט וועט בענשען אונזער הויז — אפשר איז עס אַ זינד, און מיר וועלען דערצאָרנען גאָט, — האָט אבישלום געזאָגט.

— איך וויל דו זאָלסט טרינקען דעם זאַפט פון מיינע אויגען, וואָס דו האָסט זיי פערגליכען צו די שעהנע פלוימען פון דמשק, וואָס טרינקען פון די קוואַלען — האָט רות געזאָגט, צונייגענדיג איהרע שוואַרצע, גרויסע נאַסע אויגען צו זיינע ליפען.

— ניט, ניט, רות, — גאָט וועט שטראָפען, און ניט בענ־שען אונזער הויז... וואַרט ביז מאָרגען, רות — וואַרט.

— יעקב האָט אויך געקושט רחל, ווען ער האָט זי ליעב געהאַט שטעהט נישט, אַז יעקב האָט געקושט רחל ווען ער האָט זי בעגעגענט ביים ברונען? יעקב האָט רחל׳ן ליעב געהאַט. דו האָסט מיך ניט ליעב.

— מיין נשמה איז אנגעבונדען אַן דיינע. יעקב איז געווען אַ גרויסער צדיק, ער האָט געמעגט קושען רחל׳ען. איך דיך טאָר ניט קושען. איך בין ניט קיין צדיק. גאָט וועט ניט בענשען אונזער הויז.

אויפ'ן צווייטען טאג, ווען ירחמיאל בלומגארטען איז געווען אין זיין אראנזשען גארטען, איז צוגעגאנגען צו איהם זיין תימן'ער משרת, אבישלום, און האט צו איהם אזוי געזאגט:

— מיין הערר בעל־הבית! מיין נשמה האט געגלוסט נאך דיין טאכטער, גיב זי מיר פאר א ווייב און איך וועל ארבייטען ביי דיר, ווי יעקב ביי לבן'ען, וויפיעל יאהר דו ווילסט — פאר דעם נדן פון דיין טאכטער.

ירחמיאל האט איהם אנגעקוקט פערוואונדערט. ער האט גאר ניט פערשטאנען וואס דער תימן'ער וויל פון איהם.

— רוף די מיידעל און פרעג זי — איהר נשמה איז אויך געבונ־דען צו מיינע, און ווען דו וועסט מיר ניט געבען זי פאר א ווייב, וועסטו דיין טאכטער בעטריעבט מאכען אויף איהר גאנץ לעבען און מיך וועסטו ברענגען אין קבר אריין יונגערהייט, ווארים איך בין קראנק פאר ליעבע נאך איהר.

ירחמיאל האט איהם ווייטער אנגעקוקט ערשטוינט

— פון וואנען ווייסט דו, אז מיין טאכטער וויל דיך?

— זי האט עס מיר אליין געזאגט מיט איהר מויל און זי האט מיר דאס געגעבען די עצה, אז איך זאל זי פאדערען פון דיין האנד, און אבדיענען ביי דיר פאר איהר.

— ביזט א נארישער בחור, — מיין טאכטער האט נאר גע־שפאט אויס דיר, און דו האסט עס גענומען ערנסט, — ניט ווי אמא־ליגע צייטען זיינען די היינטיגע, און ניט ווי אייערע מנהגים זיינען אונזערע. מיר פערקויפען ניט אונזערע טעכטער.

— דיין טאכטער האט מיר אליין געזאגט — האט דער תימן'ער בחור געשטאמעלט.

— ווען האט זי עס דיר געזאגט?

— נעכטען אין אבענד, ווען מיר זיינען אינאיינעם אויפ'ן פעלד ארויסגעגאנגען צום אלטען מזבח — דארט האט זי מיר געשווא־רען, אז זי ליעבט מיך.

— דו מאכסט א שלעכטען שם אויף מיין טאכטער, און דו ביזט א זינדיגער בחור, וואס האט שלעכטע געדאנקען; נעהם דיינע כלים און פערלאז מיין גארטען די מינוט — איך וויל מעהר דיין פנים ניט זעהן, — האט ירחמיאל ארויסגעטריבען דעם תימן'ער.

נור אין דעם איז רות אריינגעקומען אין גארטען ווען זי האט געזעהן ווי אבישלום מיט די כלים אויפ'ן אקסעל און מיט'ן קארב אין די הענד פערלאזט דעם גארטען.

ווי אבישלום האט זי דערזעהן, האט ער זיך אבגעשטעלט און האט צו איהר אזוי געזאגט:

— זיי ניט בעטריעבט, רות, מיין אויסדערוועהלטע, וואס דיין פאטער וויל ניט דיך געבען פאר א ווייב צו מיר, גאט האט געזעהן אונזער נויט און אונזער געטריישאפט, און ער וועט העלפען אונז און ווייך מאכען דיין פאטער'ס הארץ.

— געה ארויס פון דאנען, געה — האט ירחמיאל געשריען צום תימנ'ער, און דאן האט ער זיך געווענדעט צו דער טאכטער און זי גע'מוסר'ט:

— וואס האסטו גערעדט מיט דעם נארישען בחור — זעה, ער האט עם ערנסט גענומען.

— איך האב נור שפאס געטריבען מיט איהם, נור א ביסעל שפאס — האט רות זיך פערענטפערט פאר'ן פאטער, און געקוקט אבישלום'ען אין די אויגען אריין און הויך אויפגעלאכט.

דעם תימנ'ערס בראנזער געזיכט איז בלייך געווארען און די אויגען זיינען טונקעלער, און די צייהן נאך ווייסער — ער האט זיך אויף א מינוט אבגעשטעלט און געוואלט עפעס זאגען. נור דעם איד'ס בייזערדיגע שטימע האט איהם פון גארטען ארויסגעטריבען, ווי פעריאגט איהם מיט א שווערד.

— געה ארויס פון דאנען, געה.

און דער אידישער אראב האט קנעכטיש פערבויגען זיין שטאל־צען קאפ, פערבויגען זיך פאר ירחמיאל'ן און פאר רות'ן און אבגע־ענטפערט:

— איך הער און איך וועל טהאן, מיין האר.

און ער האט פערלאזט דעם אראנזשען גארטען.

דער תימנ'ער בחור האט זיך ניט געקענט מעהר ווייזען אויף דער גאס פון דער קאלאניע און פאר די אויגען פון די איינוואהנער. — די מענשען האבען איהם געלאכט אין פנים, און שפאט געמאכט אויף איהם און גערופען איהם: יַעֲקֹב הַשֵּׁנִי, דער צווייטער יעקב. געגען

רות'ן האט קיינער ניט געהאט. אדרבה, אלעמען איז געפעלען דאס שפיעצעל וואס זי האט אבגעשפיעלט מיט דעם ווילדען תימן'ער יונגען מאן. נור אויס דעם תימן'ער האט מען געלאכט. די מיידלעך פון דער קאלאניע האבען איהם אבגעשטעלט און געפרעגט איהם: וויפיעל יאהר וועסטו דיענען ביי מיינע עלטערען פאר מיר? אבישלום האט ניט געוואוסט פאר וואס מען לאכט אויס איהם, און מיט קנעכטישע שמייכלענדע אויגען האט ער אבגעענטפערט אויף די שפאטישע בליקען וואס מען האט געשיקט אויף איהם. זיינע פאות האבען געציטערט און זיין פנים און הענד האבען געציטערט. אז מען האט איהם געפרעגט: אויב ער האט רות ליעב? האט ער געשאקעלט מיט'ן קאפ אויף יא, — און מיט א מינע פון א וידוי זיך מודה געווען, אז ער האט געוואלט דיענען פאר איהר.

רות איז א כלה געווארען פאר דעם ציוניסטישען יונגען מאן. פון אלע פלענער וואס ער האט געוואלט זיך קויפען לאנד אום צו בעזעצען זיך אין ארץ־ישראל האט ער דיצידירט חתונה צו האבען מיט די „שעהנע פון יהודה" און זי ברענגען קיין יוראפ און וויזען זיך מיט איהר אויף די ציוניסטישע קאנגרעסען. און ווען דער ציוניסטישער יונגער מאן איז מיט רות'ן ארויסגעגאנגען שבת שפאצירען אויפ'ן בערגעל הינטער דער קאלאניע — האט קיינער נישט בעמערקט ווי דער תימן'ער בחור איז געלעגען פערשטעקט הינטער א ווילדען ציטריןבוים און מיט בענקענדע בליקען זיי נאכגעקוקט...

דער שמייכעל אויף אבישלום'ס פנים האט געקראגען אלץ מעהר א קנעכטישען אויסדרוק — נור קיינער האט ניט בעמערקט ווי דער תימן'ער בחור ווערט וואס אמאל דינער, זיין פיגור ווערט אויסגעצויגען, ווי א צוקער־שטאנג, און זיינע ווייסע צייהן שמייכלען ניט בלויז קנעכטיש ארויס פון זיין בלייך־טונקעל געזיכט, נור דריקען עפעס אויס א שטילען און טרויעריגען וועהטאג...

אין א פאר וואכען ארום איז רות מיט'ן ציוניסטישען יונגען מאן אבגעפאהרען פון ארץ־ישראל אין א גרויסע אייראפעאישע שטאדט אריין. און אין טהאל וואס ליגט צווישען די בערג פון יהודה און דעם ברעג פון ים איז ביי־נאכט, צווישען די בענקענדע קלאנגען פון די שאקאלען צוגעקומען א מענשליך הארץ־רייסענדער געשריי. דאס איז

בײַ־נאַכט אבישלום געלעגען אויף די שטיינער פון אַלטען מזבח —
אויף אַ באַרג פון די בערג פון די יהודה, און האָט אין די ליכטיגע ארץ־
ישראל נאַכט אַרײַנגעקלאָגט זיין בענקענדעס ליעד נאָך די „שעהנע
פון יהודה".

מענשען האָבען אָנגענומען זיין װײנענדיגעס ליעד פאַר אַ קלאַנג־
געשריי פון אַ שאַקאַל. אָבער עס איז געװען איינע פון גאָט'ס שטי־
גאָם װײנען בײַ־נאַכט אַרוים פון די היילען פון ארץ־ישראל.

# אַ טאַלאַנט צו ארץ ישראל.

---

אין עמק יזרעאל, הינטער די הרי גלבע וועלכע דוד האָט פער־שאָלטען, אַקערט אַ איד מיט אַ פאָר פערד. דער איד האַלט דעם אַקער, שלמ׳קה זיין זעקס יעהריגער זוהן טרייבט אָן די צוויי פערד, דעם רויטען און שווארצען, און שרה׳לע זיין אכט יעהריגע טאָכטער געהט נאָך דעם אַקער און פערזעעט חומות.

„שיט קינד, שיט" — רופט דער איד נאָך דער מיידעל — גאָט וועט העלפען און מיר וועלען האָבען צעהן מאָל אזוי פיעל, צוועלף מאָל אזוי פיעל, און דער טאַטע וועט גאָר וועלען העלפען, וועלען מיר האָבען אַכטצעהן מאָל אזוי פיעל. וויאָ, שלמ׳קע, וויאָ — רופט ער צום יונג — האַלט איין דעם „שווארצען". באַלד וועגדעט ער זיך צו דער ערד און רעדט צו זיך: גוטע ערד, טייערע ערד, ביסט דאָך אונז פון גאָט בעשערט! באַלד וועגדעט ער זיך צום אַרבעסעל, וואָס שרה׳לע ווארפט אין דר׳ערד אריין: אַרבעסעל, אַרבעסעל, זאָלסט מיר נישט אין דער ערד פוילען, עס איז אידישע ארבייט, שווערע ארבייט, און איך דארף מיט מיין ווייב און קינד פרנסה — וויאָ, שלמה׳קע, וויאָ שלמה׳קע, שיט שרה׳לע, שיט קינד־לעבען, גוטע ערד, טייערע ערד! אַח, אַח, ארץ זבת חלב ודבש, ווי אין חומש שטעהט! הערט דער איד נישט אויף צו רעדען, ווישט זיך מיט דעם ארבעל דעם שוויים פון פנים. די היץ צוקאָכט איהם, און דאָס ווינטעל וואָס אָט צושפּרייט איהם די פּאָלעס פון די לאַנגע קאַפּאָטע און אָט די שפּיצען פון באָרד, רייסט שלמה׳קען דאָס היטעל פון קאָפּ, שרה׳לען דאָס טיכעל פון אַקסעל, און די אידישע משפחה מיט׳ן „רויטען" און „שווארצען" דרעפּטשען שווער אין די שטיינערנע ערד און אַקערען אויף דעם עמק יזרעאל.

איך האב זיך אוועקגעזעצט אויף א שטיין אבווארטען די משפחה, ביז זי וועט צוריקקומען מיט'ן אקער פונ'ם בערגעל אראב — איך האב מורא געהאט פאר איהם, פאר דעם איד, א סוחר פון שניט סחורה פון יעקאטערינאסלאוו, וואס האט אוועקגעווארפען די קראם און גענומען זיך צום אקער, אז עס זאל איהם קיין שלעכטס נישט געשעהן. באלד קומט ער אן, נח פון יעקאטערינאסלאוו מיט דעם זוהן און די טאכטער און די צוויי פערד — אלע צופלאמט פון די זון און נח ווישט זיך פאר אלע מיט דעם ארבעל דעם שוויים פון פנים און קרעכצט: א, עס איז גוט, ר' איד, עס איזן גוט, שאקעלט ער צו מיר מיט'ן קאפ.

— וואס, ווארים ר' נח?

— ניין,—שאקעלט ער מיט'ן קאפ—וואס ווארים? ווי אין פסוק שטעהט: „אין זומער וועט דיך נישט צוקאכען די זון און ווינטער וועט דיך נישט אויפעסען די קעלט". וואס, ווארים, עס איז גוט ר' איד! ווישט זיך אלץ ר' נח דאס פנים מיט'ן ארבעל און שוויצט.

געקענט האב איך ר' נח'ן שוין פון לאנג, ווען ער איז נאך געווען א שניט־קרעמער אין יעקאטערינאסלאוו און האט געהאנדעלט מיט ווארשוי, מיט קישינעוו, מיט לאדז. געווען איז ער א איד א בטוח, א אייגענע פופצעהן־צוואנציג טויזענד רובעל, און דאס געשעפטעל גאר נישט שלעכט. א איד א קארגער, איינגעשטאנען פאר צוויי גילדען א נומער אין ווארשוי, א איד וואס האט ליעב געהאט דעם גראשען און געוואוסט צו שאנעווען דעם גראשען, גערעדט האט ער תמיד פון דעם, אז ער וועט פערקויפען די שניט קראם און אוועק קיין ארץ ישראל און ווערען א יגיע־כפים'ניק ווי אונזערע עלטערען זיינען געווען. נאר געוואוסט האט מען, אז ר' נח פון יעקאטערינאסלאוו האט ליעב א סך צו רעדען, און נישט נור צו רעדען, נאר אויך צו זינגען. אייגענס איז ער גאר געווען א משורר יונגערהייט ביים בערדיטשעווער חזן, און קיינער האט ר' נח'ס רייד נישט גענומען ערנסט ערשט ר' נח איז פלוצלינג פערשוואונדען, דאס געוועלב פערשלאסען אין רעכטען סעזאן, נישט מעהר געקומען קיין ווארשוי. די סוחרים האבען אן איהם פערגעסען — אנדערע קונים געקומען אויף זיין ארט, און יעצט טרעף איך איהם דא, אין עמק יזרעאל. אני

שטאַרט דעם קליינעם ליטווישען קאַפּעלושעל — אַ רויטע טערקישע פעסקע, מיט צוויי פערד און אַקער.

דער איד האָט זיך ווי אַביסעל פערשעהמט פאַר מיר, וואָס עס קען אוים אַ סוחר ווערען — לעהנט זיך אָן אויף זיין אַקער, קוקט מיך אָן און שווייגט.

— ווי פאַלט איהר אוים אויף דעם, ר' נח? — פרעג איך איהם.

— איך האָב שטענדיג געהאַט אַ „טאַלאַנט" צו ארץ־ישראל, זאָגט צו מיר ר' נח, נאָך פון קליינערהייט אָן, ווען איך בין נאָך געוועזען אַ משורר ביים בערדיטשעווער.

— אַ טאַלאַנט? וואָס הייסט אַ טאַלאַנט?

— יאָ, עס זיינען דאָ מענשען, וואָס האָבען אַ טאַלאַנט צו ארץ ישראל, גיט מיר ר' נח צו פערשטעהן, למשל, אַ באַראָן ראָטשילד. נור דער באַראָן איז דאָך אַ גרויסער מענש און אַ רייכער מענש, האָט ער אַ גרויסען און רייכען טאַלאַנט צו ארץ ישראל. איך בין מיר אַ קליינער מענש און אַן ארימער מאַן, האָב איך מיר אַ קליינינטשקען און אַן ארימען טאַלאַנט צו ארץ־ישראל.

— אָבער, ר' נח, אַ שווערער טאַלאַנט? זאָג איך צו איהם, ווייזענדיג אויף די איקסען, וואָס האָבען איהם אויפ'ן שטערען ארויס־געשלאָגען.

— וואָס פאַר אַ שווערער טאַלאַנט? — לאַכט ר' נח און ווישט זיך דעם שוויים מיט'ן ארבעל — אז איך האָב בעדאַרפט אין יעקאַטער־רינאָסלאַוו אַ שטיקעל „זשערעדאָוועער" אַ מאַזאַוואַנקאַ — דאָס איז געוועזען אַ „שווער טאַלאַנט", אז איך האָב נור גענומען דאָס שטיקעל סחורה אין האַנד און געוויזען די פויערטע און געגעבען איהר צו פערשטעהן דעם טעם פון זשערעדאָוועער, האָב איך געשוויצט — אָבער דאָס איז שווער? אדרבה, עס איז לייכט — ווישט זיך ר' נח דעם שטערען, און עס איז גוט, אוי, ר' איד, איז עס גוט!

— און די פערד, ר' נח? ווי קומט איהר צו די פערד? איך האָב דאָך אייך געקענט, ווען איהר האָט זיך געהאַלטען פון דערווייטענס פון אַ בהמה, און נאָך דערצו אַ פערד.

— די פערד, פרעגט איהר? זעהט איהר דעם רויטען, ווייזט ער אויפ'ן „רויטען" — דאָס איז אַ פערד, אַ צדיק. ער וועט דיר נישט געבען אַ בחנם'דיגען קלאַפּ. אז מען הייסט איהם געהן—געהט ער, און

אז מען הייסט איהם שטעהן — שטעהט ער, א צדיק! נאר דער „שווארצער", ווייזט ער אויפ'ן צווייטען, דאס איז א רשע — ער האט זיך ליעב צו שלאגען, אבער אז ארבייטער — אן אנטיק! אלע האבען געזאגט, אז איך וועל האבען פון איהם צרות, און איך האב געזאגט: ניין. אז איך האב איהם צום ערשטען מאל גענומען אין שטאל אריין, האב איך ביי מיר אבגעמאכט, אז היינט, דעם ערשטען טאג בעדארף איך בעקומען פון איהם צעהן קלעפ, און אז איך האב נור געקריגען פון איהם זעקס, האב איך דאך שוין די פיער פערדיענט. אויפ'ן צווייטען טאג האב איך נור געקראגען פון איהם דריי — און היינט שאנעוועט ער מיך שוין, ער ווייסט וואס אין פסוק שטעהט: „ידע שור קונהו וחמור אבוס בעליו". ער ווייסט אז איך בין זיין בעל הבית, און מיר האבען שלום געמאכט. איך גיב איהם צו עסען און ער גיט מיר זיין ארבייט.

— און מיט יענטען? פרעג איך, וואס זאגט דאס ווייב יענטע דערצו? געפעלט עס איהר צו זיין א פויערטע?

— דא, זעהט איהר, ברודער, איז צרות — קרעכצט דער איד. מיט יענטען איז נישט גוט. היינט איז דאך שוין גאט צו דאנקען, נאר אז מיר זיינען דא אהער געקומען, איז דא געווען וויסט, תהו ובהו, אריינגעצויגען האבען מיר זיך מיט די קינדערלעך, א מענשען אכט, אין דעם אראבישען לאך אריין. אז מיין יענטע האט דערזעהן די גרוב, זאגט זי צו מיר: — נח, א בראך נאך דיינע יאהרען, וואו האסטו מיך מיט מיינע שוואלבען פערפיהרט אין א מדבר אריין". געלעגען בין איך, נישט געדאכט, אין פיבער אין אראבישען לאך, קיין וואסער איז נישט געווען, געמוזט ברענגען, גאט וויים פון וואנען, די קינדער געקרענקט, און די ווייב שילט זיך. אבער אויף אונזער הייליגע לאנד האב איך קיין רכילות נישט געלאזט אויסרעדען. ווי איך הער, וואס מיין יענטע רעדט, רייס איך אויף די אויגען און זאג: „יענטע רעד נישט אזוי, דו וועסט דיך חלילה פערזינדיגען. איך האב דיך אריינגעבראכט אין א גוט לאנד, אין א הייליג לאנד, אין דעם לאנד פון אונזערע עלטערען, אין א ארץ זבת חלב ודבש". און ליעג ווייטער אין געהאקטע וואונדען. אבער גאט האט געהאלפען און ארויסגעקומען פון פיבער. אז איך בין נור ארויסגעקומען פון פיבער,

האָב איך מיט איהר שוין אַנדערש געֿ׳טענה׳ט. „יענטע, זאָג איך, דאָס אַראַבישע לאַנד איז דער גן עדן. דו הערסט — דער גן־עדן. און אַז גאָט וועט אונז העלפען און מיר וועלען די זכיה האָבען צו עסען פייגען פון אונזערע אייגענע בוימער אַראָב, וועסטו שוין פיהלען, וואָס עס הייסט אַ ארץ זבת חלב ודבש. און אַז דו וועסט דיך פערזינדיגען וועסטו האָבען אַזאַ סוף, ווי די מרגלים האָבען געהאַט, וואָס האָבען אויך אויסגערעדט לשון הרע אויף אונזער לאַנד. „און איך דערצעהל איהר די מעשה מיט די מרגלים און נעהם די פערד און געה אַרויס אַקערן. קום אַהיים פון דער אַרבייט, איך וויל עסען, מיין יענטע זיצט און וויינט: וואָס איז? זי דאַרף געזעלשאַפט און בענקט נאָך דער יעקאַטערינאָסלאַווער געזעלשאַפט און זאָגט צו מיר: ר׳ נח וואו האָסטו מיך פערפיהרט מיט מיינע שוואַלבען״? זאָג איך צו איהר: „דיינע שוואַלבען האָב איך נישט פערפיהרט, זיי אַקערן די ערד און נאָך יעקאַטערינאָסלאַווער געזעלשאַפט האָסטו נישט וואָס צו בענקען. איינס ביזטו אַ פויערטע, און אַ פויערטע טאָר נישט האָבען קיין געזעלשאַפט. זי האָט נישט קיין צייט צו געזעלשאַפט. און דאָס צווייטע, אַז דו ווילסט האָבען געזעלשאַפט, געהסטו אַרויס, זעה: דאָס האָסטו דיר דעם הייליגען טאָל עמק יזרעאל, וואָס אויף איהם איז אַזוי פיעל אידיש בלוט פערגאָסען געוואָרען, דאָרט דעריבער האָסטו דעם באַרג גלבע, אויף וועלכען עס איז געפאַסען און ענטפלעקט געוואָרען דער כבוד, פון אַזאַ איד אַ צדיק, אַ אידישער מלך שאול, און וואָס דערפאַר האָט איהם דוד המלך פערשאָלטען אַז ער זאָל ניט האָבען קיין טוי און קיין רעגען, און דאָרט האָסטו דיר דעם באַרג תבור, אויף וועלכען דבורה הנביאה האָט געטאַנצט און געזונגען פאַר גאָט, דאָרט אַביסעל ווייטער קוקט דיר אַרויס מיט איין אויג דער חרמון מיט זיין ווייסען קאַפּעל — דאָס איז דיר די בעסטע געזעלשאַפט, אַ הייליגען געזעלשאַפט און אַ גרויסע געזעלשאַפט. און דו, מיין ווייב, בענקסט דיר נאָך דער יעקאַטערינאָסלאַווער געזעלשאַפט מיט די נאַרישע זייטען, וואָס קאָסטען געלד און ברענגען נישט קיין נוצען — מעגסט זיך שעהמען, יענטע!״ זאָגט זי צו מיר: „אַ מויל צו רעדען האָסטו נח שוין פון לאַנג, דאָס איז דאָך טאַקי געוועזן מיין אונגליק. דו קענסט דאָך אַ שטיין אויך איבעררעדען, און מיך האָסטו אויך איבערגערעדט, אַז איך זאָל פאַר דיר חתונה האָבען. נאַר וועה צו מיר, וואָס

איך האב דערלעבט!" נו. גנה, טענה מיט איהר, אז זי האט צו דיר פרעטענזיעס אויף א זאך, וואס איז דיר געשעהן פערצייטענס. איך האב שוין באלד פערגעסען ווען איך האב חתונה געהאט, און זי דער־מאנט זיך נאך דערינגען יעדען טאג...

— און וואס טהוט איהר? פרעג איך איהם

— עס איז שלעכט. נור עס ווערט בעסער, פריינד. זי הויבט זיך אן צוגעוואהנען. אז זי געהט אין דער פריה ארויס און זעהט, ווי דער טוי דעקט צו אונזער שטיקעלע נחלה, האט זי אויך הנאה. און איינמאל פארנאכט, זעה איך ווי מיינע שטעהט פאר דער טהיר, קוקט זיך איין צו די גרינע קעפקעלאך, וואס די גערשטען האבען אנגעהויבען ארויסצוגעבען פון דער ערד און ברומט זיך עפעס אונטער, בויגט זיך צו צו דר'ערד און הויבט אן פאמעליך אויסצורייסען דעם ווילדקרויט, וואס וואקסט צווישען גראז. טראכט איך מיר: אך, אך, אלטע, דו ביזט געכאפט, די ערד האט דיך געפאקט, געפאקט. און גנה אונטער צו איהר און זאג איהר: „רייס, מיין ווייב, רייס דאס ווילדקייט, ווארים נישט בלויז מיר זעען די ערד, נור גאט זעעט אויך די ערד, דער ווינד טראגט פון די בערגער אראב פערשיעדענע ווילדע קערנדלעך און דאס זעעט זיך איין אין דער ערד און מען דארף דאס נישט, ווייל דאס איז ווילד. אם ירצה השם, זאג איך, אז אויף די בערג וועלען וואהנען אונזערע ברידער, וועלען זיי אויך דארט בעזעען די ערד און דער ווינד וועט נעהמען פון דארט טראגען נישט קיין ווילדע ווייצען, נור מענשליכע ווייצען, וואס אונזערע ברידער האבען דארט פערזעעט און דענסטמאל וועלען מיר שוין נישט דארפען אויסרייסען דאס ווילד־קרויט. רייס, רייס מיין ווייב", זאג איך. זאגט זי צו מיר: „אז עס זאל דיך אויסרייסען פון דר'ערד, וואס דו האסט מיך פערפיהרט מיט מיינע שוואלבען אין א מדבר אריין", און געהט אין שטוב אריין.

— נאר איך האב שוין נים קיין מורא—זאגט נח ווייטער, אונטער־לעהנענדיג זיך אויף זיין אקער—אז איך האב נור דערזעהן, אז די ערד האט מיינע געכאפט, ווארים די ערד איז עפעס אזעלכעס, וואס ציהט צו צו זיך. דו קומסט דיר אהער אין א ווילדערניש. קיין מענש, קיין פריינד, קיין שטוב, קיין טראפען וואסער. — דו ווילסט דיר פון דאנען אנטלויפען און מיינסט, אז דו וועסט דיר נישט דא איבערטראגען קיין

איין נאכט, נור קוים הויבסט דו זיך אן איינצוקוקען צו דר'ערד, קוים האסטו דיר דעם אקער געגומען און פאהרסט מיט איהם אדורך די ערד, און דו זעהסט דיר, ווי פון דיין אקער הויבט דיר אן ארויסצואוואקסען גרינענקע, גרינענקע קעפקעלאך, און דאס איז געוואקסען, ווייל דו האסט דאס בעארבייט — וועסט דו ברודער שוין נישט אנטלויפען, די ערד וועט דיך האלטען, וועט דיך צוציהען — יעדע ערד, נאך דערצו אונזערע ערד, וואס האט אין זיך אזוי פיעל בלוט איינגעזאפט, און וואס יעדער בארג דא דערמאנט דיך.

געזעהן אז ר' נח הויבט אן צו ווערען סענטימענטאל, וואס עס פאסט גאר נישט פאר אזא פראקטישען אידען א סוחר, ווי ר' נח, האב איך איהם איבערגעריסען:

— און מיט די אראבער, — פרעג איך — מיט די שכנים, מיט'ן פעטער ישמעאל, ווי קומט איהר אדורך? מען זאגט דאך ביי אונז אין די מקומות —

— מיט די שכנים,—לאזט מיר ר' נח נישט אויסרעדען,—מיט די שכנים — די בעסטע גוטע פריינד. אז איך בין דא אהער געקומען האבען מיר געזאגט די אינגלאך, די פועלים פון די פערם דא: — „ר' נח, קויפט אייך א רעוואלווער און א מעסער און געהט נישט אליין ארויס ווייט אין פעלד אריין, ווארים די אראבער וועלען אייך די פערד אויסשפאנען און דעם אקער איבערלאזען אליין אויפ'ן פעלד". זאג איך צו זיי: „איך האב נישט קיין מורא, מיר וועלען די אראבער קיין שלעכטס נישט טהאן. איהר זעהט די רויטע טערקישע פעסקע — דאס איז מיין רעוואלווער. און איהר זעהט מיין שלמה'קען — דאס איז מיין מעסער. ווארים אז איך בין נור אהער געקומען, האב איך מיר באלד געקויפט א רויטע פעסקע — לאזען זיי זעהן, אז איך בין אויך א סעמיט, א זייערינגער, וועלען זיי מיר שוין קיין שלעכטס נישט טהאן. און געה איך ארוים ווייט אין פעלד, נעהם איך מיט מיין בחור'ל, מיין שלמה'קען זאל לעבען. איך וויל זעהן דעם אראבער, וואס וועט האבען א הארץ דעם פאטער צו הרג'נען, ווען זיין זעקס יעהריג קינד איז דא דערביי. ניין, עס איז נישטא אזא אראבער, ווארום א אראבער איז א סעמיט, א מענש א בעל רחמנות. און אמאל טאקע אין מיטען פעלד ווייט דארט אראב ביי די בערגער, שטעה איך מיט מיין שלמה'קען

און אַקער מיר די ערד, קומט אַן 'צורייטען אַ אַראַבער מיט אַ ביקס, אַ שווערד, קומט אַן האַרט צו מיר. איך — גאָר נישט, אַקער די ערד און גיב אַ מאַך מיט די האַנד פאַר'ן שטערן און פאַר'ן בויך, וואָס דאָ איז אַזאַ געוואָהנהייט צו גריסען זיך, און גיב אַ זאָג צו איהם, „ני האַביק סאַיד", וואָס דאָס איז דער טייטש: דיין טאָג זאָל דיר זיין שעהן, גיט ער מיר אַן ענטפער: „טהאַבּדאַניק", וואָס דאָס איז דער טייטש: דיין מאָרגען זאָל דיר זיין פריש.

וואָרים, אַז איך בין נאָר אַהער געקומען, האָב איך זיך באַלד אויסגעלערענט, ווי עס הייסט אויף אַראַביש „גוט מאָרגען". וואָרים, אַז איך קען נור „גוט מאָרגען" זאָגען, וועט מיר שוין קיינער קיין שלעכטעס נישט טהאָן. איך וויל ,זעהן דעם גזלן, וואָס וועט מיר שלעכטס טהאָן, ווען איך וועל איהם צוערשט זאָגען, „גוט מאָרגען". דאָס איז מיין רעוואָלווער און מיין מעסער פאַר דעם אַראַבער—זאָגט ר' נח, און וואַרפט אַ פעראַכטענדען בליק אויף די קאָלאָניע, דאָס הייסט אויף די בחורים־לאַך, וואָס האַלטען מלחמה מיט די אַראַבער — וואָרום דער אַראַבער איז אַ סעמיט און אַ בעל רחמנות. און עס איז טאַקע אַזוי געווען. פרעגט ער מיך, אויף אַראַביש, ווייזענדיג אויף מיין אינגעל: ווער דאָס איז? ווייז איך איהם אויף מיין האַרץ, דאָס הייסט, אַז דאָס איז מיין קינד, און דריק שלמה'קען צו צו מיין האַרץ און קוש איהם אויף זיין קעפעל.—נעהמט ער דעם אַקער און פערוואונדערט זיך, וואָס דאָס איז אַזעלכעס, וואָרים די אַראַבער מוזט איהר וויסען, אַקערען נאָך די ערד, ווי אונזערע עלטערען פעראייטענס, מיט אַ הילצערנעם אַקער. גיב איך איהם דעם אַקער און ווייז מיט די הענד אויף גאַנץ ווייט, וואָס דאָס הייסט, אַז דאָרט אין יענע מקומות ביי אונז אַקערט מען אַזוי. ציהט ער אויף די אַקסלען, דער אַראַבער, און שמייכעלט. זעה איך, אַז איך בין שוין מיט איהם אין דער היים, זאָג איך צו איהם, ווייזענדיג מיט דער האַנד אויף איהם און אויף מיר, אויף לשון קודש: „אחי, איך און דו — אחים" וואָרום לשון קדש איז דאָך ענליך צו אַראַביש. „אחים", זאָג איך — סעמיטען. שמייכעלט ער, דער אַראַבער, און ווייזט מיט די ווייסע צייהנער זיינע און גיט מיר אָב די לייצעס און פערבויגט זיך פאַר מיר: „חאוואַדזשי" זאָגט ער מיר, וואָס אין אונזער לשון הייסט עס אַ „גאַספּאָדין", און רייט אַוועק. נו, דאַרף איך אַ רעוואָלווער מיט אַ מעסער צו מיינס אַ ברודער, אַ סעמיט? — פרעגט

מיד ר' נח — אַז ער איז אַ בעל רחמנות, מען דאַרף נור זאָגען „סייאיד“. דאָס איז מיין רעוואָלווער מיט מיין מעסער.

אין דעם ווי מיר רעדען אַזוי צווישען זיך — הער איך פון דערווייטענס אַ געוואַלד. ר' נח גיט זיך אַ קוק אום און דערזעהט זיין יענטען לויפען. — אהאַ, מיין יענטע געהט, זאָגט ר' נח — לאָזט מיך נור אַביסעל אַקערן די ערד — וועט איהר זעהן דאָ אַביסעל אַ חתונה. — שלמקע, ציה דעם רוימען, וויאָ, וויאָ! אַבער יענטע איז באַלד דאָ מיט אַ ווייס טיכעל איבער'ן קאָפּ, אין אַ לאַנג אַראַבישע'ס העמד: — נח, וואָס האָסטו מיר פערפיהרט מיט דיינע שוואַלבען — די שוואַלבען וועלען דאָך אויסגעהן! ר' נח, הערט זיך אַ קול איבער דעם עמק יזרעאל. נח שטעלט אָב די פערד און פרעגט: יענטע, וואָס שרייסט דו? — דו ווילסט מיין טויט מיט די קינדער'ס טויט. שרייט יענטע. דיין טויט וויל איך נישט — ענטפערט נח געלאַסען, וואָס ווּעט מיר דערפון אַרויסקומען? איך בין אַ קאָלאָניסט, און אַ קאָלאָניסט דאַרף אַ ווייב. און די שוואַלבען'ס טויט וויל איך נישט. צו שרייען האָסטו נישט וואָס. ערשטענס, איז נישט שעהן. אַ מענש איז דאָ, ווייזט ער אויף מיר. „איך וועל פאַר דער גאַנצער וועלט אויסשרייען. אַז דו ווילסט מיך מיט די קינדער אומטערברענגען. איך בין געוועזן אַ שעהנע בעל־הבת'טע, ווענדעט זיך צו מיר יענטע. ביי אונז אין דער היים. אין יעקאַטערינאָסלאַוו. ער האָט מיך פון אַ שעהן הויז אַרויסגענומען. מיר האָבען שעהן פּרנסה געהאַט. געזעלשאַפט — איז ער משוגע געוואָרען. מיך מיט די קינדער פערפיהרט, זעהט אין וואָס פאַר אַ הולך איך גיה. מענשען מיינען, אַז איך בין משוגע — איז אַ פינסטער'ען לאָר מיך אַריינגעזעצט. קיין וואַסער איז נישט דאָ. די קינדער געהן אויס“ — שרייט יענטע. „די קינדער געהן נישט אויס — זאָגט ר' נח געלאַסען — דו זעהסט יענטע, ווייזט ער אויף שלמה'קען — ער זעהט אַהן עין הרע אויס בעסער ווי אין דער היים. קינדערלעך, איהר ווילט צוריק קיין רוסלאַנד? ווענדעט ער זיך צו די קינדער: „ניין“ — ענטפערען אָב די קינדער.

— זעהסטו, זאָגט נח, אַז בחנם קלאָגסט דו זיך. און וואָס דו געהסט אין אַזאַ הולך, האָסט דו דיך אויך נישט אויף וואָס צו קלאָגען. האָסט פערגעסען, יענטע, אַז דו ביזט נישט מער נח יעקאַטערינאָסלאַווערס ווייב — נאָר דו ביסט נח דעם פויערס ווייב. דו ביזט אַ פויערטע.

יענטע, און אַ פויערטע אין ארץ ישראל געהט אַזוי. עס איז אַזאַ
טראַכט. און אויף דעם אַראַבישען לאַנד — האָסטו דיך אויך נישט
וואָס צו קלאָגען, דו זעהסט דיין הויז וואַקסט, מען בויט דיר שוין
אויף, יענטע, אַ פּאַלאַץ, ווייזט ער אויף די רויטע דאַך ציגלען וואָס
ווייזען זיך פון דער ווייטענס. „אָבער דו גענאַרסט דאַך מיך שוין
אָב דאָס דריטע יאָהר — דאָס דריטע יאָהר, ווי דו האַלסט מיך שוין
מיט די שוואַלבען אין אַראַבישען לאַנד". „איז עס דאַך אַן אַלטע צרה,
זאָגט נח, אָבער וואָס שרייסט דו יעצט, יענטע? וואָס פעהלט דיר?"
„עס איז פרייטאָג, נח, און איך האָב נישט אויף שבת, נישט קיין
פיש, נישט קיין פלייש, נישט קיין שטיקעל חלה". „וועלען מיר
עסען אַרבעס", זאָגט געלאַסען נח. „זונטאָג אַרבעס, מאָנטאָג אַרבעס,
די גאַנצע וואָך אַרבעס און שבת אויך אַרבעס", שרייט יענטע. „איך
האָב דאָך שוין באַלד פערגעסען, ווי אַ שטיקעל פלייש זעהט אויס".
„דו ביזט אַ פויערטע, יענטע, זאָגט נח, און אַ פויערטע עסט, וואָס עס
איז דאָ אין שטוב". — „וואו איז מיין שבת, וואו איז מיין יום טוב,
איך האָב דאָך שוין באַלד פערגעסען, ווי אַ מענש זעהט
אויס". „יענטע, פערזינדיג דיך נישט — מיר זיצען אין הייליגען
לאַנד — אויף אונזערע עלטערענס ערד — דאָס איז אונזער יום־טוב,
דאָס איז אונזער שבת, יענטע.

נור יענטע געהט אַוועק אהיים און זעעט מיט טרעהרען די פעלדער.

— ווי קענט איהר דאָס, פאַר וואָס זענט איהר אַזוי שלעכט צו
איהר, ר' נח, פרעג איך איהם. וואָס האָט איהר נישט קיין רחמנות
אויף איהר?

— זאָל זי זיך אויסלערנען, ר' איד, זאָל זי זיך אויסלערנען וואָס
הייסט אַ פויערטע צו זיין. אפשר מיינט איהר, אַ איך האָב נישט
געקענט שטעלען דאָס הויז נאָך פאַר אַ יאָהרען אדער פאַר צוויי —
אַז איך בין אַראָבגעקומען, האָב איך געהאַט מיינע פאַר טויזענד רובעל
פון דער היים, אַ חוץ וואָס איך האָב בעצאָהלט במזומנים פאַר די ערד
און אינוועטנטאַר. נאָר איך האָב גענומען די פאַר טויזענד רובעל
און אַוועקגעלעגט אין באַנק אריין און געזאָגט מיר: נח, דו מוזט
יעצט לעבען פון דער ערד, נח לאָז דיך דאַכטען, אַז דו ביזט אַ

געבוירענער פויער — אַלעס וואָס די ערד וועט דיר אַרויסגעבען, דאָס איז דיין, קיין אַנדער זאַך האָסטו ניט. און די ווייב האָב איך עקסטראַ געהאַלטען אַ פּאָר יאָהר אין דעם אַראַבישען לאַך — לאָז זי זיך צוגעוואוינען צו לעבען, ווי אַ געבוירענער אַראַבער אין אַ ליימענע גרוב אין ווינטער און זומער, אויסהאַקען פון איהר די יעקאַטערינאָס־לאַווער שטובען מיט די יעקאַטערינאָסלאַווער געזעלשאַפט. — יעצט, אַז זי האָט זיך שוין צוגעוואוינט — יעצט וועל איז זי אַריינפיהרען אין הויז אריין, יעצט בוי איך דעם פּאַלאַץ".

נאָר דאָ האָט זיך דער קליינער שלמה'קע אויפגעכאַפּט פון שלאָף, געוואָרפען אויפ'ן טאַטען אַן אויג און אַ זאָג:

— טאַטע, דו האָסט דאָך דאָס הויז שוין פערדונגען דעם אידישען דייטש, וואָס ציהט זיך דאָ אַהער.

— וועלען מיר וואוינען אין שטאַל — זאָגט נח — איך בוי דאָך עפּעס אַ שטאַל אויס שטיינער און ציגעל — איז עס נישט ווי אַ שטוב ?! וויאָ, וויאָ — שרייט נח צו שלמה'קען — עס איז שוין שפּעט ר' איד, און די ערד וואַרט אויפ'ן אַקער, זאָגט ר' נח פערשעהמט אביסעל, וואָס שלמה'קע האָט איהם געכאַפּט ביי אַ ליגען, און לאָזט זיך מיט די פּאָר פערד אין פעלד אריין בעאַקערען דעם עמק יזרעאל.

איך בין נאָך געשטאַנען אַ פּאָר מינוט און האָב איהם נאָכגעקוקט, ווי דער הויכער איד ברעכט זיך איבער דעם אַקער — די פערד דרעפּטשען אין דעם אידישען פעלד און דאָס מיידעל געהט נאָך און פערזייעט די אַרבעס. דער אַקער איז נאָך ביי ר' נח געגאַנגען קרום. נישט זיכער — און דער ווינד האָט די פּאָלעס פון זיין קאַפּאָטע פער־שפּרייט — פאַר איהם זיינען געשטאַנען די הרי גלבע און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי וואונדערען זיך פאַר דעם בילד, וואָס זיי זעהען, אַז אַ איד בעאַקערט דעם עמק יזרעאל נאָך אַזאַ לאַנגע צייט מיט יאָהרען.

און איך האָב ביי מיר געטראַכט: פון וואַנען האָט זיך גענומען דער כח ביי דעם קאַרגען אידען, וועלכער האָט זיין ווייב און קינדער אין אַראַבישען לאַך, אוועקצוואַרפען זיין יעקאַטערינאָסלאַווער שניט־קראָם ? — פון וואַנען האָט זיך צו איהם גענומען דער כח דורכצוקומען

דעם יצר הרע פון געלד און סוחר און דא אהער צוקומען און נאכצו־ געהן דעם אקער אייזען אין די ברענענדע היץ? און איך האב זיך דערמאהנט אן זיינע פריהערדיגע ווערטער, אן זיין „טאלאנט" צו ארץ ישראל, און איך האב מיר געטראכט: ווער ווייסט, אפשר שלומערט דער „טאלאנט" צו ארץ ישראל אין גאנצען אידישען פאלק?...

# די פאלעסטינא רייזע

### 1.

### אויף די שיף.

ווי א שטיל געבעט, אזוי שווימט אריין אונזער שיף אין דעם ברייטען, אונהיימליכען „שווארצען ים". ווי א שווארצע שרעקענדע מאסע ציהט די נאכט פון די בעוואלקענטע וואסער־טויערען און בעהמט אריין אין איהרע שווארצע פליגלען הימעל, ים און שיף.

עס בענקט זיך.

אין א הייליג לאנד שווימט אב אונזער שיף. און נישט קיין מלחמה־פאהן, און נישט קיין פריעדען־פאהן פלאטערט פון אונזער שיף אראב.

אונזער שיף פיהרט אריין אין דעם ברייטען שווארצען שטח פון נאכט און ים די פאהן פון בענקען.

און דאך געפינען זיך צוויי מענשען אויף דעם שיף, דער „יוד" און דער „רוס". פון די ווייטע סטעפען, פון די סיבירישע שנייען, שלעפט דער „געוויסען־ביסען" דעם אלטען מוזשיק צום הייליגען קבר צו דערצעהלען זיין „לעבענס"־זינד, וואס ער האט קיין מענשען־אויער נישט געקאנט פערטרויען, פאר די שטויב פון דעם, וואס האט אלעס געקאנט פערגעבען. אין די לאדען פון א הייזעל ביים ברעג וואלגע האט גאט אריינגעקלאפט אין דער נאכט פון זיין געבוירען ווערען, און די אלטע גויע זאמעלט שוין א גראשען צו א גראשען פון איי צו איי, פון טראפען מילך צו טראפען מילך, צו געהן פון גובערניע צו גובערניע, צו פאהרען איבער ימים ווייט, צו קלאפען דעם שטערען אויף דער שוועל פון יוסף ארימאטהיא'ס פעלזען, וואו ער האט פרייטאג צו ליכט צינדען דעם געפייניגטען קערפער פון מענשליכען גאט, אין ווייסע לייליכער געהילט, בעגראבען.

פון דער אַרימער ליטאַ איז דער אַלטער יוד אָנגעקומען. אַט זיצט ער דאַ אויף דעם צווישען=דעק מיט זיין קליין אייניקעל. דער לעצטער זעהונגס=בליק, וואָס ער האָט געוואָרפען צו די איבערגעלאָזטע אויפ'ן ברעג קינדער. צום לעצטען מאָל פאַר זיין טויט. הענגט נאָך אויף זיינע ליפּלען. ער פאָהרט אַהין אַ קבר זיך אויסקלייבען אויפ'ן הר=הזתים ביי'ם לעבען. און אין בית=המדרש וואַרטען. מיט דוד'ס תהלים אויף די ליפּען. אויף דעם בעשטימטען טאָג. אַ קליין יונגעל פיהרט ער מיט זיך — אַן אייניקעל. ער פיהרט מיט מיט'ן טויט דאָס לעבען. מיט'ן לעצטען טאָג פון אַלטען — דעם ערשטען טאָג פון נייעם יאָהר. ..אַ נשמה — אבגעשטאָרבען — זאָגט ער. אַ נשמה — אויפלעבען“. און עס זיצט דאָס יונגעל מיט דעם אַלטען מאַן אויף דעם צווישען=דעק און קוקט מיט די קליינע אויגען דורך דעם קליינעם פענסטעריל אין ים אַריין. אַ קליינער ים קוקט אין אַ גרויסען ים אַריין... אַ חוואַליע קומט אַן. אַ חוואַליע געהט אַוועק. און די וועלען שווייגען אַלץ. אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער שוין אין ים דורכ'ן פענסטערעל אַריינגעוואָרפען: דעם אַלטען'ס כשר מעסער און גאָפּעל... און דער ים שווייגט אַלץ. און איהם ציהט אַלץ אַהין טיעף אַריין... וואו דער „גאָפּעל=מעסער“ איז פערזונקען.

און דאָך געפינען זיך צוויי מענשען אויף דעם שיף. דער „יוד“ און דער „רוס“...

פון איין לאַנד קומען זיי צו ציהען. אויף איין שיף געפאָהרען. צו איין ברעג געציעלט. צו צוויי געטער געוואַנדעלט — איינער פון די צוויי פערגינט ניט זיין חבר'ס גאָט אין הימעל. דער אַנדערער פערגינט איהם נישט זיין לעבען אויף דער ערד. און יעדער בעזונ= דער אין זיין ווינקעל=שיף. אויף די ליפּען דיזעלביגע פּסאַלמען. וואָס פון איין האַרפע זיינען זיי געוואָרען געשפּיעלט. און זיי זאָגען דאָס אייגענע קאַפּיטעל תהלים אויף צוויי שפּראַכען צו צוויי געטער... אין מיט'ן פּסאַלם אויף זייערע ליפּען שווימט די שיף טאָג אויס, נאַכט איין. זונען אויפגאַנג. זונען אונטערגאַנג. ביז עס גילדעט זיך אין בליץ און שטראַהל דער קאָנסטאַנטינאָבאָלער „גאָלדענער האָרן“. און ווי אַ יונגער חתן פאַלט די זון איבער איהר כלה=לייב. און פאַלט דער שטראַהל און ברעכט און בעלויכט ים און שיף. און קאַהן זעגעל. און מענש. און ברעט.

מיט דעם טאג איז אונזער שיף אריינגעשוואומען אין די דארדא־נעלען, נאך בעהויכט מיט דעם נאכט־טוי, ווי שבת־מאמע־טראפען, און ער לויכט זיך אין די יונג־זומער שטראהלען, וואס קומען גע־שפראצט פון ים און זון, און ער וויגט ים און ברעג, וואסער און לאנד. ס'שטעהט הויז און מויער, מיט טוי־טראפען בעהויכט, איבער נאכט איז עס, ווי דאס בוימעל און גרעזיל, פון טויט שפראצענדיג געווארען, און ס'טריקענט זיך אויף דער ליעבער זון. און קירשען־בוימיל און מירטען־בוימיל, אין טוי אויסגעבאדען, צום טריקענען אויף די זון געשטעלט, קוקט אויף דעם פרעמד פערביישוויימענדען שיף, ווי חדר־יונגלעך, וואס ווערען — נאך דער שלאף אין די אויגען, די טראפען אין די פאות'לעך — מיט בייגעל און סדור פון בעהעלפער געפיהרט. און ס'בעגלייט אונז מיט א בליק און פיהרט אונז פון הייזיל צו הייזיל, פון בוימיל צו בוימיל, און עס רוקען זיך די הייזלעך איינס צום אנ־דערען, איבר'ן אנדערען, אויפ'ן אנדערען, ביז עס פערשטעלט בוימיל און וועלדיל, גרעזעל און בלעטיל. און עס פאלט די זון, ווי א יונגער חתן, איבער שטיין און מויער, קופעל און דאך. און עס ברעכען זיך די שטראהלען און פאלען פון דאך צו דאך און טראגען זיך פון בלעך צו בלעך. עס ברענען די קופעלען, עס בלישטשען די שטראהלען פון גאלדען־בלעך צו זילבער־בלעך, און עס גלאנצט הימעל־שטראהל צו קופעל־שטראהל, און עס שטראהלט גלאז־שטראהל צו שארבען־שטראהל, און עס לויכט שויבען־שטראהל צו שויבען־שטראהל, און עס קושען זיך די מעטשעט־שפיצען אין שטראהל און ליכט. און עס גיסען זיך צונויף די ליכטער, און עס ווערט איין שרייענדער שטראה־לען־שטרייטענדער זונען־מארגען איבער דעם גאלד־הארן פון קאנסטאנ־טינאפאל.

און ווי א שטיל געבעט שווימט שיף און מענש פון דעם שמאלען באספאר אין די ברייטע ליכטיגע וואסערען פון דעם מיטעל־לענדישען מעער.

דא איז שוין נישט קיין ים, דא איז הימעל, וואלקען און טוי־שטראהל דורכגעוועבט אין איין שטילען ליכטיגען קוש. ביבליש שטיל ליגט דער הימעל איבער'ן ים, און עס ציהען זיך די ליכטיגע וואלקען איבער'ן הימעל, ציהען זיך לאנג איבער'ן הימעל, פון הימעל אין וואסער אריין, און ווי א ליכטיג יונגעלש־לייב שוועבט דער וואל־

קען איבער'ן וואסער, און שיינט קוים, קוים, ציטריג־מיידעלש, ווי די קאלטע ציטערנדע ברוסטען פון דער כלה, צו וועקען דעם שטילען וואל, דעם שטילען טראפ. און עס וועקען זיך די וועלען און הויבען זיך ליכט און שווימענדיג, און קושען זיך צום וואלקען אויף — און עס גלאנצט און בלישטשעט טראפ און וואסער, צו פערל פערוואנדעלט און צו בריליאנט פון וואסער אין'ם ליכט געשליפען. און עס שלאפט איין שטיל הימעל און ים און חלום'ט פון ליכט און גלאנץ און פערפיהרט אין חלום און שלאף א שיף אויף זיין וועלען־גלאנץ. און עס פערשלייערט זיך הימעל און ים אין ליכטיגע, דורכזיכטיגע נעבעלשלייער. דער הימעל וועבט זיי צום ים, דער ים — צום הימעל, און זיי פערוויקלען לופט און ליכט, און שטיל, פער'חלום'ט פיהרען די וועלען דעם שיף פון וואל צו וואל, פון שלייער צו שלייער, ביז עס פאלט, ווי א חתונה־רעגען, נאכט־ליכט און שטערן־ליכט איבער ים און שיף. און ס'קריכט ארוים פון זיין געהיימען בעהעלטעניש דאס שאטען־שיף און שווימט ווי א חלום נאך דעם שיף איבער די וועלען, און די וועלען פערשווימען און פערפיהרען אין די טונקעלע נאכט זיין זעגעל־בוים. און עס פאלט א שרעק איבער שיף און ים, איבער דעם אונהיימליכען שאטען, וואס שווימט נאך טריט ביי טריט אונזער שיף — ווי א שווארצע חיה פון דעם טיעפען ים, פון דער טיעפער נאכט געצויגען.

און אזוי בלאנדזשעט אונזער שיף אויף דעם מיטעל־לענדישען ים פון איין גריכישען אינזעל צו דעם צווייטען, וואס שטעקען, בערעגענט פון נאכט־ליכט און שטערען־ליכט, פערפאלען און בעהאלטען אין דער טיעפעניש פון מיטעל־לענדישען מעער. און ס'האבען זיך אויפגעוועקט די געטער פון זייער שלאף, אין די טעמפעל, און האבען פערפיהרט זייערע נביאים מיט זייערע נביאה'טעס אין די טיעפע אינזלען אריין. — און זיי האבען זיך פערשטעלט פון מענשען'ס אויג אין נאכט און ים. און פערשמעקען און טריקענען זייערע נאקעטע לייבער אין ווייררויך־געשמאק, וואס רויכערט זיך אויף די קליינע ווייסע מזבחות. און עס טאנצען ארום די געטער מיט די פראפעטען, און עס בענקען די געטער נאך די מענשען, און עס בענקען די מענשען נאך די געטער און קאנען איינער דעם צווייטען נישט געפינען. זיי זינגען אויס זייער בענקען אין שטילע מעלאדיען — און עס ציטערען די געזאנגען און שווימען איבער'ן ים און עס פערפיהרען די וועלען די געזאנגען אי־

בער'ן מיטלע־לענדישען מעער, און טראָגען זייער וועה צו אַלע איהרע ברעגען און פערפיהרען שיף און מענש מיט זייער בענקשאַפט. און עס יאָגען זיך אַלע ווינטען איבער'ן ים און הערען זייער געזאַנג, און ס'צופליהען זיך די שטערען און בעשטראַהלען מיט בענקשאַפט די נאַכט און די וועלט.

ווי אַ שטיל געבעט שווימט אונזער שיף פאַרביי די גריכישע אינזלען און מיידט אויס וויהרוך און בענקען־געזאַנג, און ווי אַ שוואַרצער פליעגעל פון אַ שוואַרצען פויגעל באַהנט ער זיך צווישען די לייכטע, פון בענקען דורכגעזאַפּטע און פון געזאַנג־בעהויכטע וועלען. זיין וועג פיהרט צו אַ ווייטען ברעג אין אַ ווייטען לאַנד די בענקענדע נאָך גאָט, צו זוכען גאָט, צו געפינען גאָט.

און דאָך געפינען זיך צוויי מענשען אויף דעם שיף, דער „יוד“ און דער „רוס“.

2.

## לבנון.

דער ים אָרום און אָרום איז געלעגען אויסגעצויגען אין זיין דונקעלען געהיימניספאָלען שלאָף, געלאַגערט ווי אַ שוואַרצע שרעק־ליכע חיה, וואָס איז געקומען צו לויפען און האָט זיך אַראָבגעלאָזט אי־בער דער ווייטער אונענדליכקייט, אַריינגעהמענדיג הינטער איהר ברוסט דעם גאַנצען לאַנגען ברייטען שטח און פערשטעלט איהם מיט איהרע שוואַרצע וואַסערדיגע קאַלטענעס, וואָס זי האָט אויף זיך. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז יעדע מינוט כאַפּט זיך דאָס טהיער אויף פון זיין געלעגער און טרייסעלט אַלץ פון זיך אַראָב. נור דערווייל איז דאָס טהיער — דער ים געלעגען אין פעסטען שלאָף, נאָר פון צייט צו צייט האָט זיך געוואָרפען אַ וואַסערדיג ליכט פון איבער זיינע שימער־דיגע קאַלטענעס, אָדער אַ טיעפער שטערן אין הימעל האָט טיעף שפּיעזדיג אין זיין דונקעלען אויבער־דעק זיין דונקעלען ליכט גע־ציעלט.... און עס האָט זיך דערהערט פון דער־ווייטענס דאָס שווערע ערנסטע ניסען פון כוואַליע אין כוואַליע, ווי דאָס שווערע אָטהעמען פון אַ חיה, און האָט געשראָקען פון דער־ווייטענס מיט זיין גרויזאַמער געהיימניסקייט.

נור רוהיג און זיכער, ווי געשטיצט אויף גאָט'ס חסד, האָט אונזער
שיף געשפּאַנט זיין וועג צווישען טיעף בעשטערענטען הימעל און
דונקעלען וואסער, ווי א שטילער געהיימניספאָלער שליח, וואָס וואַנ־
דעלט פון עק וועלט צו עק וועלט אַ פערבאָרגען שליחות אויסצופיה־
רען; ער האָט אויסגעשטרעקט פאר זיך זיין ווייטען האלז, געזוכט
זיך אַ וועג אין דער אונזיכערער אונענדליכקייט. וועניג מענשען זייי־
נען געשלאָפען די נאכט אויף דעם שיף. עס איז געוועזן די לעצטע
נאַכט ווי אונזער שיף איז ארויסגעפאָהרען פון די גריכישע ברעגען צו
ווארפען זיין אנקער אין דעם סירישען פּאָרט. דאָ און דאָרט האָבען
זיך איינצעלנע געשטאַלטען ארומגעדרעהט, אָדער בעהאַלטען פּעד־
טיעפט אין בענקען — געוואַרט אויף דער מאָרגענזון, וואָס וועט
ארויסגיסען פון הינטער דעם לבנון...
און אַ גרויס בענקעניש האָט ארומגענומען די, וואָס זיינען געוועזן
אויף דעם שיף, צו זעהן די ברעגען פון הייליגען לאַנד. זעה, אין ווינ־
קעל שיף זיצען די אַלטע יודען, וואָס פאָהרען נאָך ארץ־ישראל מיט'ן
הזתים־באַרג געגען־איבער הר־הבית אויסצומישען זיך. און ביים שיין
פון קליינע ליכטלעך זאָגען זיי תהלים, און די אַלטע ווייבער שטעהען
אַ ביסעל אָבגערוקט פון זיי, — זינדיגע יודענעס, נעביך, קאָנען אין
דעם כאָר קיין אנטהייל ניט נעהמען — און רייבען זיך די הענד אין די
נאַסע לאַסטען פון שיף, וואָס זיינען בעהויכט מיט ים־פייכטקייט, און
זאָגען וואָס זיי קענען, איינע אַ תחינה, די צווייטע דערמאָנט זיך אַ
פּאָר פסוקים פון דאַוונען, די דריטע זאָגט גלאַט ברכות אין דער וועלט
אריין... און איינע, גאָר אַ קליינע און אַן אַלטיטשקע און אַ פּראָסטע,
האָט גאָר נישט צו זאָגען, קלאַפּט זי מיט די אַלטע אָהן־צייהנדיגע
יאַסלעס „די הייליגע אבות“, „די הייליגע אמהות“, און די „מאַמע
רבקה“ און די „מאַמע רחל“, און קוקט מיט גרויס ערנסט און כבוד אויף
די אידען וואָס זאָגען תהלים. אין צווייטען ווינקעל האָט דער אַלטער
פּאָפּ ארומגענומען ארום זיך אַלע גוים און אַלע גויעס, וואָס פאָהרען
צום הייליגען קבר, און זיי זינגען אין כאָר הייליגע קירכען־ליעדער און
די שטימען פון די קירכען־ליעדער קומען אהער צובלאָזען מיט'ן ווינד
און מישען זיך אוים אין איינעם מיט די יודענס תהלים־זאָגען. און די
תפלות מישען זיך אוים און שווימען אין איינעם איבער'ן דונקעלען
אויבערפלעך פון ים.... אויף דער דעק שטעהען יונגע בחורים מיט מייד־

לעך, געקומען צו פאָהרען פון פלאָנסק, א שטעדטעל אין פוילען. מיט הערצער פול האָפנונג, מיט ליעבע פול די בריסטען — פאָהרען זיי נאָך ארץ־ישראל, די ערד אין די קאָלאָניעס צו בעארבייטען און זינגען שוין לשון־קודש'ע ליעדער. צו זיי האָבען זיך בעהאָפטען די מיידלעך, וואָס האָבען זיך אויפ'ן שיף געפונען, און בעגלייטען זיי מיט זייערע ווייכע יודיש־מיידעלשע שטימען... אויף דער אויבערדעק דרעהט זיך דער „געלעהרטער" ארום (פאָהרט נאָך ארץ־ישראל שוין נישט צום ערשטען מאָל), קוקט אויף אונז אלע,ווי אויף ליעבע קינדערלעך: „פרעהען זיך די קינדערלעך מיט ארץ ישראל", קומט אָבער אויך צום סוף אהער, שטעלט זיך אין א ווינקעל (מען זאָל איהם נישט בעמער־קען) און הערט זיך אויך צו די ליעדער איין... פון דער־ווייטענס שיינט זיך ארויס דאָס ליכט פון „געצעלט", וואָס דער פּאשא פון דמשק האָט אויפגעשטעלט אויף דער אויבערדעק פון שיף פאר זיין הארעם, וואָס ער פיהרט מיט זיך... דער קאפיטאַן וואכט אויף זיין פאָסטען און לענקט דאָס שיף, און דער הויכער שווארצער מאסט־בוים ווארפט זיין ריעזען־שאָטען איבער דעם דונקעלען ים.... און איך און אלע פיהלען מיר זיך ווי פערוואָגעלטע קינדער, וואָס זיינען געוועזען ער־גע־וואו געפאנגען אין דער פרעמד... און קומען צוריק אהיים נאָך א צייט מיט יאָהרען צו דער מאמען אין שטוב אריין... און איך קען נאָך מיין מאמע נישט...

אזוי האָבען מיר אלע געוואַרט, יעדער שטאָם און גלויבען אין אַן אנדער ווינקעל, אויף די זון וואָס וועט צום ערשטען מאָל בעלויכטען די ברעגען פון אונזער היימאַטס־לאַנד...

פון דער ווייטענס האָט מען שוין בעמערקט, ווי דער טאָג בלייכט זיך אין דעם נאכט־ים פון הינטער א דונקעלען ריעז, וואָס ווארפט שרעקענדיג און מעכטיג זיין שאָטען אין דעם ים אריין — און וואָס אמאָל מעהר דער טאָג האָט זיך געבלייכט, איז דער ריעז־בארג בולט'ער געוואָרען און אויסגעשניטען זיך פון שטח ארויס מיט זיינע שארפע ברעגען — שוין בעלייכט דער טאָג גראָהע שניי־בערגער, וואָס הענגען אין דער לופטען... שוין באָדט זיך דער טאָג אין שניי און ווארפט א זונען־גלאַנץ איבער שניי־הויף. און איך וויים נישט פון ווענענס ברוסט עס האָט זיך פריהער ארויסגעכאפט: „ד ע ר ל ב נ ו ן."

און אלע, ווי גרוים, ווי קליין, ווי יוד, ווי גוי האָבען זיך געגעבען

א ווארף צו די ראנדען פון שיף — טהייל האבען די הענד אין דער הויך
געהויבען... טהייל די קעפ אין שטילקייט געבויגען — דארט שטעהען
די גוים און קרייציגען זיך — און אלע שווייגען: דער בארג לבנון.

די זון באדט זיך אין זיינע שנייען, איידער זי געהט ארויס אי־
בער דער וועלט צו שיינען.... באדט זיך און הייליגט זיך אין איהם,
און שניי פלאקערט אין דער זון. און שניי־ליכט און הימעל־ליכט קו־
שען זיך אין איין העלע פלאם צוזאמען, און זיי בעגיסען דעם גאנצען
שטח מיט ליכט ארום... ווי שטיקער געפאלענע וואלקענס זעהט דער
גאנצער בארג אויס, — זיין קאפ שטייגט אין הימעל אריין, און עס
יאגען די וואלקענס איינער נאכ'ן אנדערען איבער'ן הימעל ברייט
ארום און זיי קומען אן צום בארג־שפיץ און גליטשען זיך איבער איהם
אראב, און ליעגען אויף איהם ווי געבראכענע שטיקער הימעל, און די
זון צולאזט מיט איהרע שטראהלען וואלקען און שניי צונויף און זיי גי־
סען זיך אין איינעם ווי א פלאמענדיגער העלער שניי־טייך, שניי־וועל
אין זון־וועל און פאלען פון דערהויך און צוברעכען זיך אויף טויזענדער
שטראמען און מיט זון־לאכען און מיט שטראהלען־געשריי לאזט זיך דער
זון־טאנץ שטראמענדיג איבער'ן בארג אין ברייטען ליכטיגען ים אריין.

און פריי און ליכטיג ליעגט דער ים אויסגעצויגען צו דעם לויכ־
טענדיגען בארג'ס פיס. אוועק איז די שווארצע נאכט־חיה, וואס האט
געהארט איבער'ן ים די גאנצע נאכט, און בעפרייט איז געווארען ווע־
לען־גלאנץ פון איהר שווערער וואסערדיגער קאלטענעם־ברוסט און אי־
בער דער ברייט און לענג פון מיין היימאט'ס־ים לאכט פרייע זוי און
לופט....

און מיר שטעהען אויף דער אויבער־דעק פון שיף און קוקען צו
דיר, בארג לבנון....

זיי געגריסט, זון איבער מיין היימאט!
זיי געגריסט און זיי געבענשט היימאט;

ווי שטאלץ בין איך אויף דיר, איך דיין פערוואגעלט אונרוהיג
קינד, איבער דיר, בארג לבנון.... איך בין געקומען צו דיר מיין יחוס
זוכען... איך בין געקומען צו דיר מיין שטאם געפינען — פון וואנען
קום איך? ווער בין איך?

דו, ווינקעל פון מיין היימאט, אויף דיר האבען מיינע עלטערן
שפאצירט אין זייער חתן־כלה־צייט... דו ביזט דאס ווינקעל געוועז

פון מיינע עלטערן־פאר. דו האסט געהערט די ליעבעס־ליעדער פון מיין מאמע־כלה, געזונגען ווען גליקליך איבער די ברכה פון פרוכט־בארקייט, וואס אונטער איהר ברוסט, איז זי געוועז. קום, בארג, און זאג עדות איבער מיר. אין דיינע שפאלטען ליעגען דאך נאך די שבועות פון מיין עלטערן־פאר פון זייער חתונה־צייט. דו האסט דאך דאס פריידען־געשריי פון זייער שעפפונגס־גליק געהערט.

און פארוואס שווייגסטו?

פעראיינזאמט קום איך צו דיר, — פערוואגעלט פון א פרעמדען היימאטס־לאנד, וואס איז מיר צו מאמע געווארען און וואס איך האב מיין קאפ הינטער איהר ברוסט בעהאלטען און איהר אלעס פערטרויט... פון מיין פרעמדען היימאטס־לאנד קום איך צו דיר, נאך עדות צו דיר....

און וואס שווייגסט דו, בארג? ווען זוכט דיין שטאלצער בליק? דו דערקענסט מיך נישט, בארג? איך בין דאך אן אבשטאם פון דיין חתן־כלה־פאר, וואס האבען אונטער דיינע צעדערען גערוהט.... זייער עדות ביסט דו, זעה, איך בוק דעם קאפ פאר דיר, איך וואש מיין ליב, אז ער זאל מעגען דיין שטויב בעריהרען. פער־צעהל, בארג.... זאג עדות איבער מיר, בארג, עדות זאג.

הינטער מיר שטעהט אן אלטע יודענע, איינע פון די אלטיטשקע, וואס האט בייגאכט דעם שיף מיט תהלים־זאגען בעגלייט. לכבוד ארץ־ישראל האט זי זיך אנגעטהאן די נייע שבת'דיגע קאפטע, מיט די ווייסע שפיצען און קלאר־סאמעט־בענדער, שטעהט זי הינטער מיר, די ברילען אויף די אויערען מיט א גראבען קרבן־מנחה־סדור אין האנד.

— איהר זאלט מיר לעבען, דאס איז ער, דער בארג פון חומש?

— דאס איז ער, באבעשי, דער בארג פון חומש ארויס, לבנון....

— אוי, פון חומש ארויס, אוי, בארג לבנון, זאלסט דיך לויפען מיהען פאר'ן כסא־הכבוד פאר דיין דיענסט וועגען יענטע בת לאה, און פאר איהרע קינדערלעך, וואס זי האט איבערגעלאזט אין דער־היים, און פאר כל־ישראל, אמן סלה...

בארג לבנון, לויף דיך מיהען פאר'ן כסא־הכבוד. דו ביסט א גרויסער, גרויסער חשוב...

און די אלטע יודען, אויסגעפוצט אין די שבת'דיגע קאפאטעס לכבוד דעם בארג לבנון, האבען אנגעטהאן טלית און תפילין און אין

מאָרגען־ליכט און אין ארץ־ישראל־לופט האָבען זיי זיך אַנידערגע־שטעלט דאַוונען געגען־איבער דעם בארג לבנון.

— תחת ההר הטוב הזה... אונטער דעם דאָזיגען גוטען בארג.... קנייטשט א יוד און ווייזט מיט׳ן פינגער אויפ׳ן בארג לבנון, וואָס שטעהט געגענאיבער איהם...

דער יונגער דור, די בחורים פון פלאָנסק, אייניגע יונגע־לייט ציוניסטען, בעלי־מלאכות, די מאַכען זיך די פעקליך גרייט, לאַנדען אין ביירוט, די גרעסטע האַנדעלס־שטאָדט פון סיריען, פון דאָרט אריבערצופאָהרען אין די קאָלאָניעס וואָס זיינען אין גליל.

— און איהר וועט נישט פריהער ירושלים זעהן, די כותל־מערבי, די מאַמע רחל׳ס קבר? — וואונדערען זיך די אַלטע יודען...

— מיר וואַנדלען נישט נאָך ארץ־ישראל שטאַרבען, אז מיר זאָלען קיין ירושלים אויף קבר־אבות קריכען.... מיר קומען נאָך ארץ־ישראל לעבען, אין די קאָלאָניעס ארבייטען, — קלינגט די שטאָלצע אַנט־וואָרט.

— אָווא, — וואונדערען זיך די אַלטע. א נייע ארץ־ישראל.

עס קומען אָן די קליינע עמפּפּאַנג־שיפלעך צו אונזער שיף. דער פּאָרט איז געעפענט.

- און אז איהר וועט זיין אין ירושלים, גריסט מיר דאָרט דעם „בצלאל“, נישט די אַלטע מצבה די כותל מערבי, — וואַרפט נאָך א יונגער בחור צו א פּאָר ווערטער, האַלטענדיג זיין טשעמאָדאַן אויף די פּלייצעס.

— וועמען אַזעלכעס?

— דעם בצלאל... דער „בית עקר“ און די גני ילדים... זיי, זיי, — הערט זיך פון דער־ווייטענס.

— וועמען דאָס אַזעלכעס? וועמען דאָס אַזעלכעס? — פרעגט דער אַלטער.

— לאָז געמאַך, עס זיינען פון די ציוניסטען — זאָגט א צווייטער יוד.

אין א ווינקעל ביים קעסעל האָט דער פּאַפּ די גוים צוזאַמענגענו־מען, זיי האָבען אויך דעם בארג לבנון בענעגענט, זיי האָבען זיך אויך לכבוד דעם לבנון זונטאָג׳דיג אָנגעטהאָן. אויסגעשמירט די שטיוועל, רויטע רובאַשקעס איבערגעביטען און די צוקנייטשטע יום־

טוב׳דיגע מארנארקעס, וואס זיי האבען געהאט אין די פעקלעך, אנ־געטהאן. דער קירכען־פאטער ווייזט אויפ׳ן בארג... און די גוים אין אונטערטעניגקייט בויגען די קעפ פאר׳ן לבנון און קרייציגען זיך.

אזוי האט אונזער שיף בעגריסט דעם געבענקטען ברעג פון ארץ־ישראל.

---

3.

## אויפ׳ן וועג קיין ירושלים.

אן אראבער האט מיך אנגעכאפט ביים קאלנער און פון שיף אראבגעווארפען. איך האב מיך געפונען אין א קליין שיפעל, וואס האט זיך געהויבען און גענידערט אויף די רוישענדע געכמארעטע ווע־לען. דער ים פון ארץ־ישראל־ברעג איז דער רוישענדסטער, שטורמ־דיגסטער פארט פון גאנצען מיטעל־לענדישען ים. שוין ביי־נאכט, ווען אונזער שיף איז אריינגעפאהרען אין ארץ־ישראל־ים, פארביי דעם כרמל, וואס איז אין נאכט־וואלקען פערהילכט געווען — האט זיך דאס שיף געהויבען אויף די הויכע וועלען און גענידערט אין די טיפע גראבען, וואס אין ים. דער שטילער, אין זיין וועג זיך געהענדעה מיטעל־לענדישער ים, איז גאר־נישט געווען צו דערקענען. ברוינען דיג איז ער געווארען און שטורמדיג, די אינדען האבען זיך אין איהם צוקאכט אזוי, אז די יודענע, וואס איז דארט נעבען מיר אויף דעם אויבערדעק געזעסען, האט זיך אנגערופען: „עס איז נישט קיין וואונ־דער, מיין קינד, וואס דער ים שטורמט אזוי, דא רינען דאך אריין אלע טרעהרען און תפלות פון יודישע קינדער.“

און דאס שיפעל האט זיך געווארפען, דא איז עס אראב אין א טיעפען טהאל, נור בעגראבען צו ווערען הינטער א בארג וואסער, דא האט עס זיך געהויבען אויפ׳ן הויכען וואסער־בארג־שפיץ. נאר מיר האבען גארנישט געפיהלט, געזעהן, אונזערע אויגען זיינען געווען אנ־געשטעלט צום ברעג. פאר אונז האבען זיך די ווייסע לייםענע דע־כער פון יפו געבאדען אין דער זון, פאר אונז האט זיך דער ווייס־גע־קאלכטער וועג פון ארץ־ישראל אויסגעצויגען ווייט, ווייט אין דער טיעפער זון אריין....

און איין וואל ווארפט אונזער שיפעל צום צווייטען, און אונזער

שיפּעל פּאלט אריין צווישען די הויכע ריעזיגע שטיינער, וואָס שטייגען דאָרט ארויס פון ים, ביים פּאָרט פון יפו.

די יודענע, וואָס זיצט נעבען מיר אין שיפּעל, זאָגט: „זעהט, זעהט, דאָס זיינען נאָך די שטיינער, וואָס שלמה המלך האָט נאָך אריינגעשטעלט אין ים. ער האָט זיך דאָ", זאָגט זי, „אַ גלעזערנעם פּאַלאַץ געבויט פאַר פרעה'ס טאָכטער, זיין ווייב, וואָס ער האָט איהר אַלץ נאָכגעגעבען, וואָס זי האָט נור געוואָלט"... פון וואַנען זי ווייסט דאָס, די יודענע — ווייס איך נישט, זי איז דאָך נאָך קיינמאָל נישט געוועזען אין ארץ-ישראל, נור זי ווייסט שוין דאָס, זאָגט זי, פון גאַנץ, גאַנץ לאַנגע צייטען.

און איך גלויב איהר.

---

מיין פריינד האָט געוואָלט, אז איך זאָל איבער'ן טאָג אין יפו בלייבען. מיר האָט זיך שטאַרק געוואָלט נאָך דעמזעלבען טאָג זעהן ירושלים, און נישט קוקענדיג אויף מיין פריינד'ס איינריידען מיר, בין איך מיט'ן ערשטען „צוג", (ווי ווילד דאָס קלינגט!), וואָס געהט אָב פון יפו נאָך ירושלים, אויף יענער זייט יהודה-בערג אָבגערייזט.

ווייסט און לעער ציהען זיך די פעלדער פון אונזער היימאַטס-לאַנד. דו זעהסט נישט קיין הייזעל, קיין בוימעל, נור ווייס גע-קאַלכט, אזוי ווי גאָט האָט זיי בעשאַפען פון ששת ימי בראשית אָן, ווי קיין מענשענס האַנד וואָלט זיי נישט געוועזען אַנגעריהרט, וואַר-טענדיג נור אויף דעם, וואָס וועט קומען צו זיי פון ערגיץ-וואו גאַנץ ווייט, קומען צו זיי אַהיים. און טהיילמאָל דוכט זיך, אַז די פעלדער זיינען איינגעשלאָפען, פערוואַנדעלט געוואָרען דורך אַ געהיים גע-שפּרעך אין אַ האַרטען שטיין, און וואַרטען אויף אַ משיח, וואָס וועט קומען און זיי בעפרייען און וועקען פון דעם געהיימניספאָלען שלאָף... נר דאָ און דאָרט שטייגט ארויס אַן איינזאַמע פּאַלמע, איינזאַם און אַליין מיט איהרע טונקעלע צווייגען שטייגט זי אין הימעל אריין, אַ יורש פון אַ יחוס'דיגער פאַמיליע, אַ זכר פון אַמאָליגע צייטען, און זי דערצעהלט, די איינזאַמע און אריסטאָקראַטישע פּאַלמע, פון וואַנען זי קומט ארויס, אַז עס זיינען אַמאָל דאָ פעטע, געגרינטע פעלדער געוועזען, אַז עס זיינען דאָ אַמאָל טונקעלע, געהיימניספאָלע וועלדער געוועזען, און הינטער איהר שאָטען האָט דער וואַנדערער גערוהט, און פון דעם

קוואל וואסער, וואס נעבען איהר, געטרונקען, אונטער איהרע צווייגען איז דאס חתן־פאר געזעסען און ליעבע זיך געשוואָרען... און דאַ און דאָרט ווייזט זיך אַ בערגעל, געטאַקט אין זיין הויף, און שטעהט אליין. אפשר האָבען אויף זיין הויף פאקעלען געברענט, אין לבנה־נאכט, אָנגעזאָגט די ווייטע איינוואוינער, אז דער חודש איז אָנגע־קומען... אפשר האָבען זיך אויף זיין הויף מיינע אור־עלטערן, אז זיי זיינען קינדער געוועזן, געשפּיעלט.... און איצט שטעהט דאָס פערוויסט און פערלאָזט ארום.

— ווי דאָס וויינט, ווי וויסט דאָס איז נעביך, דער חורבן, דער חורבן — קרעכצט די יודענע.

— עס איז אמאָל פעט געווען, — זאָגט דער יוד, וואָס זיצט דאָרט, אזוי ווי פאר זיך, נישט קוקענדיג אויף דער יודענע, — עס איז אמאָל פעט געווען; ווען די קינדער פון ישראל האָבען דאָ געוואוינט, האָבען זיך טייכען פון מילך און האָניג געגאָסען מיילען ווייט, און ארץ־ישראל איז ברייט געווען פיער הונדערט מיילען אויף פיער הונדערט מיילען, נור אז מען האָט די קינדער פון ישראל פערטריבען, איז ארץ־ישראל איינגעשרומפּען געוואָרען.

— אזוי ווי אַ מאַמע נעביך, אז די קינדערלעך זיינען דאָ, איז אין אלע ווינקעלעך פרעהליך; אז די קינדערלעך זיינען ניטאָ, איז אין שטוב פוסט און וויסט, — גיט די יודענע צו פערשטעהן אויף איהר לשון.

נור באלד געהט דער קאָנדוקטאָר פארביי און מאכט אויפמערק־זאם ,אז דאָרט, גאנץ ווייט, וואו די בוימער ווייזען זיך, דאָרט איז די יודישע קאָלאָניע „ראשון־לציון", — דער ערשטער נאָמען, וואָס הא... מיין הארץ מיט שרעקען־פרייד ערציטערט. מיר האָבען געקוקט דורכ'ן פענסטער — — — — גאנץ ווייט, גאנץ ווייט, צווישען דער ברייטער ים־וויסטע, האָבען איינינע בוימער געשניטען אין הימעל.

און דו האָסט געהאַט דעם געפיהל, אז דאָס זיינען די איינציגע בוימער, די איינציגע ערשטע בוימער אין דער ים־וויסטע, און אָט די בוימער האָבען א ו נ ז ע ר ע איינגעפלאנצט; אונזערע זיינען געקומען פון דער ווייט, פון דער פרעמד, און האָבען אין זייער וויסטער היים די ערשטע בוימער געפלאנצט.

און עס האָט זיך געוואָלט געהן צום יודישען פאָלק, און יעדען

יודען, וואו ער איז דאָרט פערוואָרפען, אין אַלע עקען פון דער וועלט, אין גאַס איהם אָבשטעלען, פון האַנדעל־וואַנדעל, פון רעש און טומעל איהם אַ מינוט אָבשטעלען און זאָגען: דו, דיין היימאַט איז פערוויס־טעט געוואָרען, געה אַהיים, און ארבייט אין דיין היים, דייבע פּיעה אייַלען, און דערנאָך געה צוריק צו דיין ארבייט....

באַלד איז אונזער צוג שטעהן געבליבען אויף אַ סטאַנציע. עס איז געווען די ערשטע יודישע סטאַנציע „רמלה“.

אויף דער סטאַנציע האָט מען בעגעגענט די שול־קינדער, מיט זייערע לעהרערס פון דער אידישער קאָלאָניע „רחובות“.

דער ערשטער ארץ־ישראל־גרוס.

די קינדער זיינען געווען פרעהליך און האָבען פון דער סטאַנציע צוגערופען: „שלום“, „שלום!“ און איינער האָט צום צווייטען גע־זאָגט: קומה ונעלה עמהם ירושלימה....

מיין יודענע קוקט ארויס פון פענסטער, דערזעהט די קינדער, פרעגט זי:

— יודישע קינדער?

— יודישע קינדער פון די קאָלאָניעס.

— זיי רעדען דאָך עפּעס נישט קיין יודיש — וואונדערט זיך די יודענע.

— זיי רעדען לשון־קודש, — ענטפער איך דער יודענע.

לשון־קודש, אוי, אוי, לשון־קודש, קינדערלעך, קינדערלעך, געזונד און לעבען אויף אייך, זיי רעדען דאָך לשון־קודש. שמואל, שמואל, רופט זי צום מאַן, דו הערסט, זיי רעדען לשון־קודש, מיר זאָל זיין פאַר אייך, קינדערלעך, זאָגט זי פאַר זיך, ע, ע, יונגעל, קריך נישט אויפ׳ן ראָד, קריך נישט, רופט זי צו אַ יונגעל, וואָס האָט זיך ארויפגעכאַפּט אויף אַ וואַגען, אוועק, יונגעל, מען קאָן דיך נאָך, חלילה, איבערפאָהר־רען. אין דעם קומט אָן צולויפען אַ צווייטער יונגעל, מיט אָן אָבגע־ברענט פּנים׳ל, מיט לאַנגע שווארצע לאָקען, מיט שווארצע גלאַנצענ־דיגע אויגען, מיט דינע יונגע גליעדער, נור אויסצוקושען אַלע זיינע ביינדעלעך. פון דעם צווייטענס וועג־זאַק געכאַפּט אַ שטיק פּוטער־ברויט, מיט אַ פול אָנגעשטאָפּט מויל, רופט ער צו:

— למורה... למורה....

— וואָס, אויך אַ יודיש קינד? — פרעגט די יודענע.

— יא, אויך א יודיש קינד.

— ער געהט דאך אהן א הוט, ער עסט דאך אהן המוציא ? — וואונדערט זיך די יודענע.

— ער רעדט לשון־קודש.

— וואס טויג מיר זייער לשון־קודש, אז זיי זיינען קיין יודען נישט, — קרעכצט די יודענע. א יודיש אינגעל אהן א היטעל, אהן המוציא — און דא אויף דער הייליגער ערד, — קרעכצט די יודענע.

נור באלד ריהרט זיך אונזער צוג אין וועג אריין...

— שלום לירושלים, שלום לירושלים! — רופען אונז נאך די קינדער.

— שלום לרחוק ולקרוב! — זאגט דער יוד, וואס זיצט דארט, דעם פסוק ווייטער....

נור באלד פאהרט אונזער צוג אריין אין דעם שעהנסטען טהאל פון ארץ ישראל. טיעף, הינטער די הרי יהודה האט זיך אויסגעשפרייט דער טהאל און האט אויסגעבעט זיין גאנצע ברייט מיט די פיינסטע גרעזער, מיט די שעהנסטע אוילבירטען־בוימלעך. דא ווערט שוין דאס אויג דערקוויקט, זעהענדיג ווי א טייך זאנגען־פעלד שלענגעלט זיך אריין טיעף אין טהאל. דארט שטעהט א יונגער איילבירטען־וואלד, שטעהט אין מיטען פעלד און ס׳זעהט אויס, ווי א חברה יונגע בחורים מיט מיידלעך האבען זיך אין פעלד פערזאמעלט, האבען זיך ביי די הענד אנגענומען און טאנצען זייער בייגעל־טאנץ..

אן אראביש דארף שטעהט אליין אין פעלד. שטיל איז אין דעם אראבישען דארף. די ווייסע געקאלכטע דעכער גליהען אין דער זון, דער הויף איז אויסגעשטארבען פון מענשען, די קינדער זיינען געגאנגען די שעפסען פאשען אין פעלד. די ווייבער זיצען אין די געצעלטען און ווארטען אויף די מענער, און די זקנים אין די ווייסע העמדער, האבען זיך אין טויער פון דארף פערקליבען, אויסגעזעצט זיך אויפ׳ן פעלד, אין דעם שאטען פון אן איילבירטען־בוים, ביי א קליינעם טייך, וואס רינט דארט צווישען די שטיינער, זעהן, ווי די ווייבער דרעשען מיט די אקסען דעם קארן פאר זיי, און זיי רעדען גאנץ לאנגזאם מיט א שטילער ווירדע וועגן די ענינים פון דער עדה... אן אלטער לייענט פאר פסוקים פון קאראן, און די אלטע לייט זיצען שטיל און שאקלען מיט די קעפ... די קינדער פאשען די שעפסען אין פעלד. עס איז

געקומען די מיטאָג־שעה, און מען דאַרף די שעפּסען אָנטרינקען, האָבען זיך די פּאַסטוכער ארום דעם ברונעם פערקליבען, וואָס איז דאָרט אין מיטען פעלד, און ווארטען, ביז אַלע פּאַסטוכער וועלען זיך צונויפקומען און אראָבקייקלען דעם שטיין, וואָס איז איבער׳ן מויל פון ברונען, און די שעפּסען אָנטרינקען, און צוריק דעם שטיין ארויפקייקלען. קומט אָן יעקב פון באר־שבע צוגעהן נאָך חרן, צו לבן הארמי, און טרעפט די פּאַסטוכער ארום ברונעם. פרעגט ער זיי:

— ברידער, פון וואנען זייט איהר?

— פון חרן זיינען מיר.

— קענט איהר נישט דאָרט לבן, נחור׳ס זוהן?

— מיר קענען איהם.

— געהט עס איהם גוט?

— עס געהט איהם גוט; אָט קומט אָן רחל, זיין טאָכטער, מיט די שעפּסען...

—און זעה, דאָרט געהט רחל מיט׳ן קרוג, אויפ׳ן קאָפּ, פיהרט איהר סטאַדע צום ברונעם אנטרינקען, ווארום זי איז א שעפערין, און יעקב קייקעלט דעם שטיין פון ברונעם אראָב...

דער צוג פאָהרט ארויס פון דעם שעהנעם, פעלזענדיגען טהאָל און פאָהרט אריין צווישען די שטיינערדיגע טויערען פון די פעלזען־בערג, פון די שטאָלצע הריי־יהודה.

דער צוג האָט אויסגעבאהנט א וועג אין שמאָלען גראָבען, וועלכער ציהט זיך דורכ׳ן הארץ פון בארג. פון פענסטער זעהט מען גאָר נישט, נור ריעזיגע שטיינער, וואָס שטעהען, ווי אָן אונגעהויערע פעסטונג פאַר ירושלים. און עס דוכט זיך, אז דאָ איז אמאָל א ים געווען, און דער ים איז אין בארג פערשטיינערט געוואָרען. נור דאָ און דאָרט ברעכט זיך אויס א ברייטער גראָבען און מען זעהט, ווי עס הויבען זיך די בערג איינער איבער׳ן צווייטענ׳ס קאָפּ און שטייגען שטאָלץ אין הימעל אריין. טהיילמאָל ברעכט זיך אריין אין בארג א טיעפע פינסטערע לאָך, וואָס נאַכט און שרעק קוקט ארויס פון איהר. אין איינער פון די לעכער (דערצעהלט מען) זאָל שמשון געטראָפען האָבען דעם ליוב, ווען ער איז צו די פלשתים קיין תמנות געגאַנגען, און ער האָט איהם אין צווייען צוריסען. — דאָרט, אין די הרי יהודה, געפינט זיך אויך די שטאָדט „ביתר“, אין וועלכען בר־כוכבא האָט מלחמה געהאַל־

טען מיט די רוימער. איך ווייס נישט, אויב ווירקליך אין די הרי יהודה האָט שמשון דעם לייב בעגעגנט, נאָר ווער עס האָט געזעהן די הרי־יהודה מיט זייער גרויזאַמער שטילקייט, מיט זייערע שטיינערדיגע שפּיצען, מיט זייער טיעף־שרעקענדיגער קאַלטקייט, גלויבט, אז נאָר דאָס איז די היים, אין וועלכער עס האָבען זיך אויפגעהאַלטען אזעלכע גבורים ווי שמשון און בר־כוכבא. גבורה און לייבען־געברום רוהט אויף די שפּיצען פון די בערג...

אין ביתר איז אונזער וואגאָן בעלעבט געוואָרען. קריסטליכע שול־קינדער מיט זייערע לעהרער — פראַנצויזישע מיסיאָנערען פון א ירושלים'ער מיסיאָנערען־שול פאָהרען צוריק קיין ירושלים פון זייער אויספלוג. די קינדער זיינען זעהר פרעהליך געווען, אויפגערוימט און האָבען געשטיפט מיט זייערע לעהרער, וועלכע האָבען זיי פעטערליך איינגענומען, אַרומגעקליבען זיי אַרום זיך און זיי מעשיות דערצעהלט. מיר איז זעהר טרויעריג געוואָרען.

איך האָב געזעהען די ירושלים־פעלדער אַרום מיר, און פרעמדע קינדער שפּיעלען זיך אויף זיי; איך האָב נישט פיינט געקראַגען זיי־ערע, גוטע, שטילע לעהרער, נור איך האָב מיך דערמאָנט אָן אונזערע, אונזערע אָרימע יודישע קינדער, ווי זיי זיינען איצט ערגיץ־וואו פער־שפּרייט און צוזייהט איבער דער גאַנצער ערד, אין איינגע חדרים, אין געשטיקטער לופט, און דעם רבינ'ס קאַנטשיק פּאַכט פאַר זיי. — קינ־דער, — וואָס האָט מען צו זיי? — פאַרוואָס זיינען זיי פערטריבען פון די פעלדער, פון די גערטנער? די עלטערן האָבען געזינדיגט, ליידען די קינדער זייער זינד. גאָט'ס קללה ליעגט אויף זיי אויסגעגאָסען. אָבער די אָרימע יודישע קינדער, פאַרוואָס ליידען זיי? פאַרוואָס נעהמט איהר זיי נישט אהער און לאָזט זיי נישט זעהן די פּרעכטיגע נאַטור און די ירושלים־פעלדער, און די ירושלים־גערטנער...

מיט די בערג אין איינעם האָט די טונקעלהייט אָנגעהויבען אַריינצוקוקען אין אונזערע פענסטער אריין. עס איז געקומען די צייט פון מנחה דאַווענען. די יודען האָבען אָבער געוואָלט וואַרטען מיט מנחה אויף ירושלים, — אז מיט'ן ערשטען טריט אין ירושלים זאָלען זיי מנחה דאַווענען; נור זיי האָבען מורא געהאַט, אז זיי זאָלען נישט פערשפּעטיגען מיט מנחה, און האָבען מיט שרעק געקוקט אויפ'ן הי־מעל.... אָבער עס ווייזט זיך נישט, חלילה, נאָך קיין איין שטערן, דער

הימעל פון ירושלים לאָזט זיך נישט אזוי גיך מיט דעם נאַכט־מאַנטעל איינהילען.... דאָרט ווייט פּלאַקערט די זון אין מערב־זייט, און אפשר איז שוין דאָרט די גאַלגאָפע... מיין האַרץ האָט מיט שרעק און פרייד אָנגעהויבען צו קלאַפען. שטיל, שטיל איז געוואָרען צווישען עולם. אַלע האָבען געוואַרט אויף דער מינוט, וואָס זיי וועלען ירושלים דער־זעהן. די שול־קינדער האָבען זיך ווי די היהנער ארום זייער לעהרער ארומגעקליבען, די ווייבער האָבען זיך די הויבען אָנגעטהאָן, די יודען — די שבת׳דיגע קאַפּאָטעס. און אַלע האָט די דונקעלהייט ארומגע־נומען, און אַלע האָבען מיט שרעק און שטילקייט געוואַרט אויף עפּיס זעהר, זעהר הייליגעס און גרויסעס.

און דער צוג איז שטעהן געבליבען, און דער קאָנדוקטאָר האָט גאַנץ געוועהנליך אויסגערופען: „ירושלים!“

— יתגדל ויתקדש שמיה רבא! האָב איך הינטער מיר געהערט.

איך האָב אַ וואָגאָן געכאַפּט: „צו דער כותל מערבי.“

איך האָב נאָך געוואָלט טרעפען מעריב דאַווענען ביי דער כותל מערבי. איך האָב גאָרגישט געזעהן, מיין האַרץ האָט געקלאַפּט אין מיר, ירושלים האָט זיך געהילט אין אַ שוואַרצען, שוואַרצען וואָלקען, מיט איינמאָל איז די נאַכט אראָבגעפאַלען און געלעגען איבער ירושלים. ירושלים איז שרעקליך, שרעקליך שטיל געווען, די מענשען האָבען זיך אין די הייזער בעהאַלטען, פון די פענסטער האָבען דאָ און דאָרט אייל־ליכט ארויסגעשיינט, אָנגעזאָגט, אז דער פועל איז פון פעלד אהיים געקומען און זיצט ביי זיין מאָהלצייט.... עס איז שוין געווען מעריב־צייט. דער טונקעלער, טרויעריגער „והוא רחום יכפר עון“ פון אונזער בית־המדרש׳ל אין אַ טרויעריגער הערבסט־נאַכט איז געהאָנגען אי־בער גאַנץ ירושלים.

ביי דער כותל מערבי איז שוין געווען נאָך מעריב.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ הויכע וואַנד, וועלכע איז ווי אַ שוואַרצע זייל אויפגעגאַנגען אין הימעל אריין. קיינער איז שוין ניט געווען ביי איהר, נור דאָ און דאָרט האָבען נאָך אין די שפּאַלטען פון די שטיינער געצאַנקט חלב׳נע ליכטלעך, וואָס די יודען האָבען איבערגע־לאָזט פון מעריב דאַווענען, און די פלעמלעך האָבען זיך געריהרט, בעלויכטען די פעטע, אין אייל געטונקטע שטיינער, און האָבען אויס־געזעהן, ווי נישט־געענדיגטע תפלות, וואָס מען האָט זיי איבערגע־

לאָזט אין די שטיינער... אין א ווינקעל איינער אליין פאר זיך איז גע־שטאַנען אן איינזאמער, איינזאמער שווארצער שאָטען, פערוואָרפען מיט ביידע הענד איבער דער וואנד, זי צו זיין הארץ צודריקענדיג, זיין פנים האָט ער צווישען א שפּאלט פון צוויי שטיינער בעהאלטען און א שוואכע שטים האָט געברומט א שטיל געבעט:

— רבונו של עולם, פערהייליג דיין נאָמען איבער די גאנצע, גאַנצע וועלט...

און א משוגע'נע מאַמע איז דאָרט נעבען וואנד געזעסען, אין זוייסען געהילט, און האָט מיט איהרע אויגען ערגיץ־וואו ווייט, ווייט אין דער וועלט אריינגעקוקט...

איך בין צו דער ערד געפאַלען און די שטיינער געקושט...

---

4.

## ירושלים.

איך האָב מיך אויפגעכאפּט אין א שעהנעם ערב־שבועות־פריי־טאג, אין ירושלים. די זון האָט בעגאָסען מיין שטיבעל מיט ליכט און האָט נישט איבערגעלאָזט קיין איין ווינקעל שאָטען. איך האָב געוואַרט, ביז איך וועל הערען די שופרות בלאָזען, אָנזאָגענדיג, אז די עולי רגל מיט די בכורים קומען אָן פון בית־לחם (וואו עס איז געוועןן דער לעצטער „מעמד") קיין ירושלים. די לוים, די כהנים און די חשובי־ירושלים זיינען דאָך שוין דעם צוג אנטקעגען געגאַנגען, אין שטאָדט אריין זיי צו ברענגען, און די בעלי־מלאכות פון ירושלים שטעהען דאָך שוין גרייט פאר זייערע הייזלעך, אריינצובעטען די אָנ־געקומענע: „ברידער פון דעם און דעם אָרט, שלום עליכם". און אָט פינקלען זיך דאָך שוין אין דער זון די בעגאָלדעטע הערנער פון דעם אָקס וואָס געהט פאַראויס פאר דעם צוג, און נאָך איהם גילדען זיך אין דער זון די גאָלדענע און זילבערנע קערב אויף די קעפּ פון די חשובי־ירושלים, אין וועלכע זיי ברענגען זייערע בכורים, און נאָך זיי אזא עולם פערטונקען אין דעם וואָלקען־שטויב, וואָס געהט דאָרט אויף דעם וועג קיין בית־לחם, — מוז איך מיך דאָך אויפכאפּען, אויך ארויסגעהן, — ערשט איך דערהער דורך די צווייטע טהיר א גערודער, — איך הער מיך איין. עפּיס דערין א מעשה מיט וואסער: „די „בארות" זיינען

פערשלאָסען", "די „בארות" זיינען לעדיג", „עס איז נישטאָ קיין וואסער". מיין איך ווייטער, אז „ירושלים במצור" — ירושלים איז בעלאַגערט, דער שונא לאַגערט ארום די מויער, טיטוס הרשע מיט די רוימער שטעלען הינטער די מויער ארונטער די „אייזערנע הערנער". אויף די מויער שטעהען די גבורי־יהודה און האַלטען מלחמה, ווי די לייבען, ווי די לעמפּערטען. און גרויסע פלאַמען פייער זעהען זיך דורכ'ן פענסטער — די שטאָדט ברענט. דאָס האָבען די „ראשי־בריוני" אונטערגעצונדען די שפּייכלערס מיט האָלץ און עסענוואַרג פון כלבי־שבוע'ס שפּייכלער, וואָס האָבען געקאָנט געניגען אויף איין און צוואַנציג יאָהר. די שטאָדט איז אין א גרויסען הונגער. מאַמעס עסען די אָרעמס פון זייערע קליינע, איידעלע קינדער. און די בנות־נדיבים, די געאיידעלטע ירושלים'ס טעכטער, וואַרפען זייער גאָלד און זילבער אין די גאַסען, און קלייבען אונטער דעם קויט פון די פערד. און אזוי איידעל זיינען זייערע פיסלעך, אז קוים ריהרען זיי זיך אָן אין „אָן אויסגעזווינגענע פּייג" — מוזען זיי פאַר איידעלקייט שטאַרבען. און דאָרט פיהרט מען די לויה פון א גרויסען תנא ארויס אויסער די מויער, און איך וויים, אז ער איז ניט געשטאָרבען, נור ער וויל זיך ארויסכאַפּען פון דעם מויער, מיט'ן שונא שלום מאַכען, און מחילה בעטען, מן הסתם וועל איך זיך דאָך אויפכאַפּען, צולויפען צום טויער און דעם תנא נישט ארויסלאָזען (וואָרום איך געהער דאָך אויך עפּיס צו די „ראשי־בריוני"), — ערשט עס קומט אריין מיין פריינד, ביי וועלכען איך האַלט זיך אויף, און דערצעהלט מיר, אז דער רייכער בורכאַרער, ביי וועלכען מיר וואָוינען, האָט מורא, אז דאָס וואסער זאָל זיך נישט אויסלאָזען אין דער „בארה", איידער עס וועלען קומען די „ימי־הגשם" — האָט ער די „בארה" פערשלאָסען און לאָזט קיין וואסער נישט נעהמען, נור איין קווערטעל אויף יעדען נפש, — מיר זיינען דאָך אין ירושלים, — ירושלים האָט שטענדיג געהאַט צו טהאָן מיט וואסער, — אפשר וועט זיך געפינען א שר, וואָס האָט „בארות" מיט וואסער, לאָז ער זיי עפענען, לאָז מען זיך וועטען מיט איהם: אז איידער די זון נעהט אונטער, ווערען איהם די „בארות" וויעדער פול (א תנא וועט צו גאָט בעטען — וועלען זיך באַלד וואָלקענס בעווייזען).

נור דערוווייל קוק איך דורכ'ן פענסטער — בוכאַרער יודען אין זייערע זיידענע הויזען, מיט ווייסע פוטערנע היטלען אויף די קעפּ.

אין זייערע זיידענע פערשיעדען־קאָלירטע מאַנטלען טראָגען פון „שר־הכבשים“ שעפּסען־פלייש און רינד־פלייש, אויף שבת אהיים.

מיין פריינד דערצעהלט מיר, וועגען דער בוכאַרער גאַס, אין וועלכער מיר וואָוינען. אַ בוכאַרער יוד איז אַראָבגעקומען קיין ירושלים פאַר פינף און צוואַנציג יאָהר צוריק און האָט אָבגעקויפט דעם בעסטען פּלאַץ ארום דעם מויער און האָט אויסגעבויט אַ „בוכאַ־רער גאַס“ — דאָס איז איצט דער געזינדסטער טהייל שטאָדט אין ירושלים. ער פערדינגט די הייזער נור יודען, קיין גוים לאָזט ער נישט אריין.

דאָס ערשטע מאָל „קראָמע חריסטיאַן“.

— געלויבט דיר גאָט, וואָס איך האָב כאָטש דערלעבט צו אַ שטיקעלע, אַ שטיקעלע נקמה, פאַר די געלע פלעקען אין פערשיעדענע „תחומים“, אין וועלכע זיי האָבען אונז אריינגעלאָזט.

און געטריי האַלט ער זיין וואָרט — פאַר קיין טויזענד פראַנק וועט ער קיין גוי קיין וואָוינונג נישט פערדינגען, זיי מוזען וואָוינען אין דעם טהייל שטאָדט וואָס איז אין דער מויער, אין שמוץ און איינגע־שאַפּט — אַ גוי׳איש גהעטאָ.

געקומען אין די גאַס אריין — האָבען מיר געפונען אַ פרעהליכען יודישען ערב־שבת, ווען דער גראָשען איז בנמצא און „ברוך המקום בזול“. ערשט נעכטען געקראָגען אויסגעצאָהלט דעם חלוקה־גראָשען, — איז דאָס ווייב צום „שוק“ געגאַנגען, וואָס איז דאָרט נעבען דער בוכאַרער גאַס, אין חלוקה־טהייל־שטאָדט, און איינגעקויפט דאָס, וואָס דאָס הארץ האָט געגלוסט.

קאַטשקעס האָבען געשריען, פעדערען זיינען געפלויגען, און יונג־לעך מיט געגרייזעלטע פּאות׳לעך האָבען אויף אייזלעך ארומגעריטען, פון די פענסטער הערט מען דעם „קול התורה“ אויסגעהן — וואָרום שותפות האָבען געמאַכט יששכר און זבולן, — זבולן וואַרט ביי די ברע־גען פון די ימים — און יששכר זיצט אַ גאַנצען טאָג און לערנט. — —

דורכגעקומען דעם „שוק“ זיינען מיר אָנגעקומען צום שער „ציון“ — פון איין זייט געהט אָב דער וועג נאָך „בית לחם“, און דאָ איז ארום די מויער פון ירושלים. מיר זיינען דורך דעם טויער און געקו־מען אין די ברייטע גאַס. ביי דוד׳ס טורם האָט אונז אַן אַראַבער גע־

טראַפּען און געבעטען, אז מיר זאָלען זיך ביי איהם די שיך לאָזען פּוצען.

די חלפנים ביי זייערע טישלעך זיינען אין דער גאַס געזעסען און די מוכרים זיינען פאַר זייערע קליינע חניות געזעסען און האָבען אויסגערופען זייערע סחורות:

„ווער וויל אַ זילבערנעם פּאַסעק זיין יונג ווייבעל אַ מתנה קויפען" — רופט אַן אַראַבער אויס. און שמאָל זיינען די געסלעך פון ירושלים, און מיט פלאַכטעס בעשאָטענט פאַר דער זון — אין דער מויער זיצען די טרויער־ווייבער און בעטען נדבות.

און אין ירושלים זיינען אַלע ווייבלעך מיט אָבגעגאָלטע קעפּ האָר, אין סאַמע בענדער (קיין שייטעל ועסטו דאָ אין אויג נישט זעהן), אַלע יודען אין אַטלעסענע קאַפּאָטעס, אין שיך און זאָקען, מיט פּאות, אין אַ שטריימעל, יעדער יוד — אַ רב, יעדע יודענע — אַ רבי'ציןָ.

און דער גוי שטערט ניט, מיר זיינען דאָך אין ארץ־ישראל, אַ תחום־שבת — די מאַמע רחל'ס קבר, אַ ביסעל ווייטער — ליגען די אבות, אברהם, יצחק, יעקב, קריכסט אַרויף אויף די מויער — זעהסט דו דעם ירדן. — אַ שאָד נור וואָס דער בית־המקדש איז צושטערט.

קריך איך איבער דער מויער און רינגעל אַרום ירושלים. צו אונזערע פיס, הינטער דער מויער, ליעגט דער טהאָל גי־הנום, וואו די קרעציגע האָבען זיך אויפגעהאַלטען — אויסער דער מחנה — פאַר אונז, — דער באַרג ציון, וואָס דוד האָט אָוועקגענומען פון מלך שלם, ציון — וואָס שטעהט אין סדור און מען זאָגט אין שמונה־עשרה; דו זעהסט איהם מיט דיינע אויגען, און טאַפּסט איהם מיט דיינע הענד. זעה, אויף דעם סאַמע שפּיץ מויערט מען אויף אַ הויכע דייטשע קירך. זעה, ווי דער דייטשער, בירגערליכער „קרייץ" שטעכט די לופט פון ירושלים אַזוי דייטשעריש און אַזוי קירכיש, — ווי אַ בערלינער דייטשע קירך.

פאַר אונז — דער באַרג הזתים, — אודאי געוועזען דאָ אויבען דעה שעהנסטער שפּאַציער פון ירושלים, די פּעטסטע גערטנער האָבען געמוזט אויף דעם באַרג זיך בעהאַלטען און די בנות־ציון (זייערע לייבען אין טהייערען אייל בעשמירט), און די בני־ציון, אין טהייערע זיידענע קליידער — האָבען זיך דאָ אויבען געמוזט צווישען די בוימער בעהאַלטען, אראָבגעקוקט אויף די נאַכט, אויף די שטאָדט ירושלים, ווי זי־

ליכט זיך אין איהרע אייל־לאמפען און בעהאלט זיך אין איהרע סע־דער און איהרע פעלדער, און זייערע ליעדער האבען געקלונגען צווישען גרינס און אייל־ליכט. זעה, היינט זיינען נאך איבערגעבליבען אייניגע פון די דעמאלדיגע בוימעלעך, פון דעמאלדיגע צייטען — שטעהען זיי, האלב פערברענט אין דער זון. עס ווייזט זיך דער בארג אין זונען־שטויב, און די בלעטלעך פון די צווייגעלעך שמאכטען אין דער היץ. דער גאנצער מזרח פון דעם בארג — געגען־איבער דעם הר־הבית — איז בעלעגט מיט ווייסע, ווייסע שטיינער, אין יעדען שטיקעל ערד דארט איז א רב בעגראבען, א טהייערער יוד, אן אלטער יודישער סוחר, אדער א בעהאלטענער רבי, א ל"ו'ניק — זיי האבען זיך, די אויסגעדארטע, שטארבענדע קערפערס מיט די גרויסע יודישע נשמות געשלעפט פון אלע עקען וועלט איבער די ימים, איבער די יבשות, אום צו ליעגען דא אויף דעם הר־הזתים, מיט זייערע פנים'ער צום הר־הבית, צום בית־המקדש צוגענויגט, אז משיח וועט קומען זאלען זיי זיך נישט דארפען קייקלען אונטער דער ערד פון חוץ־לארץ נאך ארץ־ישראל, נור גלייך געגען־איבער דעם בית־המקדש תחית־המתים אויפשטעהן.

הינטען צו די פיס פון בארג אין די „מערות" פון די נביאים, אויסגעהאקטע אין דער וואנד פון בארג, ליעגען די נביאים „עזרא" און „נחמיה" — און דער „יד־אבישלום" שטעהט דארט — און אלע ווארטען זיי, גרייט אויפצושטעהן צו תחית־המתים, אז ס'זאל זיך נור דער שופר של משיח דערהערען. און איבער זיי, אויף דעם סאמע שפיץ בארג הזתים, פון וואנען מען זעהט די גאנצע ארץ־ישראל־ערד, ווי זי שפרייט זיך אויס מיט איהרע בערג און טהאלען ביז צום ברעג פון ירדן און ווי צום שיין פון דער זון פינקלען די וועלען פון ירדן — איז דער העכסטער שפיץ פון ירושלים, און אויבען, על הר ירושלים —

א רוסישער פראוואסלאוונער צלם! א סאמע עכטער רוסישער, פראוואסלאוונער, א מאסקוויטישער!

פון די פ ע ר צ י ג מאל פערציג!

און מיר קומען איבער די מויער און רינגלען ארום ירושלים.

מיין פריינד איז א סקולפטאר, א יונגער יודישער גייסט, א קאפ פול מיט חלומות, — דרעהט ער זיך ארום איבער די חורבות פון ירושלים און חלומ'ט ירושלים צו פערוואנדלען אין — — „א זיעגעס־אלעע".

אבער ניט ווי די, וואָס איז אין בערלין, וואו דער דייטשער סטראַזשניק וואַשט די העלדען אָב צו יערען פּאַראַד. ניין. קודם כל וויל ער משה'ן אוועקשטעלען אַ מאַזאָלעאום אויף הור־ההר, וואוהין גאָט האָט ארויפגעפיהרט משה'ן צו ווייזען דאָס לאַנד אין וועלכען ער ברענגט זיין פאָלק אריין. אליין קומט משה אהין ניט אריין... וויל ער איהם דאָרט אוועקשטעלען מיט'ן פנים צו ירושלים, און ביינאַכט זאָל דאָרטען אַ גרויס ליכט לייכטען און פון ירושלים זאָל מען עס זעהן. אויף ציון'ס בארג בעגניגענט ער זיך מיט דעם סטאַטוע פון דוד'ס פלאַרענטי־נער מיקעל אנזשעלאָ. פאַר דעם וויל ער ישעיה'ן אויפ'ן בית־המקדש־הויף אַ סטאַטוע אוועקשטעלען ווי ער טרייבט די קרבנות מיט די פאַלשע כהנים פון גאָט'ס הויז ארויס, און נאָך אַ סך, און נאָך אַ סך האָט ער דאָרט אוועקצושטעלען: די מכבים, די גבורי ישראל, און הייגט די אבות, און די נביאים, און די תנאים, און די ראשונים און די אחרונים — און וואו איז הלל, בר־כוכבא, די נשיאי בבל, און דער רמב"ם, און בעל שום טוב, און נאָך, און נאָך.

אידען וואָלטען דאָס געהאַט דענקמעלער צו שטעלען

ער ווייסט נור ניט אויב אידען וואָלטען בעשטאַנען. וואָס וואָלטען זיי מאַכען מיט דעם „לא תעשה לך פסל". מילא ביי קאַליגו־לאַס בילד — אז מען האָט עס געוואָלט אין בית המקדש אריינשטעלען — איז ניט געווען קיין אנדער עצה, האָט גאָט געמוזט אַ נס מאַכען — איז קאַליגולע געשטאָרבען. דאַכט זיך דאָ — וואָלט מען גאָר ניט בעדאַרפט צו קיין נס צוצוקומען...

נור דערווייל שטעלט מען אין ירושלים דענקמעלער — איין קירך נאָך די צווייטע, איין צלם נאָכ'ן צווייטען, און איין פאָלק וויל איבער־יאָגען דאָס צווייטע, און איין קירך וויל איבעריאָגען די צווייטע מיט דער הויך פון איהר צלם. ווענעמס צלם עס איז העבער — דער רעגיערט איבער ירושלים.

פאַרצייטענס, דאָס הייסט פאַר אַ יאָהר דרייסיג צוריק — האָט מען די אַלע אידישע היסטאָרישע ערטער, ווי דעם הר ציון, הר הזתים, קברי מלכים און פיעל, פיעל אנדערע געקענט אבקויפען פאַר בחצי חנם, — נור דער ערשטער חובב ציון, וואָס איז געפאָהרען קיין ארץ ישראל לאַנד קויפען — האָט ניט געוואָלט קוקען אויף די אַלטע „מצבות" — ער איז אראָבגעקומען לעבען, ניט שטאַרבען" — איז געווען זיין

דעוויז, און איז געגאַנגען אין פּלשתים-לאַנד און האָט אָבגעקויפט אַ שטיק פּלשתים-ערד און אַ אידישע קאָלאָניע געגרינדעט. פּאָבעדאָנאָס-צעוו און ווילהעלם דער צווייטער זיינען גרעסערע „ציוניסטען" געווען פאַר דעם חובב ציון: איינער האָט געקויפט דעם הר הזתים, דער צווייטער — דעם הר ציון.

נאָך גוט, וואָס מאָנטעפיאָרע האָט מיט פיעל יאָהרען צוריק די כותל מערבי און די מאַמע רחל'ס קבר אָבגעקויפט און די אידען געשענקט. אז ניט ווער ווייסט צי וואָלט מען היינט צו דער מאַמע רחל'ס קבר געקענט צוקומען. צי וואָלט ניט אויף איהר קבר, וואו עס שטעהט היינט דאָס קליינע, צנועה'דיגע אידישע שולכעל מיט די לעמפּעלעך — צי וואָלט נים היינט אַ קירך געשטאַנען, און אַ צלם די לופט געשטאָכען, צי וואָלטען ניט היינט אויף דעם אָרט פון דעם כותל מערבי, וועלכער זאַפּט אין זיך אזוי פיעל אידישע טרערען איין, און איז דאָס צוזאַמענקונפט פון אידען פון דער גאַנצער וועלט, — צי וואָלטען ניט היינט טערקישע סאָלדאַטען געשטאַנען און קיין אידען ניט אריינגעלאָזט, אזוי ווי זיי שטעהען ביי דער טהיר פון דער הייל פון אונזער געעהרטען מיטבירגער און ברודער יוסף פון דער שטאָדט עזימתא, וואָס ער האָט אוועקגעשאָנקען אין איהר צו בעגראָבען דעם געקרייציגטען ישו, וואו מען האָט איהם אריינגעלעגט אין אַ נייעם ליילעך, פרייטאג פאַרנאַכט, וואָרום עס איז קיין צייט ניט געווען, מען האָט מורא געהאַט, מען זאָל ניט מחלל שבת זיין.

איך האָב מיך דערמאָהנט, אז איך האָב אַ בעזוך אָבצושטאַטען — דעם קבר פון ישו הנוצרי, וועגען וועלכען מען רעדט אזוי פיעל אין אונזערע מקומות. איך בין צום קבר צוגעגאַנגען. אַן אַלטער אייזער-נער טויער פערשליסט די הייל, וואָס הייסט איצט „די בעגרעבונגס-קירך", און דעם אריינגאַנג היטען טערקישע זעלנער, וואָרום הייליג און טייער איז דאָס אָרט פאַר אַלע קריסטען — קיין חילוק ניט צו וועלכער קירך ער געהערט אָן, און כדי עס זאָל צווישען זיי קיין מחלוקת ניט ארויסקומען, — ווי עס איז שוין אָפטמאָל דער פאַל געווען — האָט מען דעם פלאַץ איבערגעגעבען צו היטען אַבדול-האַמיד'ס זעלנער, אז זיי זאָלען צווישען זיי שלום מאַכען.

מיר שטעהען אויפ'ן הויף און בעטראַכטען דעם אייזערנעם טויער; צו אונז קומט אָן אַ רוסישע רחמנות-שוועסטער, דערקענט אין אונז

איהרע לאנדסלייט, און פרעגט אונז פאַרזיכטיג, צי מיר זיינען אידען.

אויף אונזער תשובה: יא! האט זיך די שוועסטער אביסעל געוואונדערט; זאגט זי צו אונז מיט גרויס ליעבשאפט, קריסטליך־ערבארמענדיג זיך אויף אונז:

— וואלט איך אייך געראטהען, אז איהר זאלט נים ארייגגעהן.

— פארוואס?

— ניט קיין קריסטען שלאגען די זעלנער.

מיין פריינד רופט זיך אן:

— מיר האבען שוין אזוי פיעל קלעפ בעקומען צוליעב אונזער געעהרטען מיטבירגער ישו, וועלען מיר נאך א פאר בעקומען — כדי קריסטוס'ער גרוב צו זעהן, איז כדאי א פאר קלעפ צו קריגען. — לעג איך צו.

די שוועסטער האט זיך פערשעמט און איז ווייטער געגאנגען.

מיינע ליעבע, זאגט אייך וואס איהר ווילט, נור ווי אזוי געטער צו דיענען בעדארפט איהר זיך ביי אונז לערנען.

און מיר קענען זיך דאך מיט איהם שוין א ביסעל לענגער ווי איהר, אויב ניט מעהר, על כל פנים, מיט 12 הונדערט יאהר פריהער פאר אייך!

און ווייל אונזער געעהרטער מיטבירגער האט אזא פאַרזיכטיגע שמירה פאר זיין טהיר, האבען מיר דאס מאל דעם וויזיט אבגעלעגט, און מיר זיינען ווייטער געגאנגען...

— מיין פריינד, איך וויל מיין לייב אין בוימאייל וואשען, מיין יום טוב קלייד אנטהאן און צום בית המקדש ארויפגעהן, מיין קרבן צו ברענגען.

דורך שמאלע, שמאלע, וויסטע, פערלאזטע געסלעך, מיט האלב־איינגעפאלענע און מיט מיסט פערשטויבטע הייזער (מיין פריינד זאגט, אז דא זיינען אמאל די חנויות געווען — נאך אין בית המקדש'ס צייטען, וואו מען האט פערקויפט טויבען און אייל, און ווייסע זעמעל־מעהל — צו די קרבנות), פיהרט דער וועג צום הר הבית ארויף. און ברייט און גרויס איז דער פלאץ, וואס רינגעלט ארום דעם הר הבית. ניט הויך איז דער בארג פונ'ם בית המקדש ארט, נור ברייט און קעניג־ליך, מען דערקענט עס באלד — דאס איז דער פלאץ פון הערשאפט, ווער עס שטעהט דא, דער נ'עגיערט... און מיט ווייסען מארמאר איז

בערעקט דער פלאץ, וואס איז אמאל געוועזן דער בית המקדש הויף, און ווייסע מארמארנע טרעפלעך, וועלכע לייכטען אויף דער זון, פיהרען צום מאשיי ארויף. און אויף דעם ארט, וואו ישעיה הנביא האט אמאל נביאות געזאגט; וואו אידען פון גליל און יהודה זיינען אין אן ערב יום טוב ווי עולי רגל פערזאמעלט געווען; אויף דעם ארט, וואו די אידישע מחנות האבען געברומט, ווי די וועלען פון ים; וואו די אידישע גבורים האבען זייער בלוט פערגאסען, כהנים זיינען אין פייער גע־שפרונגען, און מוטהיג און שטאלץ און גרויס און העלדיש האט געקעמפפט דער אידישער גבור פאר זיין פרייהייט־פאטערלאנד און בית המקדש, — אויף דעם פלאץ, אויף די ווייסע אין זון זיך באדענדיגע טרעפלעך, ליעגען אויסגעצויגען די מוסולמאנישע נזירים אין זייערע ווייסע כאלאטען און פוילען זיך, און ווארימען זיך אין דער זון. דא און דארט שאקלען זיך איינינע איבער'ן קאראן, שטעקען אבער אוים די האנד נאך א באקשיש, בעטלען פון א פארבייגעהענדיגען אייראפעער און זיינען גרייט איהם ארומצופיהרען און צו ווייזען זייער טעמפעל.

און דאס ארט איז דאך דער בית המקדש הויף, וואו יעדער מאמענט לעבען אין דעם הויף האט בעשטימט דעם גורל פון אייראפא אויף טויזענדער יאהרען. ד א ס ווינקעל, פון וועלכען עס איז ארויס־געגאנגען די קולטור, וועלכע האט מנצח געווען אטהען און רוים, — דאס ווינקעל איז אוועקגעגעבען געווארען ווילדע נזירים, אז זיי זאלען זיך אין דער זון ווארימען...

און זעה, זיי זיינען דאך פריינדליכער פאר יענע; זיי פיהרען מיך אריין אין זייער מאשיי אריין, וועלכער שטעהט אויף דעם ארט פון אונזער בית המקדש, און ווייזען מיר אלע הייליגקייטען (טאקע פאר א באקשיש און אין דער בעגלייטונג פון א טערקישען אפיציער). און וואס האב איך דארט ניט געזעהן! דעם שטיין, אויף וועלכען דער בית המקדש איז געווען געבויט (אפשר איז עס פון די שטיינער, וואס יעקב אבינו האט זיך צו־קאפּענס אונטערגעלעגט אין בית־אל); דעם סכך, אין וועלכען דער באראן האט זיך פערדרעהט, בעת אברהם אבינו האט יצחק'ן געבראכט פאר א קרבן, און א זייל פון בית המקדש (אן עהנליכען זייל האב איך געזעהן אין דער פעטרוס־קירך אין רוים). און דערנאך האט מען אונז אראבגעפיהרט אין די קעלערס אריין, וואו עס

געפינען זיך די דריי־טויזענד זיילען, אויף וועלכע דער גאנצער בית־המקדש־פלאץ איז געשטיצט.

עס איז שוין שפעט געווארען, הונגעריג זיינען מיר אויך געווען — האבען מיר זיך אהיים געאיילט. צוריקוועגס האבען מיר אויף אונזער וועג בעגעגענט א אידישע חתונה פון פוילישע אידען, בעגלייט מיט פויקען און מענער־געזאנג (קיין אנדערע כלי־זמר ווערען ניט בענוצט, זכר לחורבן). צוויי קינדערלעך, יונגע קינדערלעך, זיינען געווען חתן־כלה, האט מען זיי איבער די ירושלים'ער גאסען געפיהרט צו דער חופה, וואס האט געזאלט זיין אויף דעם דאך פונ'ם חסידים־שטיבעל, וואו די מחותנים דאוונען.

דער עולם איז געווען רייכליך, און ברייטליך, גארניט גלות'ארטיג. די מאנספערשוינען, וואס זיינען ס'רוב געווען פוילישע, רייכע חסידים, האבען געטראגען אויף זייערע אטלעסענע קאפאטעס מיט פוטער־בענעהטע פוילישע קאנטאשען ביז צו די פיס אראב, די ארבעל איבער די הענד אריבערגעווארפען, און די סויבעלנע שטריימלעך אויף די קעפ, — אזוי זיינען זיי געגאנגען ווי די פוילישע „וואיעוואדצעס" אין די גוטע צייטען. ווארום הויך און שטרענג זיינען זיי געווען, פון גוטען יחוס זעהט זיך אוים. די ווייבער האבען געטראגען זיידענע ווייסע קליידער און זיידענע געהעפטע שפיצענטיכער; זיי זיינען נאך זייערע מענער נאכגעגאנגען, מיט פרייד און צניעות האבען זיך זייערע אידישע גע'יחוס'טע פנימ'לעך געוויזען פון זייערע ווייסע שבת־הויבען. געציערט איז די אידישע טאכטער, אזוי ווי עס פאסט איהר לויט איהר שטאם און געבורט. מיט שנירלעך פעריל אויפ'ן האלז, אין גרויסע בריליאנטענע אויערינגלעך אין די אויערן — געהען זיי נאך, די טעכטער פון שבת, הויך און קעניגליך ווי זייערע מענשער, און בעגלייטען די אידישע טאכטער, זייער שוועסטער, די כלה — צו דער חופה. ניט מיט געשרייען און אויפגעריסענהייט, ניט מיט הויכער פרייד און טענץ ווערט זי געפיהרט צו דער חופה אין ירושלים. אין שטילען, בעהאל־טענעם, ליעבען טרויער, אין דעם שטילען טרויער פון שבת צו שלוש סעודות, אין ליעבען טרויער, ווי עס ווערט געזונגען דער „לכה דודי" פון שבת, הויך און קעניגליך ווי זייערע מענער, און בעגלייטען די צו דער חופה אין ירושלים — אין יענעם טרויער, וואס דערמאהנט דער פרינצעסין, אז איהר פרינץ איז אין געפאנגענשאפט...

אהיים קומענדיג האָבען מיר שוין געפונען אַן איינלאַדונג פון אונזער בוכאַרער בעל הבית אויף שבת צו זיך — דערוויסענדיג, אַז מיין פריינד האָט אַן אורח, ווייל ער ניט דורכלאָזען די געלעגענהייט פון אברהם אבינו'ס מצוה הכנסת אורחים און בעט אונז (לכבוד מיר מיין פריינד אויך) צו זיך אויף שבת. און לכבוד דעם אורח האָט ער אויפגעעפענט די בארה און איז געוואָרען א ותרן אין וואסער: נעהם וואסער, וויפיעל דו ווילסט!

— שבת — הייסט צו שיר־השירים, וואָרום פון פרייטאג נאָכמיטאג, צו שיר־השירים, הויבט זיך אָן ביי זיי דער שבת — זאָגט צו מיר מיין פריינד, — אלזא:

— שמיר דיין לייב אין בוימאייל אויס, טהו דיין יום טוב קלייד אָן און קום צו שיר־השירים.

איך האָב מיין לייב אין בוימאייל ניט געשמירט, נור מיינע קליידער געביטען — וואָרום גרויס איז די היץ געווען — און בין מיט מיין פריינד צום בוכארער בעל הבית אויף „שיר־השירים" געגאַנגען.

---

.5

## שבת אין ירושלים.
### (די כותל מערבי).

אין דער טהיר האָט אונז שוין געהאַט אָבגעוואַרט דער בעל־הבית. דער בוכאַרער האָט אונז אין שטוב אריינגעבראַכט, פאָרגעשטעלט אונז פאַר זיינע בני־בית, וועלכע זיינען בעשטאַנען פון צוויי ווייבער, איינע אַן עלטערע און א מיאוסע און איינע א אינגערע און א שעהנע, מיט זייערע קינדער. די ווייבער ווי די קינדער האָבען איהם די האַנד געקושט און געווענדעט זיך צו איהם: „מרא אבי", „מרא בעלי". אונז מיט אראָבגעבויגטע קעפּ בעגריסט.

דער בעל־הבית האָט אונז צוערשט אין זיין הויז־מוזעאום אריינגעפיהרט, דאָס איז געווען א בעזונדער חדר אין שטוב, אין וועלכען עס האָבען זיך געפונען פיעל אַלטע חפצים, זילבער־צייג און קופּער־צייג, פערשיעדענע הענגלייכטער, מנורות, בשמים־ביקסען, אתרוגים־טעלער, אויך דארונטער איינינע כתבי־יד, איבערהויפּט מגלות און זעהר פיעל בוכארישע קליידער, טיכער, איבערהעמדער, אונטער וועלכע עס

האָבען זיך טאַקע געפונען אַ פּאָר עקזעמפּלאַרען פון זעלטענער שעהנ־הייט און טהייערקייט אין שטאָף און אין מוסטער. בעזונדערס איז דאָס הויז־מוזעאום פול געווען מיט „מגלות“, און פערשיעדענע „חפצים“, וועלכע דער בוכאַרער האָט צוגערעכענט, אַז זיי קומען אַרויס פון אסתר און מרדכי׳ס צייט. איבערהויפּט האָט ער אַלעס, וואָס האָט זיך געפונען ביי איהם אין מוזעאום, צוגערעכענט, אַז עס איז פון דער מגלה־צייט. ער האָט אַ בעזונדער קולט געהאַט פאַר מרדכי׳ן און אסתר׳ן, און שטאָלצירט דערמיט, וואָס זיי קומען אַרויס מיט איהם פון איין מדינה, פון פּרס און מדי, און יעדעס מאָל דערמאָנט דעם „מלך פּרס ירום הודו“. איך האָב געמיינט אַז ער מיינט אחשורוש׳ן, ערשט איך בין געוואָהר געוואָרען, אַז ער מיינט דעם פּערסישען שאַך.

אויף אַ זילבערנער טאַץ האָט איינער פון זיינע זיהן געטראַנק אַריינגעבראַכט, און דער פאָטער האָט אונז פּלאַץ אָנגעבאָטען אויף דעם פּערסישען דיוואַן, וועלכער איז געווען אין מיטען שטוב אויסגעשפּרייט.

לאַנג צו זיצען האָט מען דאָך קיין צייט ניט געהאַט. עס איז אָנגעקומען די צייט פון „שיר השירים“, דער בעל־הבית האָט אונז אין צווייטען צימער אַריינגעבעטען, וואו מען האָט שוין געטראָפען די בני־בית: די קינדער, מיט די 2 ווייבער אָן דער שפּיץ, זיינען געזעסען אויף דעם דיוואַן אויף דר׳ערד, די מיידלעך האָבען געהאַלטען קליינע בעמבעלעך אין די הענד, אוים פאַרמעט געמאַכט, און פאַר די אינגלעך זיינען סדורים געווען אויסגעשפּרייט. אויבענאָן איז געווען אַן אָרט (סדורים „שיר השירים“ אויפגעמישט) פאַר דעם בעל הבית, און צו זיינע צוויי זייטען פאַר די צוויי געסט. מיר האָבען זיך צו זיין רעכטס און לינקס געזעצט. אַ אינגעל האָט אָנגעהויבען דאָס שעהנסטע אידישע ליעד צו זינגען: „שחורה אני ונאוה בנות ירושלים“.

און די מיידלעך האָבען אָנגעהויבען אין די בעמבעלעך צום טאַקט מיטצוקלאַפּען.

לאַנג, לאַנג האָט געדויערט דאָס שעהנסטע אידישע ליעד.

אויף אַ זילבערנער טאַץ האָט מען אונז ווידער קאַלטעס געטרענק דערלאַנגט, עס האָט אָנגעהויבען צו טונקלען. מיר האָבען זיך די פיס געוואַשען, די הענד געוואַשען און זיינען צום בית המקדש — גיין, צו דעם קבר פון בית המקדש — צום כותל מערבי אַרויפגעגאַנגען מקבל שבת זיין.

די נאכט איז אונז אויפ'ן וועג אנגעפאלען, און ביי דער כותל מערבי האט מען שוין געפונען אידען פון פערשיעדענע לענדער און געגענדען, אידען אין פערשיעדענע פאסאנען, אשכנזים, ספרדים, תימנ'ער, בוכארער, ארום דער וואנד. אין די שפארעס פון וואנד, צווישען די שטיינער האבען גרויסע ליכט געברענט. און דער פלאם איז ניט געווען יענער, וואס מיר האבען געטראפען ביים מעריב דאוונען מיט'ן פראסטען „והוא רחום יכפר עון“, ניין, דער שבת מלכתא חן איז אין דעם שבת־ליכט געווען. עס האט בעגאסען מיט ליכט די גרויע וואנד, און זי האט גאר היינט אנאנדערען חן געקראגען, — שטאלץ איז זי געווארען אין אונזערע אויגען, און האט דערמאנט אן די גבורים, איהרע זיהן, וואס האבען אויף איהר אזעלכע העלדענטהאטען געוויזען. ווער ווייסט, אפשר זיינען די גרויסע, גרויסע שטיינער פון וואנד, די לעבעדיגע עדות, ניט בלויז אויף די טהאטען פון די, וועלכע האבען אויף איהר געגען די רוימער מלחמה געהאלטען, נור אויך אויף די אלע דורות אידען וואס זיינען ווייט, ווייט געווען פערוואָרפען פון איהר, קיינמאל זי ניט געזעהן אין די אויגען, נור גע'חלום'ט וועגען איהר, און געזעהן זי אין טרוים, אין זייערע הייליגסטע מינוטען.

ניין, ליעבער היינע: האסטו געגליבען דעם אידען אין וואכענטאג צום הונד, און אין שבת־טאג צום פרינץ, מוזט דו ווייטער גלייכען, צווישען דעם שבת־טאג אין גלות און דעם שבת־טאג אין ירושלים. כאטש פרייטאג־צו־נאכטס, צו קבלת שבת, דאכט זיך פיהלט זיך יעדער איד, צו יעדער צייט, אין יעדען לאנד, א זעכציגסטעל פון דעם געוועזענעם בית המקדש־איד, דאך אין ירושלים, צו קבלת שבת ביים כותל מערבי, פיהלסטו, ווי די שטריק פון פינסטערען גלות האבען זיך דיר אויפגעלעזט, צובראכען זיינען געווארען אלע גהעטאס, אלע גלותים. אפילו די וואנד, די מערב־וואנד, וואס שטעהט אויך ווי א צייכען פון גלות, איז דיר צובראכען געווארען און אידען זיינען ווייטער אריין, זיינען אויף יענער זייט וואנד, אידען שטעהען פאר'ן בית המקדש, ירושלים איז אונזער, און ארץ ישראל איז אונזער, און דו ביזט דער פרייער איד אין אידישען לאנד. און ווילסטו פיהלען וואס אידען האבען געפיהלט ביי עולה לרגל זיין אין בית המקדש הויף, ביי א שמחת בית השואבה אין בית המקדש הויף — ווען דער כהן גדול איז אין קדשי קדשים אריינגעגאנגען אום יום כפור, מוזטו דריי זאכען האבען:

מוזטו אין ירושלים זיין, מוזטו שטעהן צו קבלת שבת פאר דעם כותל־
מערבי, און דער עיקר — מוזטו א אידישע נשמה האבען.

און וועסטו מיך פרעגען: וואס איז אזוינס? וואס האסטו דאס
אזעלכעס געזעהען? וואס האסטו אזעלכעס געפיהלט? וועל איך דיר
ענטפערען: איך ווייס אליין ניט. געזעהען האב איך, מיט אנדערע
צוגלייך, אידען זיינען געשטאנען, דער שווארצער אטלעס פון די פוילי־
שע אידישע קאפאטעס האט געפינקעלט, די פנים'ער זיינען בלייך־
געוועזן, די ווייסע לייבעבער, אין וועלכע די תימנ'ער אידען זיינען
געוועזן איינגעהילט האבען געגענאיבער דעם ליכט געווארפען א ווייסען
שיין, וואס האט דיך דערמאנט די אידען אין די קיטלען צו „כל נדרי"
אים יום כפור, און הינטער זיי זיינען געשטאנען די ווייבער, און די
דימאנטענע שבת־אויערינגלעך האבען פון זייערע הויבען ארויסגעפינ־
קעלט געגענאיבער דעם שימערנדען ליכט, און דאס בריליאנטען־ליכט
האט געווארפען א שבת מלכתא חן איבער זייערע פנים'ער, און מענער
ווי קינדער, ווייבער ווי מיידלעך האבען אלע מיטגעזונגען דעם „לכה
דודי", און כאטש עס איז געוועזן דער שבת חזון, און דער ניגון פון דעם
„לכה דודי" איז געוועזן דער בעקאנטער איכה ניגון, אבער דאך איז ער
ניט טרויעריג געוועזן. ניין, טיעף פרעהליך איז ער געוועזן, ניט פון די
בעהאלטענע טרויעריגע פרעהליכקייט פון שבת צו שלוש סעודות ביים
רבי'נס טיש, ווען דער רבי זאגט תורה אין דער דונקעלהייט, — ניין,
מלכות'דיגעם האט עס עפעס אין זיך געהאט, מלכות'דיגעם און די
שטילע טרויעריגקייט וואס איז אין מלכות'דיגעם. עס איז ניט געוועזן
די פרעהליכקייט וואס עס קומט פון טרויעריגקייט, — ניין, דער מקור
איז געוועזן די שמחה, די טרויעריגקייט איז געקומען פון דער שמחה.
איבריגענס, איך וועל עס דיר ניט ארויסזאגען מיט ווערטער, — ניין.
זיי אליין, און ביזטו א איד, וועסטו עס פיהלען. עס איז דא עפעס
אזעלכעס, אזעלכעס וואס ליעגט צווישען די קאפאטעס, צווישען דעם
עולם, עס שוועבט ארום איבער די קעפ, עס איז אין דיר, אין אלעס
ארום, וואס דו קענסט עס ניט אנרופען מיט קיין נאמען — נור א יסוד
איז עס, וואס דו ווייסט עס, און איז עס ווער זוכה ווייסט ער עס אויך.
און מיר ביידע פערשטעהען זיך מיט'ן וואונק...

און די ברכה וואס די אידען האבען געמאכט איבער'ן שבת פאר
דעם כותל מערבי האט זיך פערשפרייט איבער גאנץ ירושלים.

ירושלים, וועלכעס האט זיך געהילט אין דעם טונקעלען שלייער פון נאכט, האט געלויכטען אין די שבת אייל־לעמפלעך, וועלכע האבען פון אלע פענסטער ארויסגעשיינט, און איבער די ירושלים־נאכט, דער ירושלים־הימעל, דער שבת־הימעל מיט זיינע גרויסע שטערן. אייגער אין איינעם, זיינען זיי טיעף אריינגעזעצט אין הימעל, און עס דאכט זיך דיר, אז זיי הענגען דיר זעהר נאהנט איבער דיין קאפ, זיי רייבען זיך איינער אן צווייטען, — דא, זיינען די שטערן פיעל גרעסער און שארפער, ווי ביי אונז, דא הענגען זיי איבער ירושלים, און דיר דאכט זיך, אז יעדער שטערן איז א נשמה, און אלע היילינע און גרויסע נשמות האבען זיך אויף שבת צונויפגעקליבען איבער ירושלים, צו הערען דעם קבלת שבת, די שבת־ברכה, וואס איז געזאגט געווארען ביי דער כותל מערבי און געהייליגט צו ווערען דורך דע

פון אלע ווענען, פון אלע שטיגען קומען אידען צוגעהן אין שבת־דיגען אנגעטהאן און איינער זאגט צום צווייטען „שבתא טבא“, פון אלע פענסטער דרינגען ארויס די שבת־אייל־לעמפלעך, הערט זיך דער „שלום עליכם“, און זומער־לעב איז עס, און די זון געהט אונטער הינטער דעם בר הזתים — און טרעפסטו אין א ווינקעל פאר א הויז־טהיר זיצט א אראבער און טהוט זיך זיין מלאכה אין שבת, פיהלסטו טאקע, אז די ביזט עפעס מעהר פון איהם, אז ער האט ניט זוכה געווען צום שבת, טאקע עפעס א שפחה'ס א זוהן...

מיט דעם „אשת חיל“ האבען אונז די ווייבער אין דערהיים בעגריסט. די שטוב איז געווען צוגערוימט, דאס בעט אויפגעבעט, דער טיש אנגעגרייט, און דער שבת איז אין אלע ווינקעלעך געווען. אבער ניט אונזער שבת פון די קליינע פוילישע שטעדטלעך, וואו דער בעל־הבית זיצט אויבנאן, דאס ווייב און די קינדער ארום: די בנים אין נייע קאפאטעס, און די טעכטער מיט אבגעצוואגענע קעפלעך, די פארע פון דער יויך געהט איבער'ן טיש, און דער פאטער מיט די בנים קנאקען א מנוחה ושמחה, אז דיר דוכט זיך, אז דו ביזט אין גן־עדן התחתון פערבלאנדזשעט געווארען; — דא, ביים בוכארער טיש איז דער שבת א פרעמדער, ווי אוים אז אנדער סדור'ל, די ווייבער מיט די קינדער זיצען אויף דער ערד, דער פאטער נור אליין, אויף א העכער בענקעל, און זיי קוקען איהם מיט מורא און כבוד אין פנים אריין, און אויפ'ן טיש ניט מען אויף איין מאכל נאכ'ן צווייטען: עפעס „רויטס“ און

געפעפערטעס, און ווידער עפּעס רויטעס און געפעפערטעס, און די אימה איז גרויס פאַר'ן „מרא בעלי", פאַר'ן „מרא אבי", און די פּיהלסט זיך הינטער די פּאַטריאַרכאַלישע אימה דורכ'ן גאַנצען טיש. קוים דערלעבט אָבצועסען, בענקענדיג נאָך די נאַכט, וואָס איז אין דרויסען, — און שפּעטליך האָט שוין געמוזט זיין, מען האָט שוין געהערט די שאַקאַלען וויינען אויף די קברים הינטער דער שטאָדט — בין איך אין גאַס אַרויס. אויף דער שוועל פון דער טהיר האָב איך געטראָפען אַ אידענע זיצען. אָן דעם טשעפּיק האָב איך זי דערקענט, אַז זי איז אַ פּוילישע אידענע. איך ווענד מיך צו איהר:

— גוט שבת, באָבעשי.

— גוט יאָהר. פון אונזערע מקומות?

— ווי איהר זעהט!

— און וואָס הערט מען? — ווייטער שלעכט! העע!

— אַזוי ווי איהר ווייסט.

— און דו זיצט דיר דאָ, אין דער היים קינדער איבערגעלאָזט.

— וואָס, איז איך שלעכט אין ירושלים?

— שלעכט? ניין. וואָס קען זיין שלעכט? האָסטו אַ בעטריבט האַרץ, געהסטו אויף די הייליגע קברים, צום כותל מערבי, — דער מאַמע רחל'ס קבר איז נאָהענט, מילא זי ווייסט דאָך, — אָבער די קינדער אין דערהיים, דאָס האַרץ געהט אויס.

שווייג, אידענע, שווייג, שבת איז היינט, — און שבת טאָר מען ניט טרויעריג זיין, און נאָך דערצו אין ירושלים.

---

6.

## ביי דער מוטער רחל'ס קבר.

שבת־אויף־דער־נאַכט, ווען די שטערן האָבען אין הימעל געפינקעלט און דאָס אייל־ליכטעל אין פענסטער, האָט מען די אייזלען געזאָטעלט און מיר זיינען פון ירושלים אַרויסגעריטען, אויף דעם וועג קיין בית לחם, אום מיט די ערשטע שטראַהלען פון מאָרגען צו דער מאַמע רחל'ס קבר אָנצוקומען.

צום ערשטען מאָל רייט איך אויף דעם וועג, דאָך זיינען מיר די פעלדער און טהאָלען אַרום ניט פרעמד; ניט פרעמד די איילבערט־

בוימלעך, ניט פרעמד דער הימעל איבער מיין קאָפּ, ניט פרעמד דער וועג, וואָס לויפט פאַר מיר.

דאָס איז דאָך דער וועג קיין בית לחם, אויף וועלכען יעקב, אונזער פאָטער יעקב, האָט אונזער מאַמע רחל בעגראָבען, „בדרך" — אויפ'ן וועג, „בעוד כברת ארץ" — אז עס איז נאָך געווען אַ תחום שבת, „לבוא אפרתה", — מיינט מען בית לחם. און זעהסטו ניט דאָרט דעם וואָלקענשטויב, וואָס געהט אויף פאַר אונז? שווייג, שווייג, דאָס טרייבט נבוזראדן די אידען אַרויס פון ירושלים, איבער'ן וועג קיין בית־לחם, און טרייבט זיי פאַר דער מאַמע רחל'ס קבר פאַרביי; און זעהסטו ניט די אידענע אין די שבת־קליידער, מיט דער גרויסער שבת־הויב אויפ'ן קאָפּ? — דאָס איז דאָך די מאַמע רחל, וואָס איז פון איהר קבר אויפגעשטאַנען, און קוקט נאָך די אַרויסגעטריבענע אידען, און הייבט די הענד אויף צום רבונו של עולם.

און זי איז אַ גרויסע חשובה ביים רבונו של עולם. און קיינער איז ניט אַזוי גערעכט געגען רבונו של עולם, ווי אונזער מוטער רחל. און געדענקסטו ניט דעם גרויסען וכוח, וואָס זי האָט געהאַט מיט'ן רבונו של עולם אין דער נאַכט פון חורבן בית המקדש, ווען גאָט האָט ירמיה'ן געשיקט די אבות אויפוועקען?... זעהסט דאָרט דעם שוואַרצען פלעק, צווישען די איילבערט־בוימער — דאָס איז דאָך ירמיה הנביא, וואָס געהט אויפ'ן וועג קיין בית לחם... און די אבות האָבען גאָר ניט געהאָלפען... אין דעם איז אָנגעקומען רחל, אונזער מוטער רחל, און געשטעלט זיך פאַר גאָט, און האָט געזאָגט: „רבונו של עולם, דו ווייסט, דאָס דיין קנעכט יעקב האָט מיך זעהר ליעב געהאַט און האָט ביי מיין פאָטער פאַר מיר געדיענט זיבען יאָהר, און אַז די זיבען יאָהר זיינען אויסגעגאַנגען און עס איז געקומען די צייט פון דער חתונה, האָב איך געהערט, דאָס מיין פאָטער וויל מיך צו איהם ניט געבען, נור מיין שוועסטער לאה, האָב איך דאָס מיין מאַן יעקב געזאָגט און האָב מיט איהם אַ סימן געמאַכט, כדי מיין פאָטער זאָל ניט קענען פערבייטען, דערנאָך האָב איך חרטה געהאַט און האָב מיך דערבאַרימט איבער מיין שוועסטער לאה, זי זאָל ניט פערשעמט ווערען, און האָב זי אויסגעלערנט די סמנים, וואָס יעקב האָט מיר איבערגעגעבען, כדי יעקב זאָל ניט וויסען, דאָס זי איז לאה. און איך האָב פאַר איהר גערעדט, כדי יעקב זאָל ניט דערקענען איהר קול, און איך האָב זיך אָן איהר ניט מקנא

געוועזן... און היינט זעה, רבונו של עולם, איך בין אַ מענש פון בלוט און פלייש, פון ערד און אַש און האָב ניט מקנא געווען מיין שוועסטער, און דו ביזט אַ דערבאַרעמדיגער גאָט, וואָרום האָסטו זיך מקנא געווען אַן ישראל, וואָס האָט געדיענט עבודה זרה׳ס? וואָס האָט דיר געשאַדט דאָס בילד, וואָס האָט קיין ממשות ניט געהאַט, וואָס דו האָסט דורך דעם פערטריבען מיינע קינדער, און די פיינד האָבען מיט זיי געטהאָן דאָס וואָס זיי האָבען געוואָלט—"

איוב, האַמלעט, פויסט, — וואָס איז אייער געשריי געגען די פּראָסטע ווערטער פון אַ פערוואונדעטע אידישע מוטער?

און די פעלדער דאָרט הילען זיך אין די נעבלען און ווערען מיר פערשוואונדען ביים הימעל־ראַנד, און דער הימעל הענגט איבער מיין קאָפּ — שטערן און שטערן — און דאָס איילבירט־בוימעל שטעהט אליין אין מיטען פעלד און דאַווענט ביחידות.

איהר, אין טהוי פערטוקטע פעלדער, אין די טונקעלע נעכט, דערצעהלט מיר! בוימעל, דו בוימעל, וואָס דו שטעהסט אַליין אין פעלד, איך וויל מיך הינטער דיר זעצען, און זאָלען דיינע רוישענדע בלעטער מיר דערצעהלען פון די צייטען, פון די זאַכען, וואָס האָבען זיך אַמאָל דאָ אויף דעם וועג אָבגעטהאָן... אַמאָל, ווען ארץ ישראל איז אַ לאַנד געווען, ווען אידען זיינען אַ פאָלק געווען.

און דער אַראַבער, דער אייזעל־טרייבער, יאָגט מיין אייזעל־אונטער, און זינגט אַ ליעד דערצו.

שוויג, אַראַבישער קנעכט, שווייג, און לאָז דיין בענקענדער מאָנאָ־טאָנער נגון מיין חלום־געזאַנג ניט שטערען... און זעהסטו ניט דאָרט דעם שוואַרצען פעלס, צווישען די איילבערט־בוימלעך זיך בעהאַלטען — אַ מענש איז דאָס, קוק זיין געזיכט אָן, ווען ער ערהויבט עס געגען די שטערן. זעה, ווי בלייך זיין שטערן קרוינט זיך איבער זיין פּנים, זילבער־ווייס איז זיין באָרד, און לייכט געגען דעם שטערן־ליכט, און זיין גאַנץ מלכות׳דיג פּנים לייכט אין שטערן־ליכט, — און ווייסטו ניט, ווער דאָס איז? זעה, וואָס האָט ער אין זיין רייזע־זעקעל? אַ קריגעל־אייל האָט ער דאָרט בעהאַלטען, אַ גאָלדענע שפּיעז, אַ שופר האָט ער דאָרט בעהאַלטען.

— וואוהין געהסטו, אַלטער, מיט דיין קריגעל אייל, מיט דיין גאָלדענער שפּיעז, מיט דיין שופר?

— איך געה א קעניג קרוינען, א קעניג קרוינען איבער ישראל.

— ווער איז דיין קעניג, אלטער, וואס דו געהסט איבער ישראל קרוינען, אין דער טונקעלער נאכט, בעהאלטען און אליין?

— ניט העכער איז ער מיט זיין הויך פון דעם גאנצען פאלק, — א אינגעל איז עס, א קליין אינגעל פון דעם הויז ישי'ס, שווארץ געקריי־זעלט זיינען זיינע האאר, שווארץ בלישטשען זיינע אויגען, און ער פאשעט די שאף. און דארט אין פעלד שטעהט גבעת־שאול, און א פאלק מיט א קעניג רוהט אויף איהם, אנטלאפען פון א מלחמה, האלב טויט און פון גאט'ס גייסט פערלאזט.

גאט'ס שכינה האט דער נביא אראבגענומען פון בארג, און טראגט עס אין דער פאלע פון זיין קלייד קיין בית לחם, — לאזען עס רוהען אויף א קעפיל פון א אינגעל, וואס האט שווארצע אויגען און שווארצע האאר, און פאשעט שאף.

הע, בית לחם, בלאז אין שופרות, זעץ זיך אין דעם שטאדט־טויער אוים, א נביא קומט אין דיינע טויערן, פון דיינע אינגלעך א קעניג צו זאלבען איבער דעם הויזגעזינד ישראל!

זע, שוויג, שוויג דו אראבישער קנעכט, מיט דיין לאנגוויילינגען מאנאטאנעם נגון, און מיש מיר ניט מיינע געדאנקען אוים, מיר זיינען דאך אויפ'ן וועג קיין בית לחם! יעדעם שטיינדעל וועט דיר עדות זאגען, ווער איך בין, און פון וואנען איך קום ארוים.

א קעניג'ס א קינד ציהט פון זיין געפאנגענשאפט צו זיין מוטער'ס קבר, די פעלדער פון בית לחם וועלען עס דיר עדות זאגען, יעדעם בוימעל, יעדעם קוועלעכיל. זעה, די אינגלעך פון בית לחם זיינען דיה צו קעניגען געווארען, די אינגלעך פון בית לחם זיינען דיר צו געטער געווארען.

נור מיר זיינען שוין ביים קבר רחל; נור א תחום שבת פון בית לחם.

קליין און צנועה'דיג איז דאס שולכעל, וואס מאנטעפיארע האט אויפגעשטעלט אויף אונזער מוטער'ס קבר; מיט א רונדיגען קופעל פון אויבען שטעהט עס אין שפיץ פון א בית הקברות. די אייזערנע טהיר עפענט זיך און מיר קומען אין שולכעל אריין. זעה, יעדעם קינד האט זיינס א פרוכת'ל געבראכט, יעדע עדה, יעדע קהלה, יעדע חברה אין ארץ ישראל און אין גלות־לענדער האבען דער מאמע'ן א פרוכת'ל

געשאַנקען... זיינען די ווענד פון דעם קליינעם שולכעל בעהאנגען מיט אטלעסענע, סאמעטענע פרוכת'ער און פון די ווענד לעזט מען אראב:
„ואני, און איך האָב ניט אזוי געטהאָן—".

און ליכטיג איז אין דער מאמע'ס שולעכיל, יעדע אידענע אין ארץ ישראל, פאר ליכט-בענשען, שענקט א ליכטעל אין איהר שולעכיל אריין. הענגען די אייל-לעמפלעך און ברענען זיך טאָג און נאכט, אין מיטען די פרוכת'ער, און ליכטיג שטראהלט ארוים דער קבר.

הויך און רונדיג איז דער שטיין, וואָס אונזער פאָטער יעקב האָט אויפגעשטעלט אויף רחל'ס קבר, און זעהט אוים ווי אַן אויסגעהאקטע מיטה; און זעה די נשמות, וואָס שוועבען ארום דעם שיין. יעדעם קינד, וואָס איז דאָ געווען, האָט זיין נאָמען אויסגעקריצט אויפ'ן שטיין, האָט זיין קוויטעל אין די שפּארעס און די לעכער אריינגעשטעקט, און בעהאנגען איז דער שטיין מיט די נשמות-נעמען, און שטיל און קיהל איז דאָרט אין שולעכיל געווען, מען האָט געהערט דעם צאנקען פון די אייל-לעמפלעך און דאָס אָטהעמען פון די נשמות.

און יעדע נאכט, פונקט צוועלף א זייגער, שטעהט די מאמע רחל אויף פון איהר קבר, אין איהרע תכריכים, אין איהר שבת'דיגער הויב, און געהט ארוים אויפ'ן וועג פון בית לחם און זעהט די צרות, וואָס נבוזרדן טהוט אָן די אידען, ווי ער טרייבט זיי אין גלות אריין, און זי הייבט אויף די הענד צום הימעל. —

— גוטען אָוונד, מיין קינד, פון וואנען קומסטו אהער?

איך קוק מיך אום, און פאר מיר שטעהט אַ אידענע — אַ מלכה'ס, אַ קעניגינס אַ שטערן שיינט ארוים פון דער טיעפער שפּיצען-הויב, אין די פאלדען פון איהר שווארץ-זיידענעם קלייד ליעגט דאָס געהיימניס פון דער נאכט, און איהרע הענד זיינען אויפגעהויבען מיך צו בענשען.

שרעקט איך ניט, עס איז ניט געווען די מאמע רחל, — עס איז געווען די לאָוויטש'ער רבי'צין, וואָס זיצט דאָרט אין דער מאמע רחל'ס שולעכיל און איז דאָרט די שמש'טע, צינדט די אייל-לעמפלעך אָן יעדען פריהמאָרגען און יעדען פארנאכט, הענגט איהר די פרוכת'לעך אוים יעדען פריהמאָרגען און יעדען פארנאכט.

זי נעהמט אַ סדור און גיט מיר אין האנד אריין:

— נאַ, זאָג תהלים.

איך שטעה און קוק זי אָן. — און אפשר איז עס יאָ די מאמע רחל.

# ביי דער כותל מערבי.

(אוינדריק)

ווען איך בין א איינגעל געווען, אין חדר געלערענט, אין חומש געלייענט וועגען ירושלים, האט זיך מיר אלץ געדאכט אז ירושלים איז א שטאדט וואס רוהט ניט אויף גאט'ס ערד, נור זי איז בעהאלטען מיט גאט אין די הימלען, ווי אונזערע פאטערס אברהם, יצחק און יעקב, און ווען משיח וועט קומען און אלע טויטע וועלען אויפשטעהן, דענסט־מאל וועט ירושלים אינאיינעם מיט אלע הייליגע אבות פון הימעל אראבנידערען. ירושלים איז געווען ווי א הייליגע לעגענדע, וועלכע קומט צו געהן צום אידען אין די שבת'דיגע טעג און די ימים טובים און לעבט ביי איהם אין סדור אין די תפילות.

אז איך בין עלטער געווארען, האב איך די זכיה געהאט מיט מיינע אייגענע אויגען צו זעהען די שבת'דיגע לעגענדע ירושלים. איך האב געהערט, אז פון דעם גאנצען חומש איז אונז נור איבערגעבליבען איין ירושלים, וואס לעבט מיט אונז אין איין צייט, און איך האב ניט פריהער גערוהט ביז איך האב זי ניט געזעהן מיט מיינע אויגען.

אין א פרייטאג פארנאכט בין איך צום ערשטען מאל אנגעקומען מיט דער באהן פון יפו נאך ירושלים. אז איך בין געפאהרען מיט'ן וואגען אין שטאדט אריין און אנגעקומען צום שערי יפו, ביי דעם אריינגאנג פון דער אלטער שטאדט, האב איך געטראפען אידען אין לאנגע אטלעסענע קאפאטעס, אין שיך און זאקען, אין הויכע פוטערנע

שטריימלער, בעהאנגען איבער די אקסלען מיט סאמעטענע שבת־מאנטלען געהען מיט די אינגלעך צו דער כותל מערבי צו קבלת שבת. און די פענסטער פון די קליינע הייזלעך האבען ארויסגעשיינט די שבת־ליכטלעך פון די מעשענע לייכטער, ווי ביי אונז אין די קליינע שטעדטלעך. האב איך זיך פערשעהמט אריינצופאהרען אום שבת אין ירושלים. בין איך אראב פון וואגען און געפרעגט זיך צו דער כותל מערבי. אז איך בין אנגעקומען נאהענט צו דער כותל מערבי, האב איך אנגעטראפען אידען וואס האבען געשטראמט פון אלע געסלעך צו דער כותל מערבי. און פערשידענע אידען זיינען דאס געווען. עס זיינען געגאנגען שפאנישע אידען מיט טערקישע טורבאנען אויף די קעפ, מיט שווארצע פינקעלדיגע אויגען און שווארצע ריזיגע בערד. יעדעס געזיכט איז עהנליך צום רמב"ם, צו א חכם און צו א למדן. עס זיינען געגאנגען די בוכארישע אידען, אנגעטאן אין זייערע פאר־בענרייכע מאנטלען, אין גאלדענע פאסקעס, מיט קאזאצקע פוטערנע היטלען און רויטע אויסגעהעפטע שטיוועל; נעבען זיי זייערע ווייבער מיט האלב־פערהאנגענע געזיכטער. עס זיינען אנגעקומען די תימנ'ער אידען, אין ווייסע קיטלען אנגעטאן אין ארימע טליתים. גאליציאנער אידען, אין פוילישע קליידונג, און ווייבער אין ווייסע זיידענע טיכער און טערקישע שאלען; און פערסישע אידען, אין שווארצע ערנסטע מאנטלען — און אלע האבען געשטראמט צו דעם שמאלען געסעל וואס פיהרט צו דער כותל מערבי.

און ביי דער כותל מערבי זיינען געשטאנען די אידען פון אלע פיער עקען וועלט, וואס דאס בענקשאפט האט זיי ארויסגעיאגט פון זייערע קליינע פוילישע שטעדטלעך און פון זייער זונענדיגער תימנ'שער וויסטע, און פון זייערע רייכפארבענדיגע האנדעלס־שטעדט פון בו־כאריע, און פון די פינסטערע דערפער פון פערסיע און זיינען זיך אלע צונויפגעקומען ביי דער איינציגער איבערגעבליבענער וואנד, וואס שטעהט ווי א מצבה אויף א פאלק. די לאנגע און ברייטע שטיינער, וועלכע ליגען איינער אויפ'ן אנדערען, זיינען בעשריבען מיט נעמען פון די וואס בעדארפען הילף, און צווישען די שפאלטען פון די שטיינער ברענען ליכט, און די אידען פון אלע ווינקעלעך האבען זיך איינגע־קופיעט אין דעם שמאלען ענגען געסעל וואס איז פאר די וואנד, שווא־רצע זיידענע זשופיצעס מישען זיך אויס אינאיינעם מיט גאלדענע בו־

כארשע מלכים'דיגע מאנטלען; שווארצע פוטערנע שטריימלעך מיט רויטע פערסישע טורבאנען; ווייסע תימנ'שע קיטלען מיט שווארצע בכבוד'יגע שפאניש־אידישע קאפאטעס. און אלע ווענדען זיך צו דער וואנד און קוקען צו די שווייגענדיגע גרויסע שטומע שטיינער מיט בענקענדע אויגען. זיי, די שטיינער, זיינען די עדות, די איינציגע רעשטען פון אונזער הויז. עס זיינען די קינדער צוריק געקומען צום הויז און האבען געפונען נור איין־איינציגע איבערגעבליבענע וואנד, און ביי דער וואנד שטעהען מיר אלע ארום, און מיר האלטען זיך אז ביי די הענד און מיר זינגען אלע אינאיינעם א ליעד, א גרויס שבת'דיג ליעד:

— לכה דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה.

וואס ארט עס אונז, וואס די אראבישע פרויען פון די קליינע שמוציגע הייזלעך, וואס שטעהען געגענאיבער דער כותל מערבי, ווארפען מיסט אויף די שבת'דיגע בגדים פון די בכבוד'ע אידען. וואס ארט עס אונז, וואס די קליינע אראבישע אינגלעך פון די שמוציגע אראבישע הייזלעך ווארפען שטיינער אין די בעטענדע אידען — פאר דעם זיינען מיר אין גלות. אבער מיר שטעהען פאר דער וואנד פון אונזער הויז. און כאטש אונזער הויז איז צושטערט, און א וואנד פון אונזער הויז דינט נור צו בעצוימען א פרעמד הויז — דאך איז עס אונזער וואנד, אונזער ירושה, דער איינציגער עדות פון אונזער גדולה, און היינט איז שבת...

און צווישען די אלטע אידען מיט די גרויע בערד שטעהט א יונ־גערמאן, זיין יונג בחור'יש געזיכט זאגט עדות אז ער האט קיינמאל ניט געפיהלט דעם גלות. דאך שטעהט ער אינאיינעם מיט די אלטע אידען, בויגט זיין פנים אין א איד'ס סדור און זינגט מיט דעם „לכה דודי" מיט די אלטע אידען. עס בעווארפען אויך איהם די קליינע אראבישע אינגלעך מיט די שמוץ פון זייערע שטובען, און ווי אן אל־טער איד, וואס איז געוועהנט צום גלות, שטעהט ער און קוקט זיך ניט ארום וואס די גוים שטערען, און ער זינגט זיין שבת־ליעד. מען האט מיר אנגעוויזען אויף דעם יונגענמאן אלס אן אמעריקאנער רב, וועלכער האט פערלאזט א שוהל פון די מיליאנערען און איז אוועק אין א פראסטער ארימער שוהל, צו ארימע אלטע אידען. עס איז געווען

אונזער אלעמענס בעליעבטער דר. מאגנעס, וואס איך האב זיך צום ערשטען מאל מיט איהם בעגעגענט אין ירושלים אין א פרייטאג פאר־נאכט צו קבלת שבת ביי דער כותל מערבי.

---

„...און עס וועט זיין אין די לעצטע טעג און עס וועט בעפעס־טיגט ווערען דער בארג פון גאט'ס הויז אויף די שפיצען פון די בערג, און ער וועט דערהויבענער ווערען איבער אלע הויכען און עס וועלען שטראמען צו איהם אלע פעלקער".

איך וויים ניט אויב עס זיינען שוין אנגעקומען יענע לעצטע טעג וועגען וועלכע דער נביא רעדט. נור דער וואס האט איבערגעלעבט פסח אין ירושלים, דער האט געזעהן, ווי דעם נביא'ס ווערטער זיינען מקוים געווארען.

עס שטראמען צום בארג די פעלקער פון דער וועלט — און דער בארג אליין ווערט בעוואכט פון פרעמדע...

עס ווארמען זיך אין דער ירושלים'ער זון די מאחמעדאנישע דער־ווישען, וועלכע ליגען אין זייערע ווייסע קיטלען איבער די מארמארנע טרעפען פון דעם גרויסען און ברייטען הויף, וועלכעס איז אמאל געווען דער בית־המקדש הויף. און אויף דעם ארט פון דעם בית־המקדש שטעהט דער מחמד'אנישער מעטשעט, און פאר א באקשיש פון פינף סענט ווייזט דיר דער דערוויש די אלע הייליגקייטען, פון וועלכע דו האסט געטרוימט ווען דו ביזט א קינד געווען. פאר א באקשיש פון פינף סענט ענטפלעקט ער פאר דיר דיינע רעליגיעזע רעליקוויען. ער ווייזט דיר דעם שטיין אויף וועלכען אברהם האט געזאלט יצחק'ן מקריב זיין. ער ווייזט דיר דעם ארט וואו דער קדשי־קדשים איז גע־ווען, אין וועלכען דער כהן גדול האט נור איינמאל געמעגט ארייג־טרעטען. עס שטעהען די טערקישע סאלדאטען און היטען דעם איינ־גאנג פון יעזוס בעגרעבנים־קירכע און קוקען זיך צו מיט גלייכגיל־טיגקייט און מיט א שלעפערדיגען גאנווער צו דעם רעליגיעזען עקסטאז פון די ארימע רוסישע פויערים, פון די גריכישע פאפען, פון די פראנ־

צוויזישע נאָנען, פון די איטאַליענישע גלחים — וועלכע וואַרפען זיך מיט די פּנים'ער צו דער ערד און ווערען פער'חלש'ט ביי דער שוועל פון זייער היילינקייט. זיי ווייסען ניט די מחמד'אנישע דערווישען און די טערקישע סאָלדאַטען, אז זיי האָבען געהיט דאס געוויסען פון דער וועלט, דורך הונדערטע יאָהרען זיינען זיי געווען די טויערן היטער פון דאס הייליגסטע וואס די מענשען האָבען פערמאָגט. זיי זיינען געווען די טויערן־היטער פון ירושלים.

א קליין פאָלק פּעריאָגט אין דער פרעמד פון זייערע בעזיעגער, זיינען אמאל געזעסען מיט זייערע האַרפען אין די הענד ביי א ברעג פון א פרעמדען טייך, געקוקט אין וואַסער און געבענקט נאך זייער בעליעבטע היים, און עס האָבען פערלאַנגט זייערע בעצווינגער פון זיי, אז זיי זאָלען זיי זינגען די ליעדער פון זייער היים, האָבען זיי די האַרפען אויף די צווייגען אויפגעהאַנגען פון די ווײַדען בוימער, וואס זיינען געשטאַנען ביים טייך, און האָבען די שבועה געשוואָרען: „אז איך וועל דיך פערגעסען ירושלים, זאָל מיין רעכטע האַנד פערגעסען ווערען."

א פער'כשופ'טע שבועה איז דאס געווען. ניט נור בלויז האט דאס קליינע פאָלק די שבועה געשוואָרען, נור די גאַנצע וועלט האט מיט אונז די שבועה מיטגעשוואָרען. אין יעדען דור, דורך טויזענד יאָהר, קומט די שבועה און פאָדערט דאס איהריגע. דורך טויזענדער יאָהרען האט די שבועה פערכשופ'ט און ארויסגעפאָדערט די העלדען פון זייערע ריטערישע שלעסער, און זיי האָבען זיך בעקליידעט אין זייערען דאָז־קיכאָטישע שילדען און שפּיזען, גענומען אבשיעד פון זייערע פּרינצעסינס און האָבען געוואָנדעלט ווי פעראירטע איבער דער וועלט — געשלאָגען זיך אין וועלדער מיט מכשפים און רוחות, וואס האָבען געפּרואווט זיי שטערען דעם וועג. שטערט און דערפער פער־ברענט אויף זייער וועג, און פער'כשופ'ט פון דער שבועה האָבען זיי געבלאָנדזשעט אויפ'ן וועג נאך ירושלים, איבער דער גאַנצער וועלט, איבער אלע וועגען און שטעגען האָבען זיי זייערע ביינער פערשפּרייט, פיעלע זיינען אונטערגעגאַנגען, פערלוירען געוואָרען אויפ'ן וועג, נור איינציגע זיינען דערגאַנגען. און שטעהסט דו היינט ביי די טויערן פון ירושלים פאר פּסח און דו זעהסט ווי ס'ציהען זיך די פעלקער פון

דער וועלט קיין ירושלים, אויף יום־טוב — דאכט זיך דיר, אז דער צוג האט זיך נאך גיט געענדיגט, אז עס ציהען נאך די ריטערס קיין ירושלים ביז׳ן היינטיגען טאג...

עס איז געקומען די שבועה אין דער שטילער נאכט און האט אנגעקלאפט אן לאדען פון דעם רוסישען פויער, אין ווייטע, ווינטער־דיגען רוסלאנד: ירו—שלים! און עס קען שוין דער פויער ניט רוהען, ער וואנדערט צו־פוס איבער די לאנגע ווייט פון זיין לאנד, ביז ער קומט אן צום ברעג פון שווארצען ים, און שלעפט זיך טעג און נעכט איבער די ימים און קען פריהער גיט רוהען ביז ער קלאפט אן מיט זיין שטעקן אויף די שוועל פון דעם טויער פון ירושלים. און שטעהסטו אין ירושלים פסח־צייט, ביי דעם טויער פון דער אלטער שטאדט, און די זעהסט ווי עס ציהען זיך צעהנדליגע טויזענדער פויערען און פויער־טעס פון אלע עקען פון דער גרויסער רוסלאנד, מיט פעקלעך אויף די פלייצעס, זעהסטו ווי עס ציהען זיך די קאטוילישע פראצעסיאנען פון שפאנישע, פוילישע און רומענישע גוים, באלקאנען־פעלקער, גריכען, מחמר׳אנישע אראבער, וואס קומען זוכען משה רבינו׳ס קבר, אלטע אראבישע שייח׳ען, מעקא׳נישע דערווישען, זעהסטו, ווי די אלטע אי־דישע שבועה האט זיי פערכשופ׳ט, געקומען ביינאכט צו זייערע פענס־טער און האט זיי געוועקט און געפאדערט: ירושלים!...

---

א יום־טוב׳דיגע שטאדט איז ירושלים. עס גלאנצט (?) אויף די זון אין א זילבערנעם ליכט און בעזילבערט די גאנצע שטאדט. די הויי־זער זיינען פון ווייסע שטיינער, די גאסען אויסגעלעגט מיט ווייסע פאלד־שטיינער, איבער די קעפ הענגען ווייסע ליילעכער פון איין הויי־זעל איבער׳ן אנדערען, און איבער די שמאלע ענגע געסלעך וואנדלען די פעלקער פון דער וועלט, אלע טראכטען פון ערד־קוגעל און אלע שפראכען פון מענשליכען מיז הערט זיך איבער די שמאלע געסלעך פון דער אלטער שטאדט. אין די קראמען אויף די פענסטער זיצען אויסגעזעצט די מחמר׳אנישע סוחרים, רויכערן בשמים־געווירץ אז דער אנגענעהמער ריח זאל צוציהען קונים, און ווארפען אויף זייערע פאר־

בען־קאלירטע אריענטאלישע סחורות, בונטע טעפּיכען, קלינגענדע זיל־בערנע גלעקלעך, פאַרבענרייך בעפּוצטע עזלען־זאטלען, באַנטשען מיט פערשיעדענפאַרביגע קאַלירטע קרעלערען, רעליגיעזע בילדער, אנגעצונדענע אראבישע לעמפּלעך — און די סחורות גיבען ארויס פון זיך א זיסען מזרח׳ישען ריח. עס פיהרט אן אראבער זיינע הארעם־ווייבער אויף א קעמעל איבער די געסלעך פון ירושלים, א שלאנקע, עלעגאנטע הארעם־דאַמע, בעגלייט מיט א בעלאדענטען יענאר געהט ארום איבער בשמים־געוועלבלעך איינצוקויפען קרייטעכצער, צונויפשטעלען די זאלב פאר איהר לייב וואס איהר האר און געביעטער האט ליעב. פיהרט א רוסישע נאנע א מחנה רוסישע פּויערען איינקויפען לעדער אויף שטי־װעל, וואס זיי האבען צוריסען אויפ׳ן וועג. שטעהט א גאליציאנער איד און האט צו פערקויפען נייע יום־טוב׳דיגע כלים אויף פסח — אבער אן אנדערע אידענע האט פערנומען א גאנץ ירושלים־געסעל מיט דעם געשמאק פון איהרע פסח׳דיגע אוגערקעס — און די אלע סחורות מישען זיך אויס, און עס מישען זיך אויס די סוחרים און די קונים און אלע טראכטען פון דער וועלט מישען זיך אויס אין איין פאר־בענרייכען ים, און די שפּראכען פון דער וועלט קלינגען אין איין קלאנג, און ירושלים ווערט א וועלט־יארמארק פון אז אלטע, אלטע לעגענדע־שטאָדט, וואס עס דאכט זיך אז מיר האבען זי אמאל, אמאל געזעהן אין חלום — ווען מיר זיינען קליינע קינדער געווען...

---

פארנאכט בין איך געשטאנען אויפ׳ן שפּיץ פון הר־הזתים. די לופט אין ארץ־ישראל איז דורכזיכטיג און קלאר, און פון הר־הזתים זעהט מען דאס גאנצע לאנד ארום ירושלים, די בערג פון יהודה און די וויסטע פון יהודה ביז צום ירדן ביז צו יריחו — עס זעהט זיך דאס לאנד מיט אלע זיינע בערגלעך און פרומע איילבירטען־בוימער, וועלכע קייקלען זיך אראב פון די בערג. דאס לאנד איז וויסט און לעער, נור פון דער וויטען ציהט זיך דער ווייסער וועג קיין בית־לחם און דארט אביסעל ווייטער, אויף דעם וועג, זעהט מען דאס פרומע שוהלכעל אויף דער מאמע רחל׳ס קבר, וואס ליעגט אויפ׳ן וועג קיין

בית־לחם. די לאנדשאפט ווערט שטיל און ערנסט. די זון געהט אונ־
טער לאנגזאם און טרויעריג, ווי עס וואלט זיך איהר שווער געווען
צו שיידען מיט ירושלים. און ירושלים ווערט בעלויכטען אין אן אויס־
טעריש העל־ליכט. ירושלים נעהמט אן דאס ליכט ווי ביי אונז די
שטעדטלעך ערב יום־כפור אין אבענד בעפאר כל נדרי. ירושלים
ווערט עדעל־טרויעריג און די וועלט ארום שטים. די שאטענס בע־
האלטען זיך ארום די איילבירטען־ביימער וואס שטעהען אויפ'ן הר־
הזתים, און מיר ווערט אזוי מאראליש־טרויעריג, אז איך האב דאס
געפיהל, אז צווישען די געדיכטע איילבירטען־ביימער בעהאלט זיך
ווער... איך הער פון ערגעץ־וואו א געזאנג, א שטיל טרויעריג געזאנג,
און עס דאכט זיך מיר, אז פון פוס פון בארג, וואו עס ליגען אויסגע־
שפרייט די מצבות פון די טויזענדער, טויזענדער אלטע אידען געהט
אויף דאס געזאנג. פון אלע עקען פון דער וועלט, דורך צעהנדליגע
דורות, האבען זיך די אלטע אידען געשלעפט, פון די קליינע שטעדט־
לעך אין פוילען און רוסלאנד, פון מיטעלאלטערליכען שפאניען, פון
דייטשלאנד און פראנקרייך, וואו עס איז נור געווען אן אלטער רב,
א פרומער איד, וועלכער האט געבענקט ירושלים צו זעהן בעפאר ער
שליסט צו זיינע אויגען אויף שטענדיג, האבען די שטעדטלעך געלד
צונויפגעלעגט זיך און אראפגעשיקט זיי קיין ירושלים שטארבען. און
אט ליגען זיי אויסגעשפרייט איבער דער בארג פון די איילבירטען ביימער
געגענאיבער דער וואנד פון בית־המקדש — כדי, אז ווען משיח וועט קו־
מען, זאלען זיי זיך ניט דארפען קוילערן אונטער דער ערד קיין ירושלים,
צום הר־הזתים, נור פון דאנען וועט משיח זיי אויפוועקען צו תחית
המתים. דא, ביי דעם שפיץ פון בארג, וועלען זיך אלע טויטע, פון אלע
בית־הקברות'ער צונויפזאמלען, און פון דאנען, געגענאיבער דעם בית־
המקדש וועט משיח זיי אויפוועקען פון זייער לאנגען שלאף. און מיר
האט זיך געדאכט, אז איך זעה זייערע געזיכטער, ווי די לעצטע
האפנונג פון משיח'ן איז אין זייער טויט־גרימאסע איינגעקנעטען,
און זייערע טויטע בלייכע אויערען ליגען וואך אין דער ערד, דארשטיג
צו פערנעמען דעם שופר של משיח. און ניט זיי אליין — נור די
גאנצע וועלט, סיי גוים סיי אידען, דורך טויזענדער און טויזענדער
דורות, זיינען אין דער ערד געגאנגען שלאפען מיט די לעצטע האפנונג,
אז עס זאל ווער קומען און זיי פון זייער שלאף אויפוועקען. די האפ־

בונג ליגט אויף זייערע טויטע מאַסקעס אויסגעשפּרייט, און זייערע אויערען אויסגעשטרעקט און האָרכען זיך איין — און אַט דאַכט זיך פון דער וויטען הערט זיך א קול —

הער איהר ניט דעם שופר של משיח בלאָזען? הערט זיך איין! הערט זיך איין!



# אינהאַלט:


| | זייט |
|---|---|
| ארץ ישראל | 5 |
| משה | 79 |
| חורבן ירושלים | 99 |
| נבואים | 135 |
| די שטאָדט שכם | 172 |
| דאָס ליכט פון דמשק | 181 |
| פסח אין ירושלים | 190 |
| דער אכזר | 196 |
| אַ צווייטע דבורה | 203 |
| אבשלום און רות | 223 |
| אַ טאַלאַנט צו ארץ ישראל | 245 |
| פּאַלעסטינא רייזע | 257 |